STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09262

# MESHIKHIM

David Pinski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פּינסקי

# משיח

דראַמען

אַרויסגעגעבן דורך
דוד פּינסקי ביכער אינקאָרפּאָרירט

**Printed in Poland**
**by Farlag Ch. Brzoza, Warsaw**

**D. PIŃSKI: Meshihim**
**WYDAWNICTWO CH. BRZOZA, WARSZAWA**

Druk. „Grafia", Wa .-wa, Nowolipki 7.

# דער אייביקער ייד

טראַגעדיע אין איין אַקט.

(אויגוסט, 1906)

„דער אייביקער ייִדיי איז באַגרינדעט
אויף אַ מדרש (איכה רבתי, א. נז.), און
מיט דאַנק דערמאָן איך דאָ מיין פאַר־
שטאָרבענעם ליבן פריינד דוב אַבערסאָן,
וועלכער האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט
אויף דעם מדרש.

# דער מדרש

(איכה רבתי פ״ז)

ר׳ יודן בש״ר איבו אמר מנחם שמו שנאמר כי רחק ממני מנחם... והדא מסייע להדא דר׳ יודן בש״ר איבו. עובדא הוה בחד בר נש דהוה קא רדי געת חדא תורתי עבר עלוי חד ערבי א״ל מה את א״ל יהודאי אנא א״ל שרי תורך ושרי פדנך א״ל למה א״ל דבית מקדשון דיהודאי חרב א״ל מנא ידעת א״ל ידיעת מן געייתא דתורך. עד דהוה עסיק עמיה געת זימנא אחריתי. א״ל אסר תורך אסר פדנך דאתיילד פריקהון דיהודאי. א״ל ומה שמיה. א״ל מנחם שמיה. ואבוי מה שמיה. א״ל חזקיה. א״ל והיכן שריין. א״ל בבירת ערבא בדבית לחם יהודה. זבין ההוא גברא תורוי זבין פדניה והוה מזבין לבידין דינוקין עלל לקרתא ונפק לקרתא עלל למדינה ונפק למדינה, עד דמטא לתמן. אתיין כל כפרייא למיזבן מיניה וההיא איתתא אימיה דההוא ינוקא לא זבנית מיניה. א״ל למה לית את זבנת לבידין דינוקין. אמרה ליה דחשיי קשייד לינוקי. א״ל למה אמרה ליה דעל ריגלו חרב בית מקדשא. א״ל רחיצין אנן במריה עלמא דעל ריגלוי חרב ועל ריגלוי מיתבני. א״ל את הוי נסיבא ליך מן אילין לבידין דינוקין ולבתר יומין אנא אתי לביתך ונסב פריעיך. נסבה ואזלה. לבתר יומין אמר האי גברא איזיל ואיחמי ההוא ינוקא מאי קא עביד. אתא לגבה א״ל ההוא ינוקא מאי קא עביד. אמרה ליה לא אמריתי לך דחשייה קשיי אפילו על רגליה נחשיה. דמין ההיא שעתא אתיין רוחין ועלעולין טענוניה ואזלין להון. א״ל ולא כך אמרית לך דעל ריגלוי חרב ועל ריגלוי מתבני.

## די איבערזעצונג:

רב יודן דער זון פון רב איבו האט געזאָגט: מנחם איז זיין נאָמען, ווי עס שטייט אין פסוק: וואָרום עס איז ווייט פון מיר מנחם. — — און דאָס איז אַ ראיה צו רב יודן דעם זון פון רב איבו: עס איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מאַן, וועלכער האָט געאַקערט. האָט זיך צושריען איינער פון זיינע אָקסן. איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַראַבער און אים געזאָגט: ווער ביסטו? האָט ער אים געזאָגט: אַ ייד בין איך. האָט ער אים געזאָגט: בינד אָפּ דיינע אָקסן און בינד אָפּ דיין געשפּאַן. האָט ער אים געזאָגט: פאַרוואָס? האָט ער אים געזאָגט: ווייל דער בית המקדש פון די יידן איז חרוב געוואָרן. האָט ער אים געזאָגט: פון וואַנען ווייסטו? האָט ער אים געזאָגט: איך ווייס עס פון דעם געשריי פון דיין אָקס. ווי ער עוסקט זיך מיט אים, האָט זיך דער אָקס נאָכאַמאָל דיין געשפּאַן, ווייל עס איז געבאָרן געוואָרן דער אויסלייזער פון די יידן. האָט ער אים געזאָגט: און וואָס איז זיין נאָמען? האָט ער אים געזאָגט: מנחם איז זיין נאָמען. און ווי איז דער נאָמען צושריען. האָט ער אים געזאָגט: שפּאַן איין דיין אָקס, שפּאַן איין פון זיין פאָטער? האָט ער אים געזאָגט: חזקיה. האָט ער אים געזאָגט: און וואו וואוינט ער? האָט ער אים געזאָגט: אין דעם אַראַבער־פערטל פון בית לחם יהודה. האָט דער מאַן פאַרקויפט זיינע אָקסן און זיין געשפּאַן און אָנגעקויפט לייוונט פאַר קינדער, און איז געגאַנגען שטאָט־איין שטאָט־אויס, מדינה־איין מדינה־אויס, ביז ער איז אָנגעקומען אַהין. זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע דאָרף־טעכטער צו קויפן פון אים, און יענע פרוי, די מוטער פון דעם קינד, האָט פון אים נישט געקויפט. האָט ער צו איר געזאָגט: פאַר־וואָס קויפסטו נישט קינדער־לייוונט? האָט זי אים געזאָגט: ווייל דורך זיין געבורט איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש. האָט ער איר געזאָגט: מיר זיינען בטוח אין דעם האר פון דער וועלט, אַז דורך אים איז ער חרוב געוואָרן און דורך אים וועט ער אויפגעבויט ווערן. האָט ער איר געזאָגט: דו נעם דיר פון דער קינדער־

לײוונט און אין טעג ארום װעל איך צו דיר קומען און נעמען געצאָלט. האָט זי גענומען און איז אװעקגעגאַנגען. אין טעג ארום האָט דער מאַן געזאָגט: איך װעל גײן און געװאָר װערן, װאָס דאָס קינד מאַכט. איז ער אַװעק צו איר און איר געזאָגט: װאָס מאַכט דאָס קינד? זאָגט זי אים: האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז זײַן מזל איז אַ שװערער און פאַרפאָלגט אים, װאָרום פון דעמאָלט אָן זײנען אָנגעקומען װינטן און שטורמס און האָבן אים אַװעק־גענומען. האָט ער איר געזאָגט: האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז דורך אים איז ער חרוב געװאָרן און דורך אים װעט ער אויפ־געבויט װערן?

# פערזאָנען

דער פרעמדער.
די יונגע פרוי.
איר דינסט.

| | | |
|---|---|---|
| גוריון, | | |
| טרפון, | } | דריי זקנים. |
| גמליאל, | | |

ברכיה.
ערשטער שומר.
צווייטער שומר.
דריטער שומר.
ערשטע פרוי.
צווייטע פרוי.
דריטע פרוי.
פערטע פרוי.
אן אלטער מאן.

פארשיידענע קלאסן פון דער באפעלקערונג:
מענער, פרויען און קינדער.

דאס שטיק שפילט זיך אפ אין דער שטאט בירת ערבא אין דער צייט פון דעם חורבן בית שני.

דער מאַרק־פּלאַץ אין בירת ערבא. רעכטס און לינקס און אין הינטערגרונט קראָמען — הילצערנע געצעלטן, אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע און אויסגעלייגט מיט פאַרשיידענע סחורות, ווי קליידער־ווארג, געשיר, וואָלנס. אין מיטן פּלאַץ שטייען דריי צעדער־בוימער. פון הינטער די געצעלטן־קראָמען זעט מען אַ רייע הילצערנע הייזער מיט בוימער פאַר זיי.

רעכטס פון מאַרק אַ געדויש פון אַ גרויסן עולם. די קרעמער — אַלע עלטערע מענטשן — שטייען אין איין גרופּע ביי דער רעכטער רייע קראָמען און קוקן דערשראָקן אין דער זייט פון דעם רעש. פון די הייזער אין הינטערגרונט און פון לינקס הויבן אָן אַרויסצושיטן מענער, פרויען און קינדער, דערשראָקענע, צעוודערטע. דער געדויש ווערט נענטער, מען הערט דייטלעך: „ווי אונז! ווי אונז! אַ שלעכטע בשורה איז געבראַכט געוואָרן! ווי אונז! ווי אונז!״ — גוריון, טרפון און גמליאל, דריי שניי־ווייסע זקנים, קומען אַרויף אויפן פּלאַץ, און הינטער זיי אַ גרויסער עולם, וועלכער שפּאַרט זיך דורך פון צווישן די געצעלטן. די מענער אין דעם עולם זיינען אַלע אין די מיטעלע יאָרן און עלטער; די עטלעכע יונגע, וועלכע געפינען זיך דאָ, זיינען קאַליקעס.

גוריון (מיט אַ וויינענדיקן קול). שטעלט אָן אייערע אויערן, יידישע קינדער, און גרייט אייך צו צו הערן. ציון גוססט און ירושלים האַלט אין פאַלן.

אַן אויסברוך פון געוויין אין עולם.

אוי וויי! אוי וויי!

גוריון. אַן אורח האָבן מיר איצט געהאַט, אַ דורכגייער פון ירושלים, און שרעקלעך איז דאָס, וואָס ער האָט דערציילט. אייערע הערצער וועלן צוגאַנגען ווערן ווי וואַקס, און אייערע אויגן וועלן אַרויסשווימען פון זייערע לעבער דורך פיל טרערן.

דער געוויין (ווערט שטאַרקער). ווי אונז! ווי אונז!

גוריון. טריט ביי טריט האָבן די באַלאַגערטע געמוזט אָפּטרעטען פאַר די רוימער. ווי די לייבן האָבן זיי זיך געשלאָגן און ווי די ווילדע אָקסן. הונגעריקע, מידע, נישט אויסגעשלאָפענע, האָבן זיי דאָך לאַנג אויסגעהאַלטן, און יעדער טריט פאָרויס האָט אָפּגעקאָסט די רוימער אַ סך בלוט. אָבער, ווי! — די רוימער האָבן דאָך געזיגט, און איצט איז געבליבן ביי אונזערע שטרייטער נאָר איין פעסטונג — דער בית המקדש. זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דעם בית המקדש, און די רוימער באַלאַגערן זיי. אוי און ווי, די רוימער באַלאַגערן דעם בית המקדש! די רוימער זיינען שוין אונטער די ווענט פון דעם בית המקדש! (צוואוויינט זיך, דער געוויין אין עולם ווערט שטאַרקער.)

יאָמער־געשרייען. ווי צו אונז! ווי צו אונז!

גמליאל (וויינעריש). און דער הונגער האָט זיך נאָך געשטאַרקט אין שטאָט. מען שטאַרבט אין די גאַסן, מען פאַלט ווי די פליגן. מען גייט אַרום ווי די שאָטנס און מען קוקט אויס די אויגן נאָך אַ זאַך, וועלכע מען זאָל קאָנען געניסן. מרים, די טאָכטער פון ביתוס, די פרוי פון דעם כהן גדול יהושע...

טרפון. איינע פון די רייכסטע פרויען אין ירושלים. אויף טעפּיכער פלעגט זי גיין פון איר הויז ביז צום בית המקדש, אויף טייערע טעפּיכער פון פרס. איך האָב זיי אַליין געהאַלטן אין מיינע הענט, טעפּיכער, וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט אַ שלל...

גמליאל. און צוויי הונדערט מאָס וויין פלעגט זי פאַרברויכן אַ טאָג, צוויי הונדערט מאָס וויין — קאָנט איר שוין פאַרשטיין איר עסן! — אָט אַ די מרים גייט איצט אַרום איבער די גאַסן פון ירושלים און לייגט אין איר מויל די עקלסטע זאַכן, וועלכע זי געפינט, און זעטיקט איר הונגער מיט אַליץ, וואָס זי קאָן נאָר אַראָפּשלינגען. מרים, די טאָכטער פון נקדימון...

טרפון. איז נאָך אפשר רייכער געווען פאַר מרים, דער טאָכטער פון ביתוס. פינף הונדערט גאָלדענע דינר פלעגט זי אויסגעבן אַ טאָג אויף בשמים!

גמליאל. זי גייט אַרום איבער די גאַסן פון ירושלים און

קלייבט צוזאמען דעם האבער, וועלכער פאלט אראפ ביי די פערד. (ווייענדיקער.) אוי, די תוכחה האט זיך אויסגעגאסן אויף אונז! מוטערס קוילענען זייערע קליינע קינדערלעך אום אנצוזעטיקן זיך מיט זייער פלייש... (דער געוויין פון עולם שלאגט אויף אין נייע כוואליעס.)

טרפון (ברעכט פלוצלונג אויס מיט א יאמער). ווי צו אונ־זערע קעפ! דער בית המקדש איז אוודאי שוין חרוב געווארן און ירושלים איז געפאלן!

שטימען. ווי צו אונזערע קעפ! ווי צו אונזערע קעפ! דער בית המקדש איז אוודאי שוין חרוב געווארן!

גמליאל (מיט געוויין). אוי צו אונז, ווי צו אונז!

אפרוי (הויבט אן צו רייסן אויף זיך די האר מיט א ביטע־רען געשריי). ווי! ווי! ווי!

גוריון (קעמפנדיק מיט זיין שוואכקייט). שווייגט, איר שוטים! (צו טרפון.) ווי האסטו געקאנט אזוינס ארויסרעדן? אלט ביסטו און גרוי, און ווייסט נאך אלץ נישט, וועלכע וואונדער גאט קאן באווייזן. איז עס נישט א וואונדער, אז הונגעריקע זיינען אונ־זערע טאג־טעגלעך מנצח איבער די רוימער און טרייבן פון זיך אוועק זייערע זאטע לעגיאנען? איז עס נישט א וואונדער, וואס א סך פון די רוימער, געריירט דורך דער יידישער גבורה און דעם יידישן מוט, פארלאזן זייערע פאנען און זייערע געטער און גייען אריבער צו אונזער גאט און צו אונזער פאלק? (באוועגונג.)

שטימען. טוען זיי עס? טוען זיי עס?

גוריון. טאג אין טאג טוען זיי עס! (באוועגונג.)

שטימען. גאט, ווי גרויס דו ביזט!

גוריון. וועט ער, אונזער גרויסער גאט, לאזן חרוב מאכן זיין הויז? ווי האסט דו דאס געקאנט ארויסרעדן, טרפון?

טרפון. גוריון, האט ער דען נישט געלאזן חרוב מאכן זיין ערשטן בית המקדש? איך האב מורא! איך האב מורא!

שטימען. ווי אונז! ווי אונז!

גוריון. זאל דיין צונג אפדארן, טרפון! דו לעסטערסט גאט, און מיט דיינע ווערטער גיסטו נאר מוט דעם שטן. און

איך זאָג אייך, דער בית המקדש איז נישט חרוב געוואָרן. מיינט איר, אַז גאָטס הויז וואָלט פאַרניכטעט געוואָרן, און מיר און די גאַנצע וועלט וואָלטן עס נישט גלייך דערפילט? וואָלט די זון נישט שווארץ געוואָרן, און דער הימל וואָלט זיך נישט פאַר־צויגן מיט טרויער און געגאָסן מיט ביטערע טרערן? וואָלטן אונזערע הערצער נישט געוויינט אין אונז, און מיר וואָלטן אפילו נישט געוואוסט, פון וואַנען די טרערן קומען? און נישט בלויז מיר, נאָר אפילו חיות אין וואַלד און בהמות אין פעלד וואָלטן עס דערשפירט. זינדיקט נישט מיט אייערע רייד, און אייערע טרערן נוצט אויס נישט אויף צו באַוויינען, נאָר אויף צו בעטן און תפילה צו טאָן. אין זעק לאָמיר אונז אָנטאָן, מיט אַש באַדעקן אונזע־רע קעפּ און פייניקן אונזערע לייבער אין תענית. אַז גאָט זאָל רחמנות האָבן, זאָלן מיר בעטן, און אָפּטאָן זיין שווערע האַנט פון זיין פאָלק און ראַטעווען זיין הייליקטום. קומט אַלע און לאָמיר פאַר־ברענגען דעם טאָג אין געוויין און געבעט. (באַוועגונג, נייער אויס־ברוך פון געוויין.)

שטימען. ברענגט זעק! ברענגט אַש!

אַ מענער־שטימע (לינקס הינטער די קראָמען). וויקע־לעך פאַרקויף איך, ווינדעלעך פאַר ערשט געבאָרענע קינדער! ווי־קעלעך פאַרקויף איך, ווינדעלעך פאַר ערשט געבאָרענע קינדער! (אַלע אויגן ווענדן זיך אין דער זייט פון דער שטימע.)

גוריון. ווער קאָן דאָס אַזוי רואיק אויסרופן זיינע סחורות, און אונזער פאָלק פאַרגייט אין געוויין?

דער פרעמדער (מיט אַ פעדלער־קאַסטן אויף זיך קומט אַרויס פון צווישןביידע פאָדערשטע קראָמען לינקס). דאָס רוף איך מיין מזל. פאַרקליבן דאָ זע איך אויף איין מאָל גאַנץ בירת ערבא, און איך וועל לייכטער געפינען, וועמען איך זוך. זאָגט, וואוינט ביי אייך נישט איינער מיטן נאָמען חזקיה, ביי וועמען עס איז געבאָ־רען געוואָרן אַ זון אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן מנחם? (באַוועגונג.)

שרעק־געמורמל. אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן?

גוריון, טרפון און גמליאל (מיט שרעק). אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן?

גוריון. איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן?

דער פרעמדער (פאַרוואונדערט). איר ווייסט עס נישט? איז דען דער... (מיט באַשטימטקייט.) יאָ, חרוב געוואָרן איז אונזער בית המקדש, אַפּגעטאָן געוואָרן די קרוין פון אונזער קאָפּ.

קלאָג־שטימען. חרוב געוואָרן איז אונזער בית המקדש, אַפּגעטאָן די קרוין פון אונזער קאָפּ!

טרפון (מיט אַ ציטערדיקער שטימע). גוריון, זעסט דו...

גוריון (צום פרעמדן מיט אַ פאַרשטיקטן קול פון טרערן). קומסט דו פון ירושלים אָדער פון איר אַרום?

דער פרעמדער. איך קום נישט פון ירושלים און נישט פון איר אַרום. בירת ערבא ליגט אין מיטן וועג צווישן ירושלים און מיין היים.

גוריון (הויבט אויף אים אויף אַ פאַרוואונדערטן בליק). און דאָך ווייסט דו, וואָס מיר ווייסן נאָך נישט? האָסטו אָנגעטראָפן אויף דיין וועג מענטשן פון ירושלים אָדער פון איר אַרום?

דער פרעמדער. איך האָב קיינעם נישט אָנגעטראָפן אויף מיין וועג. די וועגן זיינען איצט וויסט און פאַראָבלט, אָן אַ דורכגייער. נאָר מחנות פריילעכע רוימער ציען אַפּט דורך, און זיי זיינען געפערלעך, ווייל זיי טויטן אָדער נעמען געפאַנגען יעדן יידן, וועלכן זיי טרעפן אָן. דורך וואַלד און נאַכט האָב איך זיך גענגבעט אַהער, און צען טעג האָט מיר גענומען דער וועג, וועלכן איך וואָלט געקאָנט דורכמאַכן אין צוויי.

גוריון. דו קומסט נישט פון ירושלים און האָסט קיינעם נישט באַגעגנט, און דאָך זאָגסטו...

דער פרעמדער. און דאָך זאָג איך, אַז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, און אין יענעם טאָג איז געבאָרן געוואָרן מנחם, וועלכער וועט אונז טרייסטן אין אונזער אומגליק און אויס־

ליזן אונז פון אונזערע פיינט, און ער געפינט זיך ביי איך אין בירת ערבא. (באַוועגונג.)

געמורמל. אַ נביא? — אַ פאַלשער נביא אפשר! — אַ פאַלשער נביא!

גוריון (שטרענג). ווער ביסטו, וואָס דו ווייסט זאַכן, וועלכע דו האָסט נישט געזען און נישט געהערט? האָט גאָט דיר אַ צייכן געשיקט? האָט ער דיר דאָס דורך אַ חלום אַנטפּלעקט?

דער פרעמדער. דיין מויל האָט עס געזאָגט: גאָט האָט עס מיר דורך אַ צייכן אַנטדעקט.

געמורמל. אַ נביא! — אַ פאַלשער נביא!

גוריון. רעד און לאָמיר וויסן, צי דאַרפן מיר דיר גלויבן. ווער ביסטו, זאָג אונז, און ווי האָט זיך גאָט צו דיר אַנטפּלעקט?

דער פרעמדער. איך זאָג עס דיר גלייך, אָבער צוערשט וועל איך מיך אָוועקזעצן און פייכט מאַכן מיין פאַרטריקנטן האַלז. (נעמט אַראָפּ פון זיך דעם קאַסטן, זעצט זיך אויף דער ערד, טוט אַ טרונק וואַסער פון זיין לאָגל און נעמט אַריין אין מויל אַ שטיק באַקסער.) אַן ערד־אַרבעטער בין איך געוועזן אין אַ דאָרף ווייט אין גליל, און טייערער איבער אַלץ איז מיר געוועזן מיין שטיקל ערד. ווען די מלחמה מיט די רוימער האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך דער איינציקער פון אַלע לענדן־שטאַרקע מענער אין מיין דאָרף געבליבן אין פעלד ביי מיינע אָקסן און נישט געגאַנגען העלפן אונזער פאָלק און אונזער לאַנד.

אַ קריפּל (אין דער פאָרנסטער רייע). ער דערציילט'ס און ווערט נישט רויט.

דער פרעמדער. איר הערט נאָר ווייטער. נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען מיין בלייבן. איך האָב אַ שטאַרקע מלחמה אויסגעהאַלטן אין מיין בוזים. פון איין זייט האָט מיך גערופן מיין פאָלק, פון דער אַנדער זייט מיין ערד, ביז די ערד האָט מיך אַראָפּגעצויגן צו זיך. פאַר מיין פאָלק בין איך נאָר אַן איינציקער, האָב איך מיר געזאָגט, אָבער פאַר מיין ערד בין איך אַלץ, און בין געבליבן אויף מיין ערד. אַרום און אַרום איז אונזער לאַנד פאַרוויסט געוואָרן, שטאָט נאָך שטאָט און געגנט נאָך געגנט

איז איינגענומען געוואָרן פון די רוימער, ביז ענדלעך האָבן זיי באַלאַגערט ירושלים. און אַלץ נויטיקער האָט אונזער פאָלק גע־ברויכט זיינע שטאַרקע קינדער. און איך האָב עס געוואוסט, און האָב מיך נישט גערירט פון אָרט. איך האָב מיך געשעמט צו קוקן רעכטס און לינקס, און בין דאָך געגאַנגען הינטער מיינע אָקסן. ווי צוגעוואַקסן וואָלט איך געווען צו מיין ערד און נישט געקאָנט מיך אָפּרייסן פון איר.

גוריון (האַרט). רעד קורץ. גאָטס צייכן ווילן מיר וויסן.

דער פרעמדער (שטעלט זיך אויף). דאָס דערצייל איך גלייך. מיט צען טעג צוריק בין איך געשטאַנען אין פעלד ביי מיי־נע אָקסן. פּלוצלונג זיינען זיי אַזוי אומרואיק געוואָרן און האָבן זיך צושריען מיט אימהדיקע קולות, ווי זיי וואָלטן פאַר עפּעס זיך דערשראָקן. איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אונ־טער די אָקסן און איבער די אָקסן און נישט געזען גאָרנישט, וואָס האָט זיי געקאָנט דערשרעקן. און ווייל זיי האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו שרייען, האָב איך אויפגעהויבן אויף זיי מיין שטאָק און געשלאָגן זיי און צו זיי גערעדט: „וואָס האָט איר אייך אַזוי צושריען, איר נאַרישע אָקסן!" און זע מיטאַמאָל — פאַר מיר שטייט אַן אַלטער־אַלטער מאַן, שניי־וויים דער קאָפּ און שניי־ווייס די באָרד, און אָנגעטאָן איז ער ווי אַן אַראַבער, און ער זאָגט צו מיר: „שלאָג דיינע אָקסן נישט. שפּאַן זיי ליבער אויס און לייג אַוועק דיין אַרבעט, וואָרום בזו הרגע איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש." איך האָב אויפגעשריען פאַר שרעק און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ און מיט ציטערדיקע הענט האָב איך גע־טאָן, ווי ער האָט מיר געזאָגט. אָבער די אָקסן האָבן זיך ווידער צושריען. גאַנץ אַנדערש זיינען געווען זייערע קולות דאָס מאָל: עס איז געווען, ווי ווען אַ שמחה האָט זיי אָנגעפּילט. און דער אַלטער מאַן האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן: „שפּאַן איין דיינע אָקסן און קאָנסט ווידער גיין צו דיין אַרבעט, וואָרום בזו הרגע איז משיח געבאָרן געוואָרן, וועלכער וועט אויסלייזן די יידן פון זיי־ערע פיינט און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש." (ווערט אויפ־גערעגט.) און עפּעס האָט זיך אין מיר אַ באַוועג געטאָן און איך האָב

געפרעגט דעם אַלטן מאַן, ווי הייסט דאָס ניי־געבאָרענע קינד, און ער האָט מיר געזאָגט: „מנחם איז זיין נאָמען.‟ און ווי הייסט זיין טאַטע? זאָגט ער מיר: „חזקיה.‟ וואו וואוינט ער? און ער האָט מיר געענטפערט: „אין בירת ערבא וועסטו מנחמס מוטער געפינען.‟ (באַוועגונג.)

גע מו ר מ ל. האָסטו געהערט? האָסטו געהערט? — חזקיה — מנחם —

דער פרעמדער. און ווי ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, איז ער גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן פון מיינע אויגן, און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס האָט אים גאָט געשיקט צו מיר. (ווערט נאָך אויפגערעגטער.) צוערשט איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שרעק און מיט ציטערניש אין יעדן אבר האָב איך מיך אַרומגעקוקט אַרום מיר, און מיר איז געוועזן, ווי עמעצער וואָלט געוועזן לעבן מיר און וואָלט מיר ענג געמאַכט דעם פּלאַץ. איך האָב מיך געוואָלט נע־מען צו מיין אַרבעט און נישט געקאָנט. און פּלוצלונג זיינען מיינע אויגן געוואָרן צו צוויי קוואַלן, און טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו גיסן אין צוויי שטראָמען. און איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און געוויינט ווי און ביטער. און אַז די טרערן האָבן זיך ביי מיר אויסגענומען, האָט אַ געדאַנק אָנגעפילט מיין קאָפּ און מיין האַרץ. פאַרוואָס האָט גאָט מיך אויסגעקליבן צו אַנטפּלעקן מיר אַזאַ זאַך? און עס איז מיר געוועזן, גלייך עמעץ האָט אַ זאָג געטאָן לעבן מיר: „דו ערד־וואָרים, דו צוגעקלעפּטער צו דער ערד, גאָט וויל דיך באַשטראָפן פאַר דיין גלייכגילטיקייט צו דיין פאָלקס צרות, פאַר דיין האַרץ פון שטיין, וואָס די אומ־גליקן פון דיין פאָלק האָבן נישט געקאָנט רירן!‟. איך האָב מיך אַרומגעקוקט, אָבער איך האָב קיינעם נישט געזען לעבן מיר. און עס איז מיר געוועזן, ווי גאָט האָט מיט מיר גערעדט, און ווידער האָט מיך אָנגעפילט דער גרויסער שרעק, און איך האָב מורא געהאַט צו קוקן רעכטס און לינקס. און איך בין געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט מיין גרויסן שרעק אין מיר, און מיין קאָפּ און מיין האַרץ האָבן געזוכט, וועלכע שטראָף האָט גאָט דאָ אויסגעקליבן פאַר מיר. און מיטאַמאָל האָט מיך

אַנגעפילט אַ טונקל געפיל, פון וועלכן אַ שוידער איז מיר דורך איבערן גאַנצן קערפּער. פאַר די אויגן האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען, און עס איז מיר געווען, ווי איך הער אַ שטימע זאָגנ־דיק מיר: „דו ערד־וואָרים, דו צוגעקלעפּטער צו דער ערד, האָסט נישט געוואָלט העלפן דיין פאָלק אין זיין מלחמה פאַר זיין פריי־היים און נישט געוואָלט ביישטיין זיין היליקטום, גיי און זוך אויף זיין באַפרייער און דעם אויפבויער פון זיין קומענדיקן בית המקדש און זיי ביי אים אַן אייביקער קנעכט.״ און פול מיט שרעק האָב איך מיך געפרעגט: פאַרוואָס, אויב גאָט וויל דאָס פון מיר, פאַר־וואָס האָט מיר דאָס זיין שליח נישט געזאָגט? און איך האָב מיך פאַרטיפט אין געדאַנקען און געזוכט אַן ענטפער און געוואַרט אויף אַ צייכן פון גאָט. און עס איז מיר ווידער געווען, ווי עמעץ האָט אַ זאָג געטאָן: „גאָט האָט דיר פריער געגעבן די בחירה און גיט זי דיר איצט. פריער האָסט דו אויסגעקליבן דאָס נישט־ריכטיקע, איצט קלייב דיר אויס דאָס ריכטיקע.״ און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן בין איך אויפגעשטאַנען פון דער ערד, האָב אָוועקגעטריבן די אָקסן אין שטאָט אַריין, פאַרקויפט זיי און דעם שפּאַן און פאַר דאָס אויסגעלייזטע געלט געקויפט לייוונט אויף וויקעלעך און ווינ־דעלעך, כדי אויסצורופן דאָ אין בירת ערבא מיינע וויקעלעך און ווינדעלעך, און וועלכע פרוי עס וועט קומען צו מיר, וועל איך זי פרעגן, ווי הייסט איר מאַן און ווען האָט זי איר קינד געהאַט. איצט אָבער זייט איר דאָ אַלע פאַרזאַמלט...

גוריון. איז דאָס דיין גאַנצע געשיכטע? וועלכן מופת ווילסטו אונז געבן, אַז מיר זאָלן דיר גלויבן?

דער פרעמדער. איז דאָס נישט מופת גענוג, וואָס פון וויטן קום איך צו אייך אָנצוזאָגן אייך, אַז אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבאָרן געוואָרן אונזער אויסלייזער און ער געפינט זיך דאָ ביי אייך?

גוריון. מיט צען טעג צוריק, זאָגסטו, איז דאָס געשען, און ער הייסט מנחם, און זיין פאָטער חזקיה? (צום עולם.) קענט איר ווער אַ חזקיה, ביי וועמען מיט צען טעג צוריק איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן מנחם?

געמורמל. קענסטו אזא מאן? קענסטו א חזקיה?

שטימע (גאַנץ הינטן). איך אַליין בין א חזקיה, אָבער ביי מיר איז קיין קינד נישט געבאָרן געוואָרן שוין דאָס צוועלפטע יאָר.

שטימע (פון דער זייט). חזקיה דער זון פון חלפי, אָבער ער איז שוין פון פיר יאָר אַן אַלמן.

א פרויען־שטימע. איך האָב נישט געהערט, אַז ביי אונז זאָל געבאָרן ווערן א קינד שוין אָט א חודש צייט, און איך בין דאָך א באָבע.

גוריון (צום פרעמדן). האָסטו דאָס געהערט? דיין מופת איז קיין מופת נישט.

געמורמל. דער מופת איז קיין מופת נישט! — א פאַל־שער מופת! א פאַלשער נביא!

דער פרעמדער. וואָס איר ווייסט נישט, איז נאָך קיין ראיה נישט, און איר וועט זען, אַז איך וועל דאָ געפינען די מוטער פון מנחם.

גוריון. איצט וועל איך דיר אָבער זאָגן, ווער דו ביזט. א נאַר ביזטו און א פאַלשער נביא...

שטימען. א פאַלשער נביא! א פאַלשער נביא!

גוריון. איינער פון יענע ביזטו, וועלכע פאַרפלייצן איצט אונזער לאַנד.

טרפון. א פשוטער שווינדלער ביזטו, וועלכער וויל נאָר מאַכן א גוט געשעפט מיט זיינע וויקעלעך און ווינדעלעך. פאַראַן דאָ, וואו צו קויפן זיי אָן דיר אויך. איך האָב זיי גענוג אין מיין קראָם.

גמליאל. א ליגנער ביזטו, וועלכער קימערט זיך גאָר־נישט, וואָס מיט זיינע ליגנס קאָן ער מאַכן דאָס בלוט שטיין ביי זיינע הערער און פאַרדאַרבן זיי די לוסט צו עסן און צו טרינקען.

גוריון. א זינדיקער ביזטו און א לעסטערער, וועלכער לאָזט אַרויס א בייזן קלאַנג, אום אָפּהענטיק צו מאַכן די גלויבער אין גאָט.

ט ר פ ו ן. זיינע סחורות וויל ער אויסשרייען וואס העבער, האט ער אויסגעפונען א מעשה. ממיתן דארף מען דיך, דו שווינדלער!

ש ט י מ ע ן. ממיתן! שטייניקט אים! שטייניקט אים! (דער קרייז ארום דעם פרעמדן ווערט ענגער, הענט הויבן זיך אויף אים.)

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. ווארט! (דער געוויש לייגט זיך.) גיט מיר דריי טעג צייט, און אויב אין די דריי טעג וועל איך נישט געפינען דעם מנחם אדער איר וועט אויסגעפינען, אז דער בית המקדש איז נישט חרוב געווארן, דאן מעגט איר מיך פארשטייניקן. אבער אויב איר וועט אויסגעפינען פאר די דריי טעג, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, ווי איך האב אייך געזאגט, און איך וועל נאך נישט געפינען דעם מנחם, דאן לאזט מיך זיצן אין אייער שטאט און ווארטן, ווארום איך וועל אים געוויס געפינען.

ג ו ר י ו ן. זאל זיין ווי דו זאגסט, און נאך מער. מיר וועלן גלייך ארויסשיקן שליחים אויף פארשיידענע וועגן צו ירושלים, זיי זאלן אויסגעפינען, ווי שטייט עס דארטן, און דו וועסט דא אזוי לאנג בלייבן, ביז זיי וועלן קומען צוריק. און אויב זיי וועלן ברענגען, אז ליגן האסטו געזאגט, וועלן מיר דיר טאן, ווי עס דארף געטאן ווערן צו א פאלשן נביא. אבער אויב זיי וועלן ברענגען, אז אמת האסטו געזאגט און דער בית המקדש איז חרוב, וועסטו דא קאנען בלייבן אזוי לאנג, ווי דו ווילסט, און מיר וועלן אלע ווארטן, וואס די צייט וועט דיר ברענגען. אונזער זאמלהויז שטייט אפן פאר דיר. דארטן וועסטו קאנען ביי דער נאכט שלאפן און בייטאג געפינען דיין אפרו.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. איך דאנק דיר פיין. דער הימל איבער מיין קאפ איז מיר שטענדיק געוועזן גענוג דאך. איך וועל בלייבן דא אויף דעם פלאץ און אויסרופן מיין סחורה, ביז מנחמס מוטער וועט קומען צו מיר.

ט ר פ ו ן. גלויבט אים נישט. ער וועט אויספארקויפן זיין סחורה און נאכדעם וועט ער אוועקגיין, ווייטער צו פארשפרייטן זיינע ליגנס און לעסטערן גאט.

דער פרעמדער. איך וועל קיין איין פרוי גאָרנישט פאַרקויפן.

גמליאל. מען וועט אים דאַרפן היטן, ער זאָל נישט אַנטלויפן.

גוריון. איר לאָזט שוין מיך, עס וועט אַלץ שוין רעכט זיין. (ווענדט זיך צו עטלעכע פון די אַרומיקע.) דו, ברכיה, און דו, און דו, און דו, איר אַלע גייט גלייך נאָך דרום און צושפּרייט זיך פּאָרווייז אויף די וועגן, וועלכע פירן קיין ירושלים. וועט איר באַגעגענען עמיצן, וועלכער קומט פון ירושלים, איז אַוודאי גוט. וועט איר פון אים גלייך וויסן, וואָס טוט זיך דאָרטן. איר זאָלט אים פריער גוט אויספרואוון, נישט גלויבן אים אויף דאָס ערשטע וואָרט, וואָרום ווער ווייס, ווער דער דערציילער איז. בעסער זעט אָנצוטרעפן נאָך איינעם און אויך אַ דריטן, און אויב זיי אַלע וועלן אייך ענטפערן דיזעלבע זאַך, מעגט איר גלויבן. און דאַן זאָלט איר אונז גלייך ברענגען די בשורה, ווי זי איז. צי גוט צי שלעכט, זאָלט איר זי אונז ברענגען מיט דער זעלבער שנעלקייט. און אויב אָבער איר וועט קיינעם נישט באַגעגענען, ווייל די וועגן זיינען פּאַרוויסט און פאַראָבלט, זאָלט איר גיין ביז ירושלים, גנבעט זיך דורך דורך די מחנות פון די רוימער, אויב דאָס וועט זיין נויטיק, דרינגט אַריין אין שטאָט...

ברכיה. מיינסטו נישט, אַז דאָס לעצטע איז זייער געפערלעך?

גוריון. דאָס וויים איך גוט, מיין פריינט. אָבער איך האָב נישט געוואוסט, אַז אין בירת ערבא זיינען פאַראַן בערדיקע מענער, וועלכע וועלן זיך אָפּזאָגן פון אַ שליחות, ווייל זי איז געפערלעך.

שטימע. דאָס האָסטו גוט געזאָגט, גוריון.

ברכיה. גוט, מיר גייען גלייך. (טרעט אָפּ מיט די אַנדערע דריי. מיט זיי גייען אָפּ עטלעכע פרויען און קינדער, באַגלייטן זיי אַרויס נאָך רעכטס. די פרויען ווישן זיך די אויגן.)

ג ו ר י ו ן (צו אַנדערע דריי פֿון די אַרומיקע). און איר דריי בלייבט דאָ מיט דעם פֿרעמדן און שטייט שמירה ביי אים, ער זאָל קיין געשעפֿטן דאָ נישט מאַכן און נישט אויסדרייען זיך פֿון זיין פֿאַרדינטער שטראָף.

א י י נ ע ר פֿ ו ן ד י ד ר ײ. מיר וועלן אים שוין גוט היטן.

ג ו ר י ו ן. און מיר אַלע אַנדערע לאָמיר גיין אין דאָס זאַמל־הויז, אין געבעט צו פֿאַרברענגען די צייט און אין פֿאַסטן, מיט זעק אויף אונזערע לייבער און מיט אַש אויף אונזערע קעפּ. (גייט אַוועק אין דער לינקער זייט גאַס, טרפֿון און גמליאל נאָך אים און דער גאַנצער עולם. די קרעמער פֿאַרפּאַקן שנעל זייערע סחורות, שליסן צו די קראָמען און איילן אַוועק נאָך דעם עולם. עס בלייבן נאָך די דריי שומרים און עטלעכע ווייבער פֿון די אַרומיקע הייזער. אייניקע האָבן זייערע קינדער לעבן זיך. זיי צושטעלן זיך לעבן די קראָמען קופּעסווייז און באַטראַכטן דעם פֿרעמדן.)

ד ע ר פֿ ר ע מ ד ע ר (זעצט זיך, עפֿנט אויף זיין קאַסטן און באַטראַכט די לייוונט, רעדנדיק פֿאַר זיך). מנחם דער זון פֿון חזקיה... מנחם דער זון פֿון חזקיה...

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר. חזר גוט איין, חזר גוט איין, דו זאָלסט דיין ליגן נישט פֿאַרגעסן.

צ ו ו י י ט ע ר ש ו מ ר. דאָס וועט אים נישט נוצן. ער וועט זיין ליגן פֿון דאַנען שוין נישט אַרויסטראָגן.

ד ר י ט ע ר ש ו מ ר. אונטער אַ באַרג מיט שטיינער וועט ער באַגראָבן ווערן צוזאַמען מיט זיין ליגן.

ד ע ר פֿ ר ע מ ד ע ר (שטייט אויף און רופֿט אויס). וויקעלעך פֿאַרקויף איך, ווינדעלעך פֿאַר ערשט געבאָרענע קינדער! וויקעלעך פֿאַרקויף איך, ווינדעלעך פֿאַר ערשט געבאָרענע קינדער!

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר. שריי העכער. דיין חזקיהס ווייב איז טויב אויף אַ פֿוס און גייט שלעכט אויף אַן אויער.

צ ו ו י י ט ע ר ש ו מ ר. היט, היט זיך, זי פֿאַלט דיר גלייך אַראָפּ אויפֿן קאָפּ.

ד ע ר פֿ ר ע מ ד ע ר. וויקעלעך פֿאַרקויף איך, ווינדעלעך פֿאַר ערשט געבאָרענע קינדער!

דריטער שומר. ער שרייט און ווערט גאָר נישט הייזעריק. צי האָבן מיר דאָ נישט צו טאָן גאָר מיט אַ משוגענעם?

אַ פרוי (קומט צו צום קאַסטן). מיר מעגן דאָך דערווײַלע די סחורה זיך אָנזען. (עס קומען צו נאָך עטלעכע פרויען און הויבן אָן צו באַטאַפּן די לייוונט.)

ערשטע פרוי. די לייוונט איז גוט.

צווייטע פרוי. גאָר אויסגעצייכנט.

דריטע פרוי. דעם טרפונס איז האַלב נישט אַזוי גוט.

פערטע פרוי. און אויך גמלאַס איז פיל ערגער.

ערשטע פרוי. איך בין אַ בעלן באַלד צו קויפן. ווי טייער קאָסט אַן איילל?

דער פרעמדער. מאַך דיך נישט נאַריש, פרוי. הייסט דיין מאַן נישט חזקיה און דיין זון נישט מנחם, קריגסט דו נישט פון מיין סחורה.

ערשטע פרוי. האָסט מורא געווים פאַר די שומרים? נישקשה, זיי וועלן צומאַכן די אויגן און מאַכן זיך נישט זען.

צווייטע פרוי. און ווען מיין קינד איז גאָר אַ טאָכטער און הייסט תמר, דאַרף זי נישט האָבן פון דיין גוטער לייוונט?

דריטע פרוי. און אַז מיין זון הייסט נחמן, מעג ער עס אויך האָבן. ווי ווייט איז נחמן פון מנחם?

ערשטע פרוי. ווי טייער קאָסט אַן איילל? דאָס מעגסט דו אונז דאָך זאָגן?

דער פרעמדער (מאַכט צו דעם קאַסטן).

פערטע פרוי. זע, ער מאַכט דעם קאַסטן צו און קוקט גאָר נישט אין אונזער זייט.

ערשטער שומר. וויי, וואָס פאַר אַ מפּלה! אונזערע שענסטע פרויען האָבן באַלאַגערט איין מאַן און האָבן אים נישט איינגענומען.

ערשטע פרוי. ווען איר וואָלט בלויז נישט געווען.

ערשטער שומר. וואָס גיסט דו מיר, איך מאַך די אויגן צו?

צווייטער שומר. און איך וויל אויך אַ חלק.

ערשטער שומר. פאַר דרייען איז איר בעט צו שמאָל.

דריטער שומר. איר זאָלט דאָך דאָס נישט רעדן, ווען אין געבעט און טרערן איז אונזער פאָלק פאַרזאַמלט.

דריטע פרוי. דאָס איז שוין דער מענער־וועג. די תאוה קומט זיי נישט אַרויס פון זין אין דעם גרעסטן אומגליק אַפילו. דער האָן נאָך פאַר דער שחיטה כאַפּט זיך פאַר דער הון.

דער פרעמדער. וויקעלעך פאַרקויף איך, ווינדעלעך פאַר ערשט געבאָרענע קינדער!

פערטע פרוי. וואָס שרייסט דו אַזוי? מיר זיינען נישט טויב. מאַך נאָר דיין קאַסטן אויף.

דער פרעמדער. איך פאַרקויף אייך נישט. דאָס ווייסט איר שוין.

אַ יונגע פרוי (מיט סימנים פון אַ לאַנגן וועג אויף אירע קליידער, קומט אַרויס רעכטס אין הינטערגרונט פון צווישן צוויי קראָמען און בלייבט שטיין פון קיינעם נישט באַמערקט).

ערשטע פרוי. זע, ער מיינט אין דער אמתן, מיר גייען נאָך זיין סחורה אויס.

צווייטע פרוי. זי איז גאָר נישט אַזוי גוט, ווי ביים ערשטן קוק. זי איז נישט שטאַרק.

דריטע פרוי. זי וואָלט צופאַלן ווערן ביים ערשטן וואַש. (באַמערקן די ניי אָנגעקומענע און באַקוקן זי פאַרוואונדערט).

ערשטע פרוי (צו דער צווייטער). ווער איז די, וועלכע שטייט דאָרט?

צווייטע פרוי. זי איז מיר אומבאַקאַנט.

דריטע פרוי. אויך איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען.

פערטע פרוי. איך וואָלט שווערן, זי איז אַ פרעמדע.

ערשטע פרוי. זי זעט אויך אויס נאָך אירע בגדים, ווי זי וואָלט ערשט אָנגעקומען.

דער פרעמדער (ווערט אויפמערקזאַם אויף דער ניי אָנ־געקומענער).

די יונגע פרוי (באַמערקט, אַז מען באַטראַכט זי פון אַלע זייטן, און מאַכט אַ פאָר טריט צוריק אין גרויסער פאַרלעגנהייט).

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר. ווען זוכסט דו דאָ, מיין שיינע?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. טרעט נאָר נענטער צו. וואָס שטייסט דו גאָר פון ווייטן? באַקוקן מיין סחורה וועט דיר אויך דערלויבט זיין.

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י (קומט צו אומאַנטשלאָסן, גאַנץ פאַרלאָרן פאַר פאַרלעגנהייט, די אַנדערע פרויען טרעטן ווידער צו).

ע ר ש ט ע פ ר ו י. באַקוקן בלויז. פאַרקויפן וועט ער דיר זיין סחורה נישט.

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י (קוים וואָס זי רעדט אַרויס). איך האָב מיך דאָס געריכט. מיין האַרץ איז אויך נישט ביים קויפן.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. אויף וואָס האָסט דו זיך געריכט?

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י. אַז דו וועסט מיר נישט וועלן פאַרקויפן. מיין אומגליקס־קינד פאַרדינט עס אויך.

ע ר ש ט ע פ ר ו י. דיין אומגליקס־קינד?

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י (מיט טרערן). יאָ, אַ קינד פון אומגליק איז מיין קינד, עס איז...

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר. וואָס איז דיין קינד? דו רעד דאָך קלאָר.

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י (מיט געוויין). דאָס איז מיר געבאָרן געוואָרן אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן! (גרויסע באַוועגונג, אויסרופונגען פון גרויסער איבעראַשונג.)

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. האָ?! וואָס האָסט דו געזאָגט?

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י. איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט אַלע איבעראַשט זיין. מיין קינד און איך פאַרדינען פאַראַכט צו ווערן.

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר (אין גרויסער אויפרעגונג). פון וואַנען קומסט דו, זאָג!

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י. פון ירושלים.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. ווען האָסט דו דיין קינד געהאַט? זאָג עס נאָכאַמאָל.

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י. דו האָסט עס געהערט. איך קאָן עס נישט נאָכאַמאָל אַרויסברענגען אויף מיינע ליפּן.

צווייטער שומר. ווי לאנג — ווי לאנג איז דאס געשען?

די יונגע פרוי. דאס ווייסט איר דאך געווים. מיט צען טעג צוריק. (באוועגונג און ווידער אויסרופונגען פון איבער־ראשונג.)

דער פרעמדער (מיט א פארכאפטן אטעם). ווי הייסט דיין קינד?

די יונגע פרוי. ער טראגט א פאלשן נאמען, דאס אומ־גליקס־קינד. זיין פאטער האט עס געוואלט. ער הייסט מנחם. (די באוועגונג ווערט שטארקער. מען הויבט אן אפצוטרעטן מיט מורא פון דעם פרעמדן און דער יונגער פרוי.)

דער פרעמדער (גאנץ אן אטעם). א!... און ווי הייסט דיין מאן?

די יונגע פרוי. וואס שרייסטו אזוי? (קוקט זיך אין אים איין און כאפט זיך צו אים צו מיט אן אימפעט.) קענסטו פיליכט מיין מאן? קענסט דו מיך? ווייסט דו פיליכט, וואס מיט מיין מאן איז געשען? דו האסט מיר וואס שרעקלעכס צו דערציילן. איך זע אן דיר. דו ביסט דערשראקן, דו ביסט מבולבל. (היסטע־ריש.) דערצייל! האבן די רוימער אים געהרגעט? האבן זיי אים פארקויפט פאר א קנעכט? דערצייל, וואו! דערצייל, צו וועמען! (היסטעריש מיט די הענט אין די האר.) מיין חזקיה! מיין חזקיה! (גרעסטע באוועגונג.)

דער פרעמדער. א! (ער כאפט זיך פארן הארצן און פארן קאפ, רייבט זיך די אויגן, גלייך ער וואלט געקעמפט מיט א חלשות־געפיל.)

עטלעכע פון די ווייבער (כאפן זייערע קינדער און אנט־לויפן גאנץ דערשראקן און היסטעריש).

ערשטער שומר (צום צווייטן). לויף גלייך צו גוריונען, צו טרפון און גמליאל, דערצייל זיי, וואס דו האסט געהערט, און רוף זיי גלייך אהער.

צווייטער שומר (גייט גלייך אוועק נאך לינקס).

דער פרעמדער (קומט צו זיך און רעדט נאך שוואך ארויס). בארויק דיך, איך קען נישט דיך און נישט דיין מאן, איך

האָב דיר גאָרנישט וועגן אים געבראַכט. דו זאָג מיר בעסער... (שרייט אויס אין התלהבות.) דו זאָג מיר בעסער, וואו איז דיין זון? וואו האָסט דו געלאָזן דיין מנחם?

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י (קוים רעדנדיק). איך האָב אים געלאָזן אין אַ הויז אין עק שטאָט. (געבראָכן.) וואָס פרעגסט דו זיך אַזוי נאָך אויף מיין אומגליקס-קינד?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. שטיל, יידענע! דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. נישט קיין קינד פון אומגליק איז דיין זון, נאָר אַ קינד פון גליק און טרייסט. אַ מנחם איז ער, אַ טרייסטער פון אונזער פאָלק! אין דעם טאָג פון זיין געבורט איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן און אונזער פאָלק איז באַזיגט געוואָרן, אָבער ער וועט אויפבויען אונז צוריק דעם בית המקדש און וועט פירן אונזער פאָלק צו נייע זיגן.

ד י י ו נ ג ע פ ר ו י. וואָס רעדסטו דאָרט? דו ווילסט מיך טרייסטן? אָדער מאַכסטו שפּאַס פון אַן אומגליקלעכער?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. קום, פיר מיך צו דיין זון. פאַר אַ קנעכט האָט מיך גאָט צוגעשטעלט צו אים, און פון ווייטנס האָט ער מיך געשיקט אַהער, איך זאָל אים דאָ געפינען. קום! דו וועסט שוין אַלץ הערן. קום, פיר מיך צו דיין זון! אויף מיינע הענט וועל איך אים טראָגן און היטן אים, ווי די טרייעסטע אַם, קום שנעל!

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר. שטיי! דו גייסט פון דאַנען נישט אַוועק. איצט פאַלט מיר איין, דאָס איז אַן אָנשטעל. די פרוי איז מיט דיר יד אחת און וויל אַרויסהעלפן דיר פון אונזערע הענט.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. דו לעסטערער, דו בייזע צונג, דו מויל פון ניבול, ווי דערוועגסטו זיך איצט אַזוינס צו זאָגן? ווי קאָנסט דו מיך אָפּהאַלטן פון דעם, צו וואָס גאָט האָט מיך געשיקט?

ע ר ש ט ע ר ש ו מ ר. פיליכט בין איך אומגערעכט, דו וועסט אָבער נישט אַוועקגיין. אונז האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט דיך צו היטן און מיר וועלן דיך נישט אָפּלאָזן. אויך דו האָסט געזאָגט, אַז דו ווילסט נאָך בלייבן דאָ אויפן פּלאַץ. האַלט דיין וואָרט.

דער פרעמדער. יאָ, איך האָב׳ס געזאָגט: ביז זי וועט קומען, די מוטער פון מנחם.

ערשטער שומר. דו וואַרט נאָר אָפּ, ביז גוריון וועט קומען.

דער פרעמדער. דו זינדיקסט, ייד, איצט קעגן דיין משיח.

ערשטער שומר. איך טו מיין פליכט.

דער פרעמדער. דאַן מוז איך וואַרטן, און דאָס איז אַ גרויסע זינד.

די יונגע פרוי. איך פאַרשטיי גאָרנישט פון דעם, וואָס איר רעדט דאָ.

דער פרעמדער. דו וועסט פאַרשטיין. מיר האָט גאָט אַנטפּלעקט, איך זאָל גיין אַהער און דיך געפינען, ווייל דיין זון איז געבאָרן געוואָרן צו זיין אונזער משיח.

די יונגע פרוי. דאָס אומגליקס־קינד?

דער פרעמדער. רוף אים נישט אַזוי, האָב איך דיר שוין געזאָגט. ווי קומסטו דו איבערהויפּט אים אַזוי צו רופן? (די פרויען טרעטן נענטער צו און רינגלען אַרום די יונגע פרוי מיטן פרעמדן.)

די יונגע פרוי. ווי דען אַנדערש, ווען ער איז אין אַזאַ טאָג געבאָרן געוואָרן? אוי, ווי איך האָב אים נישט געוואָלט האָבן אין דעם טאָג. איך האָב מיך געבעטן ביי גאָט, ער זאָל מיר נישט אויפעפענען מיין טראַכט. מיין קינד זאָל נישט אַרומגיין זיין גאַנץ לעבן ווי געשטעמפּלט, אַז אין דעם טאָג, ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, האָט געטראָפן זיין פאָלק דאָס גרעסטע און דאָס שווערסטע אומגליק. און מיר זאָל ער נישט זיין אַן אייביקע מצבה אויף דעם קבר פון מיין פאָלק און זיין היילקטום. גאָט אָבער האָט מיך נישט דערהערט און עס האָבן מיך אָנגענומען די ווייען. האָב איך געוואָלט גיין קעגן גאָט און אויספירן מיין ווילן. איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געצוויגן אין מיר די לופט. איך האָב געוואָלט איינהאַלטן מיין קינד אויף זיין אָרט ביי מיר אין בויך. די ווייען האָבן זיך נאָך מער געשטאַרקט, און איך האָב

גערּאנגלט נאָך לופט און פאַרלאָרן די קראַפט פון מיין ווילן. און אַז איך האָב געזען, אַז דאָס קינד וועט געבאָרן ווערן, האָב איך געבעטן ביי גאָט, אַז דאָס זאָל זיין אַ טויט קינד. גאָט, האָב איך געזאָגט, דאָס וועט זיין דיין גרעסטער חסד. גאָט, האָב איך געוויינט, ווי וועל איך מיך קאָנען פרייען מיט מיין קינד, ווען דאָס גאַנצע פאָלק פאַרגייט פון געוויין און קומט אום? און איך האָב מיך איינגעהאַלטן נישט צו שרייען אין דער ווייעניש, און געבעטן זיך ביי גאָט. גאָט, מיין מאַן איז אַוועק מלחמה צו האַלטן פאַר דיין היילִיקטום און פאַר דער פרייהייט פון דיין פאָלק. אים האָט נישט אָפּגעהאַלטן זיין גרויסע ליבע צו מיר און נישט זיין גרויסע פריידיקע דערוואַרטונג אויף דאָס קינד אונטער מיין ברוסט, און איך אַליין האָב איינגעהאַלטן מיינע טרערן און אויסגעריכט אים אין דער מלחמה. און ווען איך וואָלט נישט געהאַט דאָס קינד אונטער מיין ברוסט, וואָלט איך נישט אָפּגעשטאַנען און וואָלט געגאַנגען מיט אים און וואָלט מיך געשלאָגן קעגן דיינע פיינט מיט דיינע זין צוגלייך. דו ווייסט מיין האַרץ, אַז איך וואָלט דאָס געטאָן. טו מיר איצט דעם חסד און לאָז מיך נאָך נישט געבאָרן מיין קינד, אָדער לאָז מיך געבאָרן אַ טויטס. אָבער גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון גאַנצן פאָלק און פון מיר אויך. איך האָב געבאָרן דאָס קינד און, ווי דו זעסט, אַ לעבעדיקס.

ד ע ר  פ ר ע מ ד ע ר. דאָס איז געווען די דריטע שעה נאָך מיטאָג.

ד י  י ו נ ג ע  פ ר ו י. דאָס ווייסט דו אויך? דאָס איז געווען, יאָ, די דריטע שעה נאָך מיטאָג. די לעצטע ווענט פון בית המקדש זיינען איינגעפאַלן אין דער שריפה און די לעצטע העלדן זיינען אומגעקומען. און אין דער זעלביקער מינוט האָט זיין שרייען אָנגעפילט די גאַנצע שטוב. ווי דערפרייט וואָלט איך געוואָרן, ווען איך וואָלט דערהערט זיין ערשטן געשריי אין אַן אַנדער צייט. איצט אָבער האָב איך מיך נאָר געקאָנט צוואַוויינען, און איך האָב געוויינט שווער און ביטער, און פון דרויסן איז אַריינגעדרונגען אין מיין שטוב דער ווייגעשריי פון אונזער פאָלק. (צוואַוויינט זיך.)

ד ע ר  פ ר ע מ ד ע ר. וויין נישט, דו פירסט איבער דיין מילך.

די יונגע פרוי. מיין מילך איז סיי ווי סיי ביטער ווי גאל. זעלטן פארגין איך אים זי. גלייך ווי ער איז געבארן גע־ווארן, בין איך אין כעס געווארן אויף גאט. איך האב אויפגע־הויבן מיין האנט קעגן הימל און געזאגט: „גאט, דו האסט געוואלט, ער זאל לעבן, טא גיב אים צום לעבן, איך וועל אים נישט זויגן.״ איך האב מיך אוועקגעדרייט און נישט געוואלט אים אפילו זען. אבער אז ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען און שטארקער, האב איך זיך אויך צעוויינט און גענומען אים צו מיין ברוסט — מיט צוגעמאכטע אויגן, איך זאל אים נישט זען. (א גערויש פון א סך שטימען לינקס.)

דער פרעמדער. דא קומען זיי. א, איך וועל באלד דאך זען דיין זון! (גוריון, טרפון און גמליאל, דער צווייטער שומר און דער גאנצער עולם קומען אן, אין זעק אנגעטאן און מיט אש אויף די קעפ.)

גוריון. וואו איז די פרוי? וואו איז זי? (די פרויען טרעטן פארנאנדער.)

גוריון (טרעט צו צו דער יונגער פרוי). דאס ביסטו די פרוי פון ירושלים?

די יונגע פרוי. דאס בין איך די פרוי.

גוריון. און דו דערציילסט, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן?

די יונגע פרוי (מאכט גרויסע אויגן). און איר האט עס נאך נישט געוואוסט?

גוריון. מיר האבן׳ס נישט געוואוסט און ווייסן עס נאך נישט.

די יונגע פרוי (מיט טרערן). מיט צען טעג צוריק איז דאס געשען. אין דער דריטער שעה נאך מיטאג זיינען זיינע לעצטע ווענט איינגעפאלן.

שטימען. איר הערט! איר הערט! ציטערט, איר הימלען! (געוויין.)

גוריון. וואוהין גייסטו איצט און וואס ווילסטו דא?

די יונגע פרוי. איך גיי אויפזוכן מיין מאן. ער האט

מלחמה געהאַלטן קעגן די רוימער אונטער אלעזרן און איז געפאַנגען געוואָרן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז איצט אין סוריא. אַהין־צו גיי איך, און דאָ בין איך בלויז אויפן דורכגאַנג.

גוריון. זאָגסטו אמת? וועסט דו דיינע ווערטער באַשווערן? (געדודער אין דער רעכטער זייט גאַס.)

ברכיה מיט אַ צווייטן פון די שליחים (קומען געלאָפן מיט צוריסענע קליידער אויף זיך). ווי אונז! ווי אונז! דער בית המקדש איז חרוב! חרוב! חרוב!

די יונגע פרוי (ברעכט אויס מיט אַ געוויין, באַגלייט פון אַנדערע פרויען).

גוריון. ווען איז דאָס געשען?

ברכיה. גראָד ווי דער פרעמדער האָט געזאָגט: מיט צען טעג צוריק.

גוריון. ווי אַזוי האָט איר זיך עס דערוואוסט?

ברכיה. גלייך ווי מיר זיינען אַרויס אויפן וועג, וועלכער פירט צו חברון. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ מחנה יידן, וועלכע זיינען געגאַנגען פון יענער געגנט נאָך גלעד, און זיי האָבן עס אונז דערציילט מיט טרערן אין די אויגן און מיט פאַרבראָכענע הענט.

דער פרעמדער (צו דער יונגער פרוי אין התלהבות). איצט פיר מיך צו דיין זון! קומט אַלע מיט מיר! פאַרגיסט טרערן אויף דאָס פאַרלאָרענע און פרייט זיך אויף דאָס קומענדיקע. אַ זון איז איר געבאָרן געוואָרן, און ער הייסט מנחם. אַ טרייסטער און באַפרייער, אַן אויפבויער און אַן אויפריכטער וועט ער אונז זיין! קומט מיט מיר מיט! קומט זען דאָס קינד! קום, דו גליקלעכע, פיר אונז צו דיין קינד — דיין קינד פון גליק, דיין קינד פון רעטונג! (באַוועגונג אין די הינטערשטע רייען. די דינסט און אַן אַלטער מאַן שטופן זיך צו דער יונגער פרוי.)

די דינסט (פאַלט מיט אַ יאָמער אויף די קני פאַר דער יונגער פרוי). טויט מיך, וויי!

די יונגע פרוי. וואָס איז געשען?

די דינסט. טויט מיך! טויט מיך! דאָס קינד איז נישטאָ מער!

די יונגע פרוי (מיט שרעק). דאָס קינד איז טויט?

דער פרעמדער. מנחם איז טויט?!

געמורמל (מיט פאַרצווייפלונג), טויט?!

די דינסט (ראַנגלענדיק מיטן אָטעם און מיטן געוויין). ניין, נישט טויט!

דער פרעמדער (דערלייכטערט). אָ!

געמורמל. נישט טויט!

די יונגע פרוי. וואָס איז אים דען געשען?!

די דינסט. דו הער מיך אויס. האָסט מיך געלאָזן מיט דיין קינד דרויסן פאַר דעם הויז, ביז דו וועסט קומען צוריק מיט די ווינדעלעך, און איך האָב דאָס קינד אַוועקגעלייגט פאַר מיר און אַליין גענומען זיך דערענדיקן אים דאָס העמדל. מיטאַמאָל ווערט עס פינסטער, ווי פאַר אַ שטורם — איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי און ווען איז דאָס פינסטער געוואָרן — און אַ גרויסער ווינט האָט זיך אויפגעהויבן. איך בויג זיך איין צום קינד, וויל עס אויפהויבן און אריין מיט אים אין הויז: ווער איך אומגעוואָרפן פון דעם ווינט, מיינע אויגן ווערן פול מיט זאַמד, און איך האָב געפילט, ווי עמעץ וואָלט אַרויסגעריסן דאָס קינד פון מיינע הענט. און אַז איך האָב אויפגעעפנט מיינע אויגן, איז שוין ווידער ליכטיק געוועזן, אָבער דאָס קינד האָב איך נישט געזען. איך האָב מיך אַרומגעקוקט, האָב אָנגעהויבן צו זוכן, און האָב דאָס קינד נישט געפונען. איך האָב געמאַכט אַ געוואַלט, די שטוב־לייט זיינען אַרויס, און איך האָב זיי דערציילט דאָס אומגליק. זיי האָבן מיר געהאָלפן זוכן, און מיר האָבן געזוכט ווייט און ברייט, אָבער מיר האָבן אים נישט געפונען. זיי זיינען דאָ מיט מיר, זיי קאָנען דיר זאָגן עדות, אַז איך זאָג דיר נישט קיין ליגן.

דער אַלטער מאַן (לעבן איר). זי זאָגט דעם ריינעם אמת. איך בין געשטאַנען גראָד ביים פענסטער, און עס איז מיר געוועזן, ווי איך וואָלט געזען, ווי דער ווינט האָט אויפגעהויבן דאָס קינד אין דער הויך און אַוועקגעטראָגן עס.

די יונגע פרוי. מיין קינד!

די דינסט. טויט מיך, איך בין שולדיק.

די יונגע פרוי. שטיי אויף. דו ביסט נישט שולדיק. דאָס איז דער מזל פון מיין קינד.

שטימען. וואָס שטייען מיר? לאָמיר לויפן זוכן.

דער פרעמדער (ווי אויפגעוואַכט). שטייט!

גוריון. וואָס האָסטו פאַר?

דער פרעמדער (פאַרזינקט ווידער אין געדאַנקען).

די יונגע פרוי (דורך טרערן). האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אומגליקס־קינד?

דער פרעמדער (ציענדיק זיינע ווערטער, מיט אַן אָנגע־שטעלטן בליק אין דער ווייטנס). רוף אים נישט אַזוי. נישט קיין אומגליקס־קינד איז ער, האָב איך דיר געזאָגט. אין דעם טאָג פון זיין געבורט איז דער בית המקדש חרוב געוואָרן, אָבער ער איז גע־באָרן געוואָרן אויפצובויען אונז אַ נייעם. איך גיי אים זוכן. גאָט האָט דאָס אַרויפגעלייגט אויף מיר. איך זע עס קלאָר. (ווערט מיט־אַמאָל געעלטערט און זיין האָר און באָרד ווערן ווייס.)

שטימען. זעט, ווי ער זעט אויס! זעט, ווי ער זעט אויס!

גוריון (טרעט אָפּ מיט שרעק). און אים האָבן מיר גערופן ליגנער און זינדיקער?

דער פרעמדער. זינדיקער, יאָ. איך האָב די גרעסטע זינד פאַרבראָכן. איך האָב נישט געוואָלט קעמפן פאַר דער פרייהייט פון מיין פאָלק. איצטער טרעפט מיך גאָטס שרעקלעכע שטראָף. איך וועל מוזן די גאַנצע וועלט אויסגיין, איך זע עס. און לאַנג, לאַנג וועל איך מוזן זוכן, איך פיל עס. איך גיי טאָן, וואָס איך מוז.(הויבט אויף זיך אויף דעם פעדלער־קאַסטן.) איך גיי טאָן, וואָס איך מוז. (מיט אויפגעהויבענע הענט גייט ער אַוועק נאָך רעכטס.)

די יונגע פרוי (פאַלט אין איר גאַנצער לענג). מיין קינד! (דער עולם לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני.)

# רבי עקיבא און בר כוכבא

טראַגעדיע אין פינף אקטן

(5—31 יולי, 1928.)

# פערזאָנען

(אין דער אָרדענונג פון זייער אויפטריט.)

פיר אויסרופער.

דער אומבאַקאַנטער (בר כוזיבא, שפּעטער בר כוכבא).

רבי עקיבא.

נקדימון, רבי יהושע'ס משרת.

רבי יהושע בן חנניה.

רוימער.

רבי חוצפית המתורגמן.

רבי אלעזר בן שמוע.

רבי טרפון.

רבי יוסי בן קיסמא.

רבי יוסי הגלילי.

רבי חנינא בן תרדיון.

רבי אליעזר בן פרתא.

רבי ישבב.

רבי חלפתא.

יונגער ייד.

מיטליעריקער

אַלטער.

זקנים פון סנהדרין.

עולם.

ערשטער יונגער תלמיד.

צווייטער „ „

רבי יוחנן בן תורתא.

דריטער יונגער תלמיד.

פערטער „ „

מיטליעריקער „

אַלטער „

שליח פון בר כוכבאן.

ערשטער בשורה־אָנזאָגער.

צווייטער „ „

דריטער „ „

תלמידים פון רבי עקיבאס ישיבה.
צוויי באַגלייטער פון דעם שליח.
אַ מיטליעריקער ייד.
אַן עלטערע.
אַ יונגע פרוי.
אַן אַלטער.
אַ צווייטער מיטליעריקער.
אַ דריטער
אַ פערטער.
אַ קורצער.
זיין פרוי.
אַ הויכער.
אַ יונגער.
ערשטער זקן.
צווייטער.
דריטער.
פערטער.
פאָלק.
תלמידים.
בר כוכבאס קעמפער.
אַ מצרי.
אַ פעניציער.
אַ פערס.
אַ ייד־קריסט (מין).
אַ שומרונער.
וואַד־סאָלדאַטן.
אַ רויטהאָריקער קעמפער.
רבי אליעזר המודעי.
קעמפער.
רבן שמעון בן גמליאל.
אַ טיר־היטער.
דער צענטוריאָן.
זקנים, תלמידים, רוימישע לעגיאָנערן.

# ערשטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ מאַרקפּלאַץ. פאַרקויפער ביי זייערע קראָמען און געשטעלן, עולם צווישן זיי, אַלע אין אויפרעגונג, זינגען: „ווי זייער באַליבט זיינען דיינע געצעלטן יהוה צבאות, עס בענקט און עס גייט אויס מיין האַרץ נאָך די הויפן פון גאָט, מיין האַרץ און פלייש זינגען צום אייביקן גאָט. אויך אַ שפערבער האָט אַ שטוב געפונען און אַ שוואַלב אַ נעסט, אַריינצוטאָן אירע עופעלעך. אָבער דיינע מזב־חות יהוה צבאות...״

פיר אויסרופער (קומען אָנגעלאָפן און רופן מיט שרעק אין זייערע שטימען). הערט! הערט! הערט! (צושטעלן זיך מיט זייער רוף אין די פיר זייטן פון מאַרק.)

דער עולם (הערט אויף דעם געזאַנג און רינגלט אַרום די אויסרופער). וואָס איז? וואָס איז געשען?

די אויסרופער (אין די פיר מענטשנהויפנס, גלייכצייטיק). אַדריאַנוס...

עולם. אַדריאַנוס!

די אויסרופער. האָט צוריקגענומען...

עולם. האָט צוריקגענומען?

די אויסרופער. זיין פאַרשפּרעך!

עולם. זיין — וואָס?! ווי?! ווי הייסט?!

די אויסרופער. דער בית המקדש...

עולם. דער בית המקדש?!

די אויסרופער. וועט נישט...

עולם (ווילד). וועט נישט?!

די אויסרופער. נישט געבויט ווערן!

עולם. נישט געבויט ווערן?! נישט געבויט ווערן?! נישט געבויט ווערן?!... (מען הייבט אָן אַרומצובאַוועגן זיך און צוצו־רופן איינע צו די אַנדערע מיט קולות פון איבערראַשונג, פאַר־צווייפלונג און בייזקייט.) דער בית המקדש וועט נישט געבויט ווערן!... אַדריאַנוס האָט חרטה געקראָגן!... אַדריאַנוס נעמט צו־ריק זיין פאַרשפּרעך!... דער בית המקדש וועט נישט געבויט ווערן!... (עס לויפן אָן מער און מער מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, אַלט און יונג. די בשורה ווערט איבערגעחזרט און איבער־געחזרט, ביז ענדלעך רייסט זיך אַרויס ביים עולם אַ פּראָטעסט־תפלה.) ביז וואַנען, אַ גאָט, וועט דער באַדריקער לעסטערן? וועט דער פיינט אייביק באַליידיקן דיין נאָמען? פאַרוואָס נעמסטו אַוועק דיין האַנט, דיין רעכטע האַנט? פון דיין בוזים אַרויס פאַרניכט!״ (לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קני, הענט אויפגעהויבן.)

דער אומבאַקאַנטער (אַ הויכער מאַן, מיט אויף אַן אַראַבישן אופן פאַרוויקלטן קאָפּ און גזדיכט, פון וועלכן עס זעען זיך אַרויס בלויז אויגן, נאָז און מויל, דונערט אַרויס). וואָס לאָזט איר זיך אויף אייערע קני אַראָפּ? בלייבט שטיין אויף אייערע פיס! וואָס הייבט איר אייערע הענט אין תפלה אויף? הייבט זיי אויף מיט פויסטן! פרעגט נישט גאָט, ביז וואַנען! פרעגט זיך אַליין, ביז וואַנען! איז אייך נאָך נישט גענוג? האָט דער רוימער אייך ווי־ניק נאָך געטאָן? ווייל איר קניט, טרעט ער אייך ווי מיסט. ווייל איר שטרעקט אויס די הענט אין תפלה, איז אים לייכט קייטן אויף זיי אַרויפצואוואַרפן. נישט קניען, נישט בעטן, נאָר קעמפן! גאָט וויל נישט קיין פאָלק פון קנעכט, קנעכט זיינען אים צואווידער. מיר זאָלן קיין אַנדער האַר נישט האָבן, אויסער אים, און איר טראָגט אויף זיך דעם רוימערס יאָך! ווילט איר דעם בית המקדש האָבן, באַפרייט צוערשט דאָס לאַנד! ווילט איר גאָטס פאָלק זיין, באַ־פרייט זיך אַליין צוערשט! שטייט אויף! (עולם שטייט אויף.) פויסט די הענט! (מיט אַן אויפגעשריי ווערן פויסטן אויפגעהויבן.) נישט אונטערטעניקייט — אייער ווילן באַווייזט דעם רוימער!

עולם. מיר ווילן דעם בית המקדש! דעם בית המקדש ווילן מיר צוריק!

דער אומבאקאנטער. פארשפרייט, פארשפרייט דעם רוף! צוטראָגט אים ווייט און ברייט! מיר ווילן! מיר ווילן! מיר האָבן אונזער ווילן צוריקגעוואונען! (גייט.) מיר ווילן אונזער פרייהייט צוריק! מיר ווילן אונזער בית המקדש צוריק!

עולם (הייבט זיך אָן צו צוגיין מיט געשרייען). מיר ווילן אונזער פרייהייט צוריק! מיר ווילן אונזער בית המקדש צוריק! (מען זשעסטיקולירט, פייערט, פאָרדערט.)

רבי עקיבא (אַ גרויסע, קרעפטיקע געשטאַלט, מיט אַ מילך ווייסער באָרד, גייט הינטער אַ קליינע גרופּע זשעסטיקולירנדיקע יידן און הערט זיך צו צו זייערע טענות: „מיר ווילן!... מיר ווילן!... מיר לאָזן נישט אָפּ!... און קאַמף — זאָל זיין קאַמף!)

נקדימון (אַ קרעפטיקער מאַן אין די מיטעלע יאָרן, שטעלט אָפּ רבי עקיבאן). רבי עקיבא, דיך זוך איך!

רבי עקיבא. קאָנסט שטענדיק מיך אין פאָלק געפינען. וואָס איז געשען?

נקדימון. רבי יהושע וויל דיך זען, שוואַכקייט האַלט אים צוגעבונדן צו זיין געלעגער.

רבי עקיבא. איך קום, איך קום, וועט לאַנג אויף מיר נישט וואַרטן. (פאַרמישט זיך צווישן אַנדערע גרופּן.)

## צווייטע סצענע

אַ צימער אין רבי יהושע בן חנניהס וואוינונג. אַ מיר רעכטס, הויך אין דער הינטער־וואַנט — פענסטער. אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער הינטער־וואַנט אַ רו־בעט. צוקאָפּנס פון בעט, לינקס, אַ טישל, אויף וועלכן עס ליגן פאַרנאַנדערגעוויקלטע און צונויפגעוויקלטע מגילות. אויפן בעט, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ סך קישן, האַלב־ליגנדיק — רבי יהושע. פאַר אים שטייט זיין משרת נקדימון.

רבי יהושע. האָסטו אַלעמען געטראָפן?

נקדימון. איך האָב קיינעם נישט געדאַרפט זוכן. זיי זייר־

נען געוועזן אין זייערע היימען, ווי זיי וואָלטן אויף מיר געוואַרט. איין רבי עקיבא האָט מיר איבעריקע צייט געקאָסט און שוין האָב איך געגלויבט, איך וועל אים נישט געפינען.

רבי יהושע. וואו איז ער דען געוועזן?

נקדימון. איך האָב אים נישט געפרעגט, ער האָט מיר נישט געזאָגט. אָבער איך האָב אים אָנגעטראָפן אין גאַס, ווען ער איז געגאַנגען הינטער עטלעכע יידן, מיט זיין אויער אויפקלייבנדיק די ווערטער, וואָס זיינען געפאַלן פון זייערע מיילער.

רבי יהושע. דער מאַן פון פאָלק, געוועזן און געבליבן. — ווען זיי אַלע קומען?

נקדימון. אויב צווישן מיין באַזוך און איצטער האָט גאָר־נישט מיט זיי געטראָפן.

רבי יהושע. און אַלע זיינען זיי געזונט? רבי חוצפית, רבי אלעזר בן שמוע, רבי ישבב, רבי יהודא בן בבא, רבי עקיבא... יאָ, יאָ, אים האָסטו אין גאַס געטראָפן... אַלע עלטער נאָך פאַר מיר, אויך רבי עקיבא... האָב קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין זיינע יאָרן... ער איז געבאָרן געוואָרן, זאָגט ער, ווען ער האָט זיין רחל אָנגע־טראָפן. אָבער ער איז שוין דעמאָלט געוועזן אַ מאַן אין יאָרן... ער מוז עלטער זיין פאַר מיר, כאָטש ער איז אַזוי שטאַרק. האָט גע־בראַכט מיט זיך פון פעלד און לאַנד אַ סך כוח, וועלכן די תורה האָט אַפשוואַכן נישט געקאָנט... גייט אַרום אין די גאַסן, די פיס טראָגן אים נאָך גוט, זיין אויער איז נאָך אַ שאַרפער ווערטער־זאַמ־לער... רבי אליעזר האָט פון אים געזאָגט, אַז זיין האַרץ איז גרויס ווי דער היכל פון דעם בית המקדש... דאָס איז דאָס געפערלעכסטע אין אים. זיין האַרץ וויל נישט אַלט ווערן, האָט פייער נאָך אין זיך... וואוהין איז ער אוועק, ווען דו האָסט אים פאַרלאָזן?

נקדימון. איך האָב באַמערקט, ער איז וויטער נאָכגע־לאָפן נאָך זיין אויער.

רבי יהושע. ער האָט נאָך נישט געהערט געגוג? בע־סער וואָלט ער געזעסן ביי דער תורה... וואָס וויל ער נאָר אַרויס־הערן?... יאָ, איך ווייס עס שוין צו גוט. האָלץ זוכט ער פאַר דעם פייער פון זיין האַרץ... האָסטו וואָס אויף דער גאַס פאַרנומען?

נ ק ד י מ ו ן. איך האָב אומרואיקייט געזען...

ר ב י י ה ו ש ע. אומרואיקייט...

נ ק ד י מ ו ן. אויגן פול מיט פייער...

ר ב י י ה ו ש ע. פייער אין די אויגן...

נ ק ד י מ ו ן. און מיילער, וואָס האָבן זיך געקרימט פאַר כעס.

ר ב י י ה ו ש ע. כעס קרימט דאָך אַלץ... האָסטו ווערטער אויפגעכאַפּט?

נ ק ד י מ ו ן. שילטונגען, פאַרשילטונגען...

ר ב י י ה ו ש ע. העלפן זיי? פירן זיי וואוהין?

נ ק ד י מ ו ן. מען מוז מיט עפּעס דאָך אויסדריקן דעם גרימ־צאָרן, דעם שמאַרץ.

ר ב י י ה ו ש ע. איך וויים, איך וויים... מיר שרייען, ווען מען שניידט אונז... און דער רווימער שניידט שוין צו טיף... דאָך דער שטאַרקער שרייט נישט, אפילו ווען מען שניידט אים... און מיר דאַרפן זיין שטאַרק.

נ ק ד י מ ו ן. קריגן שטאַרקע הענט...

ר ב י י ה ו ש ע. דו זאָגסט, וואָס דו האָסט אויף דער גאַס געהערט.

נ ק ד י מ ו ן. ניין, דאָס שרייט פון מיר מיין בלוט אַרויס.

ר ב י י ה ו ש ע. דו שטייסט שוין פאַר מיר, נקדימון, אַ סך מיט יאָרן און האָסט גאָרנישט פון מיר איבערגענומען. פיל־ייכט איז צייט, מיר זאָלן זיך צושיידן. דו פּאַסט צו רבי עקיבאן. אים האָסטו געדאַרפט באַדינען.

נ ק ד י מ ו ן. זיי מוחל, האַר, אָבער עס טוט שוין זייער וויי.

ר ב י י ה ו ש ע. טוט מיר נישט וויי, דו נאַר? דער קייסער אַדריאַנוס האָט מ י ר פאַרשפּראָכן, ער וועט לאָזן דעם בית המקדש אויפבויען, פון מ י ר האָט עס דאָס פאָלק געהערט, און מיך טרעפט אַמשטאַרקסטן, ווען דער קייסער האָט איצטער חרטה אויף זיין פאַרשפּרעך. אָבער וואָס קאָן כעס העלפן?

נ ק ד י מ ו ן. דאָס פאָלק גייט נאָך זיין האַרץ און נאָך דעם בלוט אין אים.

ר ב י  י ה ו ש ע. אָך, מען מוז עס שטילן... שטילן...

נ ק ד י מ ו ן. הלוואי וואָלסטו ביים פאָלק געווען און אים זיין בלוט געשטילט!

ר ב י  י ה ו ש ע. איך וועל... איך וועל... (ווערט אויפמערקזאַם) הער איך נישט טריט?

נ ק ד י מ ו ן (אַרויסקוקנדיק אין טיר). רבי עקיבא קומט.

ר ב י  י ה ו ש ע. דער ערשטער — ער... גוט, לאָז אונז דאָ אליין.

נ ק ד י מ ו ן. ער וועט דיר מער פון פאָלק דערציילן. (פאַר־בויגט זיך פאַר רבי יהושען און פאַר דעם אַריינקומענדיקן רבי עקיבא און גייט אַרויס.)

ר ב י  י ה ו ש ע (מיט אויסגעשטרעקטער שלום־האַנט). גע־בענטשט זאָלסטו זיין אין דיין קומען, עקיבא!

ר ב י  ע ק י ב א. געבענטשט זאָלסטו זיין אין דיין הויז, יהושע! (נעמט אָן די אויסגעשטרעקטע האַנט, בויגט זיך אַראָפּ און צוקושט זיך מיט רבי יהושען.) וואָס איז דיר? וואָס האַלט דיך אויף דיין געלעגער?

ר ב י  י ה ו ש ע. איך וואָלט געזאָגט: יאָרן, דאָך דו מיט דיינע יאָרן וואָלסט פאַר אַ ליגנער מיך געמאַכט. דו מיט דיינע יאָרן גייסט אַרום אין די גאַסן...

ר ב י  ע ק י ב א. איצטער ווייס איך: וואָס האָט מיך אין גאַס אַרויסגעטריבן, האָט דיך אין בעט אַוועקגעלייגט.

ר ב י  י ה ו ש ע. אפשר, עקיבא.

ר ב י  ע ק י ב א. נישט אפשר, נאָר געוויס. מיר טראָגן ביי־דע אונזערע יאָרן לייכט אויף אונזערע פּלייצעס, זיי האָבן אויך ד י י ן רוקן נאָך נישט אויסגעקרימט. אָבער די גזירות פון אדריאַנוס, ימח שמו, נעמען מיר אויף פאַרשיידן.

ר ב י  י ה ו ש ע. אמת, עקיבא. די לעצטע בשורות האָבן מיך אנידערגעוואָרפן און אַוועקגעלייגט — און דאָך, וואָלט איך נישט געזאָגט „ימח שמו".

ר ב י  ע ק י ב א (הייבט כּעסדיק אויף זיין פויסט). אנטשול־

דיק, ווען איך וועל מיין פויסט אראפּדונערן אויף דיין טיש!
(טוט עס.)

רבי יהושע (מיט אַ שמייכל). האסטו בלויז דיין האַנט דיר ווי געטאָן.

רבי עקיבא. אָבער צושפּאָלטן אויך דיין טיש.

רבי יהושע (איינקוקנדיק זיך אין טיש). און עובר גע־ווען אויף בל תשחית.

רבי עקיבא. דיין סטאָליער וועט אים גאַנץ מאַכן.

רבי יהושע. ווי שטאַרק דו ביזט נאָך, עקיבא.

רבי עקיבא. כעס גיט צו קראַפט.

רבי יהושע. אקעגן וועמען כעס, עקיבא? די ביזט אין כּעס אויף אַדריאַנוס, דו זאָגסט „די גזירות פון אַדריאַנוס" — קו־מען די גזירות נישט פון גאָט? איז נישט אדריאַנוס גאָטס שליח בלויז?

רבי עקיבא. און קאָן אויך זיין גאָטס נסיון בלויז. גאָט פּרואווט אונז אויס. גאָט וויל זען, ווי ווייט מיר קאָנען זיין אים געטריי און איבערגעגעבן.

רבי יהושע. גאָט וויל, מיר זאָלן זיין געדולדיק.

רבי עקיבא. גאָט וויל, מיר זאָלן קעמפן.

רבי יהושע. מיר האָבן שוין געקעמפט: קעגן אספּאַסיאַ־נוס און טיטוס, קעגן טראַיאַנוס. געקעמפט און פאַרלאָרן, ווייל גאָט וויל נישט אונזער קאַמף.

רבי עקיבא. ווייל מיר האָבן נישט גענוג אָרויפגעקוקט צו אים, נישט גענוג אונטערטעניק געמאַכט אים אונזערע הערצער, זיך נישט אים געבראַכט אינגאַנצן. מיר וועלן זיגן, ווען די מלחמה וועט אינגאַנצן זיין פאַר גאָט.

רבי יהושע. דורך וועמען רעדט גאָט, עקיבא? דורך מיר אָדער דורך דיר?

רבי עקיבא. דו ביזט געווען מיין רבי און לערער, יהושע. איך בין געזעסן פאַר דיר און תורה פון דיר געשעפּט. ווי קאָן איך דיר ענטפערן: דער אמת איז אינגאַנצן מיינער, און דו ווער מיין תלמיד, יהושע. און נאָך וויניקער וועל איך דיר ענט־

פערן: מיט מיר איז גאָט און נישט מיט דיר. עס איז, ווי איך האָב שוין לאַנג געזאָגט: אַלץ איז פאָרויסגעזען פון גאָט, אונז האָט ער געגעבן פרייען ווילן. דעם ריכטיקן וועג צו געפינען טאַפּן מיר אָפּט אין דער פינסטער. אָבער דו ליבסט אַ משל, און איך וועל מיט אַ משל דיר דערקלערן. אַ קעניג האָט געהאַט פיר זין, און אַ שונא איז אָנגעפאַלן אויפן לאַנד. איז איין זון געשלאָגן געוואָרן און האָט געשוויגן; דער צווייטער איז געשלאָגן געוואָרן און האָט זיך גענומען בעטן; דער דריטער איז געשלאָגן געוואָרן און האָט געבעטן נאָך קלעפּ; דער פערטער אָבער האָט געזאָגט: עס וועט זיין מער כבוד פאַרן טאַטן, ווען איך וועל מיין לעבן אָפּגעבן פאַר אים! און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קעמפן. וועמען פון די פיר זין, מיינסטו, וועט דער קעניגלעכער פאָטער מער ליב האָבן?

רבי יהושע. איך וועל דיר ענטפערן מיט דיין אייגע־נעם משל. אַ קעניג האָט געהאַט פיר זין און געמאַכט זיי פאַר שומרים פון אַ גרויסן אוצר. איז אָנגעפאַלן אַ שונא אויפן לאַנד און האָט עס איינגענומען און געזאָגט צו די פיר זין: ווען איר וועט זיין רואיק, וועל איך אייך לאָזן האַלטן אייער אוצר; ווען אָבער איינער פון אייך וועט אויפשטיין קעגן מיר, וועל איך פאַר־ניכטן אייך און דעם אוצר. האָט ער געשלאָגן איינעם, און דער איינער האָט געשוויגן; האָט ער געשלאָגן דעם צווייטן, און דער צווייטער האָט נאָר אָפּגעענטפערט מיט געבעט און טרערן; האָט ער געשלאָגן דעם דריטן, און דער דריטער האָט אָנגענומען די קלעפּ פאַר גוט און געבעטן נאָך; אָבער דער פערטער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרהאַלטן רואיק און איז אויפגעשטאַנען קעגן דער שלאָגנדיקער האַנט. האָט דער שונא געטאָן, ווי ער האָט געזאָגט, און פאַרניכטן זיי און דעם אוצר. וועמען פון די פיר זין, מיינסטו, וועט דער קעניגלעכער פאָטער מער ליב האָבן?

רבי עקיבא. מיט דיין אוצר מיינסטו דאָך אונזער תורה געוויס, און דיין משל טויג נישט, יהושע. קיין שונא קאָן זי נישט פאַרניכטן, און אום זי אָפּצוהיטן ווערן מיר געטריבן אין קאַמף.

ר ב י י ה ו ש ע. קאַמף מיינט פאַרניכטונג.

ר ב י ע ק י ב א. רואיקייט מיינט אונטערגאַנג.

ר ב י י ה ו ש ע (נאָך אַ קליינעם שווייגן). וואָס האָסטו אָנגע־הערט זיך היינט אין גאַס, עקיבא?

ר ב י ע ק י ב א. איך ווינש, דו וואָלסט עס אויך גע־הערט.

ר ב י י ה ו ש ע. וואָס רעדט דאָס פאָלק?

ר ב י ע ק י ב א. קאַמף.

ר ב י י ה ו ש ע. דאָך, געגנויער.

ר ב י ע ק י ב א. דאָס פאָלק וויל זיין בית־המקדש צוריק, וויל זיין פרייהייט צוריק, אום צו קאָנען דינען גאָט, ווי עס האָט אים אַמאָל געדינט — אין דער צייט פון אונזער פרייהייט.

ר ב י י ה ו ש ע. און מיינט צו קריגן זי מיט וואָפן אין די הענט?

ר ב י ע ק י ב א. ווייל עס האָט קיין אַנדער מיטל נישט.

ר ב י י ה ו ש ע. עקיבא, מיר מוזן אָפּרעדן דאָס פאָלק פון אַזאַ שריט.

ר ב י ע ק י ב א. האָסטו אַן אַנדער מיטל?

ר ב י י ה ו ש ע. איך האָב דערפאַר געשיקט רופן צו מיר דעם בית דין.

ר ב י ע ק י ב א (לאַכט אויף). ווייסטו, פאַרוואָס ישראל ווערט געגליכן צו אַ פויגל, צו אַ טויב? ווייל ווי אַ פויגל קאָן זיך נישט אויפהויבן פון אָרט אָן זיינע פליגלען, אַזוי קאָן ישראל זיך נישט אַ ריר טאָן אָן זיינע עלטסטע, זיינע זקנים.

ר ב י י ה ו ש ע. באַדויערסטו עס? איז עס שלעכט?

ר ב י ע ק י ב א. ניין, ניין. מיין משל איז אָבער גוט.

ר ב י י ה ו ש ע. אויב ער איז גוט געמיינט. די עלטסטע פון פאָלק האָבן ביז אַהער געפירט דאָס פאָלק און וועלן עס ווייטער פירן. איך בין זיכער, זיי וועלן רעדן שלום. רעד דו אויך שלום.

ר ב י ע ק י ב א. אויב שלום פירט צו דעם, וואָס אונזער

פאָלק וויל און דאַרף און וואָס גאָט וויל פון אונזער פאָלק, בין איך נישט קעגן אים.

רבי יהושע. שלום איז דער איינציקער וועג, שלום איז די רעטונג.

רבי עקיבא. אויף מיינע וואַנדערונגען האָב איך אַמאָל אָנגעטראָפן אויף אַ זייער הויכן באַרג. פּלוצלינג איז אַ געדאַנק מיר דורכגעגאַנגען: דער שפּיץ דערגרייכט באַלד דעם הימל, אָבער קיין מענטש האָט אים נאָך נישט באַטראָטן צו לויבן פון אים דעם הימל־באַוואוינער. און גלייך האָב איך דערפילט, איך טאָר נישט גיין פאַרביי. איך מוז דעם שפּיץ דערגרייכן און דאָרטן בענטשן גאָט. לאַנג איז דער וועג געווען, אַ טאָג און צוויי האָט ער געדויערט, און וואָס נענטער צום שפּיץ, אַלץ שווערער איז ער געווען. באַלד איז דאָס קלעטערן גאַנץ אוממעגלעך געוואָרן — פעלזן און אָפּגרונטן, שניי און אייז. אָבער איך האָב זיך געזאָגט: דו ביזט אַרויסגעגאַנגען גאָט צו בענטשן דאָרטן אויפן שפּיץ, דו קאָנסט נישט גיין צוריק. נעם דיין לעבן אין דיינע הענט און קלעטער ווייטער. וואָס מער געפאַרן, אַלץ אָנגעלייגטער וועט זיין ביי גאָט דיין ברכה. און אויף הענט און פיס, אויף אַלע פיר, מיט נאָז און ציינער, האָב איך דערגרייכט דעם שפּיץ, און קיינמאָל האָב איך נאָך נישט אַזוי גאָט געלויבט.

רבי יהושע. און מיינסט, דו האָסט געטאָן, וואָס גאָט האָט פון דיר געוואָלט?

רבי עקיבא. איך צווייפל נישט אין דעם.

רבי יהושע. דיין משל ציינגט מיר קלאָר, ווי ווייט מיר צוגייען זיך, עקיבא.

רבי עקיבא. דאָס ווייס איך שוין די גאַנצע צייט.

רבי יהושע. די אסיפה וועט אויסמאַכן צווישן מיר און דיר. אָדער זאָל איך דערמאָנען, אַז איך בין דער ראש פון בית דין און מיין וואָרט גייט פאָרויס?

רבי עקיבא. איך האָב דעם טיש צושפּאָלטן, ווילסטו, איך זאָל אים אינגאַנצן צוברעכן?

ר ב י  י ה ו ש ע. גוט עקיבא, גוט, מיר זיינען שטענדיק פריינט געווען.

רבי עקיבא (גיט אים די האַנט). אַ דאַנק, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט. מיין רבי דו און לערער, איך האָב דיך אמת ליב, יהושע.

ר ב י  י ה ו ש ע. און גאָט וועט דיך ווידער צופירן צו מיר.

ר ב י  ע ק י ב א. אָדער דיך צו מיר.

ר ב י  י ה ו ש ע (מיט געבעט). לאָז מיר דאָס לעצטע וואָרט, עקיבא.

ר ב י  ע ק י ב א (קוקט אים אָן, גלייכט זיך אויס. שטאָלץ און זעלבסט־באַוואוסט, שמייכלט גוטמוטיק אָפּ און צערטלט רבי יהושעס האַנט, וועלכע ער האָט געהאַלטן).

ר ב י  י ה ו ש ע. דו הערסט? טריט און שטימען. סנהדרין קו־מען. פיר מיך ארוים אין סנהדרין־זאַל.

ר ב י  ע ק י ב א. איך קאָן דיך אפילו ארויסטראָגן.

## ד ר י ט ע  ס צ ע נ ע

אַן אַנדער שטאָט־פּלאַץ.

ע ו ל ם (אין אויפרעגונג). מיר ווילן דעם בית המקדש! דעם בית המקדש ווילן מיר צוריק! (דער געשריי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געזאַנג.) מיר שווערן צו גאָט, אַ נדר געבן מיר צום אַלמעכ־טיקן פון יעקב: מיר וועלן נישט רוען, מיר וועלן נישט שלאָפן, ביז גאָטס הויז וועט ווידער אויפגעשטעלט ווערן, אויפגעבויט וועט ווערן דאָס געצעלט פון דעם אַלמעכטיקן.

אַ  ט ר ו פּ ע  ר ו י מ י ש ע  ס אָ ל ד אַ ט ן (קומט אָן). וואָס׳ט איר זיך אַזוי צוזונגען, יהודים? איר וועט אייער טעמפּל נישט האָבן.

ע ו ל ם. מיר וועלן!

ר ו י מ ע ר. קייסער אַדריאַנוס דערלויבט נישט, וועט נישט דערלויבן.

ע ו ל ם. און מיר וועלן בויען!

רוימער. וואָס?! איר קרעציקע הינט!

דער אומבאַקאַנטער (טרעט אַרויס פאַר די רוימער). הינט זייט איר אַליין און קרעציק גאַנץ געווים! (לייגט אַוועק איין רוימער און אַ צווייטן מיט די זעץ פון זיינע פויסטן. עולם וואַרפט זיך אַרויף אויף די איבערראַשטע רוימער, וועלכע הייבן אָן צו אַנט־לויפן.)

נקדימון (פאַרהאַלטנדיק די נאָכלויפער). שטייט! שטייט! רואיק! הערט מיך! הערט מיין וואָרט, וואָס איז רבי יהושעס וואָרט!

דער אומבאַקאַנטער. צו וואָס דאָס וואָרט? מיר ווילן טאַט!

נקדימון. וואָס איז די טאַט אָן רבי יהושעס ראַט? איז ער נישט אונזער פירער? איידער איר גייט צו טאַט אַריבער, מוזט איר הערן רבי יהושעס ראַט.

עולם. קומט צו רבי יהושען! קומט צו רבי יהושען! (לאָזן זיך לויפן.)

דער אומבאַקאַנטער (נאָכגייענדיק). ער קאָן דאָס פייער איינשטיקן, ער וועט עס נישט פאַרלעשן.

## פערטע סצענע

אין סנהדרין־זאַל. די סנהדרין זיצן אין האַלב־קרייז. רבי יהו־שע אינמיטן, רבי עקיבא רעכטס פון רבי יהושען, רבי יוסי בן קיסמא לינקס. אין איין שורה מיט רבי עקיבאן זיצן רבי טרפון, רבי חוצפית, רבי חנינא און רבי יוסי הגלילי; אויף רבי יוסי בן קיסמאס זייט זיצן רבי אליעזר בן פרתא, רבי ישבב, רבי אלעזר בן שמוע, רבי יהודה און רבי חלפתא.)

רבי יהושע. איר וועט מיר אַלע מוחל זיין, וואָס איך בין נישט אויפגעשטאַנען ביי אייער אַריינקום. מיין שוואַכקייט האַלט מיך צוגעבונדן צו מיין געלעגער. דערפון קאָנט איר דרינ־גען, ווי שטאַרק מיין שוואַכקייט איז. בין איך איצטער נישט אַ משל צום פאָלק ישראל? זיין שוואַכקייט שטאַרקט אים אין זיין גאָט.

ר ב י ח ו צ פ י ת. דאָס וועל איך איבערזאָגן פאַרן פאָלק.

ע ט ל ע כ ע (חזרן איבער). זיין שוואַכקייט שטאַרקט אים אין זיין גאָט!

ר ב י ע ק י ב א. זאָל עס הייסן, אַז אונזער פאָלק דאַרף שטענדיק שוואַך זיין? נאָר מוזן מיר זאָגן, אויב ער איז שוואַך, איז עס אַ סימן, אַז ער איז שוואַך אין גאָט. אָבער ווען ער וועט זיין שטאַרק אין גאָט, וועט ער שטאַרק ווערן.

ר ב י א ל ע ז ר. דאָס זיינען ווערטער, וועלכע דאַרפן געחזרט ווערן אין פאָלק.

ע ט ל ע כ ע. יאָ! יאָ!

ר ב י י ה ו ש ע. איך און עקיבא רעדן דעם זעלביקן לשון, אָבער צווישן אונזערע כוונות ליגט אַ גאַנצער אָפּגרונט.

ר ב י א ל ע ז ר. מיין אויער האָט נישט אַרויסגעהערט קיין ווידערשפּרוך.

ר ב י י ה ו ש ע. קיינער פון אייך האָט אים נישט אַרויס־געהערט, איר וועט אים אָבער באַלד דערהערן. איר ווייסט דאָך שוין, פריינט, אַז אַדריאַנוס האָט חרטה געקראָגן אויף זיין פאַר־שפּרעך און וויל אונז נישט דערלויבן אויפצובויען צוריק דעם בית המקדש.

אַ ן א ו י פ ק ר ע כ ץ. ווי אונז! ווי אונז!

ר ב י ט ר פ ו ן. אַלע ווייסן עס שוין, אויך דאָס פאָלק אין אַלע גאַסן.

ר ב י י ה ו ש ע. אָבער איך האָב מורא פאַר ערגערע זאַכן, בין חושד שווערערע גזירות.

ר ב י ע ק י ב א (שפּרינגט אויף). און האָסט גערעדט פון שלום!

ר ב י י ו ס י ב ן ק י ס מ א. פון וואָס האָסטו גערעדט, עקיבא?

ר ב י ע ק י ב א. אויב נישט פון שלום, פון וואָס האָב איך גערעדט?

ר ב י י ו ס י ב ן ק י ס מ א. האָסט נאָך נישט אָפּגעלערנט, עקיבא?

רבי עקיבא. איך האָב אָפּגעלערנט גאָטס ווילן צו פאַרשטיין.

רבי יוסי בן קיסמא. וואָס איז גאָטס ווילן? ווייסטו דען נאָך נישט, ברודער, אַז פון הימל האָט מען רוים געקרוינט. זי האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, פאַרברענט גאָטס פּאַלאַץ, אויסגעהרגעט די פרומע און פאַרניכט אונזערע בעסטע, און דאָך איז זי נאָך זי. איז עס נישט גאָטס ווילן? וועט נישט אַ מלחמה קעגן רוים זיין אַ מלחמה קעגן גאָט?

רבי עקיבא. דו רעדסט, ווי דו וואָלסט אַ רוימער געווען. אַדריאַנוס דאַרף דיך דערנענטערן צו זיך.

רבי יוסי בן קיסמא. איך רעד אמתע ווערטער, און דו קומסט מיך צו באַליידיקן.

רבי עקיבא. איך זאָג, דו רעדסט ווי אַ רוימער — און אויב רוים איז איצטער דאָס אויסגעוויילטע פאָלק פון גאָט, וואו איז דאָ די באַליידיקונג?

רבי טרפון. וואָס איז גאָטס ווילן, עקיבא?

רבי עקיבא. גאָט וויל דעם גאַנצן מענטש. „ואהבת את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך" — און דו זאָלסט ליבן דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער נשמה — דו דאַרפסט זיין גרייט אַוועקצוגעבן פאַר אים דיין נשמה, דיין לעבן. ווען גזלנים פאַלן אויף אונז אָן און זאָגן: גיט אונז אייער געלט, אַז נישט וועלן מיר נעמען אייער לעבן, וועלן מיר זיי אַוועקגעבן דאָס געלט און ראַטעווען אונזער לעבן. איז גאָט געלט? זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פון גאָט, אום צו ראַטעווען אונזער לעבן? ניין! מיר מוזן אָפּגעבן אונזער לעבן און בלייבן געטריי אונזער גאָט. די רוימער זיינען די גזלנים, וועלכע גאָט האָט אויף אונז אָנגעשיקט. זיי האָבן חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, גע־טויט אונזערע בעסטע. אָבער גאָט איז נישט דער גאָט פון אונזערע בעסטע, נאָר ער איז דער גאָט פון גאַנצן פאָלק ישראל. ער וויל זיין שטאַרק אין דעם קלענסטן ייד, ווי אין דעם גרעסטן. דער ערגסטער זאָל אים ליבן מיט דער גאַנצער נשמה, ווי דער בעסטער. יעדער ייד זאָל זיין גרייט אַוועקצוגעבן

פאַר אים דאָס לעבן. דאָס איז גאָטס ווילן. דאָס איז, וואָס ער וויל און דערוואַרט פון זיין פאָלק ישראל, פון דעם גאַנצן פאָלק. דערפאַר איז רוים שטאַרק און שטייט איבער דעם גאַנצן פאָלק ישראל ווי אַ גזלן. און ווען איך הער, ווי מענטשן פון מאַרק רעדן מלחמה און ווילן אַוועקגעבן זייער לעבן אין קאַמף פאַר גאָט, ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט פרייד. ישראל, גאַנץ ישראל האָט דערפילט, וואָס גאָט וויל פון אים. און ווען ישראל האָט דערפילט, וואָס גאָט וויל פון אים, איז ער געראַטעוועט. וויל גאָט וועט האַלטן זיין פאַרשפּרעך, וואָס ער האָט אים פאַרשפּראָכן. אַזוי האָב איך אָפּגעלערנט גאָטס ווילן צו פאַרשטיין. די מאַכט פון רוים איז נאָר די רוט, וועלכע גאָט האַלט איבער זיין פאָלק. ער וועט זי צובּרעכן, ווען ער וועט זי מער נישט דאַרפן, וויל ישראל וועט דערפילן, וואָס גאָט וויל פון אים.

רבי טרפון. דו האָסט מיך באַלערנט, עקיבא, און געטרייסט און געשטאַרקט.

רבי יוסי הגלילי. מיינע טרערן זיינען טרערן פון פרייד.

רבי חנינא. דיינע ווערטער וועלן מיר אַ וועגווייזער זיין, עקיבא.

רבי אליעזר בן פרתא. זאָל גאָט אויסהיטן, עקיבאס ווערטער זאָלן וועגווייזער ווערן! זיי פירן צו מלחמה און פאַרניכטונג. מיר אָבער דאַרפן זיך פאַרהאַלטן רואיק, אין שלום איז אונזער מעגלעכקייט צו לעבן.

רבי יוסי בן קיסמא. אָן שלום איז גאָרנישט, מיט שלום איז אַלץ, און אַזוי זאָגן מיר דאָך: „עושה שלום ובורא את הכל" — ער מאַכט שלום און שאַפט אַלץ.

רבי ישבב. מיר דאַרפן זיך האַלטן איינער אָן דעם אַנדערן, ליבן שלום און גערעכטיקייט — אין דעם איז אונזער איינציקע האָפענונג.

רבי יהודה. פון מיין אַכצענטן יאָר שלאָף איך נישט מער ווי דעם שלאָף פון אַ פערד, וויל איך וויל אָפּהיטן דעם „והגית יומם ולילה", און איך לערן די תורה טאָג און נאַכט.

וואָס ווייס איך פון מלחמה אָדער שלום? אָבער איך באַגרייף, אַז שלום איז בעסער פאַר תורה־לערנען, ווי מלחמה. בין איך פאַר שלום. זאָל נאָר דער רוימער נישט שטערן אונז אין תורה־לערנען, וועט שוין דאָס יידישע פאָלק נישט אונטערגיין.

ר ב י ח ל פ ת א. הקדוש ברוך הוא האָט נישט געפונען קיין בעסערע בענטשונג פאַר יידן ווי דעם שלום.

ר ב י א ל ע ז ר. איך בין שוין באַלד הונדערט יאָר אַלט, און אויף מיין לעבן האָב איך זיך קיינמאָל מיט קיינעם נישט געקריגט און קיינעם מיט אַ בייז וואָרט אַפילו נישט דערווידערט. איך האַלט פון שלום, שלום איז אַ גרויסע זאַך. זיבן גריבער פאַר דעם שלום־מענטש, און ער וועט נישט אַריינפאַלן; איין גרוב פאַר דעם קריגס־מענטש, און ער וועט אַריינפאַלן.

ר ב י ח ו צ פ י ת. גרויס איז דער שלום, ווייל דער שלום פאַרן לאַנד איז ווי הייוון פאַרן טייג.

ר ב י י ה ו ש ע. גרויס איז דער שלום, ווייל דער נאָמען פון הקדוש ברוך הוא איז שלום, ווי עס שטייט אין פסוק: „ויקרא לו יהוה שלום" — און ער האָט אים אָנגערופן גאָט שלום.

ר ב י ע ק י ב א. איך הער און שטוין. זיינען מיר זיך צו־נויפגעקומען צו הערן ווערטלעך וועגן שלום? דער בית המקדש אָבער וועט נישט געבויט ווערן! איז דאָס אייער עצה: מיר זאָלן זיך האַלטן אָן שלום, ווייל גאָטס נאָמען איז שלום? אָבער עס שטייט אויך געשריבן: „יהוה איש מלחמה" — גאָט איז אַ קריגס־העלד!

ר ב י ח נ י נ א. נאָך דיין מויל וועלן מיר גיין, עקיבא.

ר ב י ט ר פ ו ן. וואָס איז דיין עצה, עקיבא?

ר ב י י ו ס י ה ג ל י ל י. וואָס קאָנען און וואָס זאָלן מיר טאָן, עקיבא?

ר ב י י ה ו ש ע. פאַרוואָס פרעגט איר עקיבאן? איז עס אַ דין אין דער תורה, וואָס איר ווילט פון אים אַרויסגעפינען? איז עס אַ וואָרט אין דער תורה, וואָס איר ווילט הערן פון אים זיין פשט? אַ גזירה קומט אויף כלל ישראל, און מיר אַלע זיינע עלטסטע און פירער דאַרפן זיך באַקלערן, וואָס עס איז צו טאָן. איך וועל דיך

פרעגן, חנינא, און דיך, טרפון: וואָס איז אייער עצה? און דיך, יוסי: וואָס קאָנען און וואָס זאָלן מיר טאָן?

ר ב י ע ק י ב א. פרעג אויך דעם גאַנצן כלל ישראל! די גזירה איז אויף אים. לאָמיר הערן, וואָס זאָגן די מענטשן פון דער מאַסע.

ר ב י י ה ו ש ע. די מענטשן פון דער מאַסע! וואָס ווייסן די מענטשן פון דער מאַסע? ווי זייערע פּנימער זיינען פאַרשיידן, אַזוי זיינען זייערע מיינונגען פאַרשיידן.

ר ב י ע ק י ב א. פרעג זיי און וועסט אויסגעפינען, אַז זיי האָבן איין מיינונג און איין ווילן. זיי רעדן אַלע ווי איין מענטש.

ר ב י י ה ו ש ע. און איך זאָג דיר, זיי ווייסן נישט, וואָס זיי ווילן. דו רעד צו זיי מלחמה, און זיי וועלן שרייען מיט דיר: מלחמה! איך וועל צו זיי רעדן שלום, און זיי וועלן ענטפערן נאָך מיר: שלום! שלום!

ר ב י ע ק י ב א. און איך זאָג דיר, זיי האָבן גאָט דער־פילט, גאָטס ווילן איז אין זיי.

ר ב י י ה ו ש ע. וועלן מיר צוערשט באַקלערן, וואָס איז גאָטס ווילן. דו זאָגסט: מלחמה און טויט...

ר ב י ע ק י ב א. ניין: און זיג!

ר ב י י ה ו ש ע. איך זאָג שלום און לעבן!

ר ב י ע ק י ב א. ניין: און אונטערגאַנג!

ר ב י י ה ו ש ע. ווייל די מענטשן פון דער מאַסע רעדן מלחמה, זאָגסטו, גאָטס ווילן איז אין זיי. ווען איך וועל זיי אי־בעררעדן צו שלום, און זיי וועלן אָנהויבן צו רעדן שלום, וועסטו דעמאָלט דערקענען אין זיי גאָטס ווילן?

ר ב י ע ק י ב א. ניין, נאָר ד י י ן ווילן און דיין איבער־רעדונג.

ר ב י י ה ו ש ע. וועט מיין ווילן זיין שטאַרקער פאַר גאָטס?

ר ב י ע ק י ב א. גאָט האָט אונז אַנטפּלעקט זיין ווילן אין אַלע זיינע געבאָטן, אָבער ער האָט אונז נישט באַפאָנצערט קעגן איבעררעדונג.

ר ב י י ה ו ש ע. גאָטס ווילן האָט זיך שטענדיק אַנט־

פלעקט צו זיין פאָלק דורך זיינע פירער. מיר וועלן אָפּשטימען...
(שטאַרקער געוויש אין צווייטן צימער. אַלע אויגן ווענדן זיך צו
דער טיר. נקדימון קומט אַריין, הינטער אים אַ גרויסע צאָל יידן, יונ־
גע און מיטליעריקע און אויך עטלעכע אַלטע, מיט אָנגערוקטע,
ערנסטע, האַרטע געזיכטער. דער אומבאַקאַנטער קומט אַריין צו־
לעצט און בלייבט שטיין אין דער טיר.)

די אַריינגעקומענע (ברומען אַרויס מיט איינגעהאַל־
טענע פינסטערע שטימען). שלום!

רבי יהושע. דאָס וואָרט איז שלום, די שטימען זיינען
עס נישט.

שטימע. ווייל אונזערע הערצער האָבן אים נישט.

רבי יהושע. וואָס זייט איר געקומען?

נקדימון. איך האָב זיי געבראַכט.

רבי יהושע. אַ קנעכט, וואָס שטייט אויף קעגן זיין
האַר!

נקדימון. דאָס בין איך נישט. דו ווילסט זיי שטילן...

רבי יהושע. נאָכדעם, ווי דו האָסט זיי אומגעדולדיקער
געמאַכט!

נקדימון. ניין, איך האָב זייער אומגעדולד געצאַמט
און איבערגערעדט זיי צו קומען אַהער. ווען נישט, וואָלט בלוט
זיך געגאָסן אין די גאַסן.

רבי יהושע. בלוט?!

נקדימון. פון די רוימער.

רבי יהושע. און אויך יידיש בלוט.

יונגער. ביזן לעצטן טראָפּן פון אונזער בלוט וועלן מיר
קעמפן!

מיטליעריקער. מיר וועלן דעם רוימער נישט לאָזן
שפּילן זיך מיט אונז?

אַלטער. מיר ווילן צוריק אונזער בית־המקדש און זיינען
אַלע גרייט צו שטאַרבן פאַר אונזער גאָט.

רבי עקיבא. מיט דעם געפיל און ווילן וועט מען זיגן!

אומבאַקאַנטער (אין טיר). גוט געזאָגט!

ר ב י  ע ק י ב א (קוקט זיך אויף אים אום, קוקט זיך אין אים איין).

ר ב י  י ה ו ש ע. ווער פון אונז זאָל רעדן: איך אָדער עקיבא? בין איך דער בית־דין־ראש אָדער איז עס ער?

ר ב י  ע ק י ב א. רעד דו! רעד דו! מיר איז וויכטיק מער דער ענטפער, וועלכן דו וועסט קריגן.

א ו מ ב א ק א נ ט ע ר. רעדן! רעדן!

ר ב י  י ה ו ש ע. יאָ, רעדן, רעדן... און בעסער טאָקע אין גאַנצן שווייגן. זאָל יעדער טאָן זיין אייגענע אַרבעט, נאָכגיין זיין באַשעפטיקונג, פאַרן כלל וועט גאָט שוין טאָן.

ר ב י  א ל י ע ז ר  ב ן  פ ר ת א. אויף אַזאַ צייט ווי אונ־זערע האָט דער נביא ישעיה אָנגעוויזן, ווען ער האָט געזאָגט: „גיי, מיין פאָלק, קום אין דיינע צימערן און פאַרשליס די טירן הינטער זיך, וואַרט אָפּ אַ קליינע ווייל, ביז דער גרימצאָרן וועט אַריבער.“

ד ע ר  י ו נ ג ע ר. די אומגעדולד טרייבט אונז אין די גאַסן, מיר ווילן זיך נישט קאָנען מער פאַרשליסן!

ר ב י  י ה ו ש ע. וועלכע אומגעדולד?

ד ע ר  א ל ט ע ר. מיר ווילן דעם בית־המקדש...

ר ב י  י ה ו ש ע. איך האָב עס געהערט. וועט איר אים מיט מלחמה און בלוטפאַרגאָס אויפבויען? קאָנט איר זיך ריכטן, אַז איר וועט דעם רוימער באַזיגן? צווינגען אים צו טאָן אייער ווילן אָדער גאָר פאַרטרייבן אים פון לאַנד?

ד ע ר  מ י ט ל י ע ר י ק ע ר. וואָס וועט זיין, וועט זיין, מיר קאָנען מער נישט שווייגן!

ר ב י  י ה ו ש ע. איר ווילט דעם בית־המקדש, איר ווילט יידן זיין און בלייבן — ווילט איר אַלע יידן אויסטויטן? ווילט איר זיך אַליין אָפּמעקן פון דער ערד?

ד ע ר  א ל ט ע ר. וואָס שרעקסטו אונז מיט טויט!

ד ע ר  מ י ט ל י ע ר י ק ע ר. מיר ווילן יידן זיין און בלייבן — דערפאַר ווילן מיר קעמפן!

ד ע ר  י ו נ ג ע ר. עס קאָכט דאָס בלוט אין אונז, אונזערע הענט פויסטן זיך פון זעלבסט!

ר ב י  י ה ו ש ע. ווער ווערט פון בלוט געפירט? ווער לאָזט די הענט רעגירן? מען מוז קאָפּ געברויכן, מען מוז שטענדיק איבערלייגן. יידן מוזן בלייבן, אונזער פאָלק דאַרף נישט פאַר־ניכט ווערן. מיט בייזן וועלן מיר גאָרנישט קריגן, וועלן זיך אַליין דעם טויט נאָר ברענגען. איך שרעק אייך נישט מיט טויט, איך שרעק אייך אָפּ פון טויט. איך וויל נישט, איר זאָלט אומקומען. יידן דאַרפן לעבן און יידן זיין. אַדריאַנוס האָט אונז פאַרשפּראָכן דעם בית המקדש און וויל זיין וואָרט נישט האַלטן, מוזן מיר זיך בויגן, כדי עס זאָל נאָך נישט ערגער ווערן. און זאָל עס ערגער ווערן, מוזן מיר זיך בויגן, כדי דאָס לעבן זיך צו ראַטעווען, ווייל יידן מוזן לעבן, מוזן זיין. איך וועל עס אייך דערקלערן מיט אַ משל: אַ לייב האָט וואָס פאַרצוקט, און אַ ביין האָט זיך אים גע־שטעלט אין האַלז. האָט ער געזאָגט: „ווער עס וועט מיר אַרויס־נעמען די ביין פון האַלז, יענעם וועל איך גוט באַלוינען." איז געקומען אַ שטאָרך מיט זיין לאַנגן שנאָבל, האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין דעם לייבס מויל און אַרויסגעצויגן די ביין. אָבער אַז ער האָט געבעטן די באַלוינונג, האָט אים דער לייב געענטפערט: „גיי און באַרים זיך, אַז דו האָסט געהאַט דיין קאָפּ אין לייבס מויל און אַרויסגענומען אים אַ גאַנצן — קיין בעסערע באַלוינונג דאַרפסטו נישט האָבן". אַזוי איז אויך מיט אונז. לאָמיר נישט פאָדערן, וואָס דער רוימער האָט אונז פאַרשפּראָכן. לאָמיר דאַנקען גאָט, וואָס ער לאָזט אונז ווייטער לעבן, יידן זיין און יידן בלייבן. (צוואַויינט זיך. שטילקייט פילט אויס דעם צימער. אַלע לאָזן אַראָפּ די קעפּ, נאָר דער טיר קוקט אויף אַלעמען מיט האַרטן, פעסטן בליק, און רבי עקיבא, מיט זיין שטרענגן גע־זיכט, קלאַפּט אומגעדולדיק אויף די הענטלעך פון זיין שטול און גיט אַ קוק פון דער זייט אויף דעם אומבאַקאַנטן.)

ד ע ר  אַ ל ט ע ר  (ברומט ברוגזדיק אַרויס). מיר וועלן וואַרטן.

ר ב י  ע ק י ב א  א ו ן  ד ע ר  א ו מ ב א ק א נ ט ע ר (לאַכן גלייכצייטיק אויף).

ד ע ר  מ י ט ל י ע ר י ק ע ר (ברוגזדיק). נאָר וואַרטן.

דער יונגער. ווארטן! (מיט אַ זיפץ.) ווארטן.

רבי עקיבא (קוקט זיך ווידער אום פון דער זייט אויף דעם אומבאַקאַנטן).

נקדימון. איך האָב דיר פריער געזאָגט, מיין האר: הלוואי וואָלסטו ביים פאָלק געווען און אים זיין בלוט געשטילט. די קלוגקייט איז מיט דיר, מיט אונז איז נאָר די היציקייט. עס וואָלט געווען גוט, ווען דו גייסט ארויס אין פאָלק און באַרואיקסט עס.

רבי יהושע. איך וועל עס טאָן, איך וועל אין פאָלק ארויס. איך וועל אָבער מער נאָך טאָן. איר זעט מיך איצטער ווי צוגענאָגלט צו מיין בעט. אונטערגעשפּאַרט מיט קישנס, ווייל מיין קראַפט האָט מיך פאַרלאָזן. איך פיל, מיין כוח קומט צו מיר צוריק, איך ווער געזונט. איך פאָר צום קייסער אַדריאַנוס, וועלכער געפינט זיך אין אַלעקסאַנדריע. (באַוועגונג צווישן די זקנים און דעם עולם, רבי עקיבא און דער אומבאַקאַנטער בלייבן רואיק.)

רבי חוצפית. דאָס איז גרויס!

עולם (חזרט איבער מיט התפעלות). גרויס! גרויס!

רבי אליעזר בן פרתא. דאָס איז פיל!

עולם. פיל! פיל!

רבי יוסי בן קיסמא. דאָס הייסט מקריב זיין זיך פאַרן פאָלק!

עולם. מקריב זיין זיך! מקריב זיין זיך!

רבי יהושע. איך וועל מיט אים רעדן, איך וועל אים בעטן, איך וועל וויינען פאַר אים, און האָף צו גאָט, איך וועל זיין הארץ אומקערן צו גוטן. (זקנים הייבן אָן צו וויינען פאַר גערירטקייט.)

רבי יוסי בן קיסמא (מיט טרערן). דו וועסט! דו וועסט!

עולם (מיט התלהבות). דו וועסט!

רבי יהושע. דער געדאַנק קומט פון גאָט. מיין רייזע וועט ברענגען די ישועה.

נקדימון (צום עולם). קומט אין די גאַסן, מיר ווילן עס

אין פאָלק פאַרשפּרייטן. רבי יהושע האָט שוין נישט איין מאָל געבראַכט די ישועה, ער וועט זי ווייטער ברענגען.

ע ו ל ם (ווענדט זיך צו דער טיר).

א ו מ ב אַ ק אַ נ ט ע ר (מיט שטאַרקער באַפוילערישער שטימע). עס וועט געשען, וואָס מוז געשען! (אַלע אויגן ווענדן זיך צו אים.) וואַרטן הייסט צוגרייטן!

ר ב י ע ק י ב א. קום דאָך אַרויס פאָראויס! וואָס שטייסטו ביי דער טיר?

א ו מ ב אַ ק אַ נ ט ע ר. ווען מיר וועלן אַרויסגיין, וועל איך דער פירער זיין. (נעמט אָן פירער־פּאָזע, מוסטערט דעם עולם און גייט אַרויס. דער עולם גייט אים נאָך, אויסשטעלנדיק זיך אין שורות, די יונגע פאָראויס, הינטער זיי די מיטליעריקע, צולעצט די אַלטע.)

ד י י ו נ ג ע (ברעכן אויס אין אַ געזאַנג). וואַרטן הייסט צו־גרייטן, און צוגרייטן גיט זיכערקייט, און זיכערקייט מאַכט שטאַרק. צוגרייטונג פון הענט און צוגרייטונג פון פיס, און צו־גרייטונג פון מוט — פון מוט, וואָס איז שוין גרייט. (די מיטל־יעריקע און די אַלטע פאַלן אַריין אין דעם געזאַנג.) מיר זיינען ווייניק נאָך, און קליין איז אונזער צאָל, מיר וואַקסן אָבער שנעל, ווייל וואַרטן איז פאַרמערונג. (דער געזאַנג פאַרקלינגט.)

ר ב י ע ק י ב א. קען אים ווער פון אייך? ווער איז ער?

ר ב י י ה ו ש ע. איך ווייס נישט, ווער ער איז, איך ווייס נאָר, וואָס ער איז. ער איז אַ נאַר...

ר ב י ע ק י ב א (שפּרינגט אויף). מיר איז, ווי דו וואָלסט געזינדיקט מיט דעם וואָרט! אויב ער איז אַ נאַר, וויל איך זיין מיט אים דער נאַר. דיין רייזע וועט זיין אומזיסט, וועסט דאָס האַרץ פון אַדריאַנוס נישט דערווייכן. דיין געדאַנק איז נישט פון גאָט, האָסט גאָטס ווילן נישט דערקענט. די מענטשן פון דער מאַסע האָבן אים דערשפּירט, דער אומבאַקאַנטער ווייס אים. אָבער איך וועל דיר נישט שטערן. פאָר צו אַדריאַנוסן, דערקען דאָרטן דיין טעות. איך מאַך קיין אַנדער טעות נישט: דו האָסט די מאַסע נישט געוואונען! וואַרטן הייסט צוגרייטן. דער אומבאַקאַנטער וועט פירער ווערן. איך וועל וואַרטן און צוגרייטן. פרידן אייך אַלעמען!

עס וועט געשען, וואָס מוז געשען! (גייט אַרויס מיט פעסטע טריט.)

ר ב י י ה ו ש ע (שטייט אויף, גלייכט זיך אויס און זאָגט פעסט). איך פאָר צום קייסער אַדריאַנוס! (גייט צו דער טיר.)

ז ק נ י ם (הינטער אים). וואַרטן הייסט צוגרייטן — מיט תפלה, תענית און מיט צדקה. תשובה איז אונזער צוגרייטונג. תורה־לער־נען, מצוות טאָן. וואַרטן, וואַרטן, אַלץ אָננעמען פאַר גוט, און גאָט וועט אונז שוין העלפן. מיר מוזן וואַרטן, וואַרטן!...

## אינטערמעצאָ.

אומאויפהערלעך גייט אָן דער צוגרייטונג־קאַמפּגעזאַנג, און־טערערדיש, פּאַרשטיקט, אָבער בּיסלעכווייז שטייגט ער אָן, ווערט שטאַרקער און שטאַרקער. פון צייט צו צייט צושפּרייט געפּליסטער בשורות וועגן די באַוועגונגען פון רבי יהושע און רבי עקיבא.

ערשטער געפּליסטער. רבי יהושע איז שוין אין אַלעקסאַנדריען. ער דערוואַרט באַלד צו זען דעם קייסער אַדריאַנוס!

צווייטער. רבי עקיבא האָט דורכגעריי זט אונזער לאַנד און אומעטום געפּריידיקט, וואָס גאָט וויל פון זיין פאָלק. איצטער איז ער אַוועק אין חוץ לאַרץ.

דריטער. שוין דריי חדשים, אַז רבי יהושע איז אין אַלעקסאַנדריע, אָבער ער האָט דעם קייסער נאָך נישט געזען און זיין געהער נאָך נישט געפונען.

פערטער. אין פיר חדשים האָט רבי עקיבא באַרייזט גאַנץ סוריא און קאַפּאַדאָציע און אומעטום געפונען ביי אונזערע יידן אָפענע אויערן.

פינפטער. שוין פינף חדשים, אַז רבי יהושע זיצט אין אַלעקסאַנדריע, אָבער דער קייסער אַדריאַנוס לאָזט אים וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן...

זעקסטער. רבי עקיבא האָט שוין באַזוכט בבל און פּרס, און פון אומעטום קומען אָן אַהער אונזערע ברידער אויף זיין רוף צו קעמפן מיט אונז אונזער קאַמף פאַר גאָט.

זיבעטער. זיבן חדשים, און רבי יהושע וואַרט נאָך אַלץ און וואַרט.

אַכטער. עס קומען אָן יידן פון תימן, געטריבן פון רבי

עקיבאס וואָרט. זיי דערציילן, אַז רבי עקיבא וועט פון תימן אָפּ־פאָרן קיין מצרים.

נייעונטער. ניין חדשים שוין, און רבי יהושע וואַרט נאָך אַלץ און וואַרט.

צענטער. רבי עקיבא אין מצרים! אָבער נישט ביים קייסער געהער צו געפינען, נאָר ביי אונזערע ברידער, און אין טויזנ־טער שטראָמען זיי צו אונז צו.

עלפטער. עלף חדשים, וויי! וואָס איז מיט רבי יהושען?! וואָס איז מיט רבי יהושען?!

צוועלפטער. רבי עקיבא איז געקומען צוריק! רבי עקיבא איז אָנגעקומען! — פריש אין גייסט און שטאַרק אין קערפּער! — מען זעט די לאַנגע רייזע אים נישט אָן! — ער איז גלייך אַוועק צו זיך אין דער ישיבה אין בני ברק! — ער איז אַוועק אין זיין ישיבה!...

## צווייטער אקט

די ישיבה פון רבי עקיבא אין בני ברק. אין מיטן פון דער רעכטער וואַנט אַ בימה, אויף וועלכער עס פירן אַרויף טרעפּלעך פון פאָרנט און פון הינטן. אויף אַ געוויסן אָפּשטאַנד פון דער בימה הויבן זיך אָן שורות בענק, וועלכע ציען זיך ביז דער וואַנט לינקס. אין דער הינטער־וואַנט די אַריינגאַנגס־טיר. — דער גאַנצער ליידי־קער פּלאַץ צווישן דער בימה און די בענק איז אויסגעפילט פון תלמידים. זיי שטייען פאַר דער בימה אין האַלבקרייז, יונגע, מיטל־יעריקע, עלטערע און גאַנץ אַלטע. אויפגעַרעגט, דערשראָקן, אָנגע־רוקט, געשפּאַנט, דער אויבערשטער טייל פון קערפּער ווי צוגעצויגן צו דער בימה. רבי עקיבא שטייט אויף דער בימה, זיין געזיכט שטרענג און האַרט, זיין שטים שאַרף און שניידנדיק. הינטער אים שטייען די דריי זקנים רבי טרפון, רבי חנינא און רבי יוסי הגלילי, פינסטער, אָנגערוקט, מיד, מיט פאַרוויינטע אויגן.

רבי עקיבא. רבי יהושע איז געפאָרן נאָך אַלעקסאַנדריע צו דערוווייכן דאָס הארץ פון דעם קייסער אַדריאַנוס און האָט גע־פונען ביי אים שפּיי און שפּאָט.

ערשטער יונגער תלמיד. אַ מיתה משונה זאָל קו־מען אויף דעם רשע!

שטימען (פול מיט התלהבות פון פרומקייט און האַס). אַ מיתה משונה!

רבי עקיבא. שפּיי און שפּאָט, וואָס האָבן צובראָכן רבי יהושעס הארץ.

צווייטער יונגער תלמיד. אַזוי זאָל צובראָכן ווערן רוים! (זיין שטים פאַרקלינגט אין אַ שווערער שטילקייט, וועלכע באַצווינגט אַלעמען אין דערוואַרטונג פון אַ זייער שלעכטער בשורה. די שטילקייט ווערט איבערגעבראָכן פון דער ציטערדיקער שטים פון אַן אַלטן מאַן, רבי יוחנן בן תורתא.)

ר ב י  י ו ח נ ן  ב ן  ת ו ר ת א (ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַרויסצורעדן די ווערטער). איז — רבי יהושע — טויט?

ר ב י  ע ק י ב א (מיט טרערן אין קול). רבי יהושע איז געשטאָרבן. (אַן אויפגעוויין. אַ סך רייסן קריעה, אַ סך לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד, באַהאַלטן די קעפּ אין די הענט און שאָקלען זיך אין געוויין. די דריי זקנים הינטער רבי עקיבאן לייגן אַרויף די הענט אויף זייערע קעפּ און שאָקלען זיך אין שווערן טרויער. רבי עקיבא רעדט ווייטער מיט פעסטער, פינסטערער שטים.) גאָט האָט אים צוגענומען צו זיך, אַוועקגענומען דעם צדיק, איידער עס וועט אונז ווערן גאָר שלעכט. (די תלמידים האַלטן איין דעם געוויין. די, וואָס זיינען געזעסן, שפּרינגען אויף. מען שטעלט זיך ווידער אַרום אַרום דער בימה, ווי פריער, מיט אויפגערעגטע דערשראָקענע געזיכטער און קוקט אַרויף אין גרויסער אָנגעשפּאַנטקייט. אַליין די דריי זקנים בלייבן שטיין ווי פריער.)

ש ט י מ ע (מיט שרעק). רבי אונזערער, וואָס האָסטו אונז מער צו דערציילן?!

ר ב י  ע ק י ב א. אונז וועט ווערן גאָר שלעכט. רוים האָט אונז דעם קאָפּ געבויגן, איצטער וויל זי אים אונז אַראָפּנעמען אין גאַנצן. זי האָט אונז דעם רוקן אויסגעקרימט, איצטער וויל זי אים אונז אין גאַנצן איבערברעכן. ירושלים זאָל אַ געצנדינער־שטאָט ווערן... (אַ שרעק־אויפּאָטמען אין דעם תלמידים־עולם, אַן אַרויסקרעכץ, אַן אומדערטייטלעכער שווערער „אַ־י־י". רבי עקיבא רעדט ווייטער, שאַרף, שניידנדיק, אומברחמנותדיק פעסט.) נישט מער זאָל זי הייסן ירושלים, נאָר עליא קאַפּיטאָלינא — עליא נאָך דעם משפחה־נאָמען פון אַדריאַנוס...

צ ווייטער  י ו נ ג ע ר (קריצט אַרויס פון צווישן די ציינער). צוריבן זאָלן ווערן זיינע ביינער!

ר ב י  ע ק י ב א. קאַפּיטאָלינא נאָך דעם אָפּגאָט יופּיטער...

א ו י ס ג ע ש ר י י (מיט ווייטיק און שרעק). ווי־י־י־יי!

ר ב י  ע ק י ב א. איך שרייט ווי, שרייט ווייער נאָך: אויף דעם פּלאַץ פון דעם בית המקדש זאָל אַ טעמפּל קומען פאַר דעם

רוימישן אויבערגאָט! (די תּלמידים וואַרפֿן זיך אָפּ פֿון דער בימה, ווי אַ דונער וואָלט איינגעשלאָגן, בלייבן שטיין ווי באַנומען, מיט פּאַר שרעק אויסגעגלאָצטע אויגן. באַלד ברעכט אויס אַן אויפֿכליפּ ווי איבער אַ גרויסן בראָך, הענט הייבן זיך אויף צום הימל, און אַן אויפֿגעשריי שטייגט אויף, שטייגט אָן.)

אויפֿגעשריי. גאָט, וועסטו דאָס דערלאָזן?! — גאָט, ביז וואַנען?! — גאָט, איז די מאָס שוין נישט פֿאַרפֿולט?!

רבי עקיבא (לייגט אַרויף ביידע הענט אויף זיין געזיכט).

ערשטער יונגער (מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו רבי עקיבאן). רבי אונזערער, וואָס זאָלן מיר טאָן?! רבי אונזערער, וואָס זאָל אונזער פֿאָלק טאָן?! (הענט אויסגעשטרעקטע צום הימל, שטרעקן זיך אויס צו רבי עקיבאן.)

אויפֿגעשריי. רבי אונזערער!

רבי יוחנן (רעדט קלאָגעדיק אַרויס). מיט דעם טויט פֿון רבי יהושע איז אָפּגעשטאָרבן געדאַנק און ראָט.

ערשטער יונגער (ווענדט זיך מיט גרויסער העפֿטיקייט צו רבי יוחנן). דער נאָמען פֿון דעם צדיק רבי יהושע זאָל זיין געבענטשט! ער איז געווען גרויס, און ווייניק האָט אונזער פֿאָלק אַזעלכע מענער, אָבער ער איז געווען שוואַך.

דריטער יונגער. אַ גרויס הארץ און קליינער מוט, אַ קלוגער קאָפּ און שוואַכע קני!

צווייטער יונגער תּלמיד. עס האָט אים, דעם זייער אַלטן, צום שלאָף געצויגן, און אַזוי האָט ער אויך געוואָלט איינשלעפֿערן אונז אַלעמען!

פֿערטער יונגער. בויג דעם קאָפּ און קרים דעם רוקן, באַוועג זיך נישט און האַלט זיך איין! באַנעם זיך רואיק און לאָז רוים ימח שמה טאָן מיט דיר, וואָס זי וויל!

רבי עקיבא (נעמט לאַנגזאַם אַראָפּ זיינע הענט פֿון זיין געזיכט. די תּלמידים ווענדן זייער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט צו אים. עס ווערט זייער שטיל. מען וואַרט, וואָס ער וועט זאָגן, און ער הויבט אָן מיט שטאַרקער שטים). איך האָב געוואוסט דעם סוף פֿון רבי יהושעס רייזע. איך האָב אים געוואָרנט, ער רייזט אומזיסט,

ער וועט דאָס האַרץ פון אַדריאַנוס נישט דערווייכן. פאַרוואָס איז ער געשטאָרבן? ער וואָלט איצטער מיט מיר געהאַלטן. (מיט שטאַרקערער, פסקנדיקער שטים.) גאָט האָט נישט געוואָלט און וויל נישט די דערוויייכונג פון דעם רשעס האַרץ. ער וויל נישט קיין שלום. ער וויל מלחמה.

יונגע תלמידים (מיט בעס־עקסטאַז). מלחמה!

**אַלטע תלמידים** (פרוס). מלחמה!

ערשטער יונגער. יונג און אַלט זיינען מיר גרייט צו שטאַרבן אין זיין מלחמה! מיר קאָנען שוין מער נישט טראָגן דעם יאָך פון רוים! מיר ווילן אים מער נישט טראָגן!

מיטליעריקער. מיר ווילן לעבן פריי פאַר דער תורה! מיר ווילן זיין פריי פאַר אונזערע מצוות!

אַלטער. מיר פייניקן אונזערע לייבער אין אונזער טרויער נאָך דעם בית המקדש! מיר ווילן דעם בית המקדש צוריק!

אויפגעשריי. מיר ווילן אונזער פרייד צוריק אָדער אונ־זער טויט!

צווייטער יונגער. אויב נישט קיין אַנדער גאולה, ווילן מיר די גאולה דורך טויט!

געשרייען. גאולה דורך טויט! — בעסער טויט! — שטאַרבן פאַר גאָט! — שטאַרבן אין מלחמה פאַר גאָט! — פאַר גאָט! — מלחמה פאַר גאָט! — (דער געשריי שטייגט אָן, ווערט פאַרפלייצונג, ווערט התלהבות, ווערט רעוואָלוציע. צולעצט בלייבן די תלמידים שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט, די אויגן געווענדעט צו רבי עקיבאן, קעמפער פאַר גאָט.)

רבי עקיבא. די לאַנגע, לאַנגע צייט, וועלכע רבי יהושע האָט פאַרלאָרן אויף זיין רייזע צו אַדריאַנוס, האָב איך אויך באַ־נוצט אויף רייזן. האָב באַזוכט אונזערע ברידער נאָנט און ווייט, דאָ אין לאַנד און אין אַנדערע לענדער. און אומעטום האָב איך געפונען אונזערע ברידער גרייט צו שטאַרבן אין אַ מלחמה פאַר גאָט. אונזער פאָלק האָט גאָטס ווילן דערקענט, איז אויסגעפילט פון גאָט. איצטער ווערט ער גאָטס פאָלק.

ערשטער יונגער. רבי אונזערער, זיי אונזער פירער! ווער דער פירער פון גאַנצן פאָלק!

געשריי. זיי אונזער פירער!

רבי טרפון. דעק אויף, עקיבא, דיינע תּלמידים, פאַרוואָס מיר דריי שטייען דאָ מיט דיר. (די תּלמידים בויגן זיך ווידער איי־בער צו דער בימה אין דער גיריקייט אויפצונעמען די מיטטיילונג.)

רבי עקיבא. רבי טרפון, רבי חנינא און רבי יוסי זיינען שליחים צו מיר פון סנהדרין אין אושא...

די פיר יונגע (שרייען אַרויס מיט גרויסער התפעלות). דער רבי אונזערער ווערט ווערן ראש פון סנהדרין!

רבי עקיבא. איך דאַנק אייך, מיינע יינגסטע, איר האָט מיר פאַרשפּאָרט אַרויסצוזאָגן די גאוהדיקע ווערטער.

פרייד־געשרייען. ראש פון סנהדרין! — ראש פון סנהדרין!

רבי טרפון. ראש פון סנהדרין און פירער פון פאָלק אין פראַגן פון תּורה און אין טעג פון מורא.

פרייד־געשרייען. ראש און פירער!

רבי עקיבא (שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט שווער און באַדייטנדיק). איר ווערט אַ גרעסערן פירער האָבן! עס ווערט דער אמתער פירער קומען! (די תּלמידים בלייבן שטיין מיט אָפענע גיי־לער, ווי פון פאַרכאַפּטן אָטעם. אויך די דריי זקנים הינטער רבי עקיבאן הענגען אויף אים אָן זייערע פרעגנדיקע בליקן.)

אַ פרעג־אויפגעשריי (ברעכט ענדלעך אויס פון אַלע מיילער). ווער?!

רבי עקיבא. דער מלך המשיח!

אויפגעשריי (ווי אַ שווער אַרויסאָטעמען). דער מלך־המשיח!

רבי עקיבא. אונזער טרייסטער און אויסלייזער, אונזער באַפרייער און אויפבויער, דער פון גאָט אויסגעוויילטער, פון גאָט געזאַלבטער!

אויפגעשריי (אַ קנויל פון התלהבותדיקע שטימען, גע־פירט און געטריבן פון דער שטאַרקער שטים פון דעם ערשטן יונגן

תלמיד). אונזער טרייסטער און אויסלייזער, אונזער באַפרייער און אויפבויער, דער פון גאָט אויסגעוויילטער, פון גאָט געזאַלבטער, דער מלך המשיח! (דער געשריי האַקט זיך אָפּ מיט אַמאָל, ווי די שרייער וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר דעם משיח־וואָרט. אַ שטיל־קייט טרעט אַריין, און אַ שרעק אין די אויגן, ווי אַלע וואָלטן גע־פּילט משיחן לעבן זיך. עטלעכע דרייען אויס לאַנגזאַם זייערע קעפּ צו דער טיר, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט דעם אַריינטריט פון משיח.)

ר ב י ע ק י ב א (ווענדט לאַנגזאַם זיין בליק צו דער טיר און רעדט, ווי פון אַ טיפעניש אַרויס). עס קומט דער סוף! איך וועל צוגרייטער זיין. איך וועל צוגרייטן אונזער פאָלק.

ר ב י י ו ח נ ן. וואָס קאָן זיין אונזער צוגרייטונג, אויב נישט תורה און מצוות און מעשים טובים? וואָס קאָן זיין אונזער צוגרייטונג, אויב נישט תשובה און תפילה און צדקה?

ר ב י ע ק י ב א. און אויך צו שטאַרבן פאַר גאָט אין דער מלחמה פון משיח!

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר. און אויך צו שטאַרבן פאַר גאָט אין דער מלחמה פון משיח!

צ ו וי י ט ע ר י ו נ ג ע ר. און אויך צו שטאַרבן פאַר גאָט אין דער מלחמה פון משיח!

א ו י פ ג ע ש ר יי. און אויך צו שטאַרבן פאַר גאָט אין דער מלחמה פון משיח!

ר ב י י ו ח נ ן. באַצווינגט נישט דעם קץ! איר שרייט, ווי אומגעדולדיקע, וועלכע רייסן זיך צו אַן אויפשטאַנד. איר גראָבט זיך אַן אָפּגרונט, איר וועט ברענגען פאַרצווייפלונג!

ר ב י ע ק י ב א. ביזט אַ גר, יוחנן. דו רעדסט ווי איינער, וואָס ליבט נישט גאָט, יהוה איז דיר נאָך פרעמד. ווען די ליבע צו גאָט וועט אַריין אין דיר, וועסטו שרייען מיט זיי, וועלכע דו רופסט די אומגעדולדיקע.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר. מיר פילן משיחן!

צ ו וי י ט ע ר י ו נ ג ע ר. מיר הערן זיינע טריט!

ד ר י ט ע ר י ו נ ג ע ר. ער איז צווישן אונז!

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר. די לופט איז פול פון אים, און

אונזערע הערצער ציען זיך צו אים! ער רעדט צו אונז פון אונזערע פאַרבאָרגענע היילן, ער שרייט צו אונז פון די שפּיצן פון אונזערע בערג! פאַרוואָס רייסן מיר זיך אַלע פון די קייטן? ווער מאַכט אונז די הענט צו פויסטן? משיח! משיח!

אויפגעשריי. רבי, אַנטפּלעק אונז אים!

רבי עקיבא (מיט די אויגן אויף דער טיר). אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבאָרן געוואָרן משיח.

תלמידים (מיט ציטער אין די שטימען). אין דעם טאָג — ווען דער בית המקדש — איז חרוב געוואָרן — איז געבאָרן געוואָרן — משיח!

רבי עקיבא. זיינע עלטערן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן מנחם. אָבער קוים איז זיין ברית אַריבער, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורמווינט און אַוועקגעטראָגן אים.

אויפגעשריי. אָהההה!

רבי יוסי. ביי אונז אין גליל דערציילט מען אַזאַ מעשה.

רבי טרפון. איך האָב זי קיינמאָל נישט געהערט.

רבי חנינא. דו האָסט עס אונז קיינמאָל נישט דערציילט, עקיבא.

רבי עקיבא. ווי אַ חלום איז עס מיר, ווי אַ זעאונג אין דער נאַכט. האָב איך עס פון װעמען געהערט? האָב איך עס אַליין איבערגעלעבט? אַזױפיל יאָרן צוריק! איך בין נאָך אַ פּויער געװעזן, אַן אַרבעטער אין פעלד, אויבן אין גליל.

רבי יוחנן. האָט מען אים געזוכט?

רבי עקיבא (טראָגט אַריבער זיין בליק אויף רבי יוחנן). דאַרפסטו עס נאָך פרעגן?

רבי יוחנן. ניין, איך פרעג, פאַרוואָס האָט מען אים געזוכט. מען האָט עס נישט געטאָרט, ווען גאָט האָט אים באַהאַלטן. אויך דו טאָרסט נישט רעדן אונז פון סוף. דאָס איז גאָטס סוד, משיח ווערט נישט פאַרויסגעזאָגט. האַפט און וואַרט, אפילו ווען ער וועט פאַרזאַמען. (אַן אומגעדולדיקער, אומצופרידענער אַרויסקרעכץ באַנטפערט אים.)

ר ב י ע ק י ב א. דער סוד איז לאַנג שוין אויפגעדעקט, איז אויך קיין סוד גאָר נישט געוועזן. גאָט האָט קיינמאָל נישט אַ צייט באַשטימט, ווען ער וועט משיח אונז ברענגען, קיין טאָג נישט אויפגעשטעלט פאַר משיחס קומען. די צייט הענגט אָפּ פון אונז, דער טאָג איז אין אונזערע הענט. משיח קאָן קומען הייַנט, אויב איר וועט גאָטס שטימע הערן. די צייט, ווען מיר ווילן אין גאַנצן גאָט געהערן, איז משיחס צייט. דער דור, וואָס וויל אוועקגעבן פאַר גאָט זיין לעבן, איז משיחס דור. (שטאַרק.) משיח גייט אַרום צווישן אונז, קאָן קומען יעדן טאָג. · (ווענדט ווידער זיין בליק אויף דער טיר.)

אַן אַ ר ו י ס ש ע פּ ט ש ע ן. משיח — צווישן אונז!

אַן א ו י פ ג ע ש ר ײ (צו רבי עקיבאן). ווי זאָלן מיר אים דערקענען?

ר ב י ע ק י ב א. ווי יוסף צו זיינע ברידער, אַזוי וועט ער זיך אַליין לאָזן דערקענען.

ג ע ש ר ײ (פול בענקעניש און פאַרלאַנג). וועלן מיר אים אָן זיין געשטאַלט דערקענען? — וועלן מיר אים אָן זיינע ווערטער דערקענען? — וועלן מיר אים דערקענען אָן זיינע מעשׂים?

ר ב י ע ק י ב א. ווען משיח וועט אויפטרעטן, וועלן מיר אַלע וויסן, אַז דאָס איז ער.

ג ע ש ר ײ. אַ דערקענונגס-צייכן, רבי!

ר ב י ע ק י ב א. איך האָב אים נישט, און דאָך ווייס איך, איך וועל משיחן דערקענען.

ג ע ש ר ײ. דו וועסט אונז העלפן אים צו דערקענען, רבי אונזערער! נאָך דיין אויג וועלן מיר קוקן! דיין וואָרט וועלן מיר נאָכרעדן! דיין רוף וועלן מיר מיט דיר שרייען!

ר ב י ע ק י ב א (מיט די אויגן צו דער טיר, ווי ער וואָלט געזען דעם אומבאַקאַנטן פאַר זיך). ווי שאול, וועט ער העכער זיין פאַר אַלע זיינע ברידער... זיינע אויגן זיינען צוויי פלאַמען, ווי די פלאַמענשווערדן ביי די טויערן פון גן עדן... זיין שטים איז קראַפט, זיין שטים איז פירערשאַפט... (אַלע אויגן ווענדן זיך צו דער טיר.

עס ליגט דערוואַרטונג אין דער באַוועגונג פון די קעפּ, אין דער האַלטונג פון די קערפּער.)

א שטימע (שטאַרק און באַפוילעריש הינטער דער טיר). פאַרשטעל אונז נישט דעם וועג! נישטאָ קיין צייט פאַר איבעריקע רייד! (די טיר פּראַלט אויף, און דריי קרעפטיקע מענער קומען אַריין און גייען צו דער בימה מיט פעסטע שריט: אַ מיטליעריקער פאָרויס, הינטער אים צוויי יינגערע. אַלע אין דער ישיבה קוקן אָן די אַריינקומענדיקע מיט פאַרוואונדערונג, אַליין רבי עקיבא עפּנט ווייט פאַרנאַנדער די אויגן אין גרויסער דערוואַרטונג.)

דער מיטליעריקער (זיין געזיכט ערנסט, די האַלטונג פעסט, די שטימע האַרט, ווענדט זיך צו רבי עקיבא). זיי געגריסט, רבי עקיבא! וועסט אַנטשולדיקן, האָס איך האָב דיין טיר הינטער א ביסל גראָב באַהאַנדלט. מיין שליחות וויל נישט קיין צייט פאַרלירן.

רבי עקיבא (מיט בליקן, ווי ער וואָלט געוואָלט דורכקוקן דעם מאַן פאַר אים, און מיט אַ ווייטער שטים). זיי דו אויך געגריסט, דו מאַן, געגריסט אויך דיינע באַגלייטער! וואָס איז דיין שליחות און פון וועמען איז זי?

דער שליח. איך וועל דיר ענטפערן אויף דער ערשטער פראַגע, די צווייטע האָב איך פאַרהערט. מיין שליחות צו דיר איז: דו זאָלסט קומען גלייך נאָך ירושלים. (באַוועגונג צווישן די תלמידים.)

רבי עקיבא (פעסט, באַפוילעריש). האָסט פאַרהערט, געוואָלט פאַרהערן, איצטער וועסטו מיר דעם ענטפער געבן: ווער האָט דיך געשיקט?

דער שליח. איינער, וועלכער האָט געהייסן זאָגן דיר: עס וועט געשען, וואָס מוז געשען!

רבי עקיבא (מיט שנעלן אויפּאַטמען און אַ צי־צוריק דעם קערפּער). האַ!

די דריי זקנים (הינטער אים קוקן זיך איבער, ווי זיי וואָלטן זיך דערמאָנט, אַז זיי האָבן איינמאָל געהערט די דאָזיקע ווערטער).

די תלמידים (גלייכן זיך אויס און עפענען פאַרואַנדער די אויגן, ווי פאַר אַ מערקווירדיקער רעטעניש).

די פיר יונגע (שרייען פלוצלונג אויס מיט התלהבות). עס וועט געשען, וואָס מוז געשען!

דער שליח. ער האָט געזאָגט: „דאָס איז אַ רעטעניש,“ און צוגעגעבן: „רבי עקיבא וועט זי טרעפן.“ איצטער זע איך: די ייִנגסטע פון דיינע תלמידים האָבן זי שוין געטראָפן.

די פיר (נאָך שטאַרקער). עס וועט געשען!... (האַקן אָפּ זייער אויסגעשריי אונטער דעם שטרענגן בליק פון רבי עקיבא.)

רבי עקיבא. ווער איז דער איינער?

דער שליח. מיר ווייסן עס נישט. אָבער מיר ווייסן, אַז מיר ווילן און מוזן אים פאָלגן.

רבי עקיבא. פון וואַנען איז ער געקומען?

דער שליח. מיר ווייסן עס נישט. אָבער מיר זיינען גליק־לעך, וואָס ער איז מיט אונז.

רבי עקיבא. ווי הייסט ער?

דער שליח. ער זאָגט: דער נאָמען איז גאָרנישט, די זאַך איז אַלץ.

רבי עקיבא. דערציייל מיר וואָס פון אים. וואָס רעדט ער? וואָס טוט ער?

דער שליח. מיר טאָרן עס נישט. ער האָט געזאָגט: דו ווייסט דעם ווערט פון שווייגן.

רבי עקיבא. וואָס פילסטו, ווען דו קוקסט אויף אים?

דער שליח. דו וועסט נישט אַנדערש פילן.

רבי עקיבא. ווי נעמט אויף דיין האַרץ זיין רייד, דיין אויער ווי דעם קלאַנג פון זיין שטים?

דער שליח. עס איז ציטערן אין מיין האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך, און מיין אויער הערט, איידער ער רעדט דאָס וואָרט אַרויס.

רבי עקיבא. דערציייל דאָך מער, דערציייל, ווי ער זעט אויס!

דער שליח. ער איז הויך און גרויס און שטאַרק און

שיין. זיין בליק איז באַפעל, זיין פינגערהייב איז אַנטרייב, זיין שטים איז מוז.

ר ב י ע ק י ב א (ווען דער שליח רעדט, הייבט אויף זיינע ציטעריקע הענט, שטרעקט זיי אויס אין התלהבות).

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר. רבי אונזערער, דו האָסט אים גע־זען!!

א ו י פ ג ע ש ר י י (פול גלויביקער התלהבות). משיח!

ד ע ר ש ל י ח. דער נאָמען פּאַסט אים גוט.

ר ב י ע ק י ב א. איך גיי נאָך ירושלים. (באַוועגונג אין עולם.)

ר ב י י ו ח נ ן (לאָזט זיך צו דער בימה מיט אַנטשלאָסנקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס נישט דערלאָזן, עפּעס אָפּשטעלן). עקיבא, דו וועסט צוערשט גיין אין אושא צום סנהדרין!

ר ב י ע ק י ב א. ע ר האָט מיך גערופן צו זיך.

ר ב י י ו ח נ ן. דער סנהדרין האָט דיך פריער גערופן.

ר ב י ע ק י ב א. און דאָך מוז איך גיין צו אים צוערשט.

ר ב י י ו ח נ ן. אַזוינס איז נאָך נישט געטאָן געוואָרן, עקיבא!

ר ב י ע ק י ב א. דורך אים רעדט דער ווילן פון גאָט.

ר ב י י ו ח נ ן. דער ווילן פון גאָט רעדט דורך זיין תורה. אין דעם סנהדרין אין אושא זיינען פאַרזאַמלט אַלע טרעגער פון דער תורה. דער כבוד פון דער תורה, עקיבא!

ר ב י ע ק י ב א. וואָס דערמאָנסטו מיר, וואָס איך ווייס אַליין? אָבער דו ביזט מיט בלינדקייט געשלאָגן, יוחנן, לאָז זיך פירן. (שטאַרקער גערויש הינטער דער טיר. אין דער ישיבה רייסן זיך אַריין דריי מענער, אויפגערעגטע, פריידיקע, לאַכנדיקע, און שרייען, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, שטופנדיק זיך צו דער בימה.)

ע ר ש ט ע ר. קייסאַריאַ און עמאוס זיינען צושטערט גע־וואָרן פון ערדציטערניש!

צ ו ו י י ט ע ר. קייסאַריאַ, די הויפּט־שטאָט פון די רוימער אין אונזער לאַנד...

דריטער. דער וואוינאָרט פון דעם טיראַן רופוס...

אלע דריי. איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד!!

דריטער. עמאאוס, די פעסטונג פון די רוימישע סאָלדאַטן...

ערשטער. די באַצווינגערס שווערד אין אונזער לאַנד...

אלע דריי. איז איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד צו־זאַמען מיט די באַצווינגער! (פרייד און געלעכטער, האַרציקער, באַגייסטערטער געלעכטער צושפּרייט זיך צווישן די תלמידים און וואַקסט און שטייגט אָן, ווערט שטורם.)

רבי עקיבא (דונערט אַריין אין דעם געלעכטער). „אמלאה החרבה!" האָט דער נביא יחזקאל געזאָגט. (דער געלעכ־טער האַקט אָפּ.) „איך וועל זיך אָנפילן דורך דער צושטערונג!" ווי קייסאַריאַ איז דערהויבן געוואָרן, ווען ירושלים איז חרוב גע־וואָרן, אַזוי וועט ירושלים דערהויבן ווערן, ווען קייסאַריאַ וועט צושטערט ווערן. קייסאַריאַ איז צושטערט געוואָרן, איצטער קומט ירושלימס דערהויבונג. דאָס, וואָס מוז געשען, הויבט אָן שוין צו געשען. איך גיי צו אים — אין ירושלים! (גייט אַראָפּ פון דער בימה. די דריי זקנים נאָך אים.)

די תלמידים (הויבן אָן צו זינגען אַ קאַפּיטל פון ישעיה מיט דער קראַפט און דעם ריטם פון אַ מלחמה־רוף). ווער קומט עס אָן פון אדום, רויטקליידיק פון בצרה? דער פיינער אין זיין קלייד, ער שרייט מיט פולער קראַפט...

רבי עקיבא (בלייבט שטיין און ווענדט זיך צום עולם). גייט. גייט פאָרויס.ביים פאַרלאָזן מיין בית מדרש וויל איך זיין דער לעצטער. וויל זיך אויך צושיידן מיט דעם פלאַץ און מיין האַרץ צו גאָט דערהייבן אין אַ שטילער תפילה.

דער שליח. מאַך דיין תפילה קורץ, דער וועג איז לאַנג.

רבי עקיבא. דו גיי נאָר, גיי, און העלף זיי אין געזאַנג. (ווען אַלע גייען אַרויס, קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן, באַ־טראַכט די ישיבה מיט ליבפולע, פרומע אויגן. ענדלעך מאַכט ער צו די אויגן, שטייט שטיל און לאָזט זיך אַראָפּ כורעים אויף דער ערד, ליגט אַ קליינע ווילע, שטייט אויף און ווענדט זיך צו דער טיר.)

רחל (שטייט אין טיר. אַן אַלטע פרוי, אויף וועלכער מען זעט נישט אָן די אַלטקייט, איר געזיכט איז דורכגייסטיקט, איר קערפּער יוגנטלעך שמעכטיק, אירע אויגן שיינען אין טיפער פאַר־טרוימטקייט און קוקן פאַרליבט אויף רבי עקיבאן).

רבי עקיבא (דערשטוינט ביים אָנבליק פון רחלען, מאַכט אַ טריט צוריק, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן). דו?

רחל. דיין רחל. האָב איך דיך דערשראָקן? (טרעט צו נענטער.)

רבי עקיבא. וואָס איז דיין קומען פּלוצלונג?

רחל. אום מיט דיר צו גיין.

רבי עקיבא. מיט מיר? נאָך ירושלים?

רחל. וואוהין דו וועסט זיך ווענדן.

רבי עקיבא. דו האָסט עס קיינמאָל נישט געטאָן. אַליין בין איך געגאַנגען אַלע מיינע וועגן.

רחל. אויסגעטראָטענע תורה־וועגן זיינען זיי דאָס רוב גע־ווען. איצטער וועסטו אַ נייעם וועג באַטרעטן.

רבי עקיבא. ווי ווייסטו פון דעם נייעם וועג?

רחל. דריי קריגסמענער זיינען פאַרביי־געגאַנגען אונזער הויז און נאָכגעפרעגט זיך אויף דיר.

רבי עקיבא. האָסטו דערפילט די וויכטיקע שליחות?

רחל. עס האָט מיין האַרץ זיך צונויפגעצויגן און אַ שאַר־פער ווייטיק, ווי אַ מעסערשניט, האָט מיר אָנגעדייט: איצטער מוזטו זיין מיט אים.

תלמידים־געזאַנג (שטייגט אָן און דרינגט אַריין אין בית מדרש מיט גרויסער דייטלעכקייט). „אַ טאָג פון נקמה אין מיין האַרצן, און דאָס יאָר פון מיינע דערלייזונגען איז געקומען!"

רבי עקיבא. דו הערסט די תלמידים זינגען? מיין נייער וועג איז משיח־וועג.

רחל. אַ וועג פון קאַמף און קריג.

רבי עקיבא. און פירט צו אויסלייזונג און באַפרייאונג, צו פאַראייניקונג מיט גאָט. עס איז דער וועג, אויף וועלכן איך האָב לאַנג אויסגעקוקט, אויף וועלכן איך האָב טעגלעך דאָך גע־

בעטן אין מיינע תפילות. עס איז דער וועג צו דעם מנחם, צום טרייסטער און אויפבויער, וועלכן גאָט האָט פון אונז באַהאַלטן און שיקט אים אין זיין גוטסקייט אונז צוריק. פאַרוואָס לעב איך נאָך? גאָט האָט מיר פאַרלענגערט מיינע יאָרן, איך זאָל דערלעבן אַ קנעכט צו זיין ביי זיין מלך המשיח. דערפאַר בין איך דאָ איצ־טער אַליין געבליבן, אום גאָט צו דאַנקען פאַר דעם זכות, זיין אָנ־זאָגער צו זיין, דער פאַרשפּרייטער פון זיין משיח־בשורה.

רחל. שיק מיך נישט אַוועק פון דיר, עקיבא, דערלויב מיר צו גיין מיט דיר דעם וועג. וואו דו ביזט קנעכט, וויל איך זיין דינסט.

רבי עקיבא. דו ביזט מיר פיל אין מיין לעבן געווען, רחל. איך בין פון פינסטערניש צו דיר געקומען, און דו האָסט מיר דעם וועג צו ליכטיקייט געוויזן. אַ פּויער און ערד־אַרבעטער בין איך געווען, דו האָסט מיך צו גאָט דערהויבט, צו זיין תורה אויפגעהויבן. דו פאַרדינסט עס גוט, מיט מיר דעם בשורה־וועג צו טיילן. קום, מיר וועלן גיין.

רחל (שרייט אויס). משיח איז געקומען!

רבי עקיבא (אויפציטערנדיק). רחל!

רחל. דאָס איז דאָך די בשורה.

רבי עקיבא. ווי האָט עס אין מיר אויפגעציטערט, ווען דו האָסט עס אויסגערופן!

רחל. עס איז געקומען אַזוי פון זיך. עס האָט פון מיר ארויסגעשריען.

רבי עקיבא. ווי וואונדערבאַר דער אויסרוף! ווי הייליק יעדעס וואָרט! אויסשרייען אַזוי פאַרן גאַנצן פאָלק... ווען ער וועט שטיין פאַר אונז... אין אַ באַפרייטער ירושלים... אויסשרייען הויך, מיט אַ קול פון אַ שופר: משיח איז געקומען!... האָסט געהערט דעם אָפּקלאַנג? אָדער האָט אַ בת קול דאָס מיט מיר געשריען?... ווי איז מיר גאַנץ מערקווירדיק אויפן הארצן... (שרייט.) משיח איז געקומען!... (לאָזט זיך גיין, רחל נאָך אים. דער געזאַנג אין דרויסן שטייגט אָן.)

# דריטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ צימער אין אַן אַכסניא, שפּעט אין דער נאַכט. מיטן אין דער לינקער וואַנט אַ טיר; ווייטער פון דער טיר אין הינטערגרונט אַן אָפּשיידווענטל, וואָס פאַרשטעלט רחלס געלעגער. רבי עקיבאס געלעגער איז פאָרנט ביי דער רעכטער וואַנט. — רבי עקיבא, איינגעוויקלט אין אַ טלית, זיצט אויף זיין געלעגער און לערנט ביי אַ ליכט מיט אַ האַרציקן זינג־זאַנג, וועלכער ווערט באַלד שוואַכער און שוואַכער, ווי די געדאַנקען פון דעם זינגער וואָלטן אַוועקגעבלאָנדזשעט.

ר ב י  ע ק י ב א (טרייסלט זיך פלוצלונג אויף). האָב ווידער שוין פאַרטראַכט זיך, מיינע געדאַנקען ווידער אָפּגעווענדט פון דער תורה... פאַררעכן עס מיר נישט פאַר אַ זינד, דו געדאַנקען־ווייסער!... עס ציט מיך צו אים, צו דיין אויסגעוויילטן, צום משיח... איך וויל אים זען, וויל שטיין פאַר אים, וויל אים דינען... זיי מוחל מיר די אומגעדולד, דו גרויסער געדולדיקער!... איך וועל זיך שטאַרקן, וועל זיך אַנגעמען מיט געדולד, פאַרטרייבן פון זיך בענקעניש און צושטרויענדיקע געדאַנקען... לערנען... לערנען... נישט אָפּרייסן זיך פון דער תורה... זינג יעדן טאָג, זינג יעדן טאָג... לערן... לערן... (פאַרטיפט זיך ווידער אין זיין לערנען מיט זיין זינג־זאַנג.)

ד ע ר  א ו מ ב א ק א נ ט ע ר (קומט אַריין. זיין געזיכט איז פאַרוויקלט. נאָר נאָז, אויגן און מויל זיינען אָפּגעדעקט). שלום, רבי עקיבא!

ר ב י  ע ק י ב א (הייבט לאַנגזאַם אויף די אויגן אויף דעם אַריינגעקומענעם, ציטערט אויף און הויבט אָן אויפצוהויבן זיך פון זיין אָרט און שטאַמלט אַרויס פול פרומקייט און אָפּשיי). שלום דיר!

דער אומבאקאנטער. איך בין דער, וועמ עס האָט געשיקט נאָך דיר.

רחל (קומט אַרויס פון הינטער דער אָפּשיידוואַנטל און בלייבט שטיין אין דער האַלבטונקלקייט).

רבי עקיבא (שטעלט זיך אויף, שטייט מיט אָפּשיי, ווי פאַר זיין האַר, זיינע אויגן גאַנץ פאַרטרונקען אין דעם אומבאַקאַנטן, און רעדט אַרויס פול באַגייסטערונג). איך ווייס.

דער אומבאַקאַנטער. עס איז געשען, וואָס האָט געמוזט געשען.

רבי עקיבא. אויף דעם וועג אַהער האָב איך עס שוין פאַרנומען.

דער אומבאַקאַנטער. איך האָב געשיקט נאָך דיר, געוואָלט, דו זאָלסט מיר דיין ברכה געבן צו אַ גוטן אָנהייב און אַ נאָך בעסערן סוף. אַנטשולדיק, וואָס איך האָב זיך נישט דער־וואַרט אויף דיר. די צושטערונג פון קייסאַריאַ און עמאַאוס האָבן געגעבן דעם סיגנאַל. דאָס איז געוועזן אַ צייכן מיר פון הימל. די מאָס איז איבערגעפּילט געוואָרן, דער טאָג פון נקמה און באַצאָ־לונג איז אָנגעקומען. אין ירושלים און ווייט אין איר אַרום לעבט קיין איין רוימער נישט מער.

רבי עקיבא (מיט גליקזעליקן אויסדרוק). ווער ביזטו?

דער אומבאַקאַנטער. דער ווילן פון פאָלק און זיין ווידערווילן, זיין האַס און זיין כּעס, און זיין פרייהייטסליבע.

רבי עקיבא. און זיין גאָטליבע.

דער אומבאַקאַנטער. און — זיין גאָטליבע.

רבי עקיבא (ווי מיט געבעט). ווי הייסטו?

דער אומבאַקאַנטער. דאַרף איך אַ נאָמען? די זאַך האָט אים, הייסט פרייהייטסקאַמף, הייסט אויסלייזונג, גאולה. עס קומט אַ טאָג, און דו וועסט מיך רופן דער באַפרייער.

רבי עקיבא (הויבט די הענט אין עקסטאַז, פאַלט שיר נישט אויף די קני). דאָך דו האָסט אַ נאָמען, זאָג מיר, ווי האָט מען ביי דיין ברית דיך אָנגערופן!

דער אומבאַקאַנטער. איך ווייס נישט, ווי מיינע

עלטערן האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן. מיינע דערציער האָבן מיך גערופן שמעון, ווייל ביי זיי איז אַ זון געשטאָרבן, אַ שמעון, און גאָט, האָבן זיי געזאָגט, האָט מיך זיי צוגעשיקט אָנשטאָט. שפּעטער האָט מען מיך גערופן בר כּוזיבא, ווייל איך קום פון כּוזיבא דער שטאָט.

רבי עקיבא. געדענקסט זיך דיר אפשר דער נאָמען מנחם?

בר כּוזיבא. מנחם? אַ שיינער נאָמען... ניין, איך געדענק אים נישט. מנחם? איך וואָלט אים געקאָנט אָננעמען. אַ טרייסטער — מנחם... אַ נאָמען, וועלכן איך וויל פאַרדינען. אָבער ווי קומסטו דאָס צו פרעגן? פאַרוואָס זאָל איך מנחם געדענקען?

רבי עקיבא. ווער זיינען דיינע עלטערן?

בר כּוזיבא. איך קען זיי נישט. אויך מיינע דערציער האָבן זיי קיינמאָל נישט געקענט. איך בין אַ געפונען קינד... וואָס איז דיר, רבי? דו פאַלסט באַלד אום.

רבי עקיבא. אַ האַמערנדיק האַרצקלאַפּ וואַרפט מיך אום שיר פון די פיס... אָ, צייג מיר דיין געזיכט אין גאַנצן!

בר כּוזיבא (דעקט לאַנגזאַם אויף זיין געזיכט — אַ קרעפטיק, בילדשיין געזיכט פון אַ שוואַרצבאָרדיקן מאַן).

רבי עקיבא (מורמלט אין התפעלות). דרך כּוכב ביעקב — אַ שטערן איז אויפגעגאַנגען אין יעקב...

בר כּוזיבא. וועמען זעסטו דען אין מיר? וואָס האָבן דיינע פראַגן אויפדעקן געוואָלט? — ניין, איך האָב עס נישט געפרעגט. איך וויל גאָרנישט וויסן, איך זוך קיין יחוס נישט. איך בין די זאַך, די זאַך אַליין איז מיר גענוג. פרעג מיך מער נישט וועגן מיר, פרעג מיך, פאַרוואָס איך בין צו דיר געקומען.

רבי עקיבא. דו ווילסט, איך זאָל דיר דינען.

בר כּוזיבא. נישט מיר, דער זאַך. איך וויים, וואָס דו האָסט געטאָן זינט דער אסיפה אין רבי יהושעס הויז, איך וויים פון אַלע דיינע רייזן. ווי איך, האָסטו געוואָרט און צוגעגרייט, און האָסט גוט אויך צוגעגרייט. האָסט גוטע קעמפער אויפגעשטעלט,

טויט־פארשפאטער, טויט־פאראכטער. פון נאנט און ווייט שטראך מען זיי צו, פון אונזער לאנד און אויך פון ווייטע גלות־לענדער, טראגן אונזער זאך און גאט זייער לעבן צו. אין די פארבארגענע היילן צווישן די יהודה־בערג, אין דער פינסטערניש פון נאכט האב איך זיי אין איין ארמיי צונויפגעשמידט, אין די היילן פון יהודה, וועלכע איך האב אין געהיימע וואפנפלעצער פארוואנדלט. איך און דו, מיר האבן איינער אן דעם אנדערן געטאן, איצטער וועלן מיר טאן צוזאמען, וועסט מיר מיין העלפער זיין. איך וועל קעגן שונא ציען, מלחמה פירן, שלאכטן שלאגן, דו וועסט דאס פאלק אין זיין ווילן שטארקן, אים מער און מער אויפמונטערן צו דער מלחמה פאר גאט און לאנד. ווילסטו עס? ווילסטו זיין מיט מיר?

ר ב י ע ק י ב א. מיין גרעסטע דערהייבונג וועט עס זיין, א גאט־באלוינונג, וועלכע איך האב קוים פארדינט.

ב ר כ ו ז י ב א. גוט, וואס דו נעמסט עס אזוי אויף, דארף איך מער נישט רעדן. איך מוז זיך אויך באאיילן, איך האב נאך פיל צו טאן. מיר טרעפן זיך מארגן אין דער מיטאג־שעה אויף דעם בית המקדש־בארג.

ר ב י ע ק י ב א. אויף דעם הר הבית, אין א באפרייטער ירושלים!...

ב ר כ ו ז י ב א. וועלכע ווערט היינט ביי דער נאכט פון די טמא רוימער־פגרים אפגערייניקט...

ר ב י ע ק י ב א. אום דיך אין ריינקייט אויפצונעמען!

ב ר כ ו ז י ב א. און דיך, דו גרויסער לערער! פרידן מיט דיר! (ווענדט זיך צו גיין, דערזעט רחלען, בלייבט שטיין אין פארוואונדערונג און פרעגט, די אויגן נישט אפווענדנדיק פון דער פרוי.) איז דאס דיין טאכטער דא מיט דיר?

ר ב י ע ק י ב א. ניין, דאס איז מיין ווייב, מיין אייביק יונגע רחל, די טאכטער פון כלבא שבוע.

ב ר כ ו ז י ב א. דיין ווייב... דאס וואונדער פון יוגנט, וועלכע עלטערט זיך נישט, פון שיינהייט, וועלכע וועלקט נישט.

זי האָט עס פאַרדינט ביי גאָט, איך ווייס. אַ גוטע נאַכט אייך ביידן! (גייט שנעל אַוועק.)

רבי עקיבא (קוקט אים נאָך מיט נאָכלויפנדיקע אויגן, ציט די הענט נאָך דעם אַוועקגעגאַנגענעם, מאַכט אַ פּאָר טריט און רעדט מיט התלהבותדיקער שטים). דאָס איז ער דאָך! דאָס איז ער! רחל, מיר האָבן משיחן געזען! דאָס איז דער מלך המשיח!... איך האָב עס דערפילט, ווען איך האָב אים דערזען צום ערשטן מאָל אין הויז פון רבי יהושע... דאָס איז גאָטס וואָרט אין מיר געווען!... האָסטו געהערט אונזער געשפּרעך? ער איז מנחם, ער איז גאָטס אויסגעווײלטער! ווי בין איך פול פון אים!... וואוהין איז ער אַוועק? פאַרוואָס בין איך אים נישט נאָכגעגאַנגען? מאָרגן, רחל! מאָרגן אויף דעם בית המקדש באַרג! ער וועט דעם בית המקדש אויפבויען צוריק! איך מוז שנעל מיינע באַגלייטער אויפוועקן! זיי שלאָפן דאָרט און ווייסן נישט פון דעם גליק... איך וועל זיי...

רחל (וויינט פלוצלונג אויף).

רבי עקיבא (ציטערט אויף און קוקט זי דערשטוינט אָן). וואָס איז דיר, רחל? נישט קיין פריידנטרערן!

רחל. מידיקייט.

רבי עקיבא. מידיקייט בלויז? רחל, ניין!

רחל. ווען נישט מידיקייט, וואָלט איך נישט אויפגעוויינט.

רבי עקיבא. וואָס איז דער קוואַל פון דיינע טרערן?

רחל (קוים אַרויסרעדנדיק). אַ תפילה צו גאָט.

רבי עקיבא. מוז איך ווייטער פרעגן! וואָס איז די תפילה?

רחל. דו זאָלסט קיין טעות נישט האָבן.

רבי עקיבא. ווי?!

רחל. עס איז אומרואיקייט אין מיר...

רבי עקיבא. אומרואיקייט?

רחל. צווייפל האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

רבי עקיבא. צווייפל? איצטער ווען דו האָסט אים געזען, אים געהערט!

רחל. איך האָב בליקן פון אים אויפגעכאַפּט, עקיבא.

רבי עקיבא. וועלכע בליקן?

רחל. ווען ער האָט געמיינט, איך בין דיין טאָכטער.

רבי עקיבא. ווי האָט ער דיך דען אָנגעקוקט?

רחל. עס איז געווען הונגער אין זיינע אויגן.

רבי עקיבא. האָט ער דיך מיט הונגער אָנגעקוקט, ווען ער האָט געוואוסט, אַז דו ביזט מיין ווייב?

רחל. דיין אַלטע ווייב האָט ער אָנגעקוקט מיט אנטוי־שונג.

רבי עקיבא. דו זאָגסט עס, ווי דאָס וואָלט דיך פאַר־דראָסן.

רחל. עקיבא!

רבי עקיבא. פאַרוואָס האָט ער נישט געדאַרפט אָנקוקן מיין שיינע יונגע טאָכטער, ווי איינע, וועלכע ער וואָלט זיך געוואָלט נעמען פאַר א ווייב? האָב איך געזינדיקט אַ מאָל, ווען איך האָב דיך אָנגעקוקט, די יונגע שיינע טאָכטער פון כלבא שבוע, און מיינע בליקן האָבן דיך באַגערט? האָסטו געזינדיקט, ווען דיינע בליקן האָבן מיט באַגער מיר אָפּגעענטפערט?

רחל. מלך — המשיח!

רבי עקיבא. הלוואי האָבן מיר א טאָכטער, וועלכע ער וואָלט געוואָלט זיך פאַר א ווייב! דאַרף משיח דען נישט חתונה האָבן?

רחל. דער געזאַלבטער פון גאָט, גאָטס אויסגעווייילטער — און תאווה אין דעם בליק!

רבי עקיבא. זאָג עס נישט, רחל, דו זינדיקסט מיט די רייד!

רחל. זיי מוחל, עקיבא, א נאַריש פרויענהאַרץ!

רבי עקיבא. זאָל גאָט דיר מוחל זיין! דיינע אויגן האָבן שלעכט זיין בליק געזען, ווייל דיין האַרץ איז נישט גאַנץ מיט אים.

רחל. באַשולדיק מיינע אויגן נישט, עקיבא, דאָך מיין

האַרץ האָסטו ריכטיק אָפּגעזען. איך גיי נאָך דיר מיט פעסטן שריט, בין פול מיט פרייד איבער דיין קראַפט. דאָך ווי דער שאָטן, וואָס פאַלט פון דיר אויף מיר, ווען מיר גייען קעגן דער זון, אַזוי ליגט אויף מיר אַן אומרואיקייט און מאַכט מיין האַרץ מיר שוואַך.

ר ב י ע ק י ב א. פאַרטרייב די אומרואיקייט פון דיר! פאַר־טרייב זי מיט דיין גאַנצער קראַפט! רוף דיר גאָט צו הילף! עקיבאס ווייב איז שטענדיק איינס געוועזן מיט עקיבאן, מוז עס ווייטער זיין. גיי, טו תפילה, בעט דיר אויס אַ רואיק האַרץ! איך וועק די שלעפער אויף. (איילט צו דער טיר.)

ר ח ל (פאַלט אויף די קני ביים בעט און פאַרזינקט אין גע־בעט).

ר ב י ע ק י ב א (אין דער טיר). שטייט אויף! שטייט אויף, איר שלעפער! הערט די וואונדערבאַרע בשורה, הערט! (באַוועגונג און שטימען אין צווייטן צימער.) ער איז דאָ געוועזן, ער, מנחם!... עס איז געשען!... ירושלים איז באַפרייט!... מאָרגן אויפן הר הבית!... (אין צווייטן צימער שטייגט אויף אַ יובל־געשריי.)

## צ ווי י ט ע ס צ ע נ ע

דער בית המקדש־פּלאַץ אויף דעם הר הבית. פיל פאָלק איז דאָ פאַרזאַמלט. מען וואַרט אויף בר כוזיבאן. מענער, פרויען און קינ־דער. אויפגערעגט, זשעסטיקולירנדיק, זינגענדיק, טאַנצנדיק, באַ־וועגנדיק זיך פון אָרט צו אָרט, קוקנדיק נאָך לינקס, פון וואַנען בר כוזיבא דאַרף אָנקומען.

אַ מ י ט ל י ע ר י ק ע ר (אין אַ גרופּע לינקס פאָרנט). אדריאַ־נוס האָט פאַרשפּראָכן, ער וועט אונז לאָזן צוריק אויפבויען דעם בית המקדש, און זיין וואָרט נישט געוואָלט האַלטן, זיינען די בויער פון גאָטס הויז אַריבער איבער די ביינער פון זיינע סאָלדאַטן.

אַ ן אַ ל ט ע ר (אין דער זעלבער גרופּע). ווי ווייץ פאַר דעם שניטער זיינען זיי צופאַלן פאַר בר כוזיבא און זיינע מענער.

אַ י ו נ ג ע פ ר ו י. נאָך נישט לאַנג צוריק האָבן זיי זיך

באַרימט: די ייִדישע מענער האָבן נישט קיין קראַפט, און די פרויען פון ירושלים דאַרפן גליקלעך זיין, וואָס זיי האָבן רוימער לעבן זיך!

אַ מ אַ ן. ווייבערהעלדן! (געלעכטער.)

אַ ן אַ ל ט ע ר (אין אַ צווייטער גרופּע רעכטס פאָרנט). אָן אָפּגאָט־טעמפּל האָבן זיי דאָ געוואָלט אויפבויען, האָט גאָט באַוויזן זיי זיין האַנט!

אַ מ י ט ל י ע ר י ק ע ר. און ירושלים איז ווידער ירושלים, איז געוועזן און וועט בלייבן ירושלים!

אַ צ ו ו י י ט ע ר. מען זאָגט, בר כוזיבאַס מענער האָבן דערגרייכט שוין ביז צום תבור אין צפון און ביז צו באר שבע אין דרום. ער באַפאַלט די רוימער מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, מיט דער טויטלעכקייט פון אַ מגפה. ער לאָזט זיי נישט אָנטרינען און גייט שנעלער ווי אַ בשורה. ווען ער נעמט איין שטאָט איין, ווייס עס נישט איר שכנה. זי דערוויסט זיך עס, ווען ער שטייט שוין ביי איר טויער.

אַ ד ר י ט ע ר. ווי וועט זיך דאָרט אַדריאַנוס פילן, — צוריבן זאָלן ווערן זיינע ביינער! — ווען די בשורה וועט אים דערגרייכן? ווען ער האָט פאַר צוויי־יאָרן אונזער לאַנד באַזוכט, האָט ער געזען שמייכל אויף אונזערע ליפּן און פרומע אונטערטעניקייט אויף אונזערע רוקנס. ווען ער וועט איצטער אָנקומען אין רוים נאָך זיין שיכורן אין אַלעקסאַנדריע, וועט די בשורה אים באַגעגענען: די ייִדן האָבן באַהאַלטן שאַרפע ציינער הינטער זייערע שמייכלליפּן, און זייער פרומע אונטערטעניקייט איז ווי אַ באַרג אָרונטערגעפאַלן פון זייערע רוקנס און האָט באַגראָבן אונטער זיך דיינע רוימישע לעגיאָנען. די ציגן זיינען וועלף געוואָרן, און פאַר אַ פּאַסטוך האָבן זיי אַ לייב, וואָס וועט אים צורייסן זיינע פירערבעק (געלעכטער.)

אַ ק ו ר צ ע ר מ אַ ן (זוכנדיק רעכטס אין די הינטערשטע שורות אַ פּאָרנסטן פּלאַץ, צו זיין פרוי, וועלכע שטופּט זיך לעבן אים). וואָס האָבן מיר נעדאַרפט אַהער? ער וועט זיכער דורכגיין אונזער גאַס. מיר וואָלטן געוויס אים גוט געזען פון אונזער דאַך.

די פרוי. איך זאָג דאָך דיר, ער קומט פון דרום אָן. אונ־זער גאַס איז דאָך אין צפון!

דער מאַן. אַ סך ווערסטו דאָ זען!

אַ הויכער מאַן (אין דער פאָרנסטער שורה). דו שטופּ זיך נישט דערווײַלע. אַז דו ביזט געקומען שפּעטער פאַר מיר, ווערסטו קוקן איבער מײַן פּלײצע.

דער קורצער. און דו ביזט אַזוי הויך. לאָז מיך שטײן פאָרויס, ווערסטו קוקן איבער מײַן קאָפּ.

דער הויכער. נישקשה, זײַן ליכט וועט דורכשטראַלן צו דיר.

דער קורצער. איצטער ווײס איך, אַז דו ביזט פּוסט־קייט.

דער הויכער. גיי שנעל אַוועק, אַז נישט וועט פּוסט ווערן דער אָרט, אויף וועלכן דו שטײסט.

די פרוי. ווײל דו ביזט העכער, מײנסטו, דו ביזט שטאַר־קער.

דער הויכער. ווילסט עס אפשר אויסגעפינען? איך...

אַ יונגער מענש (לײגט אַרויף זײַן האַנט אויפן הויכנס מויל). האַלט דײַן מויל דו, פאַרראַטסט דײַן שלעכטיקײט!

דער הויכער (אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די פרעמדע האַנט). ווער ביזטו? וואָס האָסטו מיר צו באַפוילן?

דער יונגער. איך רעד פאַר בר כוזיבאַן, דאָס איז זײַן באַפעל. פאַרטרײבט אַלע אַנדערע געדאַנקען, טראַכט פון פרײהײט נאָר. פאַרגעסט געלוסטונגען און תאוות, געדענקט דעם פרײהײטס־קאַמף. אַזוי האָט ער געהײסן זאָגן אײַך.

דער הויכער. צײג מיר נאָר דײַן האַנט.

דער יונגער. דאָ האָסטו מײַן האַנט. וואָס ווילסטו זען אויף מיר. דאָס רוימערבלוט האָב איך פון איר מיט זײף און וואַ־סער אָפּגעוואַשן.

דער הויכער. איך זע, דו ביזט אַ ליגנער.

דער יונגער (לײגט אים אַוועק מיט אַ זעץ מיט דער פויסט). וואָס זעסטו איצטער?

דער קורצער (מיט זיין פרוי פאַרכאַפּנדיק דעם הויכנס אָרט). פונקען זעט ער, זונען און לבנות. ער קאָן מאַכן די ברכה בורא מאורי האש. (געלעכטער.)

דער הויכער (קוים אויפהויבנדיק זיך און אָפּרוקנדיק זיך נאָך הינטן). און איך זאָג, דו ביזט אַ ליגנער. האָסט דאָך אַלע דיינע פינגער!

דער יונגער. נאַטירלעך אַלע מיינע פינגער. האָסט זיי געזען און האָסט זיי אויך געפילט.

דער הויכער. בר כוזיבא נעמט נאָר יענע אָן, וועלכע האַקן זיך אַליין אָפּ אַ פינגער פון דער האַנט.

דער יונגער. האַהאַהאַ, גוטע קעמפער וואָלט ער דאָן געהאַט! ווי וואָלטן זיי שווערד און שפיז געהאַלטן? ווי קאָן מען אַזוינס גלויבן און עס נאָך איבערדערציילן?

דער קורצער. איך האָב געהערט, ער לאָזט נאָר יענע צו, וועלכע קאָנען רייטנדיק אַ בוים אַרויסרייסן מיט די וואָרצלען.

דער יונגער. דאָס איז בעסער שוין. דאָס לאָזט זיך הערן. (צום הויכן.) און נאָך מיין קלאַפּ מעגסטו עס אויך גלויבן. (געלעכטער. אַ גרופּע זקנים קומט אַרויף פון לינקס.)

ערשטער זקן. מיר האָבן דאָך מיט אונזערע אויגן דאָ די אַלטע פּראַכט געזען!

צווייטער. מיר קוקן אויף דעם חרובן פּלאַץ און אונזערע אויגן דערמאָנען זיך, וואָס זיי האָבן אַ מאָל געזען.

דריטער. געבענטשט איז גאָט, וואָס ער האָט אונזערע יאָרן פאַרלענגערט און אונזערע אויגן אונז נישט צוגעמאַכט. באַלד וועלן זיי זיך ווידער לאָבן אין דער פּראַכט פון זיין אויפגעבויטן הויז.

פערטער. באַלד וועלן מיר דיך דאָ ווידער לויבן, די גרויסער, שטאַרקער, שרעקאָנוואַרפער, ווידער בענטשן...

אַלע זקנים. ווידער שיקן דאָ צו דיר אונזערע תפילות און מקריב זיין אונזערע קרבנות! (פון לינקס קומט אַרויף אַ גע־זאַנג פון אַ סך שטימען. דער וואַרטנדיקער עולם ווערט אויפמערק־זאַם).

שטימען. ווער קומט עס ארויף! — ווער איז דער אַל־טער מאַן, וואָס גייט פאָראויס? — דאָס איז רבי עקיבא! — רבי עקיבא איז עס! — רבי עקיבא! — לעבן זאָל רבי עקיבא! — לעבן זאָל רבי עקיבא! — רבי עקיבא זינגט! — שטיל דאָך, שטיל, לאָמיר הערן, וואָס זיי זינגען! (עס ווערט שטיל. איצ־טער הערט מען קלאָר די ווערטער פון דעם געזאַנג.) „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, וועט זאָגן אייער גאָט. רעדט צום האַרץ פון ירושלים און רופט איר צו, אַז איר דינסטצייט איז פאַראיבער, אַז איר זינד איז פאַרגעבן, אַז זי האָט דאָפּלט געקראָגן פון גאָטס האַנט פאַר אַלע אירע זינד. אַ קול רופט אין מדבר: ליידיקט אָפּ דעם וועג פון יהוה, גלייכט אויס אין דער וויסטע אַ שטעג פאַר אונזער גאָט...״ (רבי עקיבא, רחל, רבי טרפון, רבי חנינא בן תרדיון, רבי יוסי הגלילי, רבי יוחנן בן תורתא און די תלמידים קומען אַרויף אויפן פּלאַץ. זיי פאַלן כורעים און קושן די ערד. פון עולם טוט מען עס נאָך. פון פאַרשיידענע הערצער רייסט זיך אַ געוויין.)

רבי עקיבא (אויפשטייענדיק). ווי מיינע אויגן, וואָס זעען דעם חורבן! וואויל מיינע אויגן, וואָס זיי וועלן באַלד זען די אויפבויאונג! (קוקט זיך אַרום.) אַ קלאַנג איז צו מיר דערגאַנ־גען, אַז דער טיראַן רופוס, רוימס פאַרטרעטער, האָט שוין דאָ דעם פונדאַמענט אויפגעשטעלט פאַר זיין אָפּגאָט־טעמפּל. ווי האָט עס מיינע אויערן ווי געטאָן, ווען זיי האָבן דאָס געהערט! ווי פרייען זיך מיינע אויגן, ווען זיי זעען אים דאָ נישט! מיינע טרערן זיינען פריידנטרערן, זיי רייניקן מיינע אויגן, וועלכע וועלן באַלד קוקן אין דער ליכטיקייט פון דעם, וואָס וועט אַהערצו קומען. (לינקס אַ גערויש פון שטימען.)

געשרייען. בר כוזיבא! בר כוזיבא! לעבן זאָל בר כוזיבא!

רבי עקיבא (אין גרויסער פרייד). ער קומט! ער קומט!

רבי טרפון. ער איז שיין.

רבי חנינא. ער איז גרויס.

רבי יוסי. ער איז שטאַרק.

ר ב י  ע ק י ב א. וואָס זאָגט איר, וואָס אַלע זעען. זאָגט, וואָס איר פילט אין דער טיפעניש פון אייך.

ר ב י  ט ר פ ו ן. מיר איז, ווי איך וואָלט געבלענדט געוואָרן פון דער זון.

ר ב י  ח נ י נ א. מיר איז, ווי ער וואָלט פון מיר די זון פאַרשטעלט.

ר ב י  י ו ס י. מיר איז, ווי איך וואָלט פון אַ גאָט־שרעק אויסגעפילט געוואָרן.

ר ב י  ע ק י ב א. דאָס אַלץ און נאָך מער האָב איך דערפילט. (מאַכט אַ טריט פאָראויס און שרייט אַרויס מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שופר־שטים.) דרך כוכב ביעקב — אַ שטערן איז אויפגעגאַנגען אין יעקב! (מיטן פינגער אויף בר כוזיבאַן, וועלכער איז נאָך נישט אַרויפגעטרעטן אויפן פלאַץ.) דאָס איז דער מלך המשיח! (עס ווערט שטיל, ווי אַ מורא וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן עולם.)

ר ח ל (פאַרדעקט זיך דאָס געזיכט מיט די הענט).

ר ב י  י ו ח נ ן (בייזערט אַרויס). הא!

ר ב י  ע ק י ב א (הויבט אויף די הענט). דער מלך המשיח איז דאָ מיט אונז! משיח איז געקומען! (בלייבט שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט, אַ התלהבות ברעכט אויס. דער געשריי: מ ש י ח! מלך המשיח! לעבן זאָל אונזער מלך המשיח! פאַרשפּרייט זיך ווייט און ברייט, צוטראָגט זיך מיט דער קראַפט פון אַ דונער און קייקעלט זיך אַריין ווייט אין ירושלים, פון וואַנען ער דערטראָגט זיך צוריק מיט דעם אָפּשלאַג פון אַ ווידערקול. מען הויבט זיך אָן אַראָפּצולאָזן אויף די קני, אַ סך פאַלן איינע די אַנדערע אויף די העלזער און קושן זיך אין רעליגיעזן עקסטאַז.)

ג ע פ ל י ס ט ע ר. זעט ווי ער שיינט! — זיין געזיכט לייכט! — ער איז נאָך גרעסער געוואָרן! — זיינע אויגן זיינען זונען! — גאָט שיינט פון אים אַראָפּ!

ב ר  כ ו ז י ב א (קומט אַרויף אויפן פלאַץ מיט אַ האַלטונג פון קעניגלעכן באַוואוסטזיין).

ר ב י  ע ק י ב א. „שיין, ווייל דיין שיין איז אויפגעגאַנגען,

דער כבוד פון גאָט שיינט אויף דיר!״ שטערן אויפגעגאַנגענער אין יעקב, נישט מער וועסטו הייסן בר כוזיבא, נאָר בר כוכבא וועט זיין דיין נאָמען אין אַלע אייביקייטן!

תלמידים און עולם. בר כוכבא! אין אַלע אייבי־קייטן בר כוכבא, מלך המשיח!

רבי טרפון. באורך נראה אור — אין דיין ליכטיקייט וועלן מיר זען ליכטיקייט.

רבי עקיבא. וואויל דער שעה, אין וועלכער ער איז געבאָרן געוואָרן!

תלמידים און עולם. וואויל!

רבי עקיבא. וואויל דעם בויך, פון וועלכן ער איז ארוים!

תלמידים און עולם. וואויל!

רבי עקיבא. וואויל דעם דור, וואָס זיינע אויגן זעען אים!

תלמידים און עולם. וואויל!

רבי עקיבא. וואויל דעם אויג, וואָס האָט ארויסגעקוקט אויף אים!

תלמידים און עולם. וואויל!

בר כוכבא (מיט שטאַרקער שטים). איך רוף גאָט אַלס עדות, און עדות זיינען אַלע, וואָס זיינען ארום מיר, אז איך האָב מיין קאָפּ נישט פאַררייסן נאָך אַ קעניגס־קרוין און מיין האַנט נישט אויסגעשטרעקט נאָך אַ קעניגסצעפּטער. איך טו דאָך נאָר פאַר גאָט און פאָלק און לאַנד, די פרייהייט פון ישראל איז מיר איבער אַלץ.

רבי עקיבא. די עפּענונג פון דיינע ליפּן איז ברכה און שלום. דיינע רייד זיינען נחת רוח. די געדאַנקען פון דיין האַרץ זיי־נען זיכערקייט און פעסטקייט.

בר כוכבא. איך בין גליקלעך, וואָס גאָט האָט מיך אויס־געוויילט צו קעמפן זיין קאַמף. ער איז געווען מיט מיר אין אָנ־הויב, ער וועט זיין מיט מיר ביים סוף.

רבי עקיבא. אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו חגי זיין נביא: ״איך וועל צוטרייסלען הימל און ערד און איך וועל איבערקערן דעם טראָן פון קעניגרייכן און פאַרניכטן די מאַכט פון די היידן!״

איך וועל צוטרייסלען הימל און ערד — דאָס איז די פאַרניכטונג פון קייסאַריא און עמאוס דורך ערדציטערניש. איצטער וועט קומען דורך דיר, דו משיח פון גאָט, די איבערקערעניש פון טראָן און די פאַרניכטונג פון דער היידנמאַכט.

בר כוכבא. אַ גרויסער טאָג איז עס היינט ביי מיר, דער טאָג פאַר פאָלק און לאַנד איז נאָך נישט געקומען. רוים איז נאָך שטאַרק אין אונזער לאַנד. רופוס, רוימס פאַרטרעטער, האָט אַ גרויסן חייל, און די פעסטונגען פון אונזער לאַנד זיינען אין זיינע הענט. און וועט רופוס געשלאָגן ווערען, אַדריאַנוס האָט נאָך מער אַרמייען און מער אַרמייענפירער. די מלחמה וועט זיין לאַנג און שווער, און אַלע וועט איר מוזן העלפן. די האַנט, וועלכע טוט גאָרנישט פאַר דעם קאַמף, איז אַ פאַררעטערהאַנט. כוחות, וועלכע ווערן נישט אַריינגעלייגט אין אונזער זאַך, זיינען ווי דער רעגן, וועל־כער קומט נישט אין דער צייט. דאָס צו זאָגן אייך בין איך אַהער געקומען, און מער וועט איר פון רבי עקיבאן הערן, וועמען איך האָב אַהער באַשטעלט, ער זאָל מיין העלפער זיין.

רבי עקיבא. „דעם טאָג האָט גאָט געמאַכט, לאָמיר פריי־ען איבערפרייען זיך אין אים!" עס האָט זיך באַרימט דער רשע אין זיין רשעות: ער וועט דאָ אַ טעמפּל אויפבויען פאַר זיין אָפּגאָט, פאַראומרייניקן דעם פּלאַץ, וואו אונזער גאָט האָט גערוט. עס איז אים וויייניק געווען צו שינדן פון אונז די הויט און דערדריקן אונז מיט שווערע צינזן און אָפּצאָלונגען, וועלכע זיינען געווען ווי דער רויב פון גזלנים אויף אָפענער גאַס. ער איז נאָך אויפ־געשטאַנען צו באַליידיקן דאָס הייליקסטע אין אונז, פאַרטרינקען אונז מיט זיין פאַראַכטונג. גאָט האָט דאָס אַריינגעטאָן אים אין זיין האַרצן, אויספּרואוון האָט דער אויבערשטער געוואָלט זיין פאָלק. וועלן מיר פאַרטראָגן די דאָזיגע שענדונג, ווי מיר פאַרטראָגן די שווערע אָפּצאָלונגען, אָדער מיר וועלן זיך איינשטעלן פאַר דעם כבוד פון גאָט און אוועקגעבן פאַר אים אונזער לעבן? ווייל דאָס איז, וואָס יהוה וויל פון אונז! אונזער לעבן זאָלן מיר אים אוועק־געבן, אויב מיר ליבן אים. און ווייל מיר האָבן באַוויזן גאָט, אַז מיר ליבן אים מיטן גאַנצן לעבן, איז ער געווען מיט אונז. אין

שטויב ליגן די רוימער, וועלכע האָבן צוגעגרייט די שטייגער פאַר דעם אָפּגאָט־טעמפּל. זיי זיינען געפאַלן און וועלן מער נישט אויפשטיין, אויב מיר וועלן גאָט זיך געבן. ווילט איר ווייטער ליבן גאָט מיט אייער גאַנצער נשמה? ווילט איהר אים אוועקגעבן אייער לעבן?

אויסגעשריי. מיר וועלן! מיר געבן!

רבי עקיבא. מיט דעם וועט איר זיגן! דערפאַר האָט ער געשיקט אייך איצטער זיין משיח!

בר כוכבא. פול זיכערקייט און מוט גיי איך איצטער רופסן מיט זיין חיל באַגעגענען און אַלע די, וועלכע אַדריאַנוס וועט אויף אונז שיקן, ווען רופוס וועט מער נישט זיין. טו דיין טייל, גרויסער לערער, שטאַל זיך צום קאַמף, פאָלק פון יהודה. איך און די מייניקע וועלן פון שרעק און מידיקייט נישט וויסן. רוים וועט פאַרטריבן ווערן פון אונזער לאַנד אויף אייביק!

אויפגעשריי. לאַנג לעבן זאָל אונזער משיח.

בר כוכבא. לאַנג לעבן זאָלסטו, מיין פאָלק! לאַנג לעבן זאָל מיין לאַנד! מלחמה פאַר גאָט און זיג! דיין ברכה גיב מיר, גרויסער לערער!

רבי עקיבא. איך דיך בענטש, שטערנזון! דו ביזט פון גאָט געבענטשט. גאָט וועט דיך בענטשן און וועט דיך היטן.

בר כוכבא (ציט זיין שווערד צו זיינע באַגלייטער). אויף צום קאַמף, העלדן פון ישראל! מיט דער שנעלקייט פון אָדלער מוזן מיר צו רופוסן אַנטקעגן. יובל, פאָלק פון ירושלים, באַלד וועסטו הערן, דו ביזט פון רופוסן פריי! (צו זיינע באַגלייטער.) קומט!

רבי עקיבא. און דיין באַפעל, קעניג?

בר כוכבא. וואָסער באַפעל?

רבי עקיבא. דעם בית המקדש אויפצובויען.

בר כוכבא. ניין, דעם קאָן איך נאָך נישט געבן. (אַנטוױשונג־באַוועגונג אין עולם.) דעם גיב איך, ווען די רוימער וועלן אין גאַנצן זיין געשלאָגן.

רבי עקיבא. גאָט האָט געזאָגט: „איך האָב זיך אומ־

געקערט נאָך ירושלים מיט רחמים, מיין הויז זאָל געבויט ווערן אין איר.״

בר כוכבא. גאָטס הויז וועט געבויט ווערן, אָבער איצ־טער איז נאָך נישט די צייט. דער רוימער גייט אויף אונז.

רבי עקיבא. אונזערע עלטערן האָבן שוין איינמאָל גע־בויט דעם בית המקדש, ארומגערינגלט מיט פיינט. אין איין האַנט האָבן זיי געהאַלטן וואָפן, מיט דער אַנדערער האָבן זיי געבויט.

בר כוכבא. איך ווייס, איך האָב דערפון געטראַכט. אָבער אונזער מלחמה איז נישט אין ירושלים. זי וועט זיין ווייט פון ירושלים, אין אַלע טיילן פון אונזער לאַנד. אַלע קרעפטיקע הענט מוזן זיין אין פעלד אָדער ארבעט טאָן פאַר די, וואָס וועלן שטיין אין פעלד. פאַרן בית המקדש וועלן מיר נישט האָבן קיין בויער.

רבי עקיבא. זע דאָס פאָלק, וואָס איז דאָ פאַרזאַמלט. זיי ווילן זען דעם בית המקדש.

בר כוכבא. זיי וועלן זען אים, רבי.

רבי עקיבא. דאָס הויז דאָ, ניי געבויט און אויפגעשטעלט, וועט אַ נייער אָנהאַלט זיין אין דעם קאַמף, וועט שטאַרקן דעם פאָלק די הענט און שטאַלן אים דעם ווילן.

בר כוכבא. נאָך מער וועט עס פיליכט די בענקעניש נאָך אים, דער טרייבנדיקער פאַרלאַנג. אָ, רבי עקיבא, שטאַרק אין פאָלק דעם באַגער, נעם די הענט מיר נישט אַוועק! באַגרייף, איך מוז די מענטשן האָבן.

רבי יוחנן. גאָט וויל זיין הויז! ער וועט זיך פאַר זיין פאָלק ישראל שלאָגן.

בר כוכבא. איך קען דיך נישט, אַלטער. רבי עקיבא וועט דיר דעם ענטפער געבן. דיין געדאַנק איז געפערלעך פאַר אונזער קאַמף. באַלד בלייבט דאָס פאָלק רואיק אין די היימען און לאָזט איבער די מלחמה צו גאָט. ניין, איר לאָזט עס איבער שוין צו מיר. בין איך גאָטס אויסגעווילטער, ווייס איך, וואָס איך טו. עס איז גאָט אין אַלע מיינע מעשים, גאָט אין מיין יעטוועדן געדאַנק. דער בית המקדש וועט זיין געבויט...

אויפגעשריי. וואויל!

בר כוכבא. פון אַ באַפרייטן פאָלק אין אַ באַפרייטן לאַנד! קומט, מיינע העלדן, איצטער מוזן מיר זיך נאָך מער באַ־איילן. לעב אין פרידן, רבי עקיבא, דער שמיד דן פון דעם פאָלקס ווילן! — זיג דיר, פאָלק פון ירושלים! (גייט, זיינע באַגלייטער נאָך אים.)

אויפגעשריי. לאַנג לעבן זאָל משיח! (עולם באַגלייט אים.)

רבי יוחנן (האַרט איבער רבי עקיבאס אויער). גראָז וועט וואקסן אויף דיינע באַקן, עקיבא, און משיח וועט נאָך נישט קומען.

רבי עקיבא (שאָקלט זיך אויף ווי פון אַ ביס און בייזערט אַרויס). יוחנן!

רחל (צוואוויינט זיך).

## צ ו ו י ש נ ש פ י ל.

ג ע ז א נ ג. פון די יהודה־בערג און דעם אילון־טאָל פארטריבן איז דער רוימער, פון שרון־טאָל און אפרים־בערג איז ער פאר־יאָגט געוואָרן. דער כרמל און דער יזרעאל זיינען פון אים אָפגע־רייניקט, דער ירדן־ברעג און דער גליל זיינען פון אים פריי. ער האָט דעם רוקן אונז צוגעקערט, באוויזן אונז די פיאטעס. געפאלן איז דער רוימער און וועט נישט אויפשטיין מער. צוריבן ווי דער שטויב פון הימל, ווי גאסנקויט צוטראָטן און צודריקט. די שטאר־קע האנט פון בר־כוכבא האָט זיי אוועקגעלייגט, די שטארקע האנט פון בר כוכבא און זיינע קעמפער. פאר אונזער מוט זיינען זיי אָפגעטראָטן, פאר אונזער גבורה זיינען זיי געוועזן ווי שטרוי אין ווינט. זיי וועלן זיין ווי דעכערגראָז, וואָס איידער מען רייסט עס אויס, פארטריקנט עס; וואָס דער שניטער פילט נישט אָן זיין האנט און דער גארבן־זאמלער זיין בוזים...

# פערטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ גרויסער זאַל אין בר כוכבאס פּאַלאַץ אין ביתר. ביי דער הינ־טערוואַנט אַ טראָן, צו וועלכן עס פירן אַרויף עטלעכע טרעפּלעך. צוויי גרויסע טירן רעכטס און לינקס. — בר כוכבא זיצט אויפן טראָן, מיליטעריש געקליידעט. פון ביידע זייטן פון טראָן שטייען צוויי קריגסמענער. צוויי קריגסמענער שטייען אויך ביי די טירן. פאַר דעם זיצנדיקן בר כוכבא שטייט אַ יונגער מצרי.

ד ע ר מ צ ר י. איך רעד פאַר הונדערטער מצרים, וועלכע ווילן אין דיין אַרמיי.

ב ר כ ו כ ב א. מצרים — אין מיין אַרמיי? דאָס איז גאַנץ וואונדערבאַר. געדענקסט אפשר, ווי דיין פּרעה און זיין חיל זיינען אין ים דערטרונקען געוואָרן, ווען זיי זיינען די יידן נאָכגעלאָפן, וועלכע האָבן מיט משהן דיין לאַנד פאַרלאָזן, וואו זיי זיינען קנעכט געווען? געדענקסטו דאָס און קומסט צו מיר מיט שלעכטע געדאַנקען?

ד ע ר מ צ ר י. איך געדענק עס נישט, ווייל איך האָב עס קיינמאָל נישט געוואוסט. איך ווייס צומאָל נישט, וואָס דו רעדסט. איך ווייס קיין פּרעה נישט און ווייס נישט פון קיין משה. איך ווייס נאָר, מיר זיינען איצטער קנעכט ביי רוים. דאָס ווייס איך זייער גוט. מיר זיינען מיט דיר, רוימס שווערע האַנט אויף אייביק צו צוברעכן. דערפאַר באָטן מיר זיך אָן אין דיין אַרמיי.

ב ר כ ו כ ב א. ווי זאָל איך דיר דאָס גלויבן?

ד ע ר מ צ ר י. איז דער רוימישער יאָך שווער?

ב ר כ ו כ ב א. מיר האָבן קוים געאָטעמט אונטער אים.

ד ע ר מ צ ר י. פאַרוואָס זאָל ער אונז נישט שווער זיין?

פאַרוואָס זאָל אונז נישט אָטעם פעלן? מיר ווילן אים אַרונטער־וואַרפן. מיר ווילן אויך צו אָטעם קומען. איז נישט פרייהייט זיס?

בר כוכבא. אַזוי זיס, אַז דער טויט איז אַ קליינער פרייז פאַר איר.

דער מצרי. ווילן מיר אויך שטאַרבן אין קאַמף פאַר דער זיסקייט פון דער פרייהייט.

בר כוכבא. דו רעדסט, ווי אַן ערלעכער מענטש.

דער מצרי. איך רעד, ווי איינער, וועמען די פרייהייט פון זיין פאָלק איז טייערער ווי זיין לעבן. מיר קומען צו דיר הונ־דערטער מצרים, און הונדערטער וועלן נאָך קומען, ווייל דיין פיינט איז אונזער פיינט. מיר ווילן שטאַרקן דיר די האַנט, וואָס האָט רוים אַ ביסל שוין צוטרייסלט. מיר ווילן העלפן דיר, רוים אינגאַנצן איינצוואַרפן.

בר כוכבא. גוט, איך נעם דיך אָן.

דער מצרי (פאַרבויגט זיך).

בר כוכבא. איך האָף, דיין האַנט וועט זיין קרעפטיק ווי דיין וואָרט, און די מצרים, וועלכע דו ברענגסט מיט זיך, וועלן דיין וואָרט נישט שוואַכער מאַכן.

דער מצרי. פרייהייטסקעמפער איינער אין איינעם, טויט־פאַראַכטער אַלע.

בר כוכבא. גיי, בר דרומא וועט דיר און די דייניקע דעם פלאַץ באַווייזן אין מיין חייל.

דער מצרי (מיט פאַרבויגונג). מיר וועלן אים מיט אונזער בלוט פאַרדינען. (אָפ דורך דער טיר רעכטס. ביי דער טיר לינקס ווינקט אַריין אַ טירהיטער אין דעם צווייטן צימער, און עס קומט אַריין אַ יונגער פעניציער. בר כוכבאס געזיכט נעמט אָן אַ פריינט־לעכן אויסדרוק.)

דער פעניציער (מיט פאַרבויגונג). איך רעד פאַר טויזנטער פעניציער, קעניג.

בר כוכבא. צור האָט אַמאָל שוין געהאָלפן ישראל. ווען אונזער קעניג שלמה איז צוגעטראָטן דעם בית המקדש צו בויען, האָט חירם אייער קעניג זיינע בויער אים געשיקט.

דער פעניציער. עס איז גוט, אַז דו גערענקסט, וואָס איך האָב נישט געוואוסט. זאָל די טאַט פון אונזער אַלטן קעניג — איך ווייס נישט, ווען ער האָט געלעבט — דיר גוטע ערבות זיין, מיר וועלן אויך איצטער דיר ערלעך העלפן.

בר כוכבא. קומט איר מיר נאָר העלפן?

דער פעניציער. און זיך. ווען דו ביזט געהאָלפן, זיינען מיר עס אויך. ווען דו צוברעכסט רוים, שטעלסטו צור אונז אויף. מיר וועלן קעמפן אונטער דיר פאַר אונזער פרייהייט. צור איז מיד געוואָרן פון רוימס פוס אויף איר אַלטן שטאָלצן נאַקן.

בר כוכבא. גיי צו בר דרומאן. ער וועט דיך און דיינע טויזנטער אויפנעמען, ווי עס פּאַסט פאַר חירמס קינדער.

פעניציער (מיט פאַרבויגונג). און ווען דו וועסט דיין בית המקדש בויען, מיר העלפן דיר דערביי. (אָפּ דורך דער רעכטער טיר. לינקס ווינקט ווידער דער טירהיטער און עס קומט אַריין אַ יונ־גער פערס. בר כוכבאס געזיכט לייכט אויף.)

דער פערס. איך קום פון פרס, קעניג...

בר כוכבא. געבענשט זאָל זיין דיין קומען!

דער פערס. ווי בין איך גליקלעך, דאָס פון דיר צו הערן!

בר כוכבא. איך קען דעם גייסט פון די פערסער.

דער פערס. מיר פאַרטראָגן שלעכט די האַנט פון רוים, און נישט איינמאָל האָבן מיר זיך שוין אין איר מיט אונזערע ציי־נער איינגעביסן. מיר ווילן העלפן דיר, די האַנט אין גאַנצן אָפּצו־בייסן.

בר כוכבא. מיט וויפיל ביזטו דאָ?

דער פערס. גאַנצע לעגיאָנען.

בר כוכבא. וועט איר נישט נויטיק זיין אין אייער אייגע־נעם לאַנד?

דער פערס. וואָס מאַכט אונז אויס, וואו רוים וועט איר שווערע האַנט פאַרלירן. דו טוסט עס גוט, און מיר קומען דיר צו העלפן.

בר כוכבא. איך האָב שליחים געשיקט צו אייער קעניג. איך וויל זיין שותפות.

דער פערס. אונזער קעניג האָט נאָך זיין מוט נישט געפונען, ער האָט מורא פאַר דעם רוימער. ער וועט זיין מוט געפינען, ווען דו וועסט רוים צושלאָגן. מיר באַטן זיך דיר אָן, צו זיכערן דעם זיג. אונזער קעניג וועט יעמאָלט אָנפילן זיך מיט מוט און רוים פון אונזער לאַנד פאַרטרייבן.

בר כוכבא. גיי צו בר דרומאן. ער וועט זיך מיט דיר דערפרייען.

דער פערס (מיט פאַרבויגונג). אייביקע פרייד דיר, קעניג, ווייל דו האָסט מיך דערפרייט. (אָפּ רעכטס. לינקס ווערט אַריינגעלאָזן אַ יונגער אידקריסט, וועלכער קומט צו צום טראָן מיט פאַרבויגונגען.)

בר כוכבא. ווער ביזטו?

דער אידקריסט. איינער, וועלכן דו רופסט מין.

בר כוכבא. ענדלעך איינער פון דעם מין!

דער אידקריסט. נישט איינער. מיט מיר זיינען אַ סך.

בר כוכבא. וועלכע נעמען אָן מיך פאַר משיח.

דער אידקריסט. פאַר דעם קעניג, באַפרייער פון אונזער לאַנד.

בר כוכבא. נישט משיח.

אידקריסט. משיח איז שוין לאַנג געקומען, האָט געלעבט דאָ צווישן אונז, און איז געשטאָרבן פאַר אונז אויפן צלם און וועט ווידער קומען צום טאָג פון משפט.

בר כוכבא. מיר געפעלט דיין מוט, מיר אזוינס צו זאָגן. פאַרוואָס ביזטו געקומען צו מיר?

דער אידקריסט. איך ליב אונזער לאַנד און טייער איז מיר זיין פרייהייט.

בר כוכבא. די מינים זיינען שטענדיק אונזערע מוסרים געוועזן. דו קומסט צו מיר מיט פאַרראַט־געדאַנקען.

דער אידקריסט. איך האָב זיי נישט, און קיינער פון דער גרויסער צאָל, וואָס געפינט זיך דאָ מיט מיר. מיר ווילן ערלעך דינען דיר, זיינען גרייט אַפילו אַרויסצוגעבן דיר אַלע אידקריסטן, וואָס זיינען קעגן דיר.

בר כוכבא. ביזטו דאָך פאַרדעטער.

דער אידקריסט (טרויעריק). איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר נישט געטרויען. ווי זאָל איך דיין צוטרוי דאָך געווי־נען? זע, איך טויט זיך דאָ פאַר דיר. (דערשטעכט זיך. פאַלט.) איצטער וועסטו מיינע חברים גלויבן. (שטאַרבט.)

בר כוכבא (איבערראַשט און גערירט). דאָס איז די פריי־הייטסליבע, ווי איך זע זי. (צו די טראָגוהיטער.) נעמט אים אוועק. זאָגט זיינע חברים, זיי זאָלן אים מיט כבוד באַגראָבן. (די טראָג־היטער הויבן אויף דעם טויטן און טראָגן אים אַוועק לינקס, פון וואַ־נען ער איז אַריין. קומען באַלד צוריק און פאַרנעמען זייערע פלע־צער. ווען זיי טראָגן אַרויס דעם מת, ווערט אַריינגעלאָזן אַ יונגער שומרונער.)

בר כוכבא (באַגלייטנדיק מיט די אויגן דעם מת). אַ שאָד. פאַרלאָרן אַ גוטן קעמפער.

דער שומרונער (איבערראַשט פון דער מת־אַרויסטראָגע־ניש, בלייבט אַ רגע שטיין, זעצט אָבער באַלד פאָרט זיין גאַנג און קומט צו מיט פאַרבויגונגען).

בר כוכבא (קוקט אים אָן מיט איבערראַשטן פאַרעכט־לעכן בליק). ווילסטו אויך אַ טויט זיך מאַכן, שומרונער? אויך דיר וועל איך נישט גלויבן.

דער שומרונער. איך וויל נישט, זאָלסט באַדויערן דעם טויט פון אַ גוטן קעמפער.

בר כוכבא. און ביזטו פון די בעסטע איינער, איך וויל דיך נישט.

דער שומרונער. איך בין געקומען אָנצובאָטן דיר די הילף פון דעם גאַנצן שומרון־פאָלק.

בר כוכבא. דאָס קלינגט מיר גאַנץ אומגלויבלעך.

דער שומרונער. איר און מיר — מיר זיינען שטענ־דיק שונאים געוועזן. דורות און דורות, ווייט אין דער פאַרגעסנ־קייט — דורות יידן, דורות שומרונים האָבן טויטלעך זיך געהאַסט. אייערע ביכער דערציילן עס, און אונזערע האָבן עס פאַרשריבן.

די רוימער האָבן אין אונז די פיינטשאַפט צו אייך דערשטיקט און אָנגעצונדן אַ נייעם, גרעסערן האַס צו זיי. מיר זיינען איצטער איינס מיט אייך, איינס און איניק. די שומרונים, דאָס גאַנצע שומרון־פאָלק שטרעקט דיר אויס די האַנט. נעם זי אָן, זי וועט דיר זיין אַ גרויסע הילף.

בר כוכבא. אָדער מיין קבר־גרעבער. מיר געדענקען גוט נאָך סנבלטן און די אַנדערע פאַררעטער־מוסרים.

דער שומרונער. סנבלט — ער איז געווען אַ גוטער שומרונער. פון שומרונס וועגן האָט ער געהאַסט יהודה. אויס ליבע צום גריזים האָט ער געזוכט צו שעדיקן מוריה. אויס ליבע צו שומרון וועלן מיר איצטער צו דיר געטריבן. מיר ווילן שומרון ראַטעווען. רוים איז אונזער שותפותדיקער פיינט, מיר באָטן דיר אונזער שותפות אָן.

בר כוכבא. מיר זיינען געוואוינט, די שומרונער נישט צו פאַרטרויען.

דער שומרונער. מיר האָבן עס געוואוסט און האָבן דאָס באַשלאָסן: קלייב דיר אויס פאַר אַ משכון וועמען און וויפיל דו ווילסט פון די עלטסטע און בעסטע פון אונזער פאָלק. און וועסטו מערקן ווען אין אונז דעם קלענסטן צייכן פון אומטרייהייט צו דיר, מעגסטו זיי באַשטראָפן. קאָנען מיר מערער טאָן?

בר כוכבא. דער אָנבאָט איז גוט געמאַכט.

דער שומרונער. האָסטו אַ שווערערן, זאָג אים אונז, מיר זיינען צו אַלץ באַרייט.

בר כוכבא. איך נעם דיין אָנבאָט אָן.

רבי עקיבא (לויפט אַריין, שטאַרק אויפגערעגט, שרייענדיק מיט דונערנדיקן קול). ניין! ניין! ניין!

בר כוכבא. וואָס איז דען, רבי עקיבא?

רבי עקיבא. שיק זיי אַוועק! שיק זיי אַלעמען אַוועק!

בר כוכבא (צו די היטער). לאָזט אונז אַליין. (די היטער און דער שומרונער גייען אַרויס רעכטס.)

רבי עקיבא. דו דאַרפסט קיין שותפים נישט, זוך דיר נישט קיין העלפער צווישן פרעמדע! שיק זיי אַלעמען אַוועק. היים

זיי מער נישט קומען! לאָז בר דרומאן וויסן: נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלדי געצנדינער אין דיין אַרמיי, די מינים דערוווײטערן מיר פון זיך, די שומרונים בלייבן אונז פאַרהאַסט!

בר כוכבא (געלאַסן). ווייסטו אפשר, אַז יוליוס סעווערוס, אַדריאַנוסעס בעסטער קאָמאַנדיר, דערנענטערט זיך צו אונזער לאַנד?

רבי עקיבא. און ער וועט פון דיר געשלאָגן ווערן, ווי עס זיינען פון דיר געשלאָגן געוואָרן רופוס, און פּובליוס מאַרצעלוס, און לאָליוס אורבאַנוס, מיט אַלע זייערע אַרמייען.

בר כוכבא (מיט אַ טרויעריקן שמייכל). האַ! ווען איך וואָלט געהאַט דיין זיכערקייט!

רבי עקיבא (שריַיט אויף). מלך המשיח!

בר כוכבא. די אַלע אויסגערעכנטע זיגן האָבן צופיל מענטשן מיר געקאָסט. די רוימער זיינען גוטע קעמפער, אויסגע־צייכנטע סאָלדאַטן, די נצחונות זיינען מיר נישט לייכט און ביליק אָנגעקומען. גרויס איז די צאָל פון מיינע געפאַלענע, און אונזער פאָלק איז קליין, קאָן זיי נישט דערזעצן. סעווערוס קומט מיט אַן אַרמיי, וועלכע איז גרעסער פאַר אַלע די פריערדיקע רוימישע אַרמייען, מיין אַרמיי וועט אַ היפּל זיין דאַקעגן.

רבי עקיבא. דו וועסט מיט דיין היפּל אים באַזיגן.

בר כוכבא. אַ מילב דעם לייב.

רבי עקיבא. די מילב איז ער, דער לייב ביזט דו.

בר כוכבא. סעווערוס איז רוימס גרעסטער גענעראַל, גע־וואוינט צו זיגן...

רבי עקיבא. דו ביזט גאָטס גרעסטער קריגספירער, פון גאָט אויסגעוויילט צו זיגן.

בר כוכבא. איך קאָן זיך אויף נסים נישט פאַרלאָזן.

רבי עקיבא. פאַרלאָז זיך בלויז אויף גאָט!

בר כוכבא. איך זע איין וועג נאָר צום גרויסן לעצטן זיג, איין מיטל בלויז צו רוימס פאַרניכטונג. אָנצינדן דעם אויפ־שטאַנדפייער אין אַלע לענדער, די פון רוים פאַרכאַפּטע, אויפהויבן אַלע פעלקער, די פון רוים אונטערדריקטע. פּרס, מצרים, צור,

אראַביע, שפּאַניע... ביז דאָס וועט געשען, מוז איך פאַרשטאַרקן מיין אַרמיי. טויזנטער פּערסער און פעניציער און מצרים, וואָס מערער פון די מינים, דאָס גאַנצע שומרון־פאָלק.

רבי עקיבא. דו ווילסט, וואָס גאָט וויל נישט, און וועסט עס נישט דערגרייכן. מיט געדולד וועט גאָט באַפאַנצערן די אונטער־דריקטע פעלקער, און זיי וועלן זיך קעגן רוים נישט אויפהייבן. דיינע העלפער וועלן דיר נישט העלפן, ביי דער קלענסטער ווענדונג וועלן זיי דיך פאַרראַטן.

בר כוכבא (מיט אַ שמייכל). ווי רעדסטו אַזוי זיכער, רבי עקיבא!

רבי עקיבא. עס איז גאָטס מלחמה. ער וויל נאָר די אין זיין אַרמיי, וועלכע ליבן אים און ווילן פאַר אים שטאַרבן.

בר כוכבא. ווען די אַלע, די מצרים, און די צורים, און די פּערסער, און די שומרונים, וואָלטן געקומען און געזאָגט: זיי ווילן ווערן יידן — וואָלסטו זיי אָנגענומען?

רבי עקיבא. הקדוש ברוך הוא פּסלט קיין באַשעפעניש נישט, ער נעמט אַלע אָן. זיינע טויערן זיינען אָפן צו יעדער צייט, און ווער עס וויל אַריין, זאָל אַריינגענומען ווערן.

בר כוכבא. וויל איך אָננעמען די, וועלכע קומען העלפן זיין געליבטן פאָלק צו שטאַרבן אין גאָטס מלחמה.

רבי עקיבא. זיי קעמפן נישט פאַר גאָט, זיי קעמפן פאַר זייער פרייהייט.

בר כוכבא. אויך מיר קעמפן פאַר אונזער פרייהייט.

רבי עקיבא. פאַר אונזער פרייהייט גאָט צו דינען, ווי ער פאַרלאַנגט פון אונז. פאַר גאָט אַליין איז אונזער קאַמף. אונזער פרייהייט איז זיינע, ווי זיינס איז אונזער לעבן.

בר כוכבא. האָבן מיר, איך און דו, זיך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען.

רבי עקיבא. קעניג!

בר כוכבא. איך בין אַ פרייהייטסקעמפער. אין נאָמען פון דער פרייהייט, וועל איך אַלעמען אָננעמען, וועלכע ווילן פאַר איר קעמפן, פאַר איר זייער לעבן געבן.

ר ב י ע ק י ב א. קעניג, דו קערסט זיך אָפּ פון גאָט, ער וועט זיך אָפּקערן פון דיר!

ב ר כ ו כ ב א. ער זאָל נאָר דעם פיינט נישט העלפן, וועל איך מיר שוין אַליין העלפן.

ר ב י ע ק י ב א (בלייבט שטיין ווי פון אַ דונער געטראָפן, פאַלט שיר נישט אום, זוכט אַן אָנהאַלט, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, קרעכצט אַרויס ווי אין אַ יאָמער.) פאָלק מיינס, ביזט פאַרלאָרן!

ב ר כ ו כ ב א. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק געפילט ווי איצטער.

ר ב י ע ק י ב א (קוקט אָן בר כוכבאן פעסט און האַרט). ביזט נישט מער משיח, נישט מער דער אויסגעוויילטער גאָטס. אונזערע וועגן צוגייען זיך, וועסט מיך מער נישט זען, בר כוזיבא! (ווענדט זיך צו גיין.)

ב ר כ ו כ ב א. איך האָב די משיח-דערקלערונג נישט גע־זוכט, נישט פאַרלאַנגט. דאָך איך הייס בר כוכבא איצטער, און וועל איך זיגן, וועל איך משיח זיין און בר כוכבא בלייבן. וועסט נאָך חרטה האָבן אויף דיינע ווערטער, רבי עקיבא.

ר ב י ע ק י ב א (אין אַוועקגיין). מיך שוידערט פאַר דאָס, וואָס וועט קומען!

## צ ו ו י ש נ ש פּ י ל.

ג ע פ ל י ס ט ע ר. סעוועֶרוס איז ביי דער גרענעץ אין צפון פון אונזער לאַנד!... סעוועֶרוס איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד!... זיין חייל איז זייער גרויס... זיין חייל איז גרויס אין צאָל און שטאַרק אין אויסזען... ער האָט געבראַכט מיט זיך רייטעריי און מיר זיינען בלויז פוסגייער... (אין דעם געפליסטער קומט אַריין אַ טאָן פון האָפע־נונג.) סעוועֶרוס האָט מורא פאַר אַן אָפענער שלאַכט!... ער האָט מורא פאַר בר כוכבאן, געטרויט זיך נישט קעגן אים!... (דער האָפע־נונגסטאָן ווערט שוואַכער.) ער וויל אונז אויסמאַטערן מיט קליינע צוזאַמענשטויסונגען... ער וויל אונז צוטרייבן מיט די גרעסערע צאָלן

פון זיין אַרמיי... מיר טרעטן אָפּ... מיר מוזן... מיר מוזן... מיר טרעטן אָפּ צו אונזערע פעסטונגען... (אין דעם געפּליסטער קומט אַריין אַ טאָן פון שרעק, וואָס ווערט אַלץ ביטערער און פינסטערער.) כבול איז געפאַלן, די שטאַרקסטע פעסטונג אין גליל!... סעוורוס האָט איינגענומען שיחין, די צווייטע פעסטונג אין גליל... מגדלה איז געפאַלן, די דריטע גליל־פעסטונג... מיר טרעטן אָפּ... מיר טרעטן אָפּ... מיר מוזן, מוזן, מוזן...

## צווייטע סצענע

אַ צימער אין רבי עקיבאס וואוינונג אין אושא, שפּעט אין דער נאַכט. אין דער הינטערוואַנט די טיר, פאָרנט רעכטס אַ טיש, פאַר וועלכן עס זיצן רבי עקיבא און רחל. אויפן טיש ברע־נען ליכט און שטייט געשיר.

רחל. פאַרוואָס עסטו נישט, עקיבא? דו מוזט זיך שטאַרקן.

רבי עקיבא. מיין האַנט הויבט זיך צו דעם עסן נישט, און נעם איך אים אין מויל, בלייבט ער דאָרטן ליגן, גרייט מיך צו דערווערגן.

רחל. דו מוזט פיל כח האָבן.

רבי עקיבא. דעם האָב איך שוין צופיל. גאָט וויל מיך נאָך נישט צו זיך. ער האָט נאָך וואָס פאַר מיר.

רחל. זיין תורה צו פאַרשפּרייטן, ווי דו האָסט זי פאַר־שפּרייט.

רבי עקיבא. באַלד איז דאָס גאַנצע לאַנד צוריק אין דעם רוימערס האַנט, און וואו זיין האַנט דערגרייכט, פאַרבאָט ער גלייך דאָס תורה־לערנען. פאַרבאָט ער ייד צו זיין.

רחל. וואָס שווערער די טאַט, אַלץ גרעסער איז די מצווה.

רבי עקיבא. ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז ווידער אין זיינע הענט, וואוהין וועל איך פון אים אַנטלויפן? וואו קאָן איך זיך פון אים באַהאַלטן?

רחל. דו וועסט זיך שוין אַן עצה געבן.

רבי עקיבא. ער האָט שוין געטויט רבי שמעון, רבי

ישמעאל אויך געטויט — אויף וואָס קאָן איך זיך ריכטן? נעמט ער איין אַ שטאָט, הייסט ער מיך גלייך זוכן. בין ביי אים נאָך אויפרייצער פון פאָלק.

ר ח ל. עקיבא, מאַכסט מיין האַרץ מיר שווער.

ר ב י ע ק י ב א. מאַך איך עס דיר? איז עס דיר נישט שווער נאָך? אַנטשולדיק מיר, אויב איך מאַך עס דיר נאָך שווערער. איך דאַרף עס ווירקלעך נישט. איך בין דאָך נישט פאַרצווייפלט, מיין מוט האָט מיך נאָך נישט פאַרלאָזן. בין גרייט צו טאָן, וואָס גאָט וויל פון מיר, אין די גרעסטע שוועריקייטן. איך וועל די נאַכט מאַכן צו טאָג און אין לעבער, ווי אַ מויז, באַהאַלטענערהייט די תורה מיינע תלמידים איבערגעבן. דער רוימער וועט האָבן טויזנטער אויגן מיך אויסצוקוקן, איך וועל ווערן אַ רואה ואינו נראה. אַ יעגער דער רוימער, איך די געיאָגטע חיה — דאָס וועט דאָך לוסטיק זיין.

ר ח ל. וואָס גאָט טוט, טוט ער צו גוטן, ליבסטו דאָך צו זאָגן.

ר ב י ע ק י ב א. אין דעם צווייפל איך נישט, ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין. וואָס מער אָפּקומעניש אונז די וועלט, אַלץ בעסער וועט יענע וועלט אונז זיין. די באַצאָלונג איז גרויס, ווי גאָטס גערעכטיקייט. וואָס איז דען אונזער לעבן אויף דער וועלט? אַ קליינער טראָפּן פון דער אייביקייט, אַן אויגנוואונק פון יענער. דאָך טוט דאָס האַרץ מיר וויי, און טרערן קוואַלן אויף אין מיינע אויגן.

ר ח ל. אויף דעם, וואָס דיר שטייט פאָר?

ר ב י ע ק י ב א. וועגן זיך טראַכט איך ווייניק, איך טראַכט נאָר וועגן פאָלק. ווי גוט עס האָט זיך אָנגעהויבן, ווי וואונדערבאַר עס האָט זיך אויסלאָזן געקאָנט! פאַרוואָס האָט גאָט דאָס נישט געוואָלט? פאַרוואָס האָט ער געלאָזן, אַז זיין משיח זאָל פאַרבלאָנ-דזשען?

ר ח ל. ער איז קיינמאָל נישט געוועזן משיח.

ר ב י ע ק י ב א. דו געדענקסט זיין בליק, מיט וועלכן ער האָט דיך אָנגעקוקט, קאָנסט אים נישט פאַרגעסן.

ר ח ל. אויך פאַר זיין בליק האָב איך דאָס געפילט, נאָר האָב איך עס נאָך נישט קלאָר געזען. איצטער ווייס איך גוט, איצטער האָב איך ווערטער.

ר ב י ע ק י ב א (קוקט זי אָן מיט דערשטוינונג). וואָס איז עס, רחל? וואָס ווייסטו גוט?

ר ח ל. משיח איז נישט קאַמף און קריג און בלוטפאַרגאָס, נישט האַנט, וועלכע פויסט זיך קעגן שונאים, נישט געלוסטונג, נישט הונגער אין די אויגן. משיח איז גאָטס טריומף, דער ענד־לעכער זיג פון גאָט איבער אַלע הערצער. משיח איז דער ענדלע־כער נצחון פון גאָטס תורה, פון גאָטס רחמנות איבער אַלע זיינע באַשעפענישן, פון גאָטס ליבע, גאָטס געדולד. משיח איז שלום מיט זיך און מיט דער גאַנצער וועלט, גאַנצקייט מיט זיך און מיט דער גאַנצער וועלט, איינִיקייט מיט זיך און מיט דער גאַנצער וועלט. משיח איז גאָטס מלוכה...

ר ב י ע ק י ב א (שרייט אויף). רחל, רעדסטו נישט נאָך די תלמידים פון דעם נוצרי?!

ר ח ל. ניין, איך קען זיי קוים, און ער איז מיר משיח נישט. ער איז נישט גאָטס טריומף, די מענטשן קענען גאָט נאָך נישט. זיי זיינען ווי פריער נאָך צוטיילט, די וועלט איז פול מיט קאַמף און קריג און בלוט. זיין וואָרט האָט נישט געבראַכט קיין איינִיקייט. זיינע תלמידים אַליין זיינען צווישן זיך צוטיילט, צוריסן אין בלו־טיקער פיינטלעכקייט.

ר ב י ע ק י ב א. האַ, ווי האָסטו מיך דערשראָקן!

ר ח ל. ווי האָב איך גאָר געקאָנט? איך האָב דאָך דיינע ווערטער דיר געזעדט. איז נישט מיין משיח דיין לעתיד לבוא, דיין גרויסע צוקונפטס־וועלט?

ר ב י ע ק י ב א. מיין גרויסע צוקונפטס־וועלט... ד י וועלט וועט אונטערגיין, אַ נייע וועלט וועט קומען, אַרויסבאַשאַפן פון גאָטס גערעכטיקייט און זיין רחמנות. די גאַנצע מענטשהייט וועט גערייניקט און דערהויבן ווערן, אויך די טויטע וועלן אויפשטיין צו דעם נייעם לעבן, און רשעים וועלן אַרויסקומען געלייטערטע פון גיהנום. אַזוי זע איך דעם סוף פון אַלע דורות, אָבער דאָס איז נישט

משיח. מיין משיח איז נאָר באַפרייער און אויסלייזער פון דעם פאָלק ישראל. א קעניג, ווי דוד און ווי שלמה...

בר כוכבא (אין טיר). עס שלאָפט דאָס גאַנצע הויז, נאָר דער האר שלאָפט נאָך נישט, און נישט די האַרנטע.ביידע אין געשפרעך, און איך בין אויף זייער צונג...

רבי עקיבא און רחל (ציטערן אויף ביי זיינע ערשטע ווערטער, שפרינגען אויף. דערזעענדיק, ווער עס שטייט אין טיר, זעצט זיך רחל צוריק אַוועק און רבי עקיבא בלייבט שטיין אין שטאַרקער אויפרעגונג, נישט געפינענדיק פאַר איבעראַשונג און אויפרעגונג קיין וואָרט).

בר כוכבא. מעג איך אַריינטרעטן אין צימער? (טוט עס.) איינמאָל האָסטו מיר געזאָגט: „קום דאָך אַרוים פאַראויס, וואָס שטייסטו ביי דער טיר?" ווי נעכטן איז עס געווען... הא! זעץ זיך, וועל איך זיך אויך צוזעצן. מיינע פיס ווילן, איך זאָל זיצן... מיינע פיס, מיט וועלכע איך שלאָג אָפּ רוימישע שטיינגעווערף, הייבן אָן מיד צו ווערן...

רבי עקיבא (אַוועקזעצנדיק זיך). וויי מיר, וואָס איך זע דיך אזוי!

בר כוכבא (זעצנדיק זיך). פאַרוואָס דען ווי? איך האָב דרייאונצוואַנציק שלאַכטן פאַרלאָרן דעם סעווערוס. דאָס איז מלחמה־גליק. די וויטערע שלאַכטן וועל איך געווינען.

רבי עקיבא. דו גלויבסט אַליין נישט, וואָס דו זאָגסט.

בר כוכבא. האַהאַ!... איך שלאָג זיך גוט. יעדעס שטיקל ערד, וואָס דער רוימער נעמט מיר אָפּ, קאָסט אים פיל. ער ווייכט מיך אויס, דער בעסטער רוימישער גענעראַל, ער האָט מורא זיך אַקעגן מיר צו שטעלן, אַרמיי קעגן אַרמיי אין פעלד. ער נעמט זיך צייט, וויל מיך אויסמאַטערן, אויסהונגערן, ביסלעכווייז צורייבן מיין אַרמיי. ער קאָן אָבער אַליין מיד ווערן פון אזא מלחמה־פירונג, אויב ער האָט נאָר העלדנגבלוט אין זיך... יעמאָלט וועט עס קומען צו אַ גרויסער אָפענער שלאַכט... און יעמאָלט... יעמאָלט... (בלייבט זיצן מיד און אָפּגעשפּאַנט, קראַפטלאָז.)

רבי עקיבא (פינסטער). פאַרוואָס ביזטו צו מיר געקו־מען?

בר כוכבא. צו דערפרייען דיך: דיין קללה איז מקוים גע־וואָרן! דער אויפשטאַנדפייער האָט אין ערגעץ נאָך נישט אויס־געבראָכן, די פילע פרעמדע העלפער זיינען מיר אַ קנאַפּע הילף. אַלץ ווי דו האָסט פאָרויסגעזאָגט, עס פעלט נאָך בלויז פאַרראַט.

רבי עקיבא. אויך ער וועט קומען.

בר כוכבא. מעגלעך... מעגלעך... פרייסטו זיך נישט, ווען דו הערסט עס?

רבי עקיבא (האַרט). ביזטו געקומען מיך צו רייצן, מיך צו כעסן?

בר כוכבא (שרייט פלוצלונג אויס מיט פאַרצווייפלונג). גיב מיר מיין רו צוריק! גיב מיר מיך צוריק! זינט דו ביזט פון מיר אַוועק, בין איך נישט איך.

רבי עקיבא. נישט איך, נאָר גאָט איז פון דיר אַוועק.

בר כוכבא. קער דו זיך אום צו מיר. קום, העלף מיר, זיי מיט מיר.

רבי עקיבא. קיינמאָל נישט, איך וועל נישט גיין קעגן גאָט.

בר כוכבא. דאָס פאָלק גייט אונטער, דו טראָגסט מיט מיר התחייבות. דו האָסט עס צו אויפשטאַנד אויפגערייצט, האָסט מיך פאַר דעם משיח אויסגערופן. מוזט ווייטער זיין מיט מיר.

רבי עקיבא. גאָט האָט אויסגעקליבן שאולן פאַר אַ מלך איבער ישראל, ער זאָל באַפרייען גאָטס פאָלק און לאַנד פון זייערע אומצייליקע שונאים. אָבער שאול האָט געוואָלט טאָן, וואָס אים אַליין געפעלט, האָט גאָט געזאָגט: „איך האָב חרטה, וואָס איך האָב געמאַכט שאולן פאַר אַ מלך, ווייל ער איז אַוועק פון מיר און האָט מיין וואָרט נישט אונטערגעהאַלטן.״

בר כוכבא. איך זע דעם נמשל.

רבי עקיבא. ביזט נישט קעניג מער, ביזט נישט מער משיח. נישט דו וועסט אויסלייזן דאָס פאָלק, נישט דו וועסט אומ־קערן גאָטס גלאַנץ דעם לאַנד.

בר כוכבא. קער אום גאָט צו מיר, איך קער זיך אום צו אים.

רבי עקיבא. וואָס האָט שאולן נישט געהאָלפן, וועט דיר אויך נישט העלפן.

בר כוכבא. איך וויל תשובה טאָן — לייג אויף מיר אַרויף די שווערסטע תשובה.

רבי עקיבא. נישט פון בעלי תשובהס וועט גאָט זיין משיח נעמען. ווען איינער פון דיינע גענעראַלן וואָלט דיך פאַרראַטן און דערנאָך תשובה געטאָן, וואָלסטו אים ווייטער אָנפאַרטרויט דיין אַרמיי צו פירן? דו וואָלסט עס פיליכט געטאָן, ווען דו וואָלסט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. גאָט אָבער האָט ברירות גאָר א סך.

בר כוכבא. ווען שאול האָט געזינדיקט, האָט גאָט אויס־געקליבן דודן. ווער איז איצטער זיין נייער אויסגעווײלטער? זאָג מיר, און איך ווער זיין קנעכט. איך וויל נישט קעניג זיין, איך וויל נאָר אונזער פאָלק באַפרייען. אָ, זאָג מיר, אויב דו ווייסט!

רבי עקיבא. גאָט האָט מיר אים נישט אַנטפּלעקט.

בר כוכבא. בין איך צו שאולן גלייך, נאָר האָב איך נישט קיין דוד... איך און שאול... ווי ער וועל איך אויך ווייטער קעמפן, ווי ער אין קאַמף מיין סוף געפינען... פאַרוואָס שווייגסטו, רבי עקיבא?

רבי עקיבא. וואָס קאָן איך דערצו זאָגן? עס האָט ווי נבי־אות מיר געקלונגען.

בר כוכבא. ווי נביאות!... ווייסטו, וואָס עס וועט געשען פאָלק און לאַנד, ווען איך וועל פאַלן?

רבי עקיבא. איך האָב עס דיר פאַרויסגעזאָגט. דאָך גאָט איז אונזער פאָטער קעניג.

בר כוכבא (מיט אַ ווילדער בייזקייט). אַ פאָטער, וועלכער פאַרניכט זיינע קינדער! אַ פאָטער, וועלכער ליבט נישט, נאָר וויל געליבט זיין! אַ קעניג, וועלכער ליבט זיין הערשן, נישט די באַ־הערשטע!...

רבי עקיבא (שפּרינגט אויף, ציטערנדיק אין גאַנצן קער־

פער, און שרייט אויס מיט זיין גאַנצער קראַפט). דו לעסטערסט גאָט! דו שאַרסט נאָך מער קוילן אויף דיין קאָפּ!

בר כוכבא (מיט ווילדער ווידערשפעניקייט). זאָל זיין!.. זאָל זיין!.. איצטער האָב איך קלאָרקייט! (צולאַכט זיך מיט דעם קייקל פון אַ דונער, זיין געזיכט פאַרקרימט אין גרימיקן כעס, שאָקלט די הענט צום הימל, לאַכט אַלץ מער און מער, דערדריקט אַן אויפשטייגנדיקן געוויין, און גייט אַרויס, ווי בלינד, ווי באַטויבט.)

רבי עקיבא (קוקט אים נאָך, מיט דער האַנט אָנגעשפאַרט אָן טיש, טרייסלענדיק זיך נאָך אין גאַנצן קערפער).

רחל (רעדט שטיל אַרויס). דאָס איז געווען — פאַרצווייפלונג.

צווישנשפיל.

געפליסטער (מיט געיאָמער־טאָן). מיר טרעטן אָפּ... מיר טרעטן אָפּ... ווײ, כפר ביש איז געפאַלן!... כפר דיכרייא... כפר שח־ליים... ווײ, ווײ, טור שמעון איז געפאַלן!... מיר טרעטן אָפּ... מיר טרעטן אָפּ... נאָך ביתר... נאָך ביתר... בר כוכבא שליסט זיך איין אין ביתר!...

# פינפטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ פּלאַץ פאַר דער פעסטונגס־וואַנט אין ביתר. אויף אַ גרויסען שטיין, וועלכער ליגט משופּע רעכטס ביי דער וואַנט, ווי אַ קעלער־טיר, שטייט בר כוכבא, וועלכער זעט געעלטערט אויס, און רעדט צו אַ גרויסער צאָל קעמפער מיט אַ קרעפטיקער שטים, אין וועלכער עס קומט אָפּט אַריין אַ הייזעריקע געפּלאַצטקייט. די קעמפער זעען אויס מיד און אויסגעמאַטערט, און דאָך מיט פיל אַנטשלאָסנקייט און מוט אין זייער האַלטונג.

בר כוכבא. היינט איז פונקט א יאָר, מיר האָבן זיך דאָ איינגעשלאָסן. אַ יאָר פונקט זינט סעווערוס האָט באַלאַגערט ביתר. ער האָט אויסגעמיטן צו שטעלן זיך קעגן אונז אין אָפענעם פעלד. נישט קלוג צו גיין קעגן דעם לייב, בעסער איז דעם לייב אויסצוהונגערן אין אַ שטייג. אָבער מיר זיינען נאָך נישט אויסגעהונגערט, און ער פילט נאָך אין אונז די לייבנקראַפט. אַלע זיינע פאַרזוכן די שטאָט איינצונעמען ווערן דערטרונקען אין דעם בלוט פון זיינע לעגיאָנערן. פון אַלע זיינע הרוגים דאָ וואָלט ער אַ ברייטע טרעפּ געקאָנט אויסלייגן ארויף דער וואַנט אַרום דער גאַנצער שטאָט. זיינע אָנפאַלן ווערן שוין אַלץ זעלטענער, איך פיל דערשראָקנקייט אין זיינע סאָלדאַטן. זייט איר אָנגעשראָקן, מיינע קעמפער?

די קעמפער (שטורמען אַרויס). ניין!!!

בר כוכבא. גוט, מיינע העלדן! דערשראָקנקייט פירט צו מוטלאָזיקייט, צו שוואַכע קני און שוואַכע הענט, פירט צו עלנדן סוף. די רוימישע קנעכט הייבן אָן צו ווערן מוטלאָז. איך פיל

מידיקייט אין זיי. זיי באוועגן זיך קוים אין די לעצטע אַנפאַלן אויף אונז. זייט איר מיד, מיינע קעמפּער?

די קעמפּער. ניי‏ן!

בר כוכבא. גוט, מיינע העלדן! עס הענגט פיל אָפּ, ווער וועט ווערן פריער מיד. ווען זיי ווערן פריער מיד, וועט סעווערוס געצוואונגען זיין די באַלאַגערונג אָפּצוּנעמען. און טרעט ער אָפּ מיט זיינע מידע, מוטלאָזע לעגיאָנערן, זיינען מיר די זיגער... זיגער!... ווי מערקווירדיק דאָס וואָרט, ווי וואונדערבאַר דער קלאַנג!... זיגער! זיגן! איינאונפופציק צוזאַמענשטויסן מיט סע־ווערוסעס חייל און איינאונפופציק מאָל געמוזט אָפּטרעטן פאַר זיין איבערמאַכט, און צולעצט דאָך זיגן, זיגער זיין...

אַ רויטהאָריקער קעמפּער (אין דער ערשטער שורה לאַכט אויף מיט חוזק).

בר כוכבא. וואָס האָסטו אַזוי אויפגעלאַכט? ביזטו מוטלאָז?

דער רויטהאָריקער. בין נישט מוטלאָז. דו ווייסט אַליין מיין מוט.

בר כוכבא. און גלויבסט נישט אין דעם זיג.

דער רויטהאָריקער. איך גלויב אין דעם זיג, נאָר נישט אין זיגער.

בר כוכבא. דאָס איז גאַנץ וואונדערלעך. שטיי איך דעם זיג אין וועג?

דער רויטהאָריקער. ער איז געווען דיינער, און דו האָסט אים פאַרלאָרן.

בר כוכבא. ווען איז דאָס געשען? איך דערמאָן זיך עפּעס נישט.

דער רויטהאָריקער. ווען דו האָסט גאָט פון דיר פאַר־יאָגט.

בר כוכבא. אַ נייער נביא אין ישראל!... אַ זאָג מיר דען, פאַרוואָס גלויבסטו נאָך אין זיג?

דער רויטהאָריקער. דער זיג קאָן קומען, אָבער נישט דורך דיר.

בר כוכבא. דו האָסט אַן אַנדער פירער? רוף אים אָן, איך זעץ אים איבער מיר. האָט גאָט דיר זיין אמתן משיח אַנטפּלעקט, באַהאַלט אים נישט פון מיר. זאָג דאָך שנעל: דורך וועמען קאָן דער זיג אונז קומען?

דער רויטהאָריקער. דורך די תפילות פון רבי אליעזר המודעי. (אַ ווײַלע איז שטיל, אָבער גלייך ברעכט אויס אַ שטאַרקער געלעכטער.)

בר כוכבא (ווען דער געלעכטער לייגט זיך). מיר האָבן שוין לאַנג אַזאַ געלעכטער נישט געהערט. אַ דאַנק דיר פאַר דיין וויץ.

דער רויטהאָריקער. עס איז נישט קיין וויץ! (עס ברעכט אויס אַ גרעסערער געלעכטער).

בר כוכבא. הערסט? „נישט קיין וויץ" איז גרעסטער וויץ. מאַך זיי ווייטער צו לאַכן. לאַכן טוט גוט, לאַכן גיט מוט.

דער רויטהאָריקער. אין זאַק און אַש פאַסט און בעט רבי אליעזר, ביתר זאָל נישט אײַנגענומען ווערן. ער איז די שטאַרקסטע פעסטונגסוואַנט. (שטאַרקער געלעכטער.) דאָס וועלן פיל ביתר־לייט דיר זאָגן. ווען דער רוימער וועט מיד ווערן און צוריקציען זיך פון שמאָט, וועט עס זיין דורך רבי אליעזרן. (שטורמישער געלעכטער.)

בר כוכבא. גיי ברענג מיר רבי אליעזרן.

דער רויטהאָריקער. קעניג, פאַרטראַכסט וואָס שלעכטס!

בר כוכבא. גאָרנישט שלעכטס. איך וויל נאָר אויסגעפינען, ווער איז די שטאַרקסטע וואַנט פון ביתר, ער צי איך.

דער רויטהאָריקער. קעניג!

בר כוכבא. גיי און טו, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. טו עס שנעל! ברענג אים אויף דיין רוקן, אויב פאַר לאַנגן פאַסטן קאָן ער מער נישט גיין.

דער רויטהאָריקער. פאַרשפּרעך מיר, אַז...

בר כוכבא. איך האָב דיר גאָרנישט צו פאַרשפּרעכן. גיי! איז דער וועג ווייט? איך בין שוין אומגעדולדיק. נעם דיר אַ רייט־

וואָגן, אפילו ווען ער וואוינט דערביי. איך וויל אים דאָ וואָס שנעלער. אַ רייטוואָגן גיט אים שנעל! (צוויי קעמפער גייען אַוועק מיט דעם רויטהאָריקן. מען הערט גלייך אַ רייטוואָגן אָפּפאָרן. בר כוכבא ווענדט זיך צו די איבעריקע.) איך האָב געמיינט, איך האָב עפּעס צו טאָן מיט דער אויפהאַלטונג פון ביתר, איך געברויך קלוגהייט, איינזיכט, שאַרפזין — איך מערק פאָראויס, פון וואַנען ווען אַן אָנפאַל קומען, און ווייס ווי אים אויפצונעמען... אַלע קונסטשטיק פון סעווערוסן זיינען קינדערשפּיל ביי מיר געוואָרן, זיינע קלוגע איינפאַלן האָבן זיך אין דורכפאַלן פאַרוואַנדלט... וואו געפאַר אַמשטאַרקסטן, גיי איך אין פאָראויס; וואו אַ לאָך, פאַרמויער איך עס מיט מיין קערפּער... דאָך דאָס אַלץ איז גאָרנישט, עס ווירקט אַן אַנדער פירערקראַפט. (געלעכטער.) רבי אליעזר המודעי... אַן אַלטער, אַלטער מאַן... האָב נישט געוואוסט, ער איז די קראַפט פון מיינע הענט. שמשון איך, ער — מיינע לאַנגע האָר. (געלעכטער.) איך וועל פּרואוון אָפּשניידן די האָר און זען, וואו ליגט מיין קראַפט... (אַ רייטוואָגן ווערט געהערט.) דאָ קומט זי, הער איך, מיין שמשון־קראַפט, די פעסטונגס־וואַנט פון ביתר.

ר ב י א ל י ע ז ר (אָנגעטאָן אין אַ זאַק מיט אַש אויפן קאָפּ, געפירט פון דעם רויטהאָריקן).

ב ר כ ו כ ב א. האַ! אין אַ זאַק אָנגעטאָן, אַש אויף זיין קאָפּ... עס מוז בייסן מיינע לאַנגע האָר, איך וועל זיי אַ ביסל קראַצן.

ר ב י א ל י ע ז ר (דערנענטערט זיך מיט שוואַכע טריט).

ב ר כ ו כ ב א. רבי אליעזר, איך הער, דו פאַסט יעדן טאָג און וויינסט און בעטסט צו גאָט... איך וויל, דו זאָלסט אויפהערן.

ר ב י א ל י ע ז ר. וואָס זאָגסטו, קעניג!

ב ר כ ו כ ב א. דו בעטסט הילף פאַר ביתר, מיר ווילן נישט די הילף.

ר ב י א ל י ע ז ר. דו לעסטערסט גאָט!

ב ר כ ו כ ב א. איך האָב עס שוין איין מאָל געהערט פון אַ גרעסערן פון דיר. רבי עקיבא האָט עס מיר צוגעשריען, דו זאָגסט מיר נישט קיין נייס. טו אויס דעם זאַק פון זיך, שיט אַראָפּ דעם אַש, און טרינק און זעטיק דיינע אַלטע טעג.

ר ב י  א ל י ע ז ר. ניין, איך טו עס נישט.

ב ר  כ ו כ ב א. דו וועסט דיין קעניג פֿאָלגן.

רבי אליעזר. איך פֿאָלג מיין קעניג.

ב ר  כ ו כ ב א. און זאָגסט, דו וועסט נישט טאָן, וואָס איך האָב דיר געהייסן.

ר ב י  א ל י ע ז ר. איך זע, דו ווייסט נישט, ווער מיין קעניג איז, האָסט גאָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן.

ב ר  כ ו כ ב א. און איך וועל דיר דערמאָנען, אַז איך בין דיין קעניג. דו הערסט, איך וויל נישט דיינע תפילות.

ר ב י א ל י ע ז ר. גאָט נעמט זיי אָן פֿון מיר.

ב ר  כ ו כ ב א. ווילסט מיך צווינגען, געוואַלט צו געברויכן!

ר ב י א ל י ע ז ר. וואָס קאָן דיין געוואַלט מיר טאָן?

ב ר  כ ו כ ב א (כאַפּט אים אָן פֿאַרן האַלז און טרייסלט אים). איך שאָקל אַראָפּ צוערשט דעם אש פֿון דיין קאָפּ, דערנאָך וועל איך דיר זאָגן, אַז אויב דו ווילסט נאָך לעבן, זאָלסטו... (בלייבט שטיל, קוקט אָן דאָס געזיכט פֿון רבי אליעזר, וואָס זעט אויס פֿאַרשטאַרט, און נעמט אַוועק די האַנט פֿון רבי אליעזרס האַלז.)

ר ב י  א ל י ע ז ר (פֿאַלט טויט).

א ו י פ ק ר ע כ ץ (צווישן די קעמפֿער).

ד ע ר  ר ו י ט ה א ָ ר י ק ע ר  (שרייט שרעקפֿול אויף).

ב ר כ ו כ ב א (זאָגט לאַנגזאַם). דאָס האָב איך נישט געמיינט. (בויגט זיך אַראָפּ צום טויטן.) ער איז טויט.

ד ע ר ר ו י ט ה א ָ ר י ק ע ר (ברעכט אויס אין אַ יאָמער).

ב ר כ ו כ ב א. איך האָב עס נישט געוואָלט. (באַטראַכט זיין אייגענע האַנט.) מיין האַנט איז געווען צו שטאַרק. האָב פֿאַרגעסן, ווי שטאַרק זי איז... אָדער, ווי שוואַך ער איז... זיי מיר מוחל מיר, רבי אליעזר... האָסט מיך דערצערנט... אָבער איצטער וועלן אויפֿהערן דיינע תפילות.

ד ע ר  ר ו י ט ה א ָ ר י ק ע ר  (אין ווילדן אויפֿברויז). דו האָסט געליימט דעם אָרעם פֿון ישראל, געבלענדט זיין אויג, דערפֿאַר וועט דיין אָרעם געליימט ווערן און דיין אויג געבלענדט!

ב ַ ר  כ ו כ ב א  (דונערט אַרויס). פֿאַרשטאָפּט אים דעם

מויל! (עטלעכע וואַרפן זיך אויף דעם רויטהאָריקן. בר כוכבא גע־לאַסענער.) טוט אים גאָרנישט, פירט אים אוועק! (דער רויטהאָרי־קער ווערט אַוועקגעפירט אין גראַנגל מיט די, וואָס האַלטן אים האַנט אויף מויל.) איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך האָב געטאָן; ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער האָט געדערט. מיר ווילן עס פאַר־געסן. פאַרגעסט עס, מיינע העלדן. איך האָב עס נישט געמיינט... נישט געמיינט צו טויטן... ניין, נישט מיט מיין אייגענער האַנט... מיר וועלן אים מקבר זיין, דעם הייליקן אַלטן, מיט דעם גאַנצן כבוד, וועלכן ער פאַרדינט... מיר וועלן אים מספּיד זיין און...

גע ש ר ייע ן (ווייט הינטן). פאַררראַט! פאַררראַט!

בר כוכבא (ציטערט אויף, מאַכט אַ ווילע צו די אויגן און שעפּטשעט אַרויס). רבי עקיבא! (עפנט אויף די אויגן און קאָמאַנ־דירט.) דוכא, אחיה, עוזיאל, שנעל יעדע פאַרשטאַרקונג ביי די געהיימע אַרויסגענג! איך בלייב היטן דאָ, דאַרף נישט קיין פאַר־שטאַרקונג. (דריי קעמפער, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר אים, גייען שנעל אַוועק.)

דער שומרונער (ווערט צוגעפירט פון די הינטערשטע שורות).

בר כוכבא. ער... וואָס האָט ער געטאָן?

אַ קעמפער (האַלטנדיק דעם שומרונער). ער האָט וואָס אַריבערגעשאָסן צו די רוימער.

בר כוכבא. דו האָסט עס געטאָן, שומרונער?

שומרונער. יאָ.

בר כוכבא. וואָס האָסטו צו זיי אַריבערגעשאָסן?

שומרונער. דו וועסט עס גאָר גיך אויסגעפינען.

בר כוכבא. פאַרוואָס האָסטו אונז פאַרראַטן, שומרונער?

שומרונער (אַגווייזנדיק אויפן טויטן רבי אליעזר). ווייל דו האָסט דאָס געטאָן.

בר כוכבא. דו האָסט זיך אָנגענומען פאַר אים?

שומרונער. ניין. פאַר אים האָב איך בלויז פאַראַכטונג. אָבער איצטער, ווייס איך, איז דער סוף.

בר כוכבא. סוף?

ש ו מ ר ו נ ע ר. דיינער, ביתרס, אַלעמענס.

ב ר כ ו כ ב א. צוליב וואָס האָסטו פאַרראַטן?

ש ו מ ר ו נ ע ר. איך בין סיי ווי סיי פאַרלאָרן, אָבער שומרון און די שומרונים וועלן געראַטעוועט ווערן. סעווערוס ווייס, ווער עס האָט אים אַרויסגעהאָלפן. ער וועט מיין פאָלק פאַרשוינען.

ב ר כ ו כ ב א. האָסט פאַרראַטן אַ פאַרבאָרגענעם אונטערער־דישן גאַנג אין שטאָט אַריין.

ש ו מ ר ו נ ע ר. דו האָסט געפרעגט און האָסט געענטפערט. (כעס־געמורמל צווישן די קעמפער.)

ב ר כ ו כ ב א. פירט אים אַוועק און טוט אים זיין רעכט!

ש ו מ ר ו נ ע ר. וואָס מאַכט עס אויס, פון וועמעס האַנט איך שטאַרב פאַר מיין פאָלק.

ב ר כ ו כ ב א. די טיילן פון זיין קערפּער וועט איר אויסהענגען אין פאַרשיידענע זייטן פון שטאָט מיט אַן אויפשריפט: אַזוי טוט מען פאַררעטער!

ש ו מ ר ו נ ע ר (ווערנדיק אָפּגעפירט). איך האָב מיין פאָלק געראַטעוועט, דו האָסט דיינס פאַרלאָרן! (ווערט אַוועקגעפירט.)

ב ר כ ו כ ב א. שטעלט זיך אויס אין האַלבן קרייז, שווערד און שפּיזן אָנגעגרייט. דורך אונזער גאַנג זאָל קיין איין רוימער נישט אַריין! (די קעמפער שטעלן זיך אויס אין האַלבקרייז אַרום דעם שטיין, ענג צוזאַמענגעשלאָסן היטער זייערע שילדן.) גוט. שטאַרקער ווי פון שטיין וועט זיין אייער מוסקולוואַנט. וועט די רוימער געלינגען דעם שטיין צו באַזיגן, זיי וועלן זיך אָן אייך צושלאָגן. מיר קאָנען רואיק אויף זיי וואַרטן. ביז זיי לאָזן זיך מערקן, וועלן מיר אונזער טויטן מספּיד זיין. (ווענדט זיין בליק אויף דעם טויטן צופוסן פון שטיין.) וואו ביזטו איצטער, צדיק? שטייסטו פאַר גאָט, פאַרקלאָגט מיך נישט, אויב דו ליבסט דיין פאָלק. עס איז אַן אַנטשיידנדיקער מאָמענט, מאַך אים אונז נישט שווערער. זיי מוחל מיר דיין טויט — איך האָב געמוזט אָפּשטעלן דיינע תפילות אָדער זיך אַליין פאַרלירן. דאָס וואָלט געווען מיין גרעסטע זינד. אפשר זעסטו דאָרטן רבי עקיבאן? ער מוז שוין דאָרטן זיין. די רוימער האָבן אים מסתמא לענגסט געטויט. זיי האָבן אים געזוכט, דעם אויפ־

רייצער פון פאָלק, דעם משיח־שופר. גרים אים אין מיין נאָמען. זאָג אים, איך האָב אים געאַכט, געליבט, כאָטש איך האָב אים נישט געפאָלגט. איך בין געוועזן זיכער, אז איך בין גערעכט, און נאָך מיין זיכער זיין האָב איך געטאָן. זאָגטביידע דאָרטן גאָט: ער ווייס מיין האַרץ. איך האָב גאָרנישט נישט געוואָלט פאַר זיך, איך האָב גאָרנישט נישט פאַר זיך געזוכט. דאָס זאָל זיין מיין זכות. איך בין געוועזן זיין פאָלקס פרייהייטכווילן, איך האָב די פריי־הייט פון זיין פאָלק איבער אַלץ געליבט. ווי גאָט, וויל אויך די פריי־הייט, אז די, וואָס ליבן זי, זאָלן פאַר איר שטאַרבן. דאָס האָט צום אויפשטאַנד אונז געטריבן, און מיר האָבן נישט חרטה. פרייהייט אָדער טויט! בעסער טויט, ווי רוימער־שקלאַפן זיין! אזוי דאָך, מיי־נע העלדן?

די קעמפער (שטורמען אַרויס). בעסער טויט!

בר כוכבא. זאָג עס דאָרטן, דו הייליקער רבי אליעזר! און איצטער וועלן מיר דיך מקבר זיין. (ווערט אויפמערקזאַם אויף עפעס אונטערן שטיין.) איך גלויב, עס זיינען קראָטן אונטער מיינע פיס... (באַוועגונג צווישן די קעמפער, אַ קליין אָנבויגן זיך צום שטיין.) יאָ, זיי זיינען דאָ, די רוימישע מייז... זיי זיינען אין אונ־זער גאַנג, די רעץ... ער האָט דעם וועג זיי ריכטיק אָנגעצייגט, דער פאַררעטער! (דער ברעג פון שטיין ביי דער וואַנט הויבט זיך אָן צו הויבן. בר כוכבא לויפט אַרויף צום ברעג און דריקט דעם שטיין אַראָפּ צוריק.) אזוי, מיין קראַפט איז נאָך מיט מיר, איך בין דער שמשון נאָך. (דער שטיין הויבט זיך אָן ווידער צו הויבן. בר כוכבא פאַר־זוכט אים ווידער אַראָפּצודריקן, אָבער דאָס מאָל געלינגט אים נישט.) ניין?! איך האָב זיך באַרימט צו שנעל, איך מוז שוין כח באָרגן. אהער צו מיר, די שווערסטע און די שטאַרקסטע! (פון די שורות טרעט אַרויס אַ צאָל קרעפטיקע מענער, וועלכע צושטעלן זיך אויפן שטיין, דריקנדיק אים אַראָפּ. די הייבונג פון דעם שטיין ווערט איינגעהאַלטן אויף אַ קליינער ווייַלע, אָבער באַלד הויבט ער זיך אָן ווידער צו הויבן.) דאָס הויבן נישט קיין הענט... זיי אַרבעטן מיט עפעס אַ געצייג, מיט עפעס אַ מאַשין! (צו די מענער אַרום אים.) צוריק שנעל אויף אייערע פּלעצער! (די מענער לויפן אַראָפּ פון שטיין

און פאַרנעמען זייערע פּלעצער. בר כוכבא ווענדט זיך צו די מענער בײַ די זייטן פון שטיין.) זעט איר עפּעס? קאָנט איר מיט אייערע שפּיזן וואָס דערגרייכן? (אין דעם מאָמענט גיט זיך דער שטיין אַ שטאַרקן הויב. בר כוכבא פאַלט שיר נישט אום און גליטשט זיך אַראָפּ פון שטיין. דערגרייכנדיק די ערד, שטויסט ער זיך אָן אָן רבי אליעזרן און פאַלט אויפן רוקן.)

קעמפער (וואַרפן זיך אים אויפצוהייבן).

בר כוכבא (הייבנדיק זיך), רבי אליעזר, דאָס האָסטו נישט געדאַרפט. (אין דעם מאָמענט ווערט דער שטיין אומגעוואָרפן, פאַרדעקנדיק בר כוכבאן מיט זיינע העלפער און דעם טויטן. ביים שרעק־אויפגעשריי פון די איבעריקע קעמפער, וועלכע פון דעם אויפגעעפנטן אונטערערדישן גאַנג הייבן זיך אָן אַרויסצובאַוועגן זייערע לאַנגע שפּיזן.)

## צווייטע סצענע

אויף אַ בוידים, טונקל, פון ערגעץ אַ שפּאַלט פאַלט משופּע א שטראַל, באַלויכט רבי עקיבאן, וועלכער זיצט הינטן אין מיטן, און צייכנט אָפּ סילועטן פון די פאַרזאַמלטע.

רבי עקיבא (מיט שטילער, איינגעהאַלטענער אָבער שווערער שטים). ווי גנבים אין באַהעלטעניש, אין קעלערס און אויף בוידימס, אין וועלדער און אין היילן... איינגעגנאַפּלט אין בויך פון פינסטערניש, קיין שטראַל זאָל נישט צוציען אויף אונז די אויגן פון אונזערע זוכער... מיט צוגעדריקטע העלזער, אונזער קול זאָל נישט אַריינרופן אונזערע יעגער... דעם טאָג צו נאַכט געמאַכט, די נאַכט צו טאָג... (אַ געוויין פאַרשפּרייט זיך, אַ געוויין פון אַלטע לייט, וועלכע האָבן קיין כוח נישט אים איינצוהאַלטן.) בר כוזיבא, וועמען איך אַליין האָב אָנגערופן בר כוכבא און משיח, האָט זיך אָפּגעזאָגט מלחמה צו האַלטן פאַר גאָט, האָט מורד געווען אין גאָט... האָט גאָט אים פאַרלאָזן, און ער איז טויט... נישט גאָט, נאָר פרייהייט האָט ער געוואָלט פאַר אונזער פאָלק, האָט ער אונז געבראַכט נאָך שווערערע קייטן... (דער געוויין פאַרשטאַרקט זיך.) נישט אי־

בערצוציילן איז די צאָל פון אונזערע הרוגים. זיין וויינגאָרטן צווישן טבריה און צפורי, אכטצן מייל אויף אכטצן מייל, האָט אַדריאַנוס געלאָזט אַרומצוימען מיט די געפאַלענע פון ביתר, אויסגעשטעלט ווי די פּעלקער... (געוויין און געקרעכץ.) ווי דער טויט אַליין גייט אַרום דער רוימער צווישן אונז, ווי אַ מגפה עסט ער אויף דאָס פאָלק ישראל... דער גרויסער, געדיכטער בוים, וואָס זיינע צווייגן און בלעטער האָבן זיך צושפּרייט איבער לענדער און ימים, ווערט אַרומגעהאַקט, אַרומגעבראָכן, אַרומגעברענט... אָבער דער רשע האָט נאָך אויפגעהויבן זיין האַנט אויף אונטערצוהאַקן דעם בוימס וואָרצלען... ער וויל גאָט, אונזער אַנהאַלט, אין אונז טויטן, די תורה, אונזער אינהאַלט, אין אונז פאַרניכטן, די מצוות בטל מאַכן... (דער געוויין שטייגט אָן.)

ר ב ן ש מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל (פון דער פינסטערניש אַרויס). מיינע אויגן וויינען אויף די לעבעדיקע מער ווי אויף די געפאַלענע. (געקרעכץ.)

ר ב י ע ק י ב א. זאָג עס נישט, שמעון.

ר ב י ש מ ע ו ן. איך לויב די טויטע, וועלכע זיינען שוין געשטאָרבן, איקעגן די לעבעדיקע, וועלכע לעבן נאָך.

ר ב י ע ק י ב א. מאַכסט עס ערגער נאָך, גמליאלס זון!

ר ב י ש מ ע ו ן. בעסער ווען איך וואָלט נישט געווען געבאָרן, און בין איך געבאָרן, וואָלט איך געוואָלט זיין ליבער טויט.

ר ב י ע ק י ב א. דו זינדיקסט! דו פאַרגעסט די תורה! די לעבעדיקע זיינען געבליבן די תורה אויפצוהאַלטן, די תורה צו פאַרשפּרייטן. אומצייליקע זיינען געפאַלן אין נאָמען פון אונזער פרייהייט, אומצייליקע זיינען געבליבן לעבן פאַר אונזער גאָט און תורה. מיר דאַרפן זיך באַראַטן, ווי דאָס פאָלק צו פירן, דאָס פאָלק צו באַלערנען. אַדריאַנוס איז גוזר גזירות, מיר דאַרפן זיך קלייגן, די גזרות בטל צו מאַכן.

ש ט י מ ע. עס שטייט טויט־שטראָף פאַר נישט־פאָלגן.

ר ב י ע ק י ב א. אויך אין דער תורה שטייט טויט־שטראָף פאַר נישט־פאָלגן.

שׁ ט י מ ע. דו ווילסט דאָך נישט אומברענגען דאָס גאַנצע פאָלק, עקיבא!

ר ב י ע ק י ב א. דאָס פאָלק וועט אומגעבראַכט ווערן, ווען עס וועט אויספאָלגן די גזרות.

שׁ ט י מ ע. שטעלסטו אַלע מצוות גלייך? זאָל מען פאַר אַלע איינשטעלן דאָס לעבן?

ר ב י ע ק י ב א. איך וואָלט געזאָגט, יאָ. וועל עס דאָך נישט זאָגן. פאַר מיר זיינען אַלע מצוות גליייך און פאַר אַלע גלייך וואָל איך אוועקגעבן דאָס לעבן. אָבער פאַר דעם קיום פון דעם פאָלק זיינען וויכטיק די, וועלכע מאַכן אונז פאַר דאָס אויסגעוויילטע פאָלק, פאַר דאָס פאָלק פון גאָט.

שׁ ט י מ ע ן. זאָג זיי אונז, עקיבא!

ר ב י ע ק י ב א. עבודה זרה — געצנדינעריי. נעמען מיר אָן אַנדערן גאָט אָן, הערן מיר אויף צו זיין דאָס פאָלק פון גאָט. ווערן מיר אויס יידן. גלוי עריות — פאַרבאָטענע הורעריי מיט מוטער, שוועסטער, שוועגערין, מאַן מיט מאַן און פרוי מיט פרוי, און מאַן און פרוי מיט חיה. פאַראומרייניקט זיך נישט מיט דעם, זאָגט אונז די תורה, ווייל מיט דעם האָבן זיך פאַראומרייניקט די גויים. און ענדלעך שפיכות דמים — מאָרד און בלוטפאַרגאָס. אַ מענטשנס לעבן איז ביליק ביי די גויים, אונז מוז עס טייער זיין. עס איז גאָטס, מיר טאָרן עס נישט נעמען. גאָט וויל פון אונז ריינע הערצער, מוזן אונזערע הענט זיין אונז ריין פון בלוט. „ואהבת לרעך כמוך" — זאָלסט דיין נעכסטן ליב האָבן ווי זיך אַליין, ווי קאָנסטו אים דערמאָרדן? דערפאַר זאָג איך: ווען אדריאַנוס ימח שמו זאָל אונז צווינגען עובר צו זיין אויף די אַנזאָגן פון דער תורה, זאָלן מיר עובר זיין און נישט געהרגעט ווערן, אויסער ווען ער זאָל אונז צווינגען צו געצנדינעריי, הורעריי און בלוטפאַרגאָס. טוען מיר עס, טויטן מיר דעם ייד אין זיך. בעסער איז דער טויט פון דעם תליונס האַנט.

שׁ ט י מ ע. און תורה לערנען? וואָס איז גרעסער: תורה לער־נען אָדער אָפּהיטן די תורה? לערנען אָדער טאָן?

ר ב י ע ק י ב א. איך זאָג: לערנען. לערנען איז וויכטיקער

און גרעסער. לערנען פירט צו טאָן. אָן לערנען וועלן מיר נישט וויסן וואָס צו טאָן. מיר קאָנען עובר זיין אויף אַלע מצוות, תורה־לערנען זאָלן מיר נישט אויפהערן אפילו אונטער דער שטראָף פון טויט. צו וואָס איז עס געגליכן? צו א פוקס, וואָס איז אַרומגעגאַנגען ביים ברעג טייך און האָט דערזען פיש, וואָס זיינען אין גרויסן שרעק און אומרו אַרומגעלאָפן הין און צוריק. האָט ער זיי געפרעגט: פאַר וועמען אַנטלויפט איר? האָבן זיי געענטפערט: פאַר די נעצן און די פאַנגער. האָט ער זיי געזאָגט: ווילט איר אפשר אַרויסקומען און לעבן מיט מיר צוזאַמען? האָבן זיי אים געענטפערט: אויב אין אונזער לעבנסאָרט האָבן מיר מורא, ווי וועלן מיר מורא האָבן אין אָרט פון אונזער טויט! — די תורה איז אונזער לעבן, און איר לעבן מיר, מיט איר לעבן מיר. וואָס וועט זיין אונזער לעבן, ווען מיר וועלן אויפהערן זי צו לערנען? (לינקס ווערט שטיל אויפגעעפנט אַ טיר.) וואָס איז, טיר־היטער? ווער קומט?

דער טירהיטער. דיין ווייב קומט צו דיר, רבי עקיבא.

רבי עקיבא. מיין ווייב? לאָז זי אריין. (טירהיטער גייט אַרויס.) גרייט זיך צו הערן אַ שלעכטע בשורה.

רחל (קומט אַריין).

רבי עקיבא. וועלכע שלעכטע בשורה ברענגסטו אונז, מיין רחל?

רחל (קוים רעדנדיק). כאַפּערס זיינען געקומען צו אונזער באַהאַלטענער היים. זיי זוכן דיך, זיי זוכן אַלעמען, וואָס זיינען מיט דיר. האָב איך זיך אַוועקגעגנבעט פון פאַר זייערע אויגן...

רבי עקיבא. ביזטו זיכער, אַז זיי האָבן דיך נישט געזען און זיינען נאָך דיר נישט נאָכגעגאַנגען?

אַן אַרויסקרעכץ. ווײ־ײ־ײ!...

רחל. איך האָב געטאָן אַלץ, זיי זאָלן מיך נישט באַמערקן.

רבי עקיבא. איר וועט מיך פאַרלאָזן, רבותי, און שנעל!

שטימע. מיר וועלן נישט אַוועקגיין אָן דיר.

רבי עקיבא. איך טאָר מיט אייך איצטער נישט אַרויס אין גאַס. אַלע טאָרן מיר נישט געפאַנגען געגומען ווערן. גייט,

ראַטעוועט זיך. די תורה טאָר נישט פאַרגעסן ווערן, איר וועט זי פאַרשפּרייטן.

שטימע. און דיר?

רבי עקיבא. פריער אָדער שפּעטער וועט איר עס מוזן. מיינט איר, איך וועל לעבן אייביק? ראַטעוועט זיך וואָס שנעלער, איר ראַטעוועט דאָס פאָלק. אַנטלויפט!

שטימע. ווי קאָנען מיר דיך פאַרלאָזן?

רבי עקיבא. מיט מיר איז גאָט. קומט צוזעגנט זיך מיט מיר, אויב איר ווילט, און האָפט צו גאָט, מר וועלן זיך נאָך זען. (אין דעם ליכט פון דעם שטראַל קאָן מען דערקענען רבי טרפון און רבי יוסי הגלילי, וועלכע קומען צו צוזעגענען זיך מיט אים.)

רבי טרפון. עקיבא, אַוועקגיין פון דיר, איז אַוועקגיין פון לעבן.

רבי עקיבא. איר טראָגט מיט זיך אַוועק דאָס לעבן. איר וועט פאַרשפּרייטן לעבן.

רבי יוסי. איך בין באַלד אַזוי אַלט ווי דו, עקיבא, פאַר־וואָס זאָל איך נישט בלייבן מיט דיר?

רבי עקיבא. זיי זוכן מיך, נישט דיך. ווערסטו זיך טויטן אין דער שעה, ווען איך וועל שטאַרבן? אויף מיר איז אַרויס די גזרה, דו וועסט נאָך לעבן און די תורה פאַרשפּרייטן. (זקנים און תלמידים פאַרלאָזן דאָס דאַך־שטיבל. רחל טרעט אַריין אין דעם ליכט פון דעם שטראַל.) מיין ווייב, מיט דיין גאַנג אַהער האָסטו געוויס געבראַכט די באַפעלס אויף מיינע שפּורן.

רחל. וואָלט געווען בעסער, ווען זיי וואָלטן אַלעמען דאָ גע־פונען? זיי גייען פון הויז צו הויז, נישטאָ מער קיין אַנטרינען. איך האָב זיי נאָר פאַרכאַפּט דעם וועג.

רבי עקיבא. וואָס רעדסטו אַזוי שוואַך?

רחל. איך פאַסט, מיין מאַן.

רבי עקיבא. וואָס איז דען היינט דיין תענית?

רחל. היינט און נעכטן און אייערנעכטן — אַ סך טעג שוין. געוואָלט מיט מיין פאַסטן אויסבעטן ביי גאָט, זאָלסט נישט גע־כאַפּט ווערן.

ר ב י ע ק י ב א. און איך האָב עס נישט געוואוסט, איך וואָלט עס נישט דערלאָזן.

ר ח ל. דערפאַר האָסטו נישט געוואוסט.

ר ב י ע ק י ב א. אָבער דו זעסט נישט הונגעריק אויס, דו זעסט אויס טרויעריק און צובראָכן.

ר ח ל. גאָט האָט מיין פאַסטן נישט אָנגענומען. עס איז געקומען די צייט פון אונזער צושיידונג.

ר ב י ע ק י ב א. מיר זיינען אין אונזער לעבן אַ סך מאָל צעשיידט געוועזן.

ר ח ל. מיין געזיכט האָט יעמאָלט נישט אַנדערש אויסגעזען ווי איצטער.

ר ב י ע ק י ב א. איך בין דיר געווען אַן אַפּטער האַרצוויטיק, מיין ווייב.

ר ח ל. און שטענדיק אַ קוואַל פון געטלעכער פרייד.

ר ב י ע ק י ב א. זעץ זיך צו לעבן מיר, רחל.

ר ח ל. איך וויל זען דיין געזיכט, עקיבא, און וויל פון דיר געזען ווערן.

ר ב י ע ק י ב א. איך פיל, דו האַלטסט זיך קוים אויף דיינע פיס.

ר ח ל. איך בין זאַט און קרעפטיק, עקיבא. איך האָב מיין תענית פאַרגעסן.

ר ב י ע ק י ב א. פאַרוואָס וויל איך איצטער וויינען, רחל?

ר ח ל. די ליבע, וועלכע האָט אונז אויסגעפילט אונזער גאַנץ לעבן, רירט איצטער אויף די טרערן אין דיר און מיר.

ר ב י ע ק י ב א. וואָס וואָלט איך געוועזן אָן דיר?

ר ח ל. און איך אָן דיר?

ר ב י ע ק י ב א. אַ פּאַסטוך, אַן ערד־אַרבעטער, אַן עם הארץ...

ר ח ל. עקיבא איז שטענדיק געוועזן אין דיר. גאָט האָט דיך מיר אַנטפּלעקט, איידער דו ביזט זיך אַליין אַנטפּלעקט געוואָרן.

רבי עקיבא. וואָס פאַר אַ לעבן — מיר ביידע! שטענדיק איינס און איינציק...

רחל. אויך אין דיין צוקונפטסוועלט, עקיבא! אויך אין דיין צוקונפטסוועלט! ווען מיין משיח וועט קומען, דער טריומף פון גאָט און געטלעכקייט...

רבי עקיבא. ווי אַ נביאה שטייסטו דאָ פאַר מיר...

רחל. רבי עקיבאס ווייב!

רבי עקיבא. פאַרוואָס בין איך פּלוצלונג אַזוי אומרואיק געוואָרן?

רחל (פאַלט פאַר אים אויף די קני). עקיבא!

רבי עקיבא. האָבן זיי זיך אַלע געראַטעוועט? וועלן זיי זיך ראַטעווען?... הער איך נישט שווערע טריט אויף די טרעפּ? הער איך נישט וואָפן?!...

רחל. לאָז מיך קושן דעם זוים פון דיין טלית, עקיבא!... לאָז מיך קושן דיינע הענט, מיין מאַן! לאָז מיך קושן דיין געזיכט!... (ווען ער בויגט אַראָפּ צו איר זיין קאָפּ, ווערט די טיר אויפגעפּראַלט, און עס קומט אַריין אַ צענטוריאָן, באַגלייט פון באַוואָפנטע לעגיאָנערן, וועלכע פירן אַריין געפאַנגענע תלמידים.)

צענטוריאָן. דאָס איז ער.

רחל (קרעכצט אַרויס). עקיבא! (לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד — טויט.)

רבי עקיבא. רחל! (לאָזט זיך צו איר אַראָפּ.) טויט, מיר פאַרויסגעגאַנגען.

צענטוריאָן. ווערסט איר באַלד נאָכגיין, גרויסער תנא עקיבא! איך וועל מיט דיר קיין שהיות נישט מאַכן, וועל דיך לאָזן אָניאָגן זי. נאָר וועט דיין אָפּגאַנג נישט זיין אַזוי לייכט. איך וועל אים דיר אַ ביסל פּיינלעכער און שמערצלעכער מאַכן. (קאָמאַנדירט.) טוט אים אויס! (לעגיאָנערן וואַרפן זיך צו רבי עקיבאן און הייבן אים אָן אויסצוטאָן.) גרייט אָן די קאַמען! (לעגיאָנערן שטעלן אָן גרויסע אייזערנע קאַמען.) דאָס איז עטוואָס, וואָס איך האָב באַזונדערס אויסגעוויילט פאַר דיר. קאַמען, אייזערנע קאַמען, וועלכע וועלן אַראָפּקראַצן פון דיר שטיקער פלייש. בייסט דיר נישט

דיין ליב, ווען איך רעד צו דיר פון זיי? איך האָב זיי געהאַלטן פאַר דיין בר כוכבאַן, ווען איך וואָלט אים געפאַנגען. ער האָט פון מיר שטיקער פלייש געריסן, שטיקער פון מיין נשמה. ווי האָב איך אים געהאַסט — אים און דיך און אַלע יידן! איך בין אַ גריך, אַ זון פון וואונדערבאַרן גריכנלאַנד, וואָס האָט אַמאָל די וועלט באַהערשט. איצטער איז עס אַ רוימישע קאָלאָניע, אַ דינסט ביי רוים, אַ שפּאַר אויף רוימס אַ שוך. אָן זאַפט און קראַפט און מוט זעלבסטשטענדיק צו זיין. אַ הונט, וואָס לעקט די הענט פון רוים. מיר, די זין פון גריכנלאַנד, דאַרפן זיין רוימס תליונים, אויסצו־פירן אַלע אירע שטראָפן! רוימס זעלנלאַזע וואָפן, צו שלאָגן אירע שלאַכטן! איר, די אומווירדיקע, נישטיקע, אומקענטיקע אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד — איר האָט געהאַט דעם מוט אויפ־צושטיין קעגן רוים, צו באַקעמפן זי באַלד פיר יאָר און שיר נישט אומוואַרפן זי! איך האָב אייך געזאָלט באַוואונדערן, אָבער איך האַס אייך. איר טאָרט נישט לעבן מער, איר טאָרט נישט זיין! איר דאַרפט מיר די אויגן מער נישט שטעכן! (קאָמאַנדירט.) ציט אים אויס אויף דער ערד, הייבט דאָס קעמען אָן, מאַכט עס גוט און ריי‌סיק! (רבי עקיבא ווערט אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אַ קאַם ווערט דורכגעפירט, אַ שוידערקרעכץ גייט דורך די תלמידים.)

ר ב י  ע ק י ב א (רואיק און פרום). הצור תמים פעלו, כי כל דרכיו משפט; אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא — דער פעלז, זיין טאַט איז פולקומען, ווייל אַלע זיינע וועגן זיינען גערעכטי־קייט; אַ גאָט פון טריישאַפט און אָן עוולות, גערעכט און ריכטיק איז ער!

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. ווי? ער האָט נישט אויפגעשריען? איר מאַכט עס שוואַך, הינט! ווילט איר עס אויף זיך פּאַרזוכן? דריקט אָן שטאַרקער! (די לעגיאָנערן פאָלגן. אַ שרעק קרעכצט אַרויס פון די תלמידים, וועלכע ווענדן אָפּ די קעפּ אָדער מאַכן צו די אויגן. צענטוריאָן צו די תלמידים.) קיינער פון אייך זאָל דעם קאָפּ נישט אָפּווענדן — דער קאָפּ וועט ווערן אָפּגעהאַקט. קיינער זאָל די אויגן נישט צומאַכן — די אויגן וועלן אויסגעשטאָכן ווערן. קוקט און פּייניקט זיך און פאַרגרעסערט נאָך זיין פּיין.

ר ב י  ע ק י ב א (ווי פריער). הצור תמים פעלו...

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. ווי? ער שרייט נאָך אַלץ נישט? שטאַרקער קראַצט, טיפער קעמט!... די ביינער זע איך שוין... דו מוזט זיין אַ מכשף, אַלטער! וואָס האָסטו אַריינגענומען אין זיך, וואָס מאַכט דיך טויט צו ווייטיק? זאָג עס מיר, און דו ביזט פריי.

ר ב י  ע ק י ב א. הצור...

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. דיין גאָט! דיין גאָט! דיין גאָט! וואָס איז דיין גאָט?

ר ב י  ע ק י ב א. תמים פעלו, כי כל דרכיו משפט...

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. נאַרישקייט! פאַרוואָס ליגסטו און איך פייניק דיך? פאַרוואָס לאָזט ער דיך אַזוי געפייניקט ווערן? איז דאָס גערעכט, דו אַלטער נאַר? רופסט אונז געצנדינער, ביזט אַליין דער ערגסטער געצנדינער. דו האָסט איין גאָט בלויז, מיר האָבן זיי אַ סך. דאָך מיר ווייסן לאַנג שוין, זיי זיינען נישט קיין געטער. מיר באַוואונדערן בלויז זייערע סטאַטועס, וועלכע קינסטלער האָבן אונז געשאַפן. דער גאָט איז דער קינסטלער פידיאַס, נישט יופּיטער מער. פאַר פידיאַסן קניען מיר און בוקן זיך. דו האָסט נישט דיין געץ אין שטיין און שאַפסט אים דיר טאָג־טעגלעך. זעסט אים מיט אַ קאָפּ און אויגן, זעסט אים מיט אַ באָרד... אין אַ לויזיקן טלית אויף אַ מגושמדיקן קערפּער, מיט די עקלהאַפטע תפילין אויף אַ צוקנייטשטן פייערשטערן... דו געצנדינער אָן דעם קלענסטן ביסל שיינקייטסגעפיל!

ר ב י  ע ק י ב א. אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא.

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. האָט ער מיך געהערט? האָט ער מיך פאַרשטאַנען? ער וויל מיט מיר נישט רעדן! מאַכט דעם ווייטיק אים נאָך גרעסער, אויב נאָר מעגלעך! קראַצט אים די געדערים אויס!

ת ל מ י ד י ם (שרייען אויף). ביז וואַנען, רבי?! ווי קאָנסטו אַזוי ליידן?!

ר ב י  ע ק י ב א (מיט פאַרביסענעם ווייטיק.) ואהבת את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך...

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. ער רעדט וואָס אַנדערש איצטער! לאָזט אים אָפּ אַ ווײַלע. איך וויל עס הערן.

ר ב י ע ק י ב א. זאָלסט דיין לעבן אוועקגעבן פאַר גאָט... אזוי וויל גאָט פון אונז... איך האָב עס פון פאָלק געפאָדערט... איצטער בין איך עס אליין מקיים... זאָל איך יאָמער שרייען?... זאָל איך קרעכצן?... זאָל איך זיך נישט פרייען?...

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. דער ערגסטער געצנדינער! דער דינער פון א געץ, וועלכער הונגערט נאָך מענטשלעכע קרבנות! מאַכט עס קורץ! ברענגט זיין געץ דעם קרבן! (די לעגיאָנערן ציען אַרויס זייערע שווערדן.)

ר ב י ע ק י ב א (אין פרומען עקסטאַז). שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה א—ח—דדד! (די לעגיאָנערן דערשטעכן אים.)

צ ע נ ט ו ר י אָ ן. טויט! איצטער ווייס ער שוין זיין טעות. ווייס ער אים? דאָס שטיק צוריסן פלייש! איצטער ווייס ער גאָרנישט!

ת ל מ י ד י ם (שרייען אויס מיט התלהבות־פּראָטעסט, מיט עקסטאַז און טרערן). יתגדל ויתקדש שמיה רבא!...

# שלמה מלכו און דוד הראובני

טראַגעדיע אין פינף אַקטן און עפּילאָג.

(5 יולי — 9 אויגוסט, 1930.)

# ערשטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ גרויס צימער אין דער וואוינונג פון דוד ראובני אין דער רעזידענץ־שטאָט פון דעם פּאָרטוגעזישן קעניג יאָאַן. דאָס צימער איז כמעט פריי פון מעבל, נאָר לאַנגע בענק שטייען אַרום די ווענט, און אַ גרויסער טעפּיך באַדעקט די דיל. צוויי קליינע פענ־סטער גאַנץ אין דער הויך אין דער רעכטער וואַנט לאָזן אַריין זייער קאַרג דאָס ליכט פון טאָג. איבערביידע טירן, פון וועלכע איינע איז אין הינטערגרונט און פירט צום אַרויסגאַנג און די אַנדערע לינקס און פירט צו די אינווייניקסטע צימערן, הענגען ווייס־בלויע פּאָנען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגענייט די אותיות מ. כ. ב. י. פון ביי־דע זייטן פון דער לינקער טיר זיצן צוויי היטער — הויכע קרעפּ־טיקע מענער, פון וועלכע איינער איז אַ געלער, דער אַנדערער אַ שוואַרצער. — אין מיטן צימער אויף אַ שטול זיצט שלמה כהן ראובניס סעקרעטאַר, און דערציילט ראובניס דערגרייכונגען די מאַ־ראַנען, וועלכע זיצן אויף די בענק אָדער שטייען פאַר אים אין מיטן צימער. מענער פון פאַרשיידענעם עלטער, אויך עטלעכע פרויען.

די מאַראַנען (אין עקסטאַז, מיט צום הימל אויפגעהויבענע הענט און אויגן, רעדן אַרויס מיט שטימען, וועלכע קומען אַרויס טיף פון פרומע הערצער מיט טרערן פון פרייד און האָפענונג און דאַנק). יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא!

שלמה כהן (חזרט איבער פרוס און האַרציק). יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא! — יאָ, מיר דאַרפן לויבן און בענטשן דעם, וואָס לעבט אייביק. ער באַוויזט אונז גרויסע נסים. דער קעניג, ירום הודו, האָט אויפגענומען אונזער האַר דוד מיט

גרויסער פריינטלעכקייט, ווי אַ הערשער אַ הערשער, אַ גלייכער אַ גלייכן, האָט אים די האַנט געגעבן, די האַנט געדריקט...

מיטליעריקער. נסים!

כּהן. אויך די קעניגין איז אים זייער גנעדיק געווען און האָט אַרויסגעוויזן איר פריינטשאַפט מיט שמייכל און מיט דער האַנט אים צום קוש.

אַלטער. זי די שפּאַניערין, וועלכע קריגט קרעמפּ ביים נאָמען ייִד!

מיטליעריקער. נסים! נסים!

כּהן. און ווען דער קעניג האָט אויסגעהערט, וואָס אונזער האַר האָט געהאַט אים פאָרצושלאָגן, האָט ער אים גלייך אָנגעבאָטן אַכט שיפן און פיר טויזנט קאַנאָנען.

מיטליעריקער. מיר זיינען געראַטעוועט!

אַלטער. דאָס איז גאולה!

עטלעכע. אויסלייזונג! באַפרייאונג!

מיטליעריקער. אַכט שיפן מיט פיר טויזנט קאַנאָנען!

כּהן. די שיפן וועלן באַזעצט ווערן פון ייִדישע חיילים, וועלכע אונזער האַר וועט צונויפקלייבן פון צווישן אייך.

יונגער. איך בין דער ערשטער!

צווייטער יונגער. דו ביזט דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אויסגערופן, נישט דער ערשטער אָבער, וועלכער האָט אין געדאַנק זיך לאַנג שוין אָנגעבאָטן.

דריטער יונגער. מיר וועלן אַלע זיין די ערשטע. מיר וועלן זיך אַלע גלייך צו די שיפן שטופּן, אויף די שיפן בעטן. מיר ווילן אַלע זיין חיילים אין דעם באַפרייאונגסקריג.

מיטליעריקער. און נישט בלויז איר די יונגע!

אַלטער. אויך מיר וועלן מיטגיין. די אַלטע מיר. אַלס ציל־ברעט פאַר די פיינטלעכע קאַנאָנען. מיר ווילן כאָטש די טיר פון דער גאולה דערגרייכן, אין דער גאולה זאָלן די יונגע אַליין אַריין.

צווייטער אַלטער. עס איז אונז שוין גוט, וואָס מיר קאָגען איצטער אויפאָטעמען אַ ביסל. אוים אַכטונג צו אונזער האַר

דוד האָט דער קעניג אָפּגעשטעלט די רדיפות אויף די נײַ־קריסטן און אָפּגעלייגט די איינפירונג פון דער אינקוויזיציע, פאַרשאָלטן זאָל זי זיין!

ערשטער יונגער. דרייהונדערט טויזנט חיילים האָט אונזער האר דוד ביי זיך אין חבור — דרייהונדערט טויזנט, אַזוי־פיל דאָך?

כהן. דרייהונדערט טויזנט וואַרטן אויף אים, גרייט צו מל־חמה מיטן טערק. און העלדן אַלע —

מיטליעריקער. פון די בני משה!

אַלטער. און די עשרת השבטים!

כהן. נאָר קאַנאָנען האָבן זיי נישט. די נייע כלי מלחמה האָבן צו זיי אין אַראַביע נאָך נישט דערגרייכט, און די האָט אונזער האר געקראָגן איצטער פון דעם קעניג. פאַרשטייט איר, וואָס דאָס מיינט?

מיטליעריקער. ארץ ישראל וועט אָפּגענומען ווערן פון דעם טערק, און מיר וועלן זיך אומקערן אַהין. צוריק צו אונזער לאַנד און אונזער גלויבן!

אַלע. צוריק צו אונזער לאַנד און אונזער גלויבן!

כהן. נישט נאָר איר, נאָר פון אַלע לענדער, פון גאַנצן גלות אַרויס.

מיטליעריקער (אין גביאישן טאָן). „וואַך אויף, וואַך אויף, שטיי אויף, ירושלים, וואָס דו האָסט געטרונקען פון גאָטס האַנט זיין צאָרנבעכער! דעם גרויסן גיפטבעכער האָסטו אויסגע־טרונקען, אויסגעזויגן...״

אַלטער. גרויס איז געווען דער ביטערער בעכער.

פרוי (מיט טרערן). אַז מיר לעבן נאָך איז אַ וואונדער. אַז מיר זיינען נאָך נישט צוזאַמענגעבראָכן, אַז מיר זעען נאָך ווי מענטשן אויס.

צווייטע פרוי. אַז מען האָט אונז נאָך נישט אויסגעהר־געט. וויפל האָט געפעלט אַז מען זאָל אונז אַלעמען אויסהרגענען אין דער שחיטה פון פאַר צוואַנציק יאָרן?

ערשטע פרוי. און וויפל האָט געפעלט, אַז מען זאָל אונז אַלעמען אויסהרגענען היי־יאָר?

אַלטער. און איז נישט אַ וואונדער, אַז מיר האָבן נאָך נישט די אינקוויזיציע? אַז מיר ברענען נאָך נישט אויף די שייטערהויפנס?

צווייטער אַלטער. זי איז שוין געווען גאָר נאָנט, איז אָנגעקומען אונזער האַר דוד פון אַ לאַנד, וואָס מיר האָבן זיין נאָמען קיינמאָל נישט געהערט, פון יענער זייט סמבטיון, אַ שליח פון די פאַרלאָרענע צען שבטים — —

מיטליערקער (ווידער אין נביאישן טאָן). „און אַ צרה־צייט איז עס פאַר יעקב און פון איר וועט ער געהאָלפן ווערן. אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט צבאות, וועל איך צוברעכן זיין יאָך פון איבער דיין נאַקן און דיינע בענדער וועל איך אָראָפּרוקן, און פרעמדע וועלן אים שוין נישט מער באַקנעכטן. און זיי וועלן דינען יהוה זייער גאָט און דוד זייער מלך, וועלכן איך וועל זיי אויפשטעלן..."

אַן אַרויסשעפּטשען (מיט בענקעניש און האָפענונג). דוד אונזער מלך! פון גאָט אונז אויפגעשטעלט, פון גאָט אונז געשיקט! (אַ גרופּע יונגע שפּאַנישע מאַראַנען קומט אָן.)

דער עלטסטער (פון דער גרופּע). אָ יאָ, דאָ איז עס!... דאָ וואוינט דאָך דער האַר דוד?

כהן. מען האָט אייך ריכטיק דאָס הויז באַוויזן.

עלטסטער. מיר קומען פון שפּאַניע, די גרענעץ זיך אַריבערגעגנבעט. קאָן מען אים זען?

כהן. דו קאָנסט אים נישט זען, ווייל ער איז נישטאָ. און ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלסטו אים נישט געקאָנט זען, ווייל ער וואָלט דיך נישט געוואָלט זען.

דער עלטסטער. אָ ניין, ער וואָלט זיין געזיכט פון אונז נישט געקאָנט פאַרבאָרגן, ווייל מיר האָבן וויכטיקס צו פרעגן, צו באַראַטן.

כהן. צו פרעגן, צו באַראַטן... ער האָט איין ענטפער בלויז פאַר אייך.

דער עלטסטער. וואָס איז עס?

כהן. „איך האָב אייך גאָרנישט וואָס צו זאָגן.“

עלטסטער. דאָס איז זיין ענטפער?

כהן. נישט מיינער.

עלטסטער. אָ, ער וואָלט אונז געוויס אַן אַנדערן גע־געבן.

כהן. אַז דו ווייסט בעסער פאַר מיר, ווילסטו אפשר מיין פּלאַץ פאַרנעמען? איך בין זיין סעקרעטאַר, ווייס איך בעסער וואָס ער וועט אייך זאָגן.

עלטסטער. איך ווייס בעסער, וואָס מיר ווילן ביי אים פרעגן.

כהן. איר וועט עס ביי אים נישט פרעגן.

עלטסטער. פאַרוואָס דען נישט?

כהן. ווייל ער וועט נישט וועלן הערן.

עלטסטער. אוממעגלעך.

כהן. ווייסטו, הייסט עס, בעסער.

ערשטער אַלטער. עס איז אַזוי זיין וועג, מיט אונז מאַ־ראַנען גאָר ווייניק צו פאַרקערן. ער ענטפערט קוים אויף אונזער באַגריסונג און קוקט אונז אָן מיט שאַרפע שפּיזגבליקן. מיר זיי־נען דאָ מיט ציטער אין אונזער הארצן. מיר ווייסן, ער וויל אונז דאָ נישט האָבן. אָבער ווייל ער איז נישטאָ, האָבן מיר זיך דער־לויבט אַריינצוקומען. רבי שלמה איז גוט צו אונז און פריינטלעך...

צווייטער אַלטער. מיר זיינען זינדיק שטאַרק אין אונ־זער האַר דודס אויגן.

עלטסטער. דאָס זייט איר אפשר דאָ אין פּאָרטוגאַל, אין שפּאַניע זיינען אַלע מיר געלייטערט. מיר ברענען טעגלעך אויפן גלויבנספייער. דער פייערטויט שוועבט טעגלעך איבער אונז, די אינקוויזיציע גייט אונז נאָך אויף יעדן שריט. מיט וועלכער גע־פאַר זיינען מיר דען אַהער אַריבערגעקומען? מיט טויזנטער אויגן לויערן אויף אונז דער אינקוויזיציעס פייערהינט. די גרענעץ ביי פּאָרטוגאַל ווערט גוט באַוואַכט. כאַפּט מען איינעם פון אונז אין גרענעץ־איבערלויף, איז זיין פּסק נאָר איינער: פאַרברענט צו

ווערן, זיין שולד איז שוין דערוויזן. און דאָך האָבן מיר אַלע, ווע־מען איר זעט דאָ מיט מיר, איינגעשטעלט דאָס לעבן, די גרענעץ דורכגעגנבעט, אום לעבן אים צו זיין, זיך אין זיין הייליקייט צו רייניקן. וועט ער אונז נאָך זינדיק רופן? וועט ער אונז נישט וועלן הערן?

כּהן. זאָגט מיר, וואָס איר ווילט אים פרעגן, און איך וועל אייך אַ קלאָרע תשובה געבן.

עלטסטער. איך וויל קיינעם נישט באַליידיקן, אָבער אונ־זער אָנגעלעגנהייט פאַרטראָגט נישט צופיל אויערן.

ערשטער אַלטער. איר זייט דאָ צווישן אייגענע, ליידנ־דיקע אַזוי ווי איר, געפּייניקטע, וועלכע וואַרטן אויף דערלייזונג.

ערשטער יונגער. דאַרף אייער אָנגעלעגנהייט הילף, מיר זיינען מיט אייך מיט ראַט און טאַט.

עלטסטער. אין דער אינקוויזיציע־געפענגעניש פון באַדאַ־כּאָס שמאַכטן עטלעכע מאַראַנען־פרויען. פון דער געפענגעניש קומט מען לעבעדיק נישט אַרויס. דרייפערטל טויט אין אירע קע־לערן, באַקומט מען דעם לעצטן פערטל אויף דעם שייטערהויפן. מיר ווילן ביים פייער אַרויסרייסן זיינע קרבנות. דעם וועג, וועלכן מיר זיינען געקומען, וועלן מיר גיין צוריק. מיט וואָפן אין די הענט וועלן מיר באַפאַלן דאָס שלאַכטהויז פון דער אינקוויזיציע און באַפרייען אונזערע שוועסטער...

כּהן. דאָס ווילט איר טאָן?

עלטסטער. און היינט נאָך ביי דער נאַכט.

כּהן. ווען אונזער האַר הערט עס, ליינט ער אייך אין קייטן.

עלטסטער. מיר זיינען געקומען נאָך זיין ברכה. זי וועט אונז העלפן און די באַפרייטע שוועסטער קראַפט צום נייעם לעבן געבן.

כּהן. נישט ברכה נאָר בראָך! ווען איר טוט עס מיט זיין וויסן, ברענגט איר אים אין געפאַר.

ערשטער אַלטער. דאָס איז ריכטיק אויך. שפּאַניע וועט פאָדערן פון פּאָרטוגאַל אירע קרבנות, די באַפרייטע און די באַ־פרייער. און פּאָרטוגאַל וועט זיי פאָדערן פון אונזער האַר.

עלטסטער. פילייכט זייט איר גערעכט, אזוי ווייט האָבן מיר עס נישט געזען. וועלן מיר עס אָן זיין וויסן טאָן און, לײדער, אָן זיין ברכה.

כהן. איך ראָט אייך, טוט עס בעסער נישט.

עלטסטער. און לאָזן די פרויען שמאַכטן? מיר וועלן זיך אליין פאַראַכטן.

ערשטער יונגער. מיר וועלן אייך נישט העלפן. עס זאָל נישט הייסן, ער האָט אונז געהייסן.

עלטסטער. מיר האָבן קיין הילף נישט דערוואַרט, זיינען נישט געקומען בעטן זי, מיר וועלן אליין אַלץ טאָן. (צו זיינע חברים.) קומט, מיר גייען איצט פון דאַנען, מיר וועלן אים נישט פאַרמישן אין אונזער זאַך. ריין זאָל ער זיין פאַר קעניג און גייסט־לעכקייט. פילייכט האָבן מיר נישט געדאַרפט גאָר קומען אַהער, און דאָך וואָלטן מיר געוואָלט כאָטש איין קוק אויף אים געבן. א בליק אויף אים וואָלט אונז נאָך מער זיכערקייט צוגעגעבן, וואָלט אונזערע הענט געווים געבענטשט. זאָגט אונז כאָטש, ווי זעט ער אוים. באַשרייבט אים אונז, ווי הויך, ווי שטאַרק, ווי קוקן זיינע אויגן, וואָס זאָגט אייך זיין געזיכט.

ערשטער אלטער. ער איז פון קליינעם וואוקס...

עלטסטער. פון קליינעם וואוקס? אוממעגלעך גאַנץ! דיי־נע אַלטע אויגן האָבן אים דיר פאַרקלענערט!

שטימען. ער איז! — ער איז פון קליינעם וואוקס!

עלטסטער (אַלץ אומגלויביק). פון קליינעם וואוקס.

יונגער. און זעט דאָך אוים הויך.

עלטסטער. דאָס איז עפּעס אַנדערש.

מיטליערער. זיין געזיכט, אַרומגעראַמט פון אַ שוואַר־צער געקרייזלטער באָרד, איז ברוין, די הויט פון זון פאַרברענט...

עלטסטער (צו זיינע חברים). שוואַרצע באָרד, די הויט פון זון פאַרברענט.

צווייטער אלטער. און דאַר איז ער און דין, ווי אָפּ־געמאָגערט פון תעניתים.

יונגער. און דאָך איז ער ברייט און שטאַרק.

צוויטער יונגער. נישט־שיין און דאָך באַצויבערנדיק, מיט שרעק אָנוואַרפנדיקן בליק פון זיינע שוואַרצע פייעראויגן.

עלטסטער (צו זיינע חברים). איצטער קומט! מיר וועלן גיין צום זיג, מיט זיין געשטאַלט פאַר אונז. קליין, און דאָך גרויס. שוואַך, און דאָך שטאַרק. נישט־שיין, און דאָך באַצויבערנדיק...

דוד ראובני (קומט אַריין. אָנגעטאָן ווי אַן אַראַבער, מיט אַ ווייסן טורבאַן אויפן קאָפּ, די הענט פאַררוקט אונטער זיין ווייסן מאַנטל. ער בלייבט שטיין אין דער טיר, ציט זיך הויך, קוקט אָן דעם עולם מיט שאַרפע בייזע בליקן. עס ווערט זייער שטיל, מיט אַ ציטער הייבט מען זיך אָן צונויפצוזוקן, איינקאָרטשען, ווי מען וואָלט געוואָלט פאַרשווינדן, נישט־ווערן. עטלעכע לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קני).

ראובני (מיט איינגעהאַלטענעם כעס). וואָס טוט איר דאָ? (טרעט לאַנגזאַם אַריין אין צימער.)

עלטסטער (ווינקט צו די שפּאַניער און זיי גייען שנעל אַוועק).

כהן (צו ראובנין). האַר, שיק גלייך צוריקצורופן די אַוועק־געגאַנגענע.

ראובני. טרייב אַרויס די איבערגעבליבענע!

כהן. די אַוועקגעגאַנגענע האָבן עפּעס פאַרטראַכט.

ראובני. איך וויל עס נישט וויסן.

כהן. דו מוזט עס וויסן.

ראובני. האָבן זיי וואָס קעגן מיר פאַרטראַכט?

כהן. ניין, אָבער...

ראובני. וויל איך נישט וויסן. בין נישט זייער באַפוילער, באַפויל קיינעם פון זיי גאָרנישט, איך האָב מיט קיינעם פון זיי נישט וואָס צו טאָן.

כהן. זיי וועלן אָפּטאָן אַ זאַך, וואָס קאָן דיר שאַדן.

ראובני. מיין אומוויסנהייט וועט זיין דער עדות פון מיין אומשולד.

כהן. בעסער וואָלט געוועזן...

ראובני (אומגעדולדיק, וואַרפט אַרויס זיין רעכטע האַנט

מיט באַפעלערישער בעוועגונג). גיב מיר קיין עצות נישט, ווען איך בעט זיי נישט ביי דיר! (עטלעכע פון די נענטערע ביי אים וואַרפן זיך אויף זיין האַנט, ווילן זי קושן. ער באַהאַלט זי שנעל צוריק.) הערט אויף דאָס קושן, אויב איר ווילט, איך זאָל נישט פּאַטשן. איך האָב דעם קעניג פאַרשפּראָכן, איר וועט די האַנט מיר מער נישט קושן. דאָס דאַרף מען אים אַליין נאָר אין דעם גאַנצן לאַנד, נאָר זיין האַנט אַליין דאַרף געקושט ווערן. קומט נישט צו צו מיין האַנט! איר זייט מורד במלכות, ווען איר קושט זי. איך בין אַ קריגסמאַן, ווי איר ווייסט. היט זיך, קומט נישט נאָנט צו צו מיר.

ערשטער אַלטער. אָ, פאַרטרייב אונז נישט פון זיך!

ראובני. נישט פאַרטרייבן אייך? האָב איך ווען אייך צו־געלאָזן צו זיך? אייער נאַרישקייט האָט אייך צו מיר געטריבן.

שטימען. אונזער ליבע! — אונזער האָפענונג — אונזער פרייד! — אונזער גלויבן!

ראובני. אייער נאַרישקייט, זאָג איך! אייער אומפאַרזיכ־טיקייט, אייער אומגעדולד! גייט איצטער, זאָגט עדות, אַז איך האָב אייך קיינמאָל נישט געוואָלט זען. דאָן מיגעל דא סילווא האָט פאַרן קעניג מיך פאַרקלאָגט — דאָן מיגעל דא סילווא מיין אַלטער פיינט, מיין שונא נאָך פון רוים. איך בין געקומען, האָט ער געזאָגט דעם קעניג, חרוב צו מאַכן פּאָרטוגאַל און פון די מאַראַנען ווידער יידן מאַכן. און היינט זאָגט מיר דער קעניג: איך האָב זיך געפרייט, וואָס דו ביזט געקומען מיר צו העלפן אין מלחמה קעגן דעם טערק, און איצטער הער איך, ביזט געקומען די מאַראַנען גאָר צו העלפן. איך האָב אים געלייקנט, געזאָגט, מען האָט אים פאַלש דערציילט. ער האָט מיר געגלויבט, און דאָ געפין איך פול פון אייך די שטוב. ווער האָט אייך גערופן? גייט! איך דאַרף דעם קעניגס פריינטשאַפט. איך קאָן אייך ביי מיר נישט זען. גייט און קומט נישט ווידער, ווילט איר מיר און זיך נישט שאַדן. (דער עולם הייבט זיך אָן לאַנגזאַם אַרויסצורוקן, איינגעבויגענע, דערשלאָגענע, פאַרטרערטע, ביי דער טיר בלייבן זיי שטיין. ווענדן זיך אום און רעדן אַרויס מיט געבעט און תחנונים:)

דער עולם. משיח!

ר א ו ב נ י (האַרט). גייט! וואָס זייט איר שטיין געבליבן? (צו כהן.) דו האָסט זיי אַריינגעלאָזן, פיר זיי ד ו אַרויס.

כ ה ן (מיט רחמנות). קומט, פריינט. (גייט פאָראויס און רופט זיי מיט דער האַנט.)

ד ע ר ע ו ל ם (מיט אויסגעשטרעקטע תפילה־הענט). ווען? ווען?

ר א ו ב נ י. ווען די צייט וועט קומען, וועל איך אייך רופן.

ד י אָ ג אָ פ י ר ע ם (קומט אַריין, לאָזט פאַרביי דעם עולם און טרעט דאַן אַריין אין צימער. אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינפאונצוואַנ־ציק, הויך און שיין, אין דער אוניפאָרם פון אַ קעניגלעכן באַאַמטן).

ר א ו ב נ י (קוקט אָן בייז דעם אַריינגעקומענעם, און ווענדט זיך צו די ביידע טירהיטער). גייט און האַלט שמירה ביי דער טיר דרויסן און לאָזט קיינעם נישט אַריין, און זאָגט דעם, ווער איז איצט אַריינגעקומען, אַז איך בין נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ! (מאַכט אַ שנעי־לע באַוועגונג צו דער טיר לינקס.)

פ י ר ע ם (גיט זיך אַ לאָז נאָך אים, מיט געבעט). האַר!

ג ע ל ע ר ט י ר ה י ט ע ר. נישטאָ אים. דער האַר האָט עס געהערט פון אים אַליין.

ש וו אַ ר צ ע ר. אַוועקגעגאַנגען, און אייער דורכלויכט קאָן אים דאָ מער נישט זען.

פ י ר ע ם (שטופט זיי אָפּ). האַר!

ר א ו ב נ י (ווענדט זיך אום צו פירעמן, מיט גרויסער בייז־קייט אין די אויגן). וואָס וויל דער האַר פון מיר, וואָס לאָזט ער מיך נישט צו רו? (די טירהיטער גייען אַוועק.)

פ י ר ע ם (צאַרט און ווייך). האַר, איך האָב שוין ווידער אַ זעאונג געהאַט.

ר א ו ב נ י. וואָס בין איך שולדיק? א י ך האָב קיין זעאונגען נישט! מיין שלאָף ווערט נישט געשטערט פון חלומות! דו האָסט צופיל באַגערן, איך האָב קיינע נישט, האָב איך נישט קיין חלומות. איך פייניק מיין קערפער, האָב איך נישט קיין חלומות. דו גיסט דיין קערפער נאָך, האָסט צופיל פאַרלאַנגען, און וואָס דו האָסט נישט אין דיין וואָר, ווילסטו האָבן אין דיין שלאָף, זעסטו זעאונגען, חלומען זיך דיר חלומות.

פּירעס. איך האָב נישט געהאַט קיין חלומות, ביז דו ביזט נישט געקומען.

ראובני. איך האָב זיי דיר נישט געשיקט. איך האָב דיך נישט געקענט.

פּירעס. דאָך מיינע זעאונגען זיינען מיט דיר פאַרבונדען.

ראובני. איך ווייס פון גאָרנישט. ווער בין איך דען, וואָס צוליב מיר זאָלסטו דיינע זעאונגען האָבן?

פּירעס. דו ווייסט, ווער דו ביזט. איך דאַרף דיר דאָס נישט זאָגן. מיט דיין אָנקום האָט אונז אַ נייע לופט אַרומגערינגלט, דיין אָנקום האָט אונז מיט נייעם בלוט גאָר אָנגעפילט. מיר גייען, ווי מיר וואָלטן אויף הענט אַרומגעטראָגן געוואָרן, ווי עס וואָלטן פליגלען אונז אויסגעוואַקסן. אַנדערש שלאָגן אונזערע הערצער, אַנדערש דענקען אונזערע מוחות... אָ, מיינע חלומות קומען מיר פון דיר!

ראובני. אומזין, זאָג איך, אומזין! איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן! גאָרנישט ווייס איך, גאָרנישט! (זעצט זיך כעסדיק אויפן שטול.)

פּירעס (וואַרפט זיך פאַר אים אויף די קני). אָ, הער מיך אויס! אָ, גיב אַן עצה מיר!

ראובני. שטיי אויף! שעמסט זיך נישט? ביזט הויכער קעניגלעכער באַאַמטער!

פּירעס. דו ביזט פיל מער, אַ וואָרים בין איך קעגן דיר. אָ, הער מיך אויס, מיין האַר!

ראובני. וואָס ווילסטו מיר דערציילן?

פּירעס. שרעקלעכע חלומות באַאומרואיקן מיך נאַכט אין נאַכט, און אַלע האָבן זיי נאָר איין דערקלערונג: איך מוז אַ ייד ווערן.

ראובני. וואָס גייט עס מיך אָן?

פּירעס. איך בין איך און נישט איך, בין איך און אַן אַנדערער. בין הויכער קעניגלעכער באַאַמטער און ערשט אין אָנ־הייב פון מיין שטייגן, דאָך גייט עס מיר נישט איין. בין סעקרע־

טאר אין העכסטן געריכט, סעקרעטאר אויך פון דער קעניגין, דאָך עס איז אַן אַנדערער, וואָס פאַרנעמט די הויכע שטעלן און וועט העכערע נאָך דערגרייכן, נישט איך, נישט דער אמתער איך. דיאָגאָ פּירעס דער קריסט, נישט שלמה מלכו, ווי איך וואָלט געהייסן, ווען איך וואָלט אָפּן ייד געווען. מיינע עלטערן זיינען יידן געווען, פרומע, גאָטספאַרכטיקע, אָבער דער קעניג מאַנאָעל האָט מיט געוואַלט זיי אָפּגעשמדט צוזאַמען מיט אַלע יידן פון פּאָרטוגאַל. איך בין שוין אין קריסטנטום געבאָרן געוואָרן, אָבער דאָך האָבן זיי מיך אין יידישקייט דערצויגן, האָבן מיך אונזער הייליקע שפּראַך געלערנט און אין דער תורה אריינגעפירט, אויך גמרא און מדרש זיינען מיר נישט פרעמד געבליבן.

ר א ו ב נ י. קענסטו מער פאַר מיר. איך וויים פון דער גמרא גאָרנישט, האָב קיינמאָל נישט געלערנט. בין נאָר קריגער, צו מלחמה אויפדערצויגן. מיין כח איז נאָר אין מיינע הענט, פערציק פיינט האָב איך מיט זיי אָוועקגעלייגט.

פּ י ר ע ס. מיט דיר איז גאָט, ביזט זיין אויסגעוויילטער, פון אים צו אונז געשיקטער...

ר א ו ב נ י. מיך האָט דער קעניג מיין ברודער אַהער געשיקט.

פּ י ר ע ס. דו באַהאַלטסט זיך פון מיר. דו קאָנסט זיך מיר נישט אַנטפּלעקן. איך בין דיר פרעמד און וויט, דו פילסט נישט מיין נאָענטקייט, קאָנסט זי אויך נישט פילן. אַ מחיצה שטייט צווישן מיר און דיר, לאָזט מיך נישט צו צו דיר. בין ייד אין גייסט, אין האַרץ, אין קאָפּ, אין ווילן. די קריסטנמאַסקע, וועלכע איך מוז אויף זיך טראָגן, איז מיר די שווערסטע לאַסט, איז מיין ווייגעשריי. אַ, טעגלעך טראָגן זי, אין גאַס, אין הויז, פאַר פיינט און פריינט, אין וואָרט און וואונק, אַמשווערסטן נאָך אין קלויסטער. גלויבן, וואָס דו לייקנסט, בענטשן, וואָס דו שעלטסט, בוקן זיך, וואו דו ווילסט דעם רוקן קערן. איך קאָן זיך נישט פאַרשטעלן, און טו׳ס, און טו׳ס. איך קאָן אויף זיך אַליין נישט קוקן, וואָלט אַריינגעשפּיט זיך אַליין אין פּנים. אַ דאָפּלטער מענטש, אַ דאָפּלט לעבן! פאַר דער גאַנצער וועלט אַ קריסט, פאַר זיך אַליין אַ ייד.

א גאנצן טאָג זיין קריסט מיט קריסטלעכן געריידּ אין לאַטיין און פּאָרטוגעזיש, מיט קריסטלעכן בוך און קריסטלעכער תורה, נאָר אין אָוונט ווי א גנב צופּאַלן א דורשטיקער צום יידישן וואָרט ביי די קוואַלן פון אונזער תורה. אָ, איך בין ייד, ייד, אָבער אַלס קריסט געבאָרן, טראָג איך נישט אויף מיר דעם צייכן פון א יידן. דו מוזט מיך יידישן!

ראובני (שפּרינגט אויף). ביזט משוגע?

פּירעס. אָ, טו דעם חסד מיר!

ראובני. איך זאָל א שטריק זיך אָנטאָן אויפן האַלז!

פּירעס. מיינע חלומות האָבן מיר דעם וועג צו דיר באַוויזן. זיי מיינען נישט קיין שלעכטס.

ראובני. דיינע חלומות! דו קום צו מיר נישט מיט דעם שטות! דיינע חלומות! חלומות זיינען אומזין, פּאַרפּירעריי און נאַרעריי!

פּירעס. אָ, זאָג עס נישט! חלומות זיינען דער וועג צו אונז פון אויבן. אָ, דו וועסט מיך מוזן דערהערן!

ראובני. דערהערן? וואָס?

פּירעס. און מיך יידישן. מיך אונטער אברהמס פליגלען אַרונטערברענגען.

ראובני. הא! און לאָזן אָפּהאַקן זיך די פליגלען. וואָס מיינסטו, וועט דער קעניג זאָגן, ווען ער וועט דאָס אויסגעפינען? אָ, דו מאַכסט מיך ווילד, ברענגסט מיך אין גרימצאָרן אריין! איך זאָל דאָס טאָן און אין סכנה שטעלן זיך און מיין ציל און אַלע מאַראַנען! פאַרלירן אַלץ און געווינען וואָס? וועמען? דיך! איז דער אויסבייט ווערט? ביזטו ביים קלאָרן זינען?

פּירעס. דו מיינסט נישט, וואָס דו זאָגסט, איך ווייס. דו קאָנסט עס דאָך נישט מיינען.

ראובני. איך וועל דיר נישט טאָן, וואָס דו ווילסט, און זאָג דיר אָן, דו זאָלסט עס איבערהויפּט נישט טאָן, אויב דו ווילסט נישט זיך און מיך און אַלע מאַראַנען אריינברענגען אין סכנה.

פּירעס. דו זאָגסט עס מיר, ווייל דו ווילסט מיך אויספּרובירן. איך גלויב מיינע זעאונגען און ווייס זייער באַדייט.

ראובני. אַ, גיי צו אַלדי רוחות! גיי פון מיר אַוועק! (איילט אַריין אין צווייטן צימער און מאַכט צו הינטער זיך די טיר מיט רעש.)

פּירעס (וואַרפט זיך צו דער פאַרמאַכטער טיר). אַ, האַר! אַ, האַר! אַ, האַר! — — פאַרשלאָסן האָט ער זיך פון מיר, אָפּגעטאָן זיין פּנים האָט ער פון מיר... אַ, גאָט, דיין שליח וויל נישט רעדן מיט מיר, ווייל איך פאַרדין עס נישט. ער וויל מיך נישט אייכערן, ווייל איך בין עס נישט ווערט. אָן ערל בין איך, אַ קריסט, וואָס באַלאַנגט נישט צו אברהמס בונד... ווי קאָן ער צולאָזן מיך צו זיך? ווי קאָן ער אויסהערן מיינע זעאונגען? (זיין געזיכט לייכט אויף.) ווי האָב איך עס פריער נישט איינגעזען? איך האָב אַלס קריסט גאָר נישט געטאָרט גאָר נאָנט צוקומען צו אים. אַלס גאַנצער ייד מוז איך זיין שוועל אַריבערטרעטן... דיאָגאָ פּירעס איז אויס פּרעמד, פאַרהאַסט, צואוויידער, שלמה מלכון וועט ער זיך אַנטפּלעקן. (גייט אַוועק.)

## צווייטע סצענע

נאַכט. דאָס צווייטע צימער אין דוד ראובנים וואוינונג, אַ נידעריקער דיוואַן, איבערגעדעקט מיט אַ גרויסן, שווערן טעפּיך, ביי דער לינקער וואַנט. אַנטקעגן ביי דער רעכטער וואַנט שטייט אַ שראַנק, וועלכער זעט אויס ווי אַן ארון קודש. פאַר דעם דיוואַן אַ נידריקער טישל, אויף וועלכן עס שטייען צוויי ברענענדיקע ליכט. אויבן אין דער רעכטער וואַנט צוויי פענסטער, אין דער הינטערוואַנט די טיר.— ראובני זיצט אויפן דיוואַן מיט די פיס איבערגעקרייצט אונטער זיך ווי אַן אַראַבער, אין זיינע הענט אַ שווערער רימען. פאַר אים שטייען דיביידע טירהיטער.

ראובני (בייז און שטרענג). דערציילט, דערציילט דאָך שנעל!

דער געלער. דער גנב איז ער.

דער שוואַרצער. ער אַליין דער נאַשער.

געלער. דאָס האָט ער די הון אַוועקגעגנבעט.

שוואַרצער. דאָס האָט ער זי אויפגעפרעסן.

ג ע ל ע ר. ווער עס גנבעט פון א גנב, איז נישט שולדיק. פון א גנב גנבענען איז אפילו א מצוה.

ש וו א ר צ ע ר. און ווער האט מיך צו דער גנבה צוגערעדט?

ג ע ל ע ר. בין איך געווען דער יצר הרע, אבער דער זינ־דיקער ביזטו.

ש וו א ר צ ע ר. איך האב אפילו פון דער הון גאר נישט גע־וואוסט. מיינע אויגן האבן זי נישט געזען, מיין נאז האט זי נישט דערשמעקט, ווען נישט ער...

ג ע ל ע ר. האב איך געקאנט וויסן, אז ער זעט נישט און ער שמעקט נישט? די הון איז געלעגן אין פענסטער פונקט אנט־קעגן. איידער מיינע אויגן האבן זי דערזען, האט מיין נאז זי דערשמעקט, און מיינע אויגן זיינען נאך דער נאז שוין נאכגעגאנ־גען. האבן זיי דערזען, ווי די הון ליגט א געבראטענע אויפן פענס־טער פון דעם הויז פונקט אנטקעגן, מיטן רוקן אויפן טעלער און מיט די פיסלעך אין דער הויך — ניין, איך מאך א טעות: די פיסלעך זיינען נישט געווען — דאס מוז דער האר וויסן. אויב די פרוי באקלאגט זיך, אז מיר האבן ביי איר צוגעגנבעט די הון מיט די פיסלעך, זאגט זי א ליגן. די פיסלעך זיינען נישט געווען. און ווען זי שווערט זיך, אז די הון איז ביי איר אוועקגעגנבעט געווארן מיט די פיסלעך, שווערט זי פאלש, און פאלש־שווערן איז א גרעסערע עבירה ווי גנבה. אויב זי איז א פאלששווערערין, דארף דער האר גארנישט אננעמען זיך פאר איר. אויב זי איז א פאלש־שווערערין...

ר א ו ב נ י (קרעכצט בייז ארויס און גיט א הויב דעם רימען).

ג ע ל ע ר (שנעל). יא, די פיסלעך זיינען נישט געווען, נאר די הון איז געלעגן אויפן רוקן מיטן בויך ארויף, און דער בויך אזא פולער, קענטיק מיט געפילעכטס. זאג איך צו אים: „הערסטו עפעס?"

ש וו א ר צ ע ר. ענטפער איך: „וואס זאל איך הערן?"

ג ע ל ע ר. פרעג איך אים: „הערט דיין נאז א גערוך?"

ש וו א ר צ ע ר. ענטפער איך: „מיין נאז הערט, אז דו שטינקסט."

געלער. זאָג איך אים: „ווי דיר, וואָס דיין נאָז הערט נאָר דאָס נאָנטסטע און דאָס ערגסטע! וואויל מיר, וואָס מיין נאָז פאַרנעמט דאָס ווייטסטע און דאָס אָנגענעמסטע!” און איך פרעג אים: „זעען וואָס דיינע אויגן?” ענטפערט ער מיר...

שוואַרצער. ענטפער איך אים: „מיינע אויגן זעען, אַז דו ביזט לייזיק.”

געלער. ענטפער איך אים: „ווי מיר, וואָס דיינע אויגן זעען די קריכער! וואויל מיר, וואָס מיינע אויגן זעען די פליער!” פרעגט ער מיך שוין: „וואָס הערט דיין נאָז?”

שוואַרצער (שטימט צו). אוהום!

געלער. ענטפער איך אים: „דעם ריח פון אַ געבראָטענער הון.” ציט ער מיט זיין נאָז און נעמט אַריין בלויז מיינעם און זיין אייגענעם געשטאַנק, און הויבט אָן צו דרייען מיט זיינע אויגן און זעט מער גאָרנישט, ווי די אַרומקריכנדיקע לייז. פרעגט ער שוין ווידער —

שוואַרצער. „וואָס זעען דיינע אויגן?” האָב איך גע־פרעגט.

געלער. ענטפער איך: „די, פון וועלכער עס טראָגט זיך צו מיר דער ריח ניחוח.” קוקט ער ווידער און זעט גאָרנישט און פרעגט...

בײדע (גלייכצייטיק). „וואו זעסטו די שמעקעדיקע?”

געלער. ענטפער איך אים און טייטל מיט אַ פינגער: „אין פענסטער — אַנטקעגן — אויף אַ טעלער — מיטן רוקן אַראָפּ און מיטן בויך אַרויף.” איצטער האָט ער דערזען און האָט זיך אָנגעהויבן באַלעקן. פאַלט מיר טאַקע איצטער איין, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט באַלעקט צוערשט, וואָלט איך —

ראובני (קרעכצט ווידער בייז אָפּ און פאַרמעסט זיך מיטן רימען).

געלער (דערשרעקט זיך און זאָגט שנעל). זאָג איך אים— מיט דעם ניגון פון „איכה” האָב איך אים געזאָגט: „אונזער האָר פאַסט תעניתים, און אונזערע לייבער מוזן דאַרן. אונזער האָר פייניקט זיין גוף, און אונזערע בייכער מוזן קוואַרן. אונזער האָר

ליבט צו פאַסטן, וואויל איז צו אים; און מיר ליבן צו עסן, ווײ איז צו אונז! אונזער האַר לעבט פון תעניתים, וואויל איז צו אים; און מיר לעבן פון אכילה, ווײ איז צו אונז!" און איך זאָג אים — שוין אַן דעם ניגון פון „איכה" זאָג איך אים: „ווען די הון ליגט איצטער פאַר אונז — אַך, ווען די הון ליגט איצטער פאַר אונז!... ווען איך וואָלט געווען אַזוי געשווינד ווי דו, ווען מײ־נע פינגער וואָלטן געווען געלערנט אַזוי ווי דײנע, ווען מײן שכל וואָלט געווען אַזוי פלינק ווי דײנער... אַך, ווען איך וואָלט געהאַט אַלץ דאָס, וואָס פעלט מיר צו אַ גנב און וואָס דו האָסט אין איבער־מאָס!... מילא, האָב איך געזאָגט, וועל איך צומאַכן די אויגן און גאָר כאַפּן אַ דרעמל. איז ערשטנס וועל איך די הון נישט זען, און צווייטנס קאָן זי זיך מיר נאָך חלומען, אָט אַזוי אָ אין מײנע הענט און צווישן מײנע צײנער. און אַזוי רעדנדיק שפּאַר איך אָן דעם קאָפּ אָן דער טיר און מאַך צו די אויגן, און אַזוי טוענדיק זאָג איך: „וואָס זאָל איך אָבער טאָן מיט מײן נאָז? רוק זיך צו צו מיר, זאָג איך, וועל איך דעם ריח ניחוח נישט הערן." און גלײך זאָג איך: נײן, איך וועל בעסער פאַרשטעקן מײן נאָז אין מײן אײגענעם אָרעם." און האָב אַזוי געטאָן און גאָר באַלד האָב איך אַראָפּגעוואָרפן מײן אָרעם און אָנגעהויבן צו כראָפּען מיט דער נאָז און צו בלאָזן מיט די ליפּן — דאָס זאָל הײסן, אַז איך בין שטאַרק אײנגעשלאָפן. און באַלד האָב איך געהערט, ווי ער שטײט אויף פון זײן אָרט בײ דער טיר און גײט אַראָפּ אין גאַס, כאָטש דער האַר האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן פון דער טיר נישט אָפּטרעטן...

ר א ו ב נ י (קרעכצט בײז אָפּ).

ג ע ל ע ר (מיט אַן אויפּציטער). און איך עפן אויף אַ קלײן שפּעלטל אין מײן רעכטן אויג און זע, ווי ער גײט אַריבער צום אַנטקעגנדיקן הויז, גײט זיך דורך אַ פּאָר מאָל און קומט צוריק צו זײן אָרט בײ דער טיר. איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב נישט באַמערקט, ווי ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די הון פון דעם טעלער. וואָס אמת איז אמת, אַפילו ווען דער האַר זאָל מיך נויטן אונטער אַ שבועה, וואָלט איך נישט געקאָנט זאָגן, אַז איך האָב געזען, ווי

ער האָט זי אַראָפּגעכאַפּט. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו זיין אָרט, האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין מיר, צי איך שלאָף, וואָס איך האָב אים גלייך דערוויזן מיט אַ כראָפּ און אַ בלאָז. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זיין אָרט און אויסגעשפּרייט די עקן פון זיין ראָק, און איך קוק פון שפּעלטל פון מיין אויג און זע, אַז די עקן פון זיין ראָק דעקן צו די הון. און באַלד זיינען די באַלעבאַטים פון דער הון אַרויסגעלאָפן מיט אַ געשריי און אַרויפגעוואָרפן זיך אויף אים, ווייל זיי האָבן אים געזען פאַרבייגיין פאַרביי זייער פענסטער. מעג ער מיר דאַנקען, וואָס זיי האָבן ביי אים די הון נישט געפונען...

ראובני. וויי צו דער בושה!

געלער. און באַטראַכט איך גוט, איז דער האַר גאָר שולדיק. פאַרוואָס האָט ער אונז אָוועקגעזעצט דרויסן פאַר דער טיר?

ראובני (שפּרינגט אויף און וואַרפט זיך אויף די דינער מיט דעם שווערן רימען און הייבט זיי אָן צו שמייסן). אויך איר זייט יידן! אויך איך דאַרף איך אויסלייזן! אויך פאַר אייך דאַרף איך זיין משיח! וויי מיר! וויי מיר! (די ביידע רוקן זיך אויף הינטן צו דער טיר מיט וויי־געשרייען אונטער די שמיץ, עפענען זי אויף און לויפן אַרויס. ראובני נאָך זיי, אָבער אין דער טיר שלאָגט ער זיך אָן אין שלמה מלכון און טרעט אָפּ אויף צוריק.) ער נאָך אויך! שוין ווידער! דאָן דיאָגאָ פּירעס!

מלכו (בלאַס, ווי ער וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון קראַנקנבעט, אַריינטרעטנדיק אין צימער). ניין, שלמה מלכו איצטער!

ראובני (אין העכסטער אויפרעגונג). דו האָסט!...

מלכו. מיט אייגענער האַנט.

ראובני. איך בין פאַרניכטעט! ווי האָסטו זיך נאָך דערוועגט צו מיר צו קומען?

מלכו. עס איז שטאָקפינסטער דרויסן.

ראובני. איך האָב דיר פאַרבאָטן צו מיר צו קומען!

מלכו. דיאָגאָ פּירעס, נישט שלמה מלכון.

ראובני. שלמה מלכון ערשט געוויס!

מלכו. איצטער בין איך דאָך דיין ברודער.

ר א ו ב נ י. איצטער ביזטו מיין פאררעטער!

מ ל כ ו. דאָס וואָרט טוט זי־ער ווי, מיין האר.

ר א ו ב נ י. דיין טאַט וועט מיר נאָך וויי־ער טאָן. איך בין פאַרניכט, איך וועל שוין גאָרנישט דאָ דערגרייכן. צו־ערשט דער מאַראַנען־איבערפאַל אויף דער אינקוויזיציע־געפענגעניש אין באַ־דאַכאָס, און איצטער דו. אַ גייקריסט, וועלכער איז אַ ייד געוואָרן, אַ נייקריסט, וועלכער איז נאָך אַלס קריסט געבאָרן געוואָרן! ווען דאָס וועט אָנקומען צום קעניג, און דאָס וועט דאָך אָנקומען געוויס, וועל איך פאַרטריבן ווערן, ווייל געוויס וועט עס הייסן, אַז דורך מיר האָסטו עס געטאָן.

מ ל כ ו. דו ווייסט, אַז דאָס איז נישט אמת.

ר א ו ב נ י. ווי וועל איך דעם קעניג קאָנען באַווייזן? און האָסטו עס נישט געטאָן, ווייל איך בין דאָ אין לאַנד?

מ ל כ ו. דו האָסט מיך נישט צוגערעדט.

ר א ו ב נ י. דאָס ווייסטו, דאָס ווייס איך — דאָן מיגעל דאַ סילוואַ און אַלע אַנדערע אינקוויזיציע־הארן וועלן עס נישט וועלן ווייסן. אפילו זיי זאָלן ווייסן דעם אמת, וועלן זיי אים פאַרלייקענען, און דער קעניג וועט זיי גלויבן מער ווי מיר.

מ ל כ ו. און דאָך בין איך גליקלעך!

ר א ו ב נ י. אה! (פאַרמעסט זיך אין ווילדן כעס מיט זיין רימען אויף מלכון).

מ ל כ ו (בויגט אָן זיין קאָפּ). שמייס מיך, מיין האר!

ר א ו ב נ י (הויבט אָן זיך אַליין צו שמייסן, אַרויסגעבנדיק ווילדע צאָרנגעשרייען).

מ ל כ ו (דערשראָקן). מיין האר! מיין האר!

ר א ו ב נ י (אין בייזער פאַרצווייפלונג). פאַרוואָס האָב איך דאָס אויף זיך אַרויפגעלאָדן? וואָס האָט מיך דערצו געטריבן? איך האָב מיין היים פאַרלאָזן, לאַנד און לייט — פאַר וואָס? פאַר וועמען? ווי קאָן אַזאַ פאָלק אויסגעלייזט ווערן? ווי קאָן עס געהאָלפן ווערן? אומגעדולדיק, שטערעריש, אָן קאָפּ, אָן זין, אָן ווילן!... יעדער טוט נאָר זיינס און איינער שטערט דעם אַנדערן. (צו מלכון.) וואָס האָט דיר אָנגעשפאַרט? האָסטו נישט געקאָנט וואַרטן, ביז איך

וואָלט מיינס דערגרייכט? ביזט אַלט, וויפיל דו ביזט אַלט — האָס־טו נישט געקאָנט געדולדן, ביז דו וועסט עלטער ווערן מיט אַ צייט?

מלכו. מיינסט נישט, וואָס דו זאָגסט!

ראובני (מיט בייזקייט). אָהה! ביזט סעקרעטאַר אין העכסטן געריכט, האָסטו געדאַרפט מער שכל האָבן, בעסער פאַר־שטיין די זאַך. ווייסטו, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן?

מלכו. וואָס איך האָב געמוזט.

ראובני. געמוזט! געמוזט מיר שטערן!

מלכו. דו האָסט מיר קיינמאָל דיינע פּלענער נישט אויפ־גע־דעקט, האָסט מיר גאָרנישט פון זיך דערציילט. אַלע מיינע זע־אונגען, דו האָסט געווים פאַרשטאַנען זיי, דו אַליין וואָלסט גע־קאָנט זיי מיר דערקלערן. אָבער דו האָסט זיי מיר אויפדעקן נישט געוואָלט. האָסט זיך נאָך מער פון מיר באַהאַלטן. איך האָב גע־דענקט, דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין נישט געיידישט. דו האָלסט זיך פון מיר ווייט, ווייל איך בין אַזוי דערוווייטערט. איצ־טער אָבער געהער איך אויך צו אַברהמס בונד, בין איינער פון ישׂראלס קינדער — רעד מיט מיר אָפן דיינע ווערטער, פאַרדעק דאָך גאָרנישט פון מיר.

ראובני. איך רעד שוין אָפן געווג. קאָן אָפענער נישט רעדן. דו האָסט מיך פאַרניכט. אַלץ, וואָס איך האָב ביז אַהער דערגרייכט, וועט זיין ווי נישט געוועזן, און עס וועט זיין אַ גליק, ווען איך וועל אַרויס פון דאַנען אַ גאַנצער מיט מיין לעבן.

מלכו. רעד מיט מיר נישט אַזוי, מיין האַר.

ראובני (פאָכנדיק מיטן רימען). אָה, איך האָב אַנדערש געדאַרפט מיט דיר גאָר רעדן.

מלכו. מען — רעדט — מיט — מיר — אַנדערש.

ראובני (מיט חוזק־פאַרבויגונג). אַנטשולדיק, הער סעקרע־טאַר!

מלכו. פון הימל רעדט מען מיט מיר אַנדערש.

ראובני (מיט בייזן אויפלאַך). האַ!

מלכו. אָ, דו ווייסט נישט, וואָס מיר איז געשען!

ראובני. איך ווייס, וואָס עס וועט געשען.

מלכו. געווים האָט מען דיר עס שוין לאַנג באַוויזן.

ראובני. באַוויזן? וואָס? ווער?

מלכו. פון אויבן דאָך נאַטירלעך. אָ, פאַרוואָס פאַרדעקסטו זיך נאָך פון מיר!

ראובני. איך האָב שוין דיר געזאָגט, איך האָב קיין זע־אונגען נישט און פיר נישט קיין פאַרהאַנדלונגען מיט אויבן, נישט דורך קיין מלאך, נישט דורך קיין שליח.

מלכו. פאַרוואָס נאָך אַלץ די סודות? איך ווייס דאָך שוין גאָר אַ סך.

ראובני. וואָס ווייסטו דען אַ סך?

מלכו. זיבן טעג בין איך געלעגן קראַנק, שיר נישט אָפּ־גייענדיק מיט בלוט, פאַרגייענדיק שיר פון וויטיק. איך האָב קיין רופא נישט צוגעלאָזן צו זיך, קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן די סיבה פון מיין קראַנקהייט. גאָט אַליין איז געוועזן מיין רופא און האָט מיך געזונט געמאַכט. ער האָט געשיקט צו מיר דעם אַלטן מאַן פון מיינע זעאונגען, דעם מגיד, ווי איך רוף אים. דעם בכבודן אַלטן מאַן מיט דער זייער לאַנגער באָרד, וואָס זיין גע־שטאַלט איז ווי ווייסער שניי, און ער האָט מיט מיר געלערנט און מיט זיין לערנען מיך פון קראַנקנבעט אויפגעהויבן. גרויסע זאַכן און וויכטיקע האָט ער מיר באַוויזן, גרויסע סודות האָט ער מיר אַנטפּלעקט. דעם הימל האָט ער אויפגעעפנט פאַר מיר און אריינ־געפירט מיך אין פרדס פון אונזער תורה. ער האָט אויפגעהעלט פאַר מיר פאַרבאָרגנהייטן פון דער הייליקער קבלה און סודות פון דער צוקונפט האָט ער מיר אַנטפּלעקט. מיין וועג איז מיר איצ־טער אויסגעלייגט און אַן אָנזאָג האָב איך געקראָגן, איך זאָל פאַר־לאָזן פּאָרטוגאַל און אַוועק נאָך דער טערקיי...

ראובני. פון וועמען האָסטו דעם אָנזאָג?!

מלכו. פון דעם מגיד, פון דעם אַלטן מאַן פון מיינע זע־אונגען.

ראובני. באַלד גלויב איך אויך אין אים. זיין אָנזאָג איז זייער גוט.

מלכו. דו שטימסט צו?

ראובני. צי איך שטים צו! איך באפויל, איך הייס, איך פאָדער... פאַרשווינד נאָר וואָס גיכער! דאָס וועט ראַטעווען דיך, וועט אפשר אויך מיך און מיין זאַך ראַטעווען. האָט דיך קיינער נישט געזען, ווען דו ביזט צו מיר אריינגעקומען?

מלכו. די נאַכט איז זייער פינסטער, און איך בין פאָר־זיכטיק געווען.

ראובני. זיי אויך פאָרזיכטיק אין דיין אוועקגיין. איך ווייס פון דיר נישט, ווי דו ווייסט פון מיר נישט, דו האָסט גע־טאָן, וואָס דו האָסט געטאָן, אָן מיין צוטו און פאַרלאָזט דאָס לאַנד אָן מיין וויסן.

מלכו. איז דאָס אַלץ?

ראובני. וואָס ווילסטו נאָך?

מלכו. מער האָסטו מיר נישט, וואָס צו זאָגן? פון הימל האָט מען מיר פיל אַנטפּלעקט, ווילסטו מיר גאָרנישט נישט אַנט־פּלעקן?

ראובני (שאַרף). ווען איך וואָלט געהאַט סודות, וואָלט איך איצטער געדענקט, אַז דו ביזט אַ שפּיאָן, אונטערגעשיקט פון דעם קעניג און זיינע יועצים.

מלכו. אָ, פאַרגיב מיין צודרינגלעכקייט! זי איז נישט שיין, איך ווייס עס, זי איז אויך נישט קלוג, אָבער איך מוז די קלאָר־קייט האָבן, די קלאָרקייט וועגן זיך אַליין. איך פיל זיך צו עפּעס באַרופן, צו עפּעס געשיקט, צו עפּעס אויסדערוויילט. מיינע זע־אונגען זיינען נישט אומזיסט, מיין אַלטער איז אַ שליח צו מיר פון הימל און גרייט מיך צו עפּעס צו. ווער בין איך דען? וואָס בין איך? איך פיל: ווען איך וועל דיך דערקענען, וועל איך זיך דערקענען. די קלאָרקייט וועגן זיך אַליין וועט צו מיר קומען, ווען איך וועל געפינען די קלאָרקייט וועגן דיר. אָ, העלף מיר, זאָג: ביזטו אַ חייל־מענש פון דער מדינה חבור, אַ שליח בלויז פון דיין קעניגלעכן ברודער?

ראובני (מיט בייזער איראָניע). וואַרט דאָרט אויף מיר אַן אַרמיי פון דרייהונדערט טויזנט מאַן? איז גאָר פאַראַן אַזאַ מדינה

חבור? האָט זי גאָר אַ קעניג פון ישראל? זאָל איך פאַר דיר אויס־לייגן מיינע פּאַפּירן, ווי איך האָב זיי אויסגעלייגט פאַר דעם פּויפּסט און פאַר דעם קעניג?

מלכו. ניין, איך ווייס נאָר, דו ביזט מער און ווילסט זיך מיר נישט אויפדעקן. באַגרייף נישט פאַרוואָס, קאָן זיך עס מיר נישט דערקלערן. דאָס איז מיין שולד געוויס, אין מיר ליגט די סיבה, די מחיצה איז נאָך נישט גאַנץ פאַרשוואונדן, די שעה פון דער אויפדעקונג איז נאָך נישט געקומען. אָבער איך בין דיין קנעכט, און וואו איך וועל זיין, וועל איך אין דיין נאָמען רעדן.

ראובני. טו, וואָס דו ווילסט, נאָר וואָס ווייטער פון פּאָר־טוגאַל.

מלכו. נאָך היינט וועל איך אַוועק.

ראובני. מאַך איך דיר אויף די טיר. גיי דיין וועג, פאַר־שווינד.

מלכו (פאַלט אויף די קני). מיין האַר! מיין האַר!

ראובני. וואָס איז שוין ווידער?

מלכו. דיין ברכה וויל איך, האַר!

ראובני. איך זאָל נאָך אַ בענטשער ווערן! גיי, דערגרייך, וואוהין דו גייסט.

מלכו. און מער נאָך, און מער!

ראובני. וואָס ווילסטו מערער דען?

מלכו. דערגרייכן, צו וואָס מיר ביידע זיינען אויסגעקליבן.

ראובני. איך ווייס עס נישט.

מלכו. דו ווייסט, דו ווייסט. מיר זיינען שותפים ביידע, ביידע פון גאָט געשיקט. דו וועסט אונזער פאָלק פון גלות אויס־לייזן, איך וועל עס אויסלייזן פון זינד. איז עס נישט אַזוי?

ראובני. אונזערע וועגן צוגייען זיך: איך בלייב דאָ, דו פאָרסט אַוועק.

מלכו. ווידער אַן אויסווייכנדיקער ענטפער! מער ווילסטו מיר נישט זאָגן?

ראובני. גיי און זיי מצליח!

מלכו. דאָס איז גוט. איצטער וועל איך דיך פאַרלאָזן.

איך גיי נאָך דער טערקיי, ווי דער אַלטער האָט מיר אָנגעזאָגט. וועל באַזוכן ארץ ישראל, היילִיקן זיך אויף די קברים פון אונזערע אבות, אויף דעם קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, אין דער הייליג־ קער לופט פון דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט פאַר אונז אויסגעוויילט...

ר א ו ב נ י. רעדסטו נאָך, וועט העלער טאָג באַלד ווערן. דו מוזט אַוועק, איידער מען קאָן דיך זען.

מ ל כ ו. נעם מיין פיל גערייד מיר נישט פאַר אומגוט. אַן אינעווייניקסטע אומרו טרייבט מיך אָן, אַן אומזיכערקייט...

ר א ו ב נ י. אָ, גיי דאָך שוין!

מ ל כ ו. אָ, דו וועסט זיך מיר נאָך אויפדעקן, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן.

ר א ו ב נ י. נאָר נישט אין פּאָרטוגאַל.

מ ל כ ו (דערפרייט). איצטער ווייס איך! איצטער האָב איך וואָס באַגריפן! איצטער גיי איך מיט לייכטן האַרץ. דיין האַנט גיב מיר צום אָפּשייד!

ר א ו ב נ י (געבנדיק אים די האַנט און פירנדיק אים צו דער טיר). צום אָפּשייד און צום ארויספיר.

מ ל כ ו. צו גרויסע מעשים, צו גרויסע געשעענישן און צו קלאָרקייט — נאָר נישט אין פּאָרטוגאַל! גאָט מיט דיר, מיין האַר! (אָפּ.)

ר א ו ב נ י (בלייבנדיק אַליין, פּאַכעט מיטן רימען, בייז און אויפגעבראַכט). אַ גאַנצן טאָג די גלחים, שפּעטער די צודרינגלעכע מאַראַנען, דערנאָך די דינער, צולעצט ער! געדולד! געדולד! אָ! (וואַרפט אַוועק דעם רימען, פאַלט צו צום אָרון קודש.) אל אלהי ישראל, עס איז שווער דיין פאָלק אויסצולייזן!

# צווייטער אקט

שלמה מלכוס בית מדרש אין צפת. אין מיטן פון דער הינ־טערוואַנט אַן אָרון קודש, צו וועלכן עס פירן אַרויף עטלעכע טרעפּ־לעך. פענסטער הויך אין אַלע ווענט, לאַנגע בענק ביי אַלע ווענט. לאַנגע טישן פאַר די בענק ביי דער רעכטער וואַנט און ביי דער לינ־קער. פאָרנט אין דער לינקער וואַנט די אַרויסגאַנגטיר. די טישן זיי־נען אַרומגענומען מיט בענק פון אַלע זייטן. — צוויי זקנים זיצן ביים עק טיש רעכטס. אַ דריטער שטייט ביים פענסטער. גרויע גע־בויגענע געשטאַלטן, ערשטער און דריטער זיינען בלינד.

ע ר ש ט ע ר   ז ק ן. רב שלמה האָט געזאָגט, ער וועט היינט זיין צוריק פון ירושלים, וועט ער היינט זיין צוריק.

צ ו ו י י ט ע ר (ביים פענסטער). רב שלמה האָט געזאָגט, ער וועט זיין צוריק מיטאָג, וועט ער זיין צוריק מיטאָג.

ד ר י ט ע ר. רב שלמה האָט געזאָגט, ער וועט זיך דאָ נישט לאַנג אויפהאַלטן, נאָר פאַרנעמען דאָס נויטיקסטע און היינט נאָך אוועק נאָך רוים, ימח שמה, וועט ער היינט נאָך אוועק נאָך רוים, ימח שמה וזכרה. (זיפצט טיף אויף.)

ע ר ש ט ע ר. ער וועט זיין באַלד צוריק, און איך וועל נאָך געניסן פון דער זיסקייט פון זיין קול.

צ ו ו י י ט ע ר. די זון וועט באַלד זיין אין מיטן הימל, און ער וועט זיין מיט אונז, און איך וועל זיך זעטיקן מיט דעם שיין פון זיין פּנים.

ד ר י ט ע ר. אָבער ווען די זון וועט זיך ווענדן צום ים, וועט ער אוועק נאָך איר, און מיט איר וועט ער פון אונז פאַרשווינדן

און אוועקטראָגן מיט זיך זיינע תורות און זיינע דרשות, זיינע חידושים און גמטריאות. (זיפצט שווער אויף, די אַנדערע זיפצן אים נאָך, באַלד צושאָקלט זיך דער דריטער און טשמאָקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט האָבן אין מויל עפּעס געשמאַקס.) איר געדענקט? (הייבט אָן מיט אַ זינג־זאַנג.) „השם שומרך השם צלך על יד ימינך, איז דער פּירוש: הקדוש ברוך הוא איז דיין באַהיטער און באַשיצער און דיין שאָטן, ווען דו ביזט ריין פון זינד און היטסט אָפּ די תורה, ווי עס דאַרף צו זיין. ווייל ימין, די רעכטע האַנט, מיינט די תורה, ווי עס שטייט אין פּסוק: מימינו אש דת למו — פון זיין רעכטער האַנט קומט צו זיי דער פייער פון געזעץ."

ערשטער (מיט אויפגעלויכטענעם געזיכט). און ווייטער? צי איך געדענק?! (צושאָקלט זיך מיט דעם זעלביקן זינגזאַנג.) וכתוב אורך ימים בימינה — און עס שטייט געשריבן: לאַנגע יאָר אין איר רעכטער האַנט — אויב איר וואָלט זיך געעוסקט אין דער תורה, וואָס איז ימין, און איר וואָלט נישט גענייגט צום יד שמאל, צו לינקס, צו תענוגים פון דעם גוף, וואָלט איר אָפּגעהיט געוואָרן פון אַלדעם בייז און וואָלט באַשטאַנען און געלעבט אייביק. אָבער איר האָט זיך געיאָגט נאָך לינקס, נאָך די נישטיקייטן פון לעבן, נאָך עושר און כבוד, דערפאַר ווערט איר פאַרפאָלגט און געפּלאָגט פון די אומות העולם..." (אַלע דריי זיפצן שווער אָפּ.)

צווייטער (ביים פענסטער, צוזינגט זיך אויך מיט דעם זינגזאַנג). וראית — און דו וועסט דערזען, בשביה — אין דער געפאַנגענשאַפט, אשת — אַ ווייב, אפילו אַן אשת איש, וחשקת בה — און זי וועט זיך דיר פאַרגלוסטן, ולקחת — און דו וועסט זי נעמען... אַלץ, וואָס די תורה האָט מתיר געמאַכט, איז עס נאָר קעגן דעם יצר הרע, נאָר צו פאַרכאַפּן דעם יצר הרע דעם וועג... אך־אך־אך!...

דריטער. זיינע נוטריקנס און גמטריאות און צירופים!... ווי ער האָט דאָס מצרף געווען קודשא בריך הוא'ס נאָמען פון דעם אלף בית!...

צווייטער. אַז פון הימל איז מען אים אַלץ מגלה!

ערשטער. מיין האַרץ פרייט זיך מיט זיין קומען.

דריטער. מיין הארץ וויינט אויף זיין אוועקגיין.

צווייטער. ער גייט אוועק, אָבער ער פאַרלאָזט אונז נישט. ער וועט קומען צוריק, און ווען ער וועט קומען צוריק... (הייבט פריידיק אויף די הענט צום הימל.) אַך־אַך־אַך!

דריטער. איך באַדויער יעדן טאָג, וואָס איך וואַרם זיך נישט אין זיין ליכט.

ערשטער. ער גייט אין גאָטס שליחות, אין זיינע טריט הערן זיך די טריט פון משיח.

דריטער. ווען איך וואָלט דאָס נישט געוואוסט, וואָלט איך אויסגעגאַנגען ביים געזעגענען זיך. אָבער ווייל איך ווייס, וואוהין ער גייט, שטאַרק איך זיך און קרעכץ נאָר.

צווייטער. די זון שטייט גלייך אין מיטן הימל, און ער וועט דאָ גלייך זיין.

דריטער (קרעכצט שווער אָפּ). אָי!

ערשטער. זעסטו אים שוין? פאַלט שוין זיין שאָטן אויפן וועג? ווי מקנא בין איך דיינע אויגן, וואָס קאָנען נאָך זען.

דריטער. און ווען איך וואָלט אפילו געהאַט מיינע אויגן מיט מיר — איך דאַרף נישט אַרויסקוקן. איך ווייס, אַז ער גייט אַהער, אַז ער קומט, אַז ער איז שוין באַלד דאָ, דערפאַר זע איך אים שוין אוועקגיין אין רוים, ימח שמה, און דערפאַר בין איך פול מיט טרויער און קרעכץ.

צווייטער (מיט פרייד־אויפגעשריי). ער גייט! ער קומט! (ערשטער און דריטער הייבן זיך אויף פון די ערטער מיט ציטער.)

ערשטער. איך הער אַ סך טריט.

דריטער. איך הער זיינע טריט.

צווייטער. ער רעדט. ער זאָגט עפּעס.

ערשטער. איך הער זיין קול.

דריטער. איך פאַרנעם זיינע ווערטער.

ערשטער. וואָס זיינען זיי?

דריטער. שטענדיק די זעלביקע. שטענדיק די זעלביקע און שטענדיק ניי.

צוויי טער. ווען איך האָב כוח, גיי איך אים מקבל פנים זיין. (שלעפּט זיך צו צום טיש, אָן וועלכן ער שפּאַרט זיך אָן.)

ערשטער. איך וועל כאַטש צוויי טריט מאַכן. כאַטש צוויי טריט. ברוך הבא! ברוך הבא!

דריטער. דאַרף איך גיין אַנטקעגן, אז ער איז שוין דאָ מיט מיר. (שטרעקט אויס די האַנט.) שלום עליכם, רב שלמה! (מלכו קומט אַריין, בלייבט שטיין אין טיר, הייבט אויף די אויגן צום ארון קודש, זאָגט אַ שטילע תפלה און גייט צום ארון קודש. אַן עדה יידן פון פאַרשיידענעם עלטער באַוועגט זיך דרך ארצידיק הינטער אים.)

מלכו (אויף די טרעפּלעך ביים אָרון קודש, קושט דעם פּרוכת און דרייט זיך אויס צום עולם). משיח בן דוד קאָן נישט קומען (פאַלט אַריין אין דעם זינגזאַנג, מיט וועלכן די זקנים האָבן פריער איבערגעחזרט זיינע דרשות) כל זמן ישראל האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט אין גאַנצן צו גאָט און זיין תורה. דערפאַר מוז צו־ערשט קומען משיח בן יוסף, צו וואָרענען און צו דערמאָנען, אז די צייט פון אומקער איז שוין דאָ און די צייט פון באַפרייאונג. אומ־קער נישט אַליין נאָך ארץ ישראל, נאָר צוערשט פון די קינדער צו זייער פאָטער. באַפרייאונג נישט אַליין פון אונזערע קערפּער פון דעם גלות ביי די אומות העולם, נאָר צוערשט באַפרייאונג פון אונזער נשמה פון איר גלות ביים גוף. משיח בן יוסף איז שוין דאָ מיט אונז — דאָס איז אונזער האר דוד, וועלכער איז געקומען צו אונז פון די עשרת השבטים אין מדבר חבור, ווי ישעיהו הנביא האָט אָנגעזאָגט: כשרש מארץ ציה — ווי אַ וואָרצל פון טרוקענער ערד. אָבער ישראל ווייס עס נאָך נישט, פילט עס נאָך נישט, ענדערט נאָך נישט זיינע וועגן, איז נאָך נישט חוזר בתשובה. וועל איך ארויס צום גלות־פאָלק, וועל אויפהייבן ווי אַ שופר מיין שטים, אַרויסשרייען צו אים, וואָס ער ווייס נאָך נישט, רופן אים צו אומקער און באַ־פרייאונג. און איך גיי נאָך רוים, ווייל רוים איז דאָך אדום, און יעקב אבינו האָט געזאָגט עשו'ן, וואָס איז אדום: יעבר נא לפני עבדו עד אבא אל אדני שעירה — זאָל מיין האר גיין פאַר זיין קנעכט ביז איך וועל אָנקומען אין שעיר. דער באַהאַלטענער זין פון די דאָזיקע ווערטער איז, אז יעקב אָבינו האָט געזען ברוח

הקודש, אַז יסורים וועלן קומען פון עשום קינדער אויף זיינע קינ־דער, אָבער עשו וועט אַזוי לאַנג גיין פאָרויס, וועט הערשן און קיניגן, ביז פון זיינע, יעקבס, לענדן וועט אַרויסקומען משיח און אָנקומען אין שעיר, וואָס איז אדום, און וועט אַוועקנעמען פון עשו־אדום די מלוכה. זיצט משיח בן דוד ביי די טויערן פון רוים און וואַרט יעדן טאָג, צי איז עס שוין נישט דער טאָג פון זיין קומען. אָבער פריער וועט אליהו הנביא דערשיינען פּלוצלונג פאַר די טויערן פון רוים, ווי מיר זעען עס פון די ווערטער „אבא אל אדני שעירה״, וואו די לעצטע אותיות זיינען דער נאָמען אליה. (אַ ווינט פון איבעראַשונג גייט דורך דעם עולם, אָבער מען האַלט זיך איין, ווייל ער רעדט ווייטער.) און דער וואָס קאָן פאַר־שטיין, וועט פאַרשטיין, אָבער איצטער וועל איך אייך בעטן צו לאָזן מיך אַליין. איך וויל זיך מתבודד זיין פאַרן אַוועקגיין. איר קאָנט מיך אָפּוואַרטן דרויסן, אויב איר ווילט, און אויב אייך איז ניחא, וועט איר מיך באַגלייטן אַ שטיק וועג. געדענקט נאָר: רייניקט זיך, באַפרייט אייערע נשמות פון זייערע גלות־קייטן, פאַראייניקט זיך מיט דער תורה, וועלכע איז אייער מוטער, דערהויבט זיך צו גאָט, וואָס איז אייער פאָטער. זאָגט זיך אָפּ פון אַלע תענוגים, די מצוות זיינען אייערע איינציקע הנאות, תורה־לערנען אייער פרייד. אין אַלץ געדענקט די נשמה, טוט גאַרנישט פאַר דעם תענוג פון דעם קערפּער ובזכות זה ובא לציון גואל, אָמן! (דרייט זיך אום מיטן געזיכט צום אָרון קודש.)

עולם (ענטפערט פרום אָפּ אמן און הייבט אָן אַרויסצוגיין. עטלעכע הייבן אָן צו זומען מלכוס זיוגזאַג, וועלכער ווערט באַלד אויפגענומען פון דעם גאַנצן עולם. איינגעקאָרטשעטע פרומע גע־שטאַלטן, פאַרגלייסטע אָדער אַראָפּגעלאָזטע אויגן, צונויפגעלייגטע אָדער אויפגעהויבענע הענט. אַ תשובה־עולם, גרייט אויף אַלע פייני־קונגען. באַהעפטנדיק זיך דורך דעם געזום מיט גאָט און דער תורה, באַוועגט זיך לאַנגזאַם און ריטמיש, נישט אומקוקנדיק זיך אויף הינטן. דער געזום הערט אויך דרויסן נישט אויף; אָפּט דרינגט ער אַריין אין בית מדרש.)

ערשטער זקן (זייער אומרואיק, ווענדיק דער עולם האַלט אין אַרויסגיין). איך פייניק מיין לייב, פאַסט זעקס טעג א וואָך.

צוויטער. אָפּגעזאָגט זיך פון אַלע תענוגים. די האַרטע באַנק דאָ איז מיין בעט.

דריטער. וואָס מיר עסן? וואָס מיר טרינקען? וואָס מיר שלאָפן?

ערשטער. אָבער מיינע פיס וועלן מיך איצטער נישט קאָנען ארויספירן פון דאַנען, און ער וויל התבודדות.

דריטער. מיר זיינען בלינד, וועלן מיר גאָרנישט זען.

צווייטער. איך וועל זיצן מיטן רוקן צו אים.

ערשטער. לאָמיר זיך פאַרטיפן אין לערנען, וועלן מיר גאָרנישט הערן.

דריטער. און צו הערן וועט זיין אַ סך, און צו זען וועט זיין אַ סך... עס באַפאַלט מיך אַ שרעק... לאָמיר לערנען... שטיל און אָן ווערטער... לאָמיר יעדערער פאַר זיך עפּעס איבערחזרן... (זיי דעקן זיך איבער מיט די טליתים און צושאָקלען זיך.)

מלכו (שטייט ווי פאַרגליווערט, אויסגעצויגן גלייך, מיט צוגעמאַכטע אויגן. זיין קערפּער באַוועגט זיך קוים אין לאַנגזאַמען שאָקלען זיך. זיינע ליפּן שעפּטשען. ענדלעך הויבט ער אויף די הענט אין געבעט און עפנט אויף די אויגן און צורעדט זיך אין שטילן געבעט). פאַרנעם, גאָט, די תפילה פון דיין קנעכט, הער צו זיין געבעט. אַנטפּלעק מיך מיר אַליין. דעק מיר אויף, ווער איך בין. האָסט מיר אָנגעוויזן דעם וועג אַהער אין דיין הייליק לאַנד, און גרויס זיינען די אַנטפּלעקונגען אין דיין תורה, וועלכע דו האָסט מיר דאָ אַנטפּלעקט, אָבער זיך אַליין בין איך נאָך פאַרבאָרגן. האָסט מיך באַשאַפן צו גרויסע זאַכן, אָבער ווער איך בין, ווייס איך נישט. דו ווייזט מיר דעם וועג נאָך רוים, וועל איך דאָרט נתגלה ווערן? פון דיר איז מיר אַלץ, מיין יעדער געדאַנק פון דיר, פון דיר מיין יעדער קער און ווענד. אין דיין האַנט איז דאָס פאַרבאָרגנסטע, און אין איר איז די אויפדעקונג. (בלייבט ווידער שטיין אין שטילן מורמלען.)

דבורה בירב (קומט לאַנגזאַם אַריין. איר קאָפּ איז פרום איבערגעדעקט — אַ גרוי טוך אומראַמט איר שיין געזיכט. זי דערוועגט זיך קוים צו מאַכן אַ שריט. ווען זי דערזעט מלכון, גיט זי

זיך אַ שאָקל ווי פון אַ קאָפּשווינדל און כאַפּט זיך אָן אָן טיש, שטאַרקט זיך, בלייבט שטיין אָנגעשפּאַרט אָן טיש און קוקט אויף מלכון מיט בענקענדיקע, ליבנדיקע אויגן).

דריטער זקן (פליסטערט). עמיצער איז אַריין אין בית מדרש.

צווייטער (קוקט אַרום פון אונטערן טלית און פליס־טערט מיט שרעק). אַ נקבה!

ערשטער (מיט שרעק־געפליסטער). אַ נקבה?!

דריטער. קוקט נישט. הערט נישט. אַזוי דאַרף זיין. פאַרלאָזט זיך אויף אים! (דעקט זיך שטאַרקער אַריבער מיטן טלית און צושאָקלט זיך.)

צווייטער. עס ציטערן מיר אַלע גלידער! (פאַרדעקט זיך און צושאָקלט זיך.)

ערשטער. וואָס קאָן עס זיין? וואָס קאָן עס זיין? השם יצילנו!

דריטער. ששש! (די דריי צושאָקלען זיך. פון צייט צו צייט הערט מען פון זיי אַ שטילן קרעכץ.)

מלכו (ענדיקט זיין תפילה, עפנט אויף די אויגן, דרייט זיך אום צום בית מדרש, דערזעט דבורהן, ציטערט אויף, קוקט זיך שטאַרקער איין און פרעגט איבערגעגט). .ווער? ווער ביזטו?

דבורה (מיט שוואַכער, פאַרחלשטער שטים). דו קענסט מיך דאָך... בין —

מלכו. ווי קומסטו אַהער? ווי האָט מען דיך אַהער אַריינגע־לאָזן?

דבורה. קיינער האָט מיר נישט פאַרשטעלט דעם וועג.

מלכו. שטייען זיי נישט פאַר דער טיר? איך הער דאָך זייערע שטימען.

דבורה. איך בין דורכגעגאַנגען צווישן זיי, ווי אַ האַנט וואָלט מיך געפירט.

מלכו. דער אָרט איז הייליק דאָ.

דבורה. און הייליק וועט ער בלייבן.

מלכו. קומסטו צו מיר?

דבורה. צו דיר.

מלכו. האָט דיך ווער געשיקט?

ד ב ו ר ה. וואָלט איך זיך דערוועגט צו דיר צו גיין, ווען מען וואָלט מיך נישט געשיקט?

מ ל כ ו. ווער האָט דיך געשיקט?

ד ב ו ר ה. איך ווייס עס נישט. איך קאָן נאָר זאָגן, פון הימל האָט מען מיך געשיקט.

מ ל כ ו. פון הימל?!

ד ב ו ר ה. פיליכט מיינע תפילות... פיליכט זכות אבות... מיין טויטער פאָטער, מיין טויטע מוטער, קדושים, אומגעקומענע אויף קידוש השם, זיי האָבן זיך באַמיט... פיליכט מיין הייליקער זיידע, וואָס איז דאָ נפטר געוואָרן אויף דיינע הענט...

מ ל כ ו. דו רעדסט און זאָגסט מיר גאָר נישט.

ד ב ו ר ה. זיי מוחל מיר, ווען איך רעד נישט קלאָר. עס פלאָטערט אין מיר מיין האַרץ, מיין מוח איז מיר מבולבל. אָ, צערן נישט אויף מיר!... איך שעם זיך, וואָס איך בין דאָ. איך גלויב זיך קוים, אַז איך רעד דאָ מיט דיר.

מ ל כ ו. דו ענטפער מיר, ווער האָט דיך געשיקט.

ד ב ו ר ה. איך האָב דיר געזאָגט, איך ווייס עס נישט. איך וועל דיר אָבער אַלץ דערציילן, וועסטו פיליכט עס וויסן. אָ, דו וועסט עס וויסן!

מ ל כ ו. דערצייל!

ד ב ו ר ה. איך האָב די גאַנצע נאַכט אויף מיין געלעגער אָפּגעווייַנט — אָ, פרעג מיך נישט וואָרום!... דער גוטער שלאָף האָט געוויכן פון מיינע אויגן — איך וועל דיר נישט זאָגן פאַרוואָס... ערשט פאַרטאָג זיינען מיר די אויגן שווער געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן מיר צוצופאַלן. פּלוצלונג זע איך פאַר זיך אַן אַלטן מאַן...

מ ל כ ו. אַן אַלטן מאַן?

ד ב ו ר ה. אַ הויכן אַלטן מאַן מיט אַ זייער לאַנגער באָרד, אין ווייסן אָנגעטאָן...

מ ל כ ו. מיין מגיד!

ד ב ו ר ה. דו קענסט אים? קענסט אים!

מ ל כ ו. וואָס האָט ער געזאָגט?

דבורה. שווער וועלן מיר זיינע ווערטער אָנקומען, נאָר איך מוז זיי דיר זאָגן... איך שעם זיך, נאָר איך מוז זיי דיר איבער־חזרן: „גיי צו דעם, האָט ער געזאָגט, וואָס דיין נפש איז אָן אים באַהעפט געוואָרן, און זאָג אים, איך האָב דיך געשיקט..."

מלכו (מיט אַ שנעלן צוריק צום אָרון קודש). עס האָט דיך אַן אַנדערער געשיקט! דו קומסט צו מיר פון שטן, מיר צו שטערן, מיך פון מיין וועג אַראָפּצופירן, מיך פון מיין גאַנג נאָך רוים אָפּ־צוהאַלטן!

דבורה. איך בין עס נישט, איך וויל עס נישט!... איך בין מיין הייליקן זיידנס אייניקל, בין די טאָכטער פון קדושים... דו הער מיך אויס אין גאַנצן. ווי איך וואָלט אין מיין האַלבשלאָף געוואוסט, וואָס דו וועסט זאָגן אויף זיינע ווערטער, האָב איך גע־פרעגט דעם אַלטן, וואָס פאַר אַ סימן זאָל איך דיר געבן, אַז ער האָט מיך געשיקט. און ער האָט מיר געענטפערט: „זאָג אים, וואָס ער וויים שוין לאַנג פון מיר: די נשמה איז נישט געגעבן געוואָרן אדם'ען אַליין, נאָר אדם'ען און זיין ווייב. דעם מענטשנס נשמה איז צוטיילט צווישן מאַן און ווייב."

מלכו (טוליעט זיך צום ארון קודש, שטייט אַ ווײַלע אין גע־דאַנקען. דערנאָך ווענדט ער זיין בליק אויף דבורהן און זאָגט שטיל און לאַנגזאַם). דו הייסט — דבורה.

דבורה (דערפרייט). געדענקסט מיין נאָמען!

מלכו (קומט צו צו די טרעפּלעך). דבורה בירב...

דבורה. דו זאָגסט מיין נאָמען, ווי ער וואָלט לאַנג גע־וועזן אין דיר.

מלכו (אַראָפּגייענדיק די טרעפּלעך). דבורה בירב, ווילסטו מיין כלה זיין?

דבורה. אָ, גרויסער בורא! (לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער פאָרנסטער באַנק.)

מלכו. נישט אומזיסט האָט מיין אַלטער דיך געשיקט צו מיר, נישט אומזיסט האָבן אונזערע וועגן זיך באַגעגנט. דו ביזט פון גאָט די אויסגעוויילטע, מיר אָנגעוויזענע, מיר באַשערטע, די אַנדער העלפט פון מיין נשמה. ווילסטו מיין כלה ווערן!

דבורה. דו האָסט שוין לאַנג מיין ענטפער. אָ, שלמה! דו האָסט מיין האַרץ פון ערשטן אָנבליק אָן מיט זיך אוועקגע־טראָגן. זי איז מיט דיר געוועזן אומעטום און שטענדיק, האָט דיך אַרומבאַגלייט, און איך בין איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ מוטער איר געליבטן קראַנקן קינד. גאַנץ אָפט פלעג איך דיר נאָכגיין, נאָכקוקן, גאַנץ אָפט בין איך דיר אומבאַמערקט דעם וועג פאַרלאָפן און האָב באַהאַלטענערהייט געטרונקען די ליכטיקייט פון דיין פּנים. איך האָב געוואוסט, דאָס וועט מיין האַרץ נאָך קראַנקער מאַכן, וועט איר דעם ווייטיק נאָך פאַרגרעסערן, אָבער מיין האַרץ האָט עס פאַרלאַנגט, און איך האָב עס איר אָפּזאָגן נישט געקאָנט... אָ, מיין האַרץ האָט איר באַשערטן דערקענט, דערפילט דעם, וועמען גאָט האָט מיר אויסגעקליבן!... מיין חתן דו, איך דיין כּלה! (קוקט צו אים אַרויף מיט פאַרטערטער בענקשאַפט און ציט זיך צו אים.) אָ, שלמה!

מלכו (פרום, מיט שטאַרקער שטים). וארשתיך לי לעולם. וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים. וארשתיך לי באמונה וידעת את יהוה — און איך וועל דיך מיר פאַרקנסן אויף אייביק. און איך וועל דיך מיר פאַרקנסן מיט גערעכטיקייט און ריכטיקייט און גנאָד און באַרמהאַרציקייט. און איך וועל דיך פאַרקנסן מיט גלויבן, און דו וועסט דערקענען גאָט!

דבורה (איר געזיכט גלאַנצט פאַרקלערט און פאַרפלאַמט. אָטעמט גליקזעליק אַרויס). מיין חתן! מיין חתן!

די זקנים (האָבן אויפגעהערט צו שאָקלען זיך. אָפּגע־רעקט זייערע קעפּ און זאָגן פרום אַרויס). מזל טוב! (פאַרדעקן זיך גלייך ווידער.)

מלכו. דבורה בירב!... דבורה בירב איז אין מספּר קטן זעקס־אונצוואַנציק, און זעקסאונצוואַנציק איז בגימטריא דעם בורא יתברך'ס נאָמען יוד קיי וואָו קיי. עס איז געטלעכקייט אין דיר, מיין כּלה! עס איז הייליקייט אין דיר. איך בין פאַרקנסט מיט הייליקייט.

דבורה (לייגט אַרויף אירע הענט אויף איר ברוסט, ווי איינצוהאַלטן דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ, און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).

איך וויל דיין שאָטן זיין, דיין דינסט אויף אַלע דיינע וועגן.

מלכו. דו ביזט צו מיר געקומען אין דעם טאָג פון מיין אוועקגיין, אונזער פאַרקנסונג איז אויך אונזער צוזעגנונג.

דבורה. איך האָב געוואוסט, דו פאַרלאָזט אונז היינט. דערפאַר האָט מיך דאָך דער שלאָף געוויכן, דערפאַר האָב איך די גאַנצע נאַכט געוויינט...

מלכו. איך גיי אין גאָטס שליחות.

דבורה. איך וויים, ביזט פון גאָט געוויילט.

מלכו. די שעה פון גאולה איז אָנגעקומען און פון אומ־קער.

דבורה. ביזט רופער פון דעם פאָלק.

מלכו. דו וועסט דאָ אין הייליקן לאַנד בלייבן און וואַרטן אויף מיין צוריקקער.

דבורה. ווען וועט עס זיין?

מלכו. דו און שטיי ביי דיין גורל ביז צום סוף פון די טעג.

דבורה (אין אויפגוואַלנדיקער טרויעריקייט). איך וועל וואַרטן, וואַרטן. מיין האַרץ וועט וואַרטן. וועט דיך רופן און געדול־דיק וואַרטן. מיין האַרץ... ניין, זי וועט נישט בענקען, וועט נישט וויינטיקן מער. איך בין אַ טייל פון דיר, וועל זיין מיט דיר, וועסט זיין מיט מיר. דאָס וואַרטן וועט מיר לייכט זיין. (קעמפט מיט וויי־נען.) ניין, ניין, איך וועל נישט שוואַך זיין!...

מלכו. דו ביזט דאָ גאַנץ אַליין?

דבורה. ביז איצטער בין איך עס געוועזן. וועל נישט זיין מער אַליין, ווען איך וועל אויף דיר וואַרטן.

מלכו. איך וועל דיך איבערלאָזן אויף די הענט פון די זקנים דאָ. (גייט צו צו זיי.)

די זקנים (דעקן זיך אָפּ און שטייען אויף, ווען זיי דער־הערן זיין דערנענטערונג).

מלכו. די דאָזיקע בתולה דבורה בירב איז פון הימל מיר אָנגעוויזן, און איך האָב זי מיר פאַרקנסט,

ע ר ש ט ע ר. מיר האָבן עס נישט געוואָלט הערן און האָבן דאָך געהערט, און האָבן דיר מזל טוב אָפּגעגעבן.

מ ל כ ו. איך ווייס, אייער ברכה וועט מקוים ווערן. אָבער איך וועל אייך צוויי מאָל דאַנקען, ווען איר וועט מיר געבן אייער הילף.

ד ר י ט ע ר. זי איז דיר שוין אין פאָרויס געגעבן.

מ ל כ ו. מיין כלה איז דאָ אַליין, אַ קיילעכדיקע יתומה. זייט איר אירע אַפּיטרופּסים, ביז איך וועל אָנקומען צוריק.

צ ו ו י י ט ע ר. מיר וועלן זי אָפּהיטן מער ווי אַן אייגן קינד.

מ ל כ ו. גאָט וועט אייך דערפאַר בענטשן און פאַרלענגערן אייך די יאָרן.

ע ר ש ט ע ר. אויף דיין חתונה וועלן מיר זיין דערפאַר די נאָענטסטע מחותנים.

מ ל כ ו. מיט גאָטס ווילן, און איצטער גיט מיר אייער ברכה אויף מיין וועג.

ד ר י ט ע ר. דו ווייסט, דיין וועג איז שוין געבענטשט.

מ ל כ ו. איך פאָלג גאָטס רוף. איך גיי איז גלות דעם גלות צו פאַרניכטן. איך גיי דער שופר זיין, דער שופר של משיח, אומ־קערער זיין, תשובה־פאַרשפּרייטער. בענטשט מיך, רבותי!

אַ ל ע ד ר י י. יברכך יהוה וישמרך!

מ ל כ ו. אָמן. (דריקט זיי איינציקווייז די הענט.) זייט גע־זונט און שטאַרק און דערלעבט דעם אָנקום פון משיח! (גייט צו דער טיר, בלייבט שטיין נישט ווייט פון דבורהן.) איך לאָז איבער אַ פּקדון, איך וועל קומען אָפּנעמען אים. דער אויבערשטער האָט אונז צונויפגעבראַכט, ער וועט אונז נישט פאַרנאַנדערשיידן. זיי געבענטשט, מיין כלה!

ד ב ו ר ה (מיט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריינוואַרפן זיך אין זיינע אָרעמס). געבענטשט זאָלסטו זיין אין דיין גיין און אין דיין קומען, מיין חתן!

מ ל כ ו (אין טיר, מיט פאַרבויגונג צום אָרון קודש). יהוה נחני בצדקתך למען שוררי, הישר לפני דרכך. (גייט אַוועק.)

ד ב ו ר ה (מיט אַ טרערן־אויפּציטער). שלמה! (פאַרבענקט.) איין קוש כאָטש, כאָטש איין אומאַרמונג... (דערשרעקט זיך פאַר אירע ווערטער, שטאַרקט זיך, ווערט שטייף־פרום.) איך וועל וואַרטן. וואַרטן. (גייט לאַנגזאַם צו דער טיר. דרויסן שטייגט אויף דער געזום, ווערט געזאַנג.)

# דריטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ שענק אין רוים. אָוונט. געסט ביים ווײַן, עטלעכע שיכור. דער שענקער און אַ פּאָר דינער באַדינען די געסט. די שיכורים זינ־גען אַ טרינקליד:

גיסן, גיסן, גיסן
אין בויך אַריין די פאַס!
טרינקען, טרינקען, טרינקען,
אין שטוב, אין שענק, אין גאַס!

ליבן, ליבן, ליבן
אַ מיידעלע אַ שיינס!
שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן,
אין שטוב, אין גאַס, — אַלץ איינס!

א פראַנציסקאַנער מאָנאַך (לויפט אַריין מיט אימ־פעט). מע טרינקט, מע זינגט, מע קריכט שוין ווידער אין דער זינד! די מכות, מיט וועלכע דער אַלמעכטיקער האָט באַשטראָפט רוים, זיינען נאָך נישט פאַרהיילט, די חורבות אין די גאַסן פון רוים שטעכן די אויגן ווי אָפענע וואונדן. ערשט צוויי יאָר זינט די קייזערלעכע באַנדיטן האָבן צושטערט אונזער שטאָט, און וואָס די סאָלדאַטן האָבן נישט אומגעבראַכט, האָט אומגעבראַכט די פעסט — דאָס זיינען אַלץ גאָטס ריטער געווען, פייערדיקע רי־טער, פורעניות, אָנגעשיקט אויף רוים און די רוימער פאַר זייערע

גרויסע זינד — און שוין הייבט מען אָן צו פאַרגעסן. איר ווילט נאָך מער, הייסט עס! איר ווילט נאָך שווערערע אומגליקן, גרע־סערע שטראָפן? איר וועט זיי קריגן, זאָג איך אייך! איר וועט זיי קריגן, זיי וועלן נישט אויסבלייבן! (עטלעכע געסט רוקן זיך אַרויס פאַרשעמטערהייט, די שיכורים אָבער צולאַכן זיך.)

ערשטער שיכור. אַ נייער סאַוואָנאַראָלאַ האָט זיך אָפּגעזוכט! (געלעכטער און פייפן.)

צווייטער (בייז). פאַר אונזערע זינד איז רוים נישט חרוב געוואָרן. מיר האָבן באַצאָלט פאַר פרעמדע זינד. גיי, זאָג מוסר אין די הויכע פּאַלאַצן.

דריטער (לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני פאַר דעם מאָנאַך). איך וויל זיך דיר מודה זיין אויף מיינע זינד: איך בין נעכטן גע־שלאָפן מיט דעם פויפסטס געליבטער!

פערטער. מיט וועלכער?

דריטער. אָ, מיט דער דיקער מיט די ברוינע אויגן.

פערטער. אַה, מיט דער דיקער מיט די ברוינע אויגן! דאָס קאָן שוין זיין. ווייל מיט דער דינער מיט די גרינע אויגן בין איך געשלאָפן. (געלעכטער, פייפן.)

פראַנציסקאַנער. אַבסטוויזנט רוימער און מער האָבן די גאַטלאָזע באַנדיטן פון קאַרל בורבאָן אויסגעהרגעט, צוויי און דריי און פירמאָל אַזויפיל האָט די פעסט אַוועקגענומען, און דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק. בבל האָט נאָך נישט גענוג געליטן, נינוה איז נאָך נישט באַלערנט. אָבער גאָט האָט ביימשן נאָך גענוג, שמיץ, וועלכע קאָנען נאָך מער ווי טאָן, סקאָרפּיאָנען אַנשטאָט ריטער. „פאַר זיין כעס ווער קאָן באַשטיין און ווער קאָן איינשטיין אין זיין גרימצאָרן. זיין צאָרן שמעלצט ווי פייער און שטיינער ווערן אין אים צוגאַנגען.”

שענקער. הייליקער ברודער, וואַרף זיך אַרויס, אַז נישט וועל איך דיך אַרויסוואַרפן. די גרעסטע עבירה ביי מיר איז, ווען מען מאַכט מיר קאַליע דאָס געשעפט, און אַזאַ בעל־עבירהניק שטאַרבט ביי מיר מיט אַלע טויטן.

ערשטער שיכור. אַ, לאָז אים רעדן, מיר וועלן נאָך

מער טרינקען. מיין דורשט ווערט שטארקער פון דעם פייער פון זיינע רייד, און עס טרינקט זיך נאך געשמאקער. נאר האב איך שוין די שטראפרייד אין מיינע אויערן, וואלט איך געוואלט אביסל שווערער זינדיקן.

פראנציסקאנער. דו וועסט אנדערש רעדן, ווען דו וועסט זיך אין גיהנום ברענען און בראטן. פאר דער צונג וועסטו דארטן הענגען, און די קליינע מחבלים, וועלכע זיינען געבארן געווארן פון דיינע זינד, וועלן אונטערלייגן פייער אויף פייער, און מיט אנגעברענטע שפיזן וועלן זיי דיר קיצלען אונטער די ארעמס.

צווייטער שיכור. דו שרעק אונז נישט מיט גיהנום. דאס לעבן אליין איז א גוטער גיהנום. מיר ווערן שוין גוט געקיצלט פון אלערליי מחבלים, און מיר וואלטן דאס ברענען און בראטן־זיך נישט געקאנט איבערטראגן, ווען מיר וואלטן נישט אפגעקילט זיך מיט ווייַן.

פראנציסקאנער. „און דאס לאנד איז פארדארבן געווארן אונטער אירע איינוואוינער, ווייל זיי האבן עובר געווען אויף אנזאגן, פארביטן געזעץ, צושטערט דעם אייביקייטסבונד. דערפאר האט א פלוך אויפגעגעסן דאס לאנד, און עס האבן זיך פארשולדיקט די, וואס באוואוינען זי... מיט געזאנג וועלן זיי נישט טרינקען קיין ווייַן; דאס ביר וועט ביטער זיין צו זיינע טרינקער...”

מלכו (קומט אריין, אנגעטאן אין א רייטאנצוג, מיט א לאנגן מאנטל איבער די פלייצעס און א שווערד ביי דער זייט, אויפן קאפ דער הוט פון א נאבלמאן. ער הערט זיך א מאמענט צו צום פראנציסקאנער און כאפט אויף די פסוקים). „א בראכגעשריי איבער דעם ווייַן אין די גאסן, פארטונקלט געווארן יעטוועדע פרייד, פארטריבן געווארן די פרייַלעכקייט פון לאנד...”

פראנציסקאנער (קוקט זיך דערשטוינט אום, דערזעט דעם רעדנדיקן און צושרייט זיך). דו לאכסט, האַ? דו לאכסט? שפאטסט מיט די הייליקע ווערטער פון דעם געטלעכן נביא ישעיה?

מלכו (באקוקנדיק די שענק־געסט). „גיב זיי נאך זייער טאט און נאך די שלעכטיקייט פון זייערע האנדלונגען, נאך דער טואונג

פון זייערע הענט באַלוין זיי, קער זיי אום, וואָס זיי פאַרדינען.״

פ ר אַ נ צ י ס ק אַ נ ע ר (פאַרענדיקט מיט אים דעם פסוק און זעצט פאָרט, ווען מלכו ווערט אַנטשוויגן). ,,זיי פאַרשטייען נישט גאָטס אויפטואונגען, דאָס טאָן פון זיינע הענט, וועט ער זיי צו־שטערן, נישט אויפבויען.״

ש ע נ ק ע ר. אָמן. דאָס וועט זיין גענוג. עס איז ביי מיר קיין קירך נישט.

פ ר אַ נ צ י ס ק אַ נ ע ר. אַ זינדהוויז איז ביי דיר, אַ נעסט פון —

ש ע נ ק ע ר. איך האָב געזאָגט אָמן, און ווען איך זאָג אמן, הייסט עס ביי מיר, מאַך מער דיין מויל נישט אויף. אויב דו האָסט עס נישט געוואוסט, הייליקער ברודער, ווייסטו עס פון היינט אָן און ווייטער נישט פאַרגעסן. (כאַפּט אים אָן פאַרן קראַגן און וואַרפט אים אַרויס מיט אַ בריק אין הינטערן, נאָכשרייענדיק אים אין טיר.) קלייב צונויף דיינע צייגער און פאַרשווינד! באַווייז זיך נישט מער, הערסט, אויב דו ווילסט מיך נישט ברענגען צו גרעסערע זינד.

מ ל כ ו (שרייט אַרויס). ,,שעיר וועט זיין די ירושה פון זיי־נע פיינט און ישראל וועט זיגן!״

ש ע נ ק ע ר (מאַכט צו די טיר און ווענדט זיך צו מלכון). אויך ער הערט אויף מיט זיינע פסוקים.

מ ל כ ו. אָ, איך האָב געזאָגט די פסוקים, אום צו באַווייזן, אַז אונזער איינער קען אויך די ביבל.

פ ע ר ט ע ר ש י כ ו ר. ער האָט עס דערוויזן מער ווי אַ סך קאַרדינאַלן.

ש ע נ ק ע ר (צו מלכון). וויל ער וויין?

מ ל כ ו. צוערשט לאָז אָנפיטערן מיין פערד. ער שטייט הונ־געריק פאַר דיין טיר. (שענקער ווינקט צו אַ דינער, וועלכער גייט גלייך אַרויס. מלכו צום אַרויסגייענדיקן דינער.) גיב אים היי, האָ־בער. גיב אים גענוג. דאָס גוטע געטרייע פערד פאַרדינט עס ער־לעך. האָט מיך געטראָגן אַהער פון פעזאַראָ, ווי עס וואָלטן אים וועלף געיאָגט.

ע ר ש ט ע ר ש י כ ו ר. וואָס האָט אים אַזוי געטריבן?

מלכו. מיין הארץ, מיין ליבע, מיין גרויסע דערוואַרטונג.

דריטער שיכור. העי, העי, ער מאַכט זיך גאַנץ אינטע־רעסאַנט!

שענקער. איידער ער דערציילט, טרינקט ער דאָך אַ וויין. וויל ער וואָס עסן?

מלכו. איך האָב זיך געגעבן אַ נדר, גאָרנישט זאָל נישט אַרי־בער איבער מיינע ליפּן, ביז איך געפין נישט, וואָס מיין הארץ זוכט. איך וועל דיר אָבער באַצאָלן, ווי ווען איך וואָלט ביי דיר געגעסן און געטרונקען און מערער נאָך. דו וועסט מיר מוזן אַרויס־העלפן.

שענקער. ביז אויף מאָרד. איך העלף שטענדיק, ווען מען באַצאָלט מיר.

ערשטער שיכור. עס איז אַ מעשה מיט אַ געליבטער.

מלכו. אמת. דו האָסט דיין שאַרפזין נאָך נישט גאַנץ באַ־נעפּלט. (צום שענקער.) גיב אים דערפאַר אַ פלאַש וויין אויף מיין חשבון.

דריטער שיכור. אַזוי דערקענט מען אַן איידלמאַן פון פעזאַראָ.

מלכו. האָסט נישט געטראָפן. בין נישט פון פעזאַראָ. אין פעזאַראָ בין איך אויך געוועזן בלויז אויפן זוך. איך קום פון ווייט, פון גאַנץ ווייט, פון אַנדערע מדינות. קום פון פּאָרטוגאַל.

דריטער. אַ, פּאָרטוגאַל! וואו ליגט פּאָרטוגאַל?

מלכו. בין געוועזן אין הייליקן לאַנד... (עטלעכע געסט באַ־צלמען זיך.)

שענקער. איז ער דאָך טאַקע אַ הייליקער.

מלכו. האָב דורכגערייזט די טערקיי...

פערטער שיכור. יעזוס מאַריאַ!

מלכו. בין אָנגעקומען אין איטאַליע, באַזוכט אַנקאָנאַ, פּע־זאַראָ. אומעטום געגעבן: מענטשן, זייט גוט! זייט פרום! קערט מיר אום מיין געליבטע! קערט זי אום צו איר שיינקייט! טוט איר אָן די אַלטע קרוין! טוט תשובה, איר שווערע זינדיקער! אָבער מען האָט נאָך טויבע אויערן, נישט אַלע הערצער האָבן זיך אויפגע־

עפנט. אין אנקאָנאַ האָט מען מיך געמסרט, געוואָלט איבערגעבן אין די הענט פון מיינע פיינט. זיי ווילן נישט די גאולה, זיי ווילן נישט די באַפרייאונג.

שענקער. וואָס פּלאַפּלט ער, ווי נישט ביים זינען?

ערשטער שיכור. זיין געליבטע איז ביי אים אוועקגענו־מען געוואָרן.

מלכו (ווי קומענדיק צו זיך). דו פאַרדינסט דיין וויין. יאָ, מיין געליבטע איז פון מיר אוועקגענומען געוואָרן.

פערטער שיכור. נאַטירלעך אַזוי. אוועקגענומען געוואָרן, נישט אַנטלאָפן. זי וואָלט דאָך נישט אַנטלאָפן פון אַזאַ שיינעם. איך גלויב, ער איז דער שענסטער, וואָס איך האָב ווען געזען.

שענקער. דו וואונדער זיך נישט אויף אַ פרויענצימער. אַבי פאַרפירט צו ווערן, מאַכט נישט אויס, ווי דער פאַרפירער זעט אויס.

דריטער שיכור. דער עיקר איז — די מאַנקראַפט.

מלכו (פאַרקרימט זיך ווי פון ווייטיק און עקל). איך האָב די ידיעה, אַז זי געפינט זיך אין רוים.

שענקער. וויל ער, איך זאָל אים העלפן זוכן? וויל ער מער־דער, דעם פאַרפירער צו דערמאָרדן?

מלכו. דער פאַרפירער האָט שוין טיילווייז געכאַפּט זיין פּסק, וועט נאָך כאַפּן מער.

ערשטער שיכור. ביזט מיט אים נאָך נישט פאַרטיק גע־וואָרן. פאַרוואָס נישט גלייך געטויט?

מלכו. אַ מאָל איז לעבן ערגער פאַר טויט. לעבן און געדענ־קען איז אָפט זייער שרעקלעך.

ערשטער. דאָס פאַרשטיי איך עפּעס נישט.

צווייטער (פּינסטער). איך פאַרשטיי עס גוט.

מלכו (צום ערשטן). גיב אים פון דעם וויין.

שענקער. מיך גייט אָן דאָס געשעפט. דאַרף איך העלפן אים ביים זוכן?

מלכו. דאָס וועל איך אַליין. דו העלף מיר נאָר פאַרקליידן זיך.

שענקער. ווי וויל ער זיין אָנגעטאָן?

מלכו. גאַנץ אין שמאַטעס, ווי דער אָרעמסטער בעטלער.

שענקער. עי, ער וויל וואָס ביליקס!

מלכו. איך באַצאָל דיר רייך. קאָנסטו מיר אַ בעטלער־אָנצוג קריגן?

שענקער. קום נאָר מיט מיר אין קעלער, דאָרט ליגן, אָדער ריכטיקער, קריכן ביי מיר אַרום עטלעכע אַזעלכע, וואָס מען רופט אָן אָנצוגן.

מלכו. קום! (דער שענקער פאָרויס, מלכו נאָך אים דורך אַ זייטיקער טיר.)

פערטער שיכור. ווען ער דערזעט די אַרומקריכער, וועט ער חרטה האָבן.

צווייטער. ווען דאָס לעבן איז איינעם שווער, מאַכט אים גאַרנישט אויס. ער ליבט צו שטאַרק, דער נאַר.

דריטער (צום ערשטן). דו, וואָס דו האָסט ביי אים פאַר דיין שאַרפזין אַ פלאַש וויין פאַרדינט, דערקלער מיר נאָר, וואָס האָט ער דאָ אָנגערעדט. און קאָנסטו מיר דאָס דערקלערן, קאָנסטו מיר פיליכט אויך דערקלערן, פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן אי־בערצוטאָן זיך ווי אַ בעטלער. ווען דו דערקלערסט מיר דאָס, שטעל איך זיך נאָך אַ פלאַש וויין.

פערטער. זיך? אים ווילסטו זאָגן.

דריטער. ניין, איך וויים, וואָס איך רעד. זיך. טאַקע זיך אַליין. איך וועל טרינקען אַ פלאַש וויין, ווייל עס זיינען פאַראַן אַזעלכע שאַרפזיניקע מענטשן, האָסטו פאַרשטאַנען?

ערשטער. גוט, איך וועל דיר געבן די געלעגנהייט. הער־זשע. ער איז אַ וויכטיקער האַר. פיליכט אַ הערשנדיקער פרינץ אין — אין —

דריטער. אין — אין —

פערטער. אין — אין —

ערשטער. נאַ, איר ווייסט אויך נישט. פאַרגעסן, הייסט עס, מילא בקיצור, הערשנדיקער פרינץ אין לאַנד ווי הייסט עס דאָרטן. מיר האָבן גענוג לענדער, וועלכע מיר ווייסן נישט. עמי־צער, אַ חברה־מאַן האָט ביי אים אוועקגענומען זיין געליבטע...

פ ע ר ט ע ר. אין גאטקעס...

ע ר ש ט ע ר. אין גאטקעס, וואס הייסט, אין גאטקעס?

פ ע ר ט ע ר. איך מיין, אזוי הייסט דאס לאנד.

ע ר ש ט ע ר. אין גאטקעס? זאל זיין, הייסט עס, אין גאט־קעס. דעם פארפירער האט ער געפאקט, אבער די געליבטע איז פארשוואונדן, באהאלטן געווארן, נישטא. האט ער דעם פארפירער גוט באשטראפט, מסתמא די פיס אפגעהאקט, די אויגן אויסגע־שטאכן, פאר אוים מאן געמאכט, אבער נישט געטויט. ער דארף נאך פון אים ארויספייניקן, וואו די געליבטע איז. דער חברה־מאן האט יעדעס מאל אנגערופן אן אנדער לאנד, אן אנדער שטאט, ביז ענדלעך האט ער פון אים ארויסגעפייניקט איטאליע, אנגערופן פע־זארא, און אין פעזארא האט זיך אונזער פרינץ דערוואוסט, אז זי איז טאקע דארטן געווען און געפינט זיך איצטער אין רוים. מען האלט זי דא פון אים באהאלטן. ווען ער זאל זי דא זוכן נישט־פאר־שטעלטערהייט, וועלן אים זיינע פיינט דערקענען. מוז ער זיך פאר־שטעלן, זיי זאלן אים נישט דערקענען. איז ווי זאל ער זיך פאר־שטעלן? זאל ער אנטאן א מאסקע אויפן געזיכט, וועט מען זיך אן דער מאסקע שטויסן, אז דאס איז עמיצער, וואס זוכט עמעצן.. זאל ער זיך אפגאלן דאס בערדל? וואלסטו געוואלט אפגאלן זיך אזא בערדל, ווען דו וואלסט אזא געהאט? איז דערפאר די גליב־סטע זאך... באשטעל זיך א פלאש וויין.

ד ר י ט ע ר. מעגלעך, אז נישט אזוי, אבער... (צום דינער.) עי, נאך א פלאש וויין!

מ ל כ ו (פארקליידט ווי א בעטלער, אין עלנדע שמאטעס אויפן קערפער און אויף די פיס, זיין געזיכט פארשמירט, די פיס אונ־טערגעבויגן, דער קאפ אויף א זייט, דער גאנצער גוף צונויפגעקאר־טשעט, אזוי אז ער זעט איצטער אויס קליין, קומט **אריין מיט** א שלעפעדיקן גאנג און שלעפט זיך צו דער טיר, די האנט אויסגע־שטרעקט נאך א נדבה).

פ ע ר ט ע ר. האסטו דיר! רעדט מען פון א בעטלער, האט איי־נעם אנגעטראגן.

ע ר ש ט ע ר. מען דארף אים נעמען צו אונזער פרינץ, ער זאָל אים אָפּקאָפּירן.

צ וו י י ט ע ר. צוערשט אַ פּראַנציסקאַנער, איצטער אַ בעטלער — אַזוי ווערט איינעם פאַרגאַלט זיין ביסל ווייַן.

ד ר י ט ע ר. אַט האָסטו אַ נדבה און שמיים דיך אַרויס!

ש ע נ ק ע ר (אַריינקומענדיק). נו, איז ער גוט פאַרשטעלט?

ג ע ס ט. ווי?! (ברעכן אויס אין אַ געלעכטער.)

מ ל כ ו (אין טיר, אויסציענדיק זיך אין זיין גאַנצער הויך). אַ פאַרשטעלטער גיי איך, צו התגלות וועסטו מיך פירן. העלף מיר, גאָט, צו געפינען, וואָס איך זוך! (קאָרטשעט זיך איין און גייט אַרויס.)

## צווייטע סצענע

אונטער דער טיבער־בריק אין רוים, וואו בעטלער זיינען פאַר־זאַמלט; אַלטע און יונגע, שמוציקע, קרעציקע, באַדעקטע מיט וואונדן. עטלעכע עוסקן זיך מיט זייערע מכות.

מ ל כ ו (אין זיין בעטלערקליידונג, זייער אָפּגעצערט און אָפּ־געשוואַכט, גייט אַרום צווישן די בעטלער, קוקט זיך איין אין יעדן פון זיי, בלייבט שטיין ביי די, וועלכע עוסקן זיך מיט זייערע בלאָ־טערן, און זינגט אַרויס מיט זיין זינג־זאָנג). ומה סימנו? וואָס איז זיין סימן, ווי קאָן משיח דערקענט ווערן? ער זיצט צווישן בעט־לער, וועלכע זיינען באַדעקט מיט וואונדן. אַלע בינדן אָפּ און פאַר־בינדן זייערע וואונדן אַלע אויף אַ מאָל, משיח אָבער בינדט אָפּ און פאַרבינדט זיי איינציקווייז.

אַ ב ר י י ט ב ע ר ד י ק ע ר ב ע ט ל ע ר (צו זיין שכן). דער משוגענער האָט זיך שוין צוגעטשעפּעט צו אונז. (צו מלכון.) אַוועק, אָדער דו קריגסט מיט עפּעס אין קאָפּ!

מ ל כ ו (טרעט אָפּ, טרויעריק). נישט ער! נישט ער! נישט ער! (בלייבט שטיין פאַר אַ שפּיצבערדיקן בעטלער, וועלכער עוסקט זיך מיט אַ וואונד אויפן פוס.) שלום עליך, רבי ומורי!

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. האַ?

מלכו. שלום זאָג איך דיר.

דער בעטלער. שלום? שלום...

מלכו. ווען וועסטו קומען?

דער בעטלער. וואוהין? צו וועמען?

מלכו. צו דיין פאָלק, צו דיינע ברידער, צו די, וואָס וואַרטן אויף דיר אַזוי לאַנג.

דער בעטלער. ווער וואַרט אויף מיר?

מלכו. דאַרף איך עס דיר זאָגן? ווייסטו אַליין נישט?

דער בעטלער. איך ווייס גאָרנישט. וואוהין דאַרף איך גיין? ווער וואַרט אויף מיר?

דער ברייטבערדיקער (שרייט אַריבער). דאָס איז אַ משוגענער. שריי אויף אים אָן, וועט ער אוועקגיין.

דער שפּיצבערדיקער. זאָל ער רעדן. מיין דאגה. ער שלאָגט זיך נישט? מעג ער רעדן.

מלכו (אויפּזיפּצנדיק). נישט ער! (גייט ווייטער און בלייבט שטיין פאַר אַ הויכשטערנדליקן בעטלער, וואָס עוסקט זיך מיט אַ וואונד אויף זיין אָרעם, און הייבט אָן בנעימותדיק צו זינגען.) אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, במהרה יבוא אלינו משיח בן דוד...

דער בעטלער. דו זינגסט גוט. ווען איך קאָן אַזוי זינגען, וואָלט איך געמאַכט אַ סך געלט.

מלכו (זיפצט אויף מיט די הענט צום הימל און גייט ווייטער, בלייבט שטיין פאַר אַ באָרדלאָזן בעטלער, מיט אַ שמוצבאַדעקטן געזיכט, פון וועלכן מען קאָן נישט אָפּזען זיין עלטער). אין דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבאָרן געוואָרן משיח, און זיינע עלטערן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן מנחם. אָבער איידער דאָס קינד האָט נאָך געקאָנט דערקענען זיין מוטער, וואָס האָט אים געזויגט, האָט אַ ווינט אים אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס און פאַרטראָגן אים, קיינער ווייס נישט, וואוהין. דאָס האָט גאָט באַהאַלטן זיין געזאַלבטן, ביז די צייט פון דער גאולה פון זיין פאָלק ישראל וועט קומען. אין יענער צייט וועט גאָט אים אוועקזעצן צווישן די בעטלער ביי די טויערן פון רוים...

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. איז דאָס אַלץ? אַ שיינע מעשה, דערציי̈ל נאָך וואָס.

מ ל כ ו. מיט טויזנטער יאָרן פאַר בריאת העולם האָט גאָט באַשאַפן די תורה, דעם סוד פון זיין גרויסקייט און אומבאַגרייפ־לעכקייט. דערנאָך האָט ער באַשאַפן דאָס פאָלק ישראל, אום איבער־צוגעבן אים די תורה, צו מאַכן אים פאַר דעם ממונה איבער זיין סוד. אָבער ישראל האָט געזינדיקט, און די תורה איז געבליבן ווי אַ נישט געעפנט בוך. האָט גאָט באַשאַפן משיחן, כדי ישראל זאָל אים באַ־גערן און תשובה טאָן און אויפעפענען דאָס נישט געעפנטע בוך, און ווען משיח וועט זיך אַנטפּלעקן, וועט דאָס גרעסטע ליכט אַרויס־שיינען פון דעם אויפגעעפנטן בוך פאַר אַלע יידן...

ד ע ר ב ע ט ל ע ר (צושרייט זיך). דו דערמאָן מיך נישט קיין יידן! איך קריג שטענדיק אַ האַרצברעניש, ווען איך הער זייער נאָמען. אָט אָט קומט עס מיר שוין אָן. (צלמט זיך.) צום טייוול זאָל־סטו גיין! ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט זיך אוועקשטעלן רעדן מיט מיר? טרעט אָפּ בעסער מיט גוטן!

מ ל כ ו (מיט אַ פאַרצווייפלונגס־באַוועגונג שלעפּט זיך אַוועק ווייטער. בלייבט שטיין פאַר אַ יונגן בעטלער, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אַ וואונד אויפן נאַקן און האַלט דעם קאָפּ איינגעבויגן, ווי אַ משא וואָלט אים אַראָפּגעדריקט. מלכו באַטראַכט אים אַ ווייַ־לע און הייבט אָן מיט זיין זינג־זאַנג). הללו שגנוזים אצלך, עונו־תיהם עתידים להכניסך בעול ברזל — די קינדער פון דיין דור, מיט דיר נאָך פאַרבאָרגענע, וועלן אין דער צוקונפט אַריינברענגען דיך אין אַן אייזערנעם יאָך... ועושים אותך כעגל הזה שכהו עיניו — און מאַכן דיך ווי דאָס דאַזיקע קאַלב, וואָס זיינע אויגן זיינען אים טונקל געוואָרן...

ד ע ר ב ע ט ל ע ר (הייבט אויף די אויגן און קוקט אים אָן פון אונטערן שטערן).

מ ל כ ו. שלום עליך רבי ומורי!

ד ע ר ב ע ט ל ע ר (לאָזט ווידער אַראָפּ די אויגן).

מ ל כ ו. ובעונותיהם של אלו עתידה לשונך לדבק בחכך — און דורך די זינד פון די דאָזיקע וועט דיין צונג צוגעקלעפּט ווערן

צו דיין גומען... מורי ורבי, משיח צדקנו, גיב זיך מיר צו דערקע־נען, זאָג מיר, ווען וועסטו קומען!

דער ברייטבערדיקער. ביי דעם קאָן ער שוין רעדן און רעדן. דער איז אַ טויבשטומער.

מלכו. אַ שטומער! דיין צונג איז צוגעקלעפּט צו דיין גו־מען!... (פאַלט אויף די קני פאַר דעם שטומען בעטלער.) משיח צד־קנו, גיב זיך מיר צו דערקענען, איך האָב שוין מער קיין כח נישט! דרייסיק טעג ווי איך וואַלגער זיך דאָ אַרום, אָבער איך בין פון גאָט געשיקט, דער אויבערשטער האָט מיך געפירט אַהער. אויב דו ביזט עס, מוזטו זיך מיר אַנטפּלעקן. אָ, גיב אַ צייכן מיר!

דער בעטלער (דרייט זיך אַוועק פון אים מיטן רוקן).

מלכו (מיט שרעק). איז דאָס דיין צייכן? וואָס זאָל ער באַ־דייטן? איך האָב מורא אים צו דערקלערן. ניין, דאָס קאָן דאָך נישט זיין. דו טאָרסט זיך נישט אָפּקערן! איצטער איז די העכסטע צייט!

דער ברייטבערדיקער (קומט צו, ווייזט דעם שטומען מיט אַ פינגער אויפן שטערן און טייטלט אויף מלכון).

דער שטומער (שפּרינגט אויף אין שרעק מיט משונהדי־קע קולות און צלמט זיך).

דער ברייטבערדיקער. האָסטו דיר! האָט דער גאָר מורא פאַר משוגעים.

מלכו (באַהאַלט זיין געזיכט אין די הענט, שטייט אַזוי אַ ווײַלע אויף די קני, דערנאָך גיט ער זיך אַ וואָרף מיטן פּנים אַראָפּ צו דער ערד און צוואווײנט זיך. ווען ער ווײנט אויס זיינע טרערן, זעצט ער זיך אויף און רעדט מיד און נידערגעשלאָגן). דרייסיק טעג אַזוי... ביים טויער פון רוים זיצט ער, באַדעקט מיט וואונדן, צווישן די בעטלער... גאָט פון אברהם יצחק און יעקב, האָסטו אים דאָ נאָך נישט אָוועקגעזעצט, אָדער האָסטו אים שוין אָוועקגענומען פון דאַ־נען? גיב אַ צייכן מיר, אַלמעכטיקער, זאָג מיר אָן דורך אַ זעאונג, ווי דו ביזט דאָס געוואוינט מיט מיר... דרייסיק טעג, אַז איך פאַסט תעניתים, קום אָפּ מיט ברויט און וואַסער... רבונו של עולם, כמה יהא כוחי — ווי לאַנג נאָך וועל איך קאָנען לײַדן? ווי לאַנג וועל

איך עס קאָנען אריבערטראָגן? מיין קערפּער איז מיר שוין ווי איין גרויסע אָפענע וואונד פון די קריכער און בייסער... (באַטראַכט זיין לינקן פוס ביים איינקל. נאָך אַ ווײַלע הייבט ער אויף זיינע אויגן מיט אַן אויפגערעגטן בליק.) ווי?!... בין איך נאַר?!... רבון העול־מים!... בין איך דיין אויסגעוויילטער? בין איך דיין געזאַלבטער?... האָסטו מיך דאָ אוועקגעזעצט... (טראַכט אַ ווײַלע.) משיח בן דוד איז אין מספּר קטן זיבן און דרייסיק... שלמה מלכו — ניין. שלמה בן מלכו... איז דען משיח דודס זון? ער שטאַמט בלויז אָפּ פון אים, איז פון דוד המלכדס הויז. און ווען איך שטאַם פון דעם הויז פון מלכו, בין איך שלמה בן מלכו... שלמה בן מלכו איז אין מספּר קטן זיבן און דרייסיק... (שרייט אויף אין גרויסער אויפרעגונג.) בין איך משיח?!... אדון העולמים, דיין צייכן! גיב מיר געוויס־הייט! ווער בין איך? שלמו מלכו איז אין מספּר קטן אליהו הנביא — ווער זשע בין איך?... מלך מלכי המלכים, מיין האַרץ איז נישט שטאַרק און מיינע אויגן קוקן נישט צו הויך, איך בין דאָס, צו וואָס דו האָסט מיך געמאַכט, איך בין דער, וואָס דו ווילסט מיך, איך זאָל זיין... גאָט פון אברהם, גיב געוויסהייט מיר!... (וויל אויפהייבן די הענט צום הימל, קאָן אָבער פאַר שוואַכקייט נישט אויפהויבן די הענט, לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד און בלייבט ליגן ווי טויט.)

דער מגיד (זיין טרוים־געשטאַלט, דערשיינט פאַר אים). וואו ביזטו איצטער, שלמה, מיין אויסגעוויילטער?

מלכו. אין הייליקן לאַנד.

מגיד. וואָס זעסטו?

מלכו. איך זע אַ מאַן, און אין זיין האַנט איז אַ מגילה.

מגיד. דו זעסט ריכטיק, שלמה מיין פריינט. ער האָט אַ מגי־לה, און דאָס איז די מגילה פון רוים.

מלכו. וואָס שטייט אין דער מגילה?

מגיד. אַלץ, וואָס עס וועט טרעפן מיט רוים.

מלכו. אָ, זאָג מיר, וואָס וועט טרעפן מיט רוים!

מגיד. וואָס דו דאַרפסט וויסן, וועסטו וויסן, און וואָס דו דאַרפסט נישט וויסן, וועסטו נישט וויסן.

מלכו. וואָס איך דאַרף נישט וויסן, וועל איך נישט פאָרשן. אָבער וואָס איך דאַרף וויסן...

מגיד. וואָס זעסטו איצטער?

מלכו. צוויי פייגל. איינער גרויס און גרוי, דער צווייטער קליין און קלייאיק.

מגיד. דער גרויסער פויגל, וועלכן דו זעסט, זאָגט דיר אָן, אַז אַ פאַרפלייצונג וועט קומען איבער רוים און איבער אַ לאַנד אין צפון. און אַן ערדציטערניש וועט צעשטערן פּאָרטוגאַל און אירע שטעט. אָבער דער קלענערער פויגל זאָגט דיר אָן, אַז נאָך דער פאַרפלייצונג וועלן זיך באַווייזן צוויי קאָמעטן מיט גילדערנע עקן. דער איין קאָמעט איז אַן אָנזאָג, אַז גאָטס צאָרן וועט זיך אויסגיסן אויף דער זינדיקער שטאָט, אויף דער זונה רוים, אָבער דער צווייטער קאָמעט איז אַן אָנזאָג פון גאָטס גנאָד איבער ישראל.

מלכו. געבענטשט זאָל זיין גאָטס נאָמען!

מגיד. דאָך דו וועסט זיך מוזן אַ סך אויסשטיין פון דיינע אייגענע ברידער. זיי וועלן דיר פאַרביטערן דיין געמיט, פאַרפאָלגן וועלן זיי דיך, אַרויפברענגען אויפן פייער — ווילסטו עס?

מלכו. געוויס, מיין לערער און פירער. איך נעם אַלץ אויף מיר מיט דער פרייד פון מיין נשמה און דעם נחת פון מיין האַרץ, אַבי זיי זאָלן נאָר געהאָלפן ווערן. אַבי זיי זאָלן אויסגעלייזט ווערן.

מגיד. ווייל דו האָסט נישט מורא פאַר פאַרברענט צו ווערן. וועסטו שיינען; ווייל דיך אַרט נישט אונטערצוגיין, וועסטו אַרויפשטייגן; ווייל דו ווילסט זיך מקריב זיין, אַ קרבן עולה זיין פאַר דיין פאָלק, וועסטו נתעלה ווערן. און עס וועט רוען אויף דעם מלך המשיח דער הייליקער גייסט, דער גייסט פון קלוגהייט און פאַרשטאַנד, די טויטע וועלן אויפשטיין פון זייערע קברים, און דער נאָמען פון גאָטס פאָלק וועט ווערן באַרימט איבער אַלע פעלקער.

מלכו. אמן!

מגיד (פאַרשווינדט).

מלכו (זעצט זיך אויף מיט אַ גליקלעכן אויסדרוק אויף זיין געזיכט). אמן! (שטייט אויף, עטעמט טיף מיט פונאַנדערגעשפרייטע אָרעמס.) אמן! (ווערט גאַנץ וואַך, עפנט אויף די אויגן, קוקט

זיך אָבער נישט אַרום און רופט אויס התלהבותדיק.) גוטס קומט! שלום קומט! ישועה קומט! (גייט אַוועק. די בעטלער קוקן אים אָן מיט פאַרוואונדערונג, צלמן זיך.)

## דריטע סצענע

אַ גרויס צימער אין דעם קהל־הויז אין רוים. לינקס און אין הינטער־גרונט הויכעברייטע טירן, רעכטס הויכע, ברייטע פענ־סטער. אין מיטן אַ לאַנגער טיש, אַרומגערינגלט מיט שטולן. — ביים טיש זיצן די פּאַטאָרי, די פירער פון דער קהלה: רעכטס יצחק צר־פתי. אין מיטן, פון ביידע זייטן פון טיש, יעקב דע לאַטעס און יהודה דע בלאַניס. לינקס — זייער גאַסט פון ווענעדיג, יעקב מאַנ־טינאָ.

מאַנטינאָ. איך בין געקומען צו אייך פון ווענעדיג, מיינע פריינט, צו וואָרענען אייך, אַז ביי אייך אין רוים געפינט זיך איצ־טער איינער, וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן פון אונזער פאָלק. ווייל אַ פאַרפירער איז ער, און אומצייליקע סכנות קאָנען קומען פון אים אויף אונזערע קעפּ און אויף די קעפּ פון כלל ישראל.

צרפתי. מערקווירדיק, מיר האָבן פון אַזאַ נישט געהערט.

דע בלאַניס. דו אין וועניעדיג, שיינט׳ס, ווייסט בעסער ווי מיר, וואָס עס קומט פאָר אין רוים.

דע לאַטעס. איינער, וועלכער איז אַזוי געפערלעך, און מיר זאָלן פון אים נישט וויסן, זיינען מיר שלעכטע אויפזעער אין דעם ווייגאָרטן פון ישראל.

צרפתי. ווער איז דער געפערלעכער אין אונזער מיט?

מאַנטינאָ. ער קומט פון פּאָרטוגאַל, איז געבאָרן געוואָרן אַ קריסט. האָט אָפּגעלעבט פינף און צוואַנציק יאָר אַלס קריסט...

דע בלאַניס. זאָל עס זיין רבי שלמה מלכו?

מאַנטינאָ. דו רופסט אים רבי נאָך? אַ נביא השקר איז ער, וועלכער וועט ברענגען פאַרדאַרבעניש אויף גאַנץ ישראל.

דע בלאַניס. מיינסטו טאַקע אים?

מאַנטינאָ. אים מיין איך, אים!

דע בלאַניס. מיט וואָס איז ער אַזוי געפערלעך?

מאַנטינאָ. מיט זיין צונג! מיט זיינע דרשות קעגן קריסטנ־טום, מיט וועלכע ער וועט אונז ארויפברענגען אויפן פייער, און מיט זיינע משיח־דרשות, מיט וועלכע ער וועט פאַרדרייען יידישע קעפּ און אַראָפּפירן פון וועג. מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק איז געקומען דער ייד פון דייטשלאַנד, דער אָשר לעמלין, האָט זיך פאַר משיח אויסגעגעבן און די קעפּ פאַרדרייט און אומגליק געבראַכט. און איצטער קומט דער פון פּאָרטוגאַל...

צרפתי. ער איז נישטאָ אין רוים.

מאַנטינאָ. ער איז אין רוים.

דע בלאַנים. איך האָב געהערט, ער איז אין אַנקאָנאַ.

מאַנטינאָ. געווען. דאָרטן האָט ער געהאַלטן אַזעלכע דר־שות, אַז מען האָט אים געמוזט פאַרמסרן ביים בישאָף.

דע לאַטעס. יידן אַליין? פאַרמסרט! אַ שאַנד!

מאַנטינאָ. אַ שאַנד, זאָגסטו! צוליב די יידן פון אַנקאָנאַ האָט מען עס געמוזט טאָן! צוליב אַלע יידן! ווער עס ליבט צו שפּילן זיך מיט פייער, געהערט נישט אין אַ הויז, וואָס איז פול מיט פּולווער. די שטעט פון איטאַליע זיינען פאַר אונז ערי מקלט, פאַר־טריבענע און פאַרוואָגלטע געפינען דאָ די יידן רו און זיכערקייט. ער מיט זיינע דרשות גראָבט אונטער די ערד אונטער אונזערע פיס, ברענגט אונז אויפן פייער — זאָל ער אַליין ברענען. אַ שאַנד גאָר! נישט צו פאַרמסרן אים וואָלט געווען אַ וויטיק און אַ געפאַר.

צרפתי. איז ער פון אַנקאָנאַ אַנטלאָפן אַהער?

מאַנטינאָ. ניין, נאָך פּעזאַראָ.

צרפתי. און פון פּעזאַראָ?

מאַנטינאָ. איז ער מיט זיבן וואָכן צוריק אַנטלאָפן אַהער.

צרפתי. מיט זיבן וואָכן צוריק? מיינסטו, ער וואָלט געקאָנט אַזוי לאַנג דאָ זיין און נישט לאָזן זיך הערן?

מאַנטינאָ. דאָס איז קוים מעגלעך. ער מוז זיך לאָזן הערן, ווי אַ פראָש אין דער נאַכט. קאָן שטיל נישט זיין.

צרפתי. ווי דערקלערסטו דען?... ביזטו זיכער, אַז ער איז פון פּעזאַראָ אַנטלאָפן אַהער?

מאַנטינאָ. ווען איך וואָלט נישט געווען זיכער, וואָלט

איך דאָ איצטער נישט געווען. איך האָב זיך צוגעשוואָרן, נישט צו רוען, ביז ער וועט געמאַכט ווערן אומשעדלעך. ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז ער איז אַהער אַנטלאָפן, האָב איך מיר געזאָגט: אין רוים קאָן די סכּנה גרעסער ווערן, מוז מען אים אין גאַנצן אויסראָטן — און בין געקומען אַהער.

דעלאַטעס. האָסט שלעכט אויסגעפונען; ער איז דאָ נישטאָ. אומזיסט געווען דיין טירחה.

מאַנטינאָ. דער וועג פון פּעזאַראָ אַהער איז גאַנץ געפּער־לעך פאַר אַן איינזאַמען רייטער, און ער איז אַוועקגעריטן גאַנץ אַליין. אויב ער איז אין מיטן וועג געבליבן, פון גזלנים באַפאַלן און געטויט, פאַרדריסט מיך מיין טרחה נישט.

דעלאַטעס. אַזוי האָסטו אים?

מאַנטינאָ. ווען איך וואָלט געוואוסט זיינע דרשות, וואָלט איך אים נישט ווייניקער געהאַסט.

דעבלאַניס. ער איז פרום און רופט צו תשובה, ווייס איך.

מאַנטינאָ. אַ געוועזענער קריסט, וועלכער רופט אונז צו תשובה! גרים זיינען אונז שטענדיק ווי אַ קרעץ געווען. ווי קומט ער צו רעדן פון אונזער זינדיקייט און רופן אונז צו תשובה? וואָס ווייס ער פון אונזער לעבן, פון אונזער קאַמף און נויט, פון אונ־זער וועג דורך שטרויכלונגען און געפאַרן? מיר זיינען אים פרעמד, דערפאַר דערלויבט ער זיך צו שפּילן מיט אונזער זיכערקייט.

צרפתי. דו היץ זיך דאָך נישט אַזוי. ביזט דאָך דאָקטאָר, ווייסטו, היצן זיך איז נישט גוט. אויב אין זיבן וואָכן האָט ער זיך דאָ נישט געלאָזט זען און הערן, לעבט ער זיכער נישט מער.

מאַנטינאָ. זינט איך האָב זיך דערוואוסט פון זיינע דרשות, האָב איך זיך נישט אויפגעהערט צו היצן. און ווען זיין מויל איז ווירקלעך פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק, וועל איך — —

דערשמש (קומט אַריין). אַ שליח פון איינעם רבי שלמה מלכו איז געקומען —

דיפיר (איבעראַשט). פון שלמה מלכו?!

דערשמש (דערשראָקן). אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט... אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער אָנגערופן... זאָל איך האָבן פאַרדרייט

דעם נאָמען? איך האָב זיך אים איינגעחזרט. דער שליח וועט אייך —

צרפתי. שיק אים אַריין!

דער שמש (אַרויסגייענדיק). ער האָט טאַקע געזאָגט, ער מוז אייך נויטיק זען.

מאַנטינאָ. לעבט ער, הייסט עס, נאָך. בין איך צו דער ריכטיקער צייט געקומען. מיין טרחה וועט נישט זיין אומזיסט.

מלכו (קומט אַריין, ער איז אָנגעטאָן יידיש — אין יידן־הוט און יידן־ראָק, מיט דעם ייד־צייכן אויפן ראָק — און איז אַרומגעוואַשן און אַרומגערייניקט. ער פאַרבויגט זיך דרך־ארץדיק און זאָגט עניוותדיק). גוטן טאָג, רבותי!

צרפתי. ביסט אַ שליח פון שלמה מלכו?

מלכו. יאָ, פון רבי שלמה מלכו.

צרפתי. פון וואַנען האָט ער דיך געשיקט?

מלכו. פון דאָרטן, וואו ער געפינט זיך.

צרפתי. וואו געפינט ער זיך?

מלכו. דאָרטן, וואו ער איז.

צרפתי. דו רעדסט צו די פאַטאָרי, יונגערמאַן!

מאַנטינאָ. ווי דער שיקער, אַזוי דער געשיקטער!

מלכו (צו מאַנטינאָ). ווי מיינט דער האַר!

צרפתי. דו גיב בעסערע ענטפערס. רעד קלאָר.

מלכו. איך רעד קלאָר — און אויב דער פלאַץ, וואו רבי שלמה מלכו געפינט זיך, בלייבט דאָך פון אייך פאַרבאָרגן, איז עס דערפאַר, וואָס ער וויל אים נאָך פאַרבאָרגן האַלטן.

צרפתי. איז ער אין רוים?

מלכו. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל קיין ליגן נישט זאָגן: ער איז אין רוים.

צרפתי. זייט ווען איז ער אין רוים?

מלכו. פון דעם טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען.

צרפתי. שוין ווידער!

מלכו. אַנטשולדיקט, דער ענטפער איז אָבער ריכטיק.

צרפתי. זאָג דעם טאָג אונז.

מלכו. איך טאָר קיין ליגן נישט זאָגן: עס איז געווען א דינ־סטיק.

צרפתי. דאָס מאַכט נאָך אַלץ נישט קלאָר. ווי לאַנג איז ער אין רוים?

מלכו. איך זאָל קיין ליגן נישט זאָגן: באַלד זיבן וואָכן.

מאַנטינאָ. ווי איך האָב אייך געזאָגט!

מלכו. אָ, דער האַר דאָ האָט געוואוסט דעם טאָג פון זיין אָנקום!

צרפתי. וואָס האָט ער געטאָן אין רוים די גאַנצע זיבן וואָכן?

מלכו. ער האָט יעדן טאָג גאָט געלויבט און גאָט געבעטן...

צרפתי. און נאָך וואָס?

מלכו. געפאַסט תעניתים.

צרפתי. מיט וועמען האָט ער זיך געזען?

מלכו. וועמען ער האָט געוואָלט זען, האָט ער נישט געזען, און וועמען ער האָט נישט געוואָלט זען, האָט ער יאָ געזען.

צרפתי (שטרענג). דו הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיין רע־טעניש־לשון!

מלכו. פאַר דאָקטאָר רבי יצחק צרפתי דאַרף רעטעניש־לשון נישט שווער זיין.

צרפתי (מילדער). וואָס האָט ער דיך געשיקט?

מלכו. די פראַגע האָט געדאַרפט די ערשטע זיין.

צרפתי (ווידער שטרענג). יונגערמאַן, ענטפער אויף וואָס מען פרעגט דיך!

מלכו (עניוותדיק). רבי שלמה מלכו וויל דרשנען אין די שולן פון רוים...

מאַנטינאָ. דאָ האָט איר אים!

מלכו. און וויל פון אייך אייער דערלויבעניש און אייער שוץ.

צרפתי. פאַרוואָס האָט ער דיך געשיקט? פאַרוואָס איז ער אַליין נישט געקומען?

מלכו. על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון: ער האָט מיך

געשיקט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט קומען אַליין, און ער האָט נישט געוואָלט קומען אַליין, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז עס איז גלייכער פאַר אים נאָך נישט צו באַווייזן זיך. נאָר ווען איר וועט אים געבן די דערלויבעניש צו דרשנען און פאַרזיכערן אים אייער שוץ פון מסירות און רדיפות, וועט ער גלייך דאָ זיין ביי אייך.

מאַנטינאָ. אויב ער איז דאָ שוין נישטאָ.

מלכו. ווי מיינט דער האַר?

מאַנטינאָ. דו ביזט שלמה מלכו.

מלכו. דער האַר באַהויפּט עס אָדער פרעגט עס?

מאַנטינאָ. ביסטו נישט אַליין שלמה מלכו?

מלכו. איך טאָר קיין ליגן נישט זאָגן: איך בין עס אַליין.

מאַנטינאָ (אויפשפּרינגענדיק). איך האָב געטראָפן!

מלכו. איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב געטראָפן, ווייל איך ווייס, אַז אייער כבוד איז דאָקטאָר רבי יעקב מאַנטינאָ.

דע בלאַנים (שטייט אויף, פאַרלעגן, וויל געבן שלום עליכם און געפינט נישט דעם מוט).

דע לאַטעס (רוקט זיך צו נענטער און קוקט זיך איין שאַרפער אין מלכון).

צרפתי (מיט פאָרוואורף). צו וואָס דאָס שפּיל מיט אונז?

מלכו. איך באַדויער עס אויך. דאָס האָט נישט געדאַרפט זיין. האָב אַנדערש געדאַרפט צו אייך קומען.

צרפתי. וואָס האָט דיך געצוואונגען צו פאַרשטעלן זיך?

מלכו. איך האָב געוואָלט אויסגעפינען ווי איר באַציט זיך צו מיר. איר האָט געוויס געהערט פון מיר, ווייסט, וואָס איך דרשן, וואָס איך טו, און איך האָב אייך געוואָלט פאַרהיטן פון אַן עבירה.

דע לאַטעס (פאַרוואונדערט). וואָס איז דאָס אַזוינס?

מלכו. די ערלעכקייט פון מיין האַרץ זייַנען מיינע ווערטער, און מיינע לעפצן האָבן קלאָר גערעדט. עס האָבן זיך ביי אונז געמערט יידן, וועלכע האָבן זיך מיאש געווען פון דער גאולה. און ווען איינער קומט און רעדט צום פאָלק, עס זאָל זיך צוגרייטן צום אָנקום פון משיח, באַטראַכטן זיי אים ווי אַ שונא און מסרן

אים. דאָס אַליין נאַטירלעך איז אַ סימן פון משיחס צייטן. דער זון פון דוד וועט נישט קומען, ביז עס וועלן זיך נישט אָנמערן מוסרים, האָבן די חכמים געזאָגט. אָבער דאָך איז מסירות אַ זינד, און דער מסור באַגייט אַן עבירה, ווייל עס שטייט געשריבן: „אל תלשין עבד אל אדוניו” — זאָלסט נישט פאַרמסרן דעם קנעכט פאַר זיין האַר... האָב איך זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן און פאַר־שטעלטערהייט אויסגעפינען, וואָס איר דענקט וועגן מיר. ווען דרויסן פאַר דער טיר האָב איך געהערט, אַז רבי יעקב מאַנטינאָ איז דאָ מיט אייך, האָב איך געוואוסט, אַז נישט לאַנג וועט זיין מיין שפּיל.

מ א נ ט י נ אָ (וויכטיק). איז טאַקע גוט, וואָס איך בין אַהער געקומען!

מ ל כ ו. רב יעקב האָט שוין דאָ גערעדט אַקעגן מיר, פאַר־מסרט מיך, געוואָרנט אייך, אָבער איר וועט דאָך נישט אויסהערן בלויז איין צד.

צ ר פ ת י. וואָס ווילסטו דרשנען?

מ ל כ ו. וואָס גאָט לייגט מיר אין מויל אריין: חדושים אין דער תורה און אירע סודות, ווי זיי זיינען מיר אַנטפּלעקט געוואָרן, ווערטער פון מוסר און תשובה, צוגרייטונג צו דער גאולה, וועל־כע איז שוין זייער נאָענט.

מ א נ ט י נ אָ. ענדלעך האָט ער עס אַרויסגעזאָגט!

מ ל כ ו. איך ווייס, די גאולה שרעקט רב יעקב מאַנטינאָ זייער שטאַרק, רויבט ביי אים אַוועק די רו — באַאומרואיקט זי אויך אייך, רבי יצחק? נעמט זי ביי אייך אַוועק דעם שלאָף, רבי יעקב דע לאַטעס? איז זי פאַר אייך אַ מורא, רבי יהודה דע בלאַניס? זייט וואָכן ווי איך פאַרש אייך נאָך, בין באַקאַנט מיט אייערע וועגן. איר זייט פרום, איך ווייס, און שטאַרק אין גאָט, איר גלויבט אין משיחן און אין דער גאולה — וועט איר מיר פאַרבאָטן וועגן איר צו רעדן?

מ א נ ט י נ אָ. איך וואָרן אייך נאָך אַ מאָל, רבותי! אַ צוויי־טער אשר לימלן שטייט דאָ פאַר אונז! אַ פאַרפירער, אַן אומגליק־ברענגער! די וואונדן, וועלכע מיר טראָגן פון דעם ערשטן אשר

לימלן, האָבן זיך קוים פאַרהיילט, ווילט איר זיי אויפעפענען צו־ריק? ווילט איר נייע וואונדן האָבן?

מלכו. אשר לימלן איז בגימטריא משיח שקר אין מספר קטן.

דע בלאַנים (כאַפּט זיך איבערצוטרעכענען און ווינקט פאַר־חידושט צו די אַנדערע צוויי פּאַטאַריס, אַז דער חשבון שטימט).

מאַנטינאַ. וועלכע גימטריאות קאָן מען אויף דיין נאָמען מאַכן?

מלכו. זוכט זיי אייך אַליין. אָבער איך זאָג אייך נישט, אַז איך בין משיח, איך רוף אייך נאָר צו זיך אַליין. צו דער תורה רוף איך ישראל, צו מצוות, צו גרויסער ריינקייט און צו גאָט.

מאַנטינאַ. דו רעדסט דאָך פון גאולה, פון אויסלייזונג, פון אומקער!

מלכו. געוויס. ערשט אין ארץ ישראל וועט ישראל אומקערן זיך צו זיך און צו גאָט. ערשט אין ארץ ישראל וועט ער אויסלייזן זיין נשמה פון דער טומאה, מיט דער תורה זיך פאַרייניקן, די גרויסע ריינקייט דערגרייכן.

מאַנטינאַ. און דו ביזט דער אומקערער?

מלכו. דער אַנזאָגער, אַז די צייט פון אומקער איז געקו־מען.

מאַנטינאַ. אַ סך פאַר דיר האָבן שוין געהאַט אויסגע־רעכנט די צייט און אַ טעות געהאַט. ווי האָסטו קיין מורא נישט פאַר קיין טעות? ישראל איז פאַר לײדן געבאָרן געוואָרן. ווער קאָן פאַרויסזאָגן, ווען ער וועט אויסגעלייזט ווערן? עס איז אַ פאַרברעכן, אויפצוװעקן אין אים האָפענונגען, וועלכע וועלן נישט דערפילט ווערן, רייצן אים מיט מיראַזשן, וועלכע וועלן בלויז פאַרפירן.

מלכו. איך רייץ נישט מיט מיראַזשן, איך זאָג נאָר אָן, וואָס גאָט וויל, ישראל זאָל טאָן. איך וועק נישט קיין האָפענונגען, איך וועק דעם ווילן. נישט פאַר לײדן איז ישראל געבאָרן גע־וואָרן, נאָר פאַר דער תורה. ער וועט לײדן, כל זמן ער וועט זיך נישט פאַרנעמען צו געפינען דעם וועג צו דער תורה. דער וועג

פירט דורך ארץ ישראל, און ישראל מוז וו ע ל ן די גאולה. משיח איז דער וואונדער פון אָט דעם ווילן: אין די טעג פון משיח וועט ישראל וו ע ל ן אומקערן זיך אין ארץ ישראל. און איך קום צום פאָלק אין נאָמען פון אונזער האר דוד ראובני...

מ א נ ט י נ אָ (צולאַכט זיך).

צ ר פ ת י. אָ, אזוי גאָר!

ד ע ל א ט ע ס. פון דעם!

מ ל כ ו. ער איז געקומען צו אונז פון די פארלאָרענע צען שבטים...

מ א נ ט י נ אָ. דיין האר דוד ראובני איז צוריקגעקומען פון פּאָרטוגאַל מיט ליידיקע הענט און געפינט זיך איצטער אין ווענעדיג, זוכט דאָרטן גלויבער אין זיינע שווינדל. וואָס ער דער־גרייכט איז, אַז אונזערע ברידער אין פּאָרטוגאַל ברענען שוין אויף די פייערן פון דער אינקוויזיציע. דאָס וועסטו דאָ אויך דער־גרייכן. וועסט אויפרודערן די געמיטער, און דער סוף וועט זיין דער גלויבנספייער.

צ ר פ ת י (צו מלכון). דו וועסט ביי אונז נישט פריידיקן.

מ ל כ ו. ווי מיינסטו עס?

צ ר פ ת י. מיר וועלן דיר נישט דערלויבן.

מ ל כ ו. עס טוט מיר לייד, איך וועל מוזן פריידיקן אָן אייער דערלויבעניש.

מ א נ ט י נ אָ. די אינקוויזיציע וואַרט שוין לאַנג אויף דיר, און איך וועל זען, זי זאָל דיך קריגן.

מ ל כ ו. מאַנטינאָ איז בגימטריא מ ל ש י נ ו ת אין מספר קטן.

ד ע ב ל א נ י ס (רעכנט עס גלייך איבער און ווינקט מיט התפעלות דע לאַטעסן).

מ א נ ט י נ אָ. רופט די פּויפּסטלעכע פּאָליציי!

מ ל כ ו. איך וועל דעם פּויפּסט זען אָן די אונטערפירער.

מ א נ ט י נ אָ. אַרעסטירט אים! לייגט אים אין קייטן! לאָזט אים פון דאַנען נישט אַרויס!

מ ל כ ו. אַ גוטן טאָג, רבותי! (גייט צו דער טיר.)

צרפתי (קלינגט).

דער שמש (באַווייזט זיך אין דער טיר).

צרפתי. זאָג די היטער, זיי זאָלן דעם דאָ נישט אַרויס־לאָזן!

מלכו. די טיר איז באַהיט, בלייבט מיר אַ פענסטער פריי. (מיט אַ שפרונג דערגרייכט ער איינס פון די פענסטער.) נאָך אַ מאָל אַ גוטן טאָג. מיר וועלן זיך נאָך זען. איר וועט מיך אויך נאָך הערן. (רייסט אויף דאָס פענסטער און שפרינגט אַרויס. די פיר אַרום טיש שפרינגען אויף פון זייערע פלעצער, דער שמש לאָזט זיך צוערשט צום פענסטער, כאַפּט זיך און לויפט אַרויס.)

דע בלאַניס. אָ, וויי! דאָס פענסטער איז הויך, ער ליגט געווים צושלאָגן, פיליכט גאָר טויט!

מאַנטינאַ. הלוואי נאָר, הלוואי!

דע לאַטעס (גייט לאַנגזאַם צום פענסטער).

דער שמש (קומט אַריין). ער איז אַוועק, ער איז פאַר־שוואונדן.

דע בלאַניס. אַ נס! אַ נס גדול!

מאַנטינאַ. ביי דער אינקוויזיציע וועט קיין נס אים נישט געשען!

## פערטע סצענע

אַ צימער אין וואַטיקאַן. דער פויפסט קלעמענס דער זיבע־טער זיצט אויף זיין שטול. רעכטס און לינקס — די קאַרדינאַלן עזשידיאָ דא וויטערבאָ, זשעראָנימאָ דא גינוטשי און לאָרענצאָ פוטשי.

שלמה מלכו (שטייט פאַר זיי, אָנגעטאָן ווי אַ פּאָרטוגעזי־שער איידלמאַן, שיינענדיק אין זיין שיינהייט. זיין דורכגייסטיקט געזיכט איז גאַנץ פאַרפלאַמט, זיינע אויגן ברענען, זיין שטים איז אויפגערעגט און וואויל־קלינגענדיק). דאָס האָט מען פון הימל מיר באַוויזן, און דאָס וועט געווים געשען. אייער הייליקייט מוז באַ־וואָרענען, מוז באַצייטנס נאָך פאַרהיטן. עס וועלן מענטשן אומ־קומען, גוטס וועט פאַרניכט ווערן. באַצייטיקע פאַרהיטונג וועט אַ סך מענטשן ראַטעווען, דעם היזק קלענער מאַכן.

פויפסט. דו רעדסט פון דיין חלום, ווי ער וואָלט ווירק־לעכקייט געווען.

מלכו. ער וועט זיין ווירקלעכקייט.

פויפסט. פון א חלום קאָן מען רעדן מיט זיכערקייט, נאָר ווען ער ווערט פאַרווירקלעכט, יעמאָלט באַוואונדערט מען אים.

מלכו. און מען באַדויערט, וואָס מען האָט זיך נישט גע־לאָזט פון אים וואָרענען.

פויפסט. מיין זון, דו שטעקסט מיך אָן מיט דיין זיכערקייט.

מלכו. וואויל צו רוים און צו די רוימער!

פויפסט (צו די קאַרדינאַלן). ווערט איר נישט אָנגע־שטעקט, מיינע זין?

וויטערבאָ. מיר איז ווי זיין מויל קאָן אַנדערש נישט רעדן, ווי נאָר דעם אמת, כאָטש איך וואָלט דאָס נישט געוואָלט צוגעבן. דער יונגער מענטש איז א גרויסער קענער פון דער קבלה און דער העברעאישער שפּראַך.

פויפסט. ביזטו שוין אין גאַנצן זיינער.

וויטערבאָ. אַזוי יונג נאָך דערצו!

פוטשי. מיך האָט ער מיט זיין לאַטיין אין גאַנצן אָפּגע־קויפט.

וויטערבאָ. אויך זיין לאַטיין באַוואונדער איך.

גינוטשי. איך קוק אים אָן און באַדויער, וואָס ראַפּאַעל לעבט נישט מער. פאַר מיקעל אַנדזשעלאָן האָט ער נישט גענוג פלייש אויף זיך.

פויפסט. נישט דאָס האָב איך אייך געפרעגט, מיינע זין. אָבער אייערע ענטפערס זיינען מיר קלאָר. איר דערוועגט זיך נישט צו צווייפלען אין זיינע רייד. ווי איך אויך. אויך איך קאָן נישט צווייפלען. ניין, איך גלויב אפילו אין זיין חלום. זיין זעאונג פּאַסט זיך אַזוי פאַר מיר און רוים. מיר זיינען זיך נאָך ווייניק אויסגעשטאַ־נען, וועט דאָס נאָך אויך קומען אויף רוים... א פאַרפליצונג... רוים, מיין רוים וועט אין א ים פאַרוואַנדלט ווערן... גוט, גוט... (צו מלכון.) דו ביזט אַלס קריסט געבאָרן?

מלכו. און אַלס ייד פאַרבאָרגענערהייט אויפגעצויגן גע־

וואָרן. די טויפונג פון מיינע עלטערן איז פאָרגעקומען נישט מיט וואסער, נאָר מיט דעם קאַלטן שווייס פון אַ טויטשרעק. נישט ליבע צום קריסטנטום האָט זיי פאַר קריסטן געמאַכט, נאָר די אומזיניקע מורא פאַרן טויט. זיי זיינען געווען צו שוואַך צו שטאַרבן אויף קדוש השם, די ליבע צום לעבן איז געווען צו שטאַרק אין זיי. האָבן זיי אָנגעטאָן אַ מאַסקע און געלעבט. קריסטן אין גאַס און פאַר לייטן, יידן אין דער פאַרבאָרגעניש פון זייער הויז. און אַזוי בין איך אויסגעוואַקסן אויסערלעך קריסט, אינערלעך ייד. מיין צונג האָט קריסטלעך גערעדט, אָבער מיין האַרץ האָט יידיש געפילט. ביז ענדלעך האָט מען מיר אָנגעזאָגט פון אויבן: די צווייאיקייט זאָל אויפהערן, איך מוז ווערן אַ גאַנצער ייד — און איך האָב געפאָלגט דעם געבאָט פון אויבן.

פ ו י פ ס ט. ווייסטו, אַז דו געהערסט דעם פייערהויפן?

מ ל כ ו. איך האָב דאָס געוואוסט דעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך אַליין געיידישט. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז גאָט איז מיט מיר און וועט מיך נאָך נישט לאָזן ברענען. אָדער וויל אייער הייליקייט גיין קעגן זיין ווילן און מיך פאַרברענען פאַר מיין איצטיקן אָנזאָג?

פ ו י פ ס ט. ניין, דו וועסט נאָך נישט ברענען. איך וויל אָפּווארטן דעם סוף פון דיין נביאות. וועט זי מקוים ווערן, וועל איך דיך דאַרפן האָבן, דיך און דיינע זעאונגען. איך נויטיק זיך אין זיי. איך דאַרף אַ זעער האָבן. אפשר ביזטו עס? אפשר וועסטו אַרויסזען און מיר זאָגן, וואָס איך זאָל טאָן מיטן קייזער קאַרל אָדער מיט קעניג פראַנץ, וועלכע פאַרבלוטיקן מיין איטאַליע מיט זייערע מלחמות. אָדער מיט דעם אַכטן הענרי פון ענגלאַנד, וועלכער וויל זיך צוגטן מיט זיין ווייב און צווינגט מיך צו גיין קעגן גאָט און, וואָס נאָך ערגער, קעגן קייזער. אָדער מיט דעם ווילד געוואָרענעם גלח מאַרטין לוטער, וועלכער וויל נאָכמער צושפּאַלטן די קריסטלעכע וועלט.

אַ ב אַ מ ט ע ר (קומט אַריין). דער ברודער אינקוויזיציע־ריכטער און דער ייד דאָקטאָר יעקב מאַנטינאָ ווילן זען אייער הייליקייט.

פ ו י פ ס ט. שיק זיי אריין.

מ ל כ ו. דער ייד מאַנטינאַ ברענגט דעם אינקוויזיציע־דיכטער קעגן דעם ייד מלכו.

פ ו י פ ס ט. ווי ווייסטו דאָס?

מ ל כ ו. אויך דאָס איז מיר באַוויזן געוואָרן.

פ ו י פ ס ט. ווייסטו אויך דעם סוף?

מ ל כ ו. דער סוף וועט נאָך נישט זיין.

פ ו י פ ס ט (צו די קאַרדינאַלן). ווי פעסט און זיכער. (צו מל־כו.) קען דיך מאַנטינאַ? קען דיך דער פאַטער אינקוויזיטאָר?

מ ל כ ו. מאַנטינאַ קען מיך, מיט דעם אינקוויזיטאָר האָב איך נאָך די באַקאַנטשאַפט נישט געמאַכט.

פ ו י פ ס ט. טרעט אָפּ אָן א זייט, ווענד אָפּ דיין געזיכט. וועט עס נויטיק זיין, וועל איך דיך צורופן. (צו די קאַרדינאַלן.) באַ־גלייט אים, פאַרשטעלט אים, זאָל מען אים נישט גלייך דערזען. (מלכו און די קאַרדינאַלן טרעטן אָפּ צו דער וואַנט לינקס גאַנץ נאָך פאָרנט. מלכו בלייבט שטיין מיטן רוקן צום פויפסט. דער אינקווי־זיטאָר און מאַנטינאַ קומען אַריין, פאַרבויגן זיך פאַרן פויפסט און קושן דעם פויפסטס רינג אויף זיין אויסגעשטרעקטער האַנט. דער פויפסט באַטראַכט זיי אַ ווײַלע.) ווער האָט וועמען געבראַכט, דער קריסט דעם ייד, אָדער דער ייד דעם קריסט? ווער איז אָנ־קלאָגער און ווער אָנגעקלאָגטער? אָדער האָבן זיך ייד און קריסט פאַרייניקט!

א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר. פאַרייניקט אין אָן אָנקלאָג קעגן איינעם, וועלכער רופט זיך יידיש שלמה מלכו, אָבער וועמעס אמתער נאָ־מען דיאָגאָ פּירעס איז גוט קריסטלעך.

פ ו י פ ס ט. איך קען אים... איך קען אים... און וואָס ווערט ער אָנגעקלאָגט?

מ אַ נ ט י נ אַ. דיאָגאָ פּירעס, וועלכער רופט זיך איצטער של־מה מלכו, איז אַ געבאָרענער קריסט, וועלכער רייצט אויף יידן מיט זיינע דרשות קעגן קריסטנטום.

פ ו י פ ס ט. נעמסטו, ייד, זיך אָן פאַרן קריסטנטום?

מ א נ ט י נ אָ. איך וויל פאַרהיטן די יידן פון די קאָנסעקווענצן, צו וועלכע זיינע דרשות וועלן פירן.

אי נ ק וו י ז י ט אָ ר. וואָס די מאָטיוון פון דר. מאַנטינאָ זאָלן נישט זיין, וואָס ער זאָגט וועגן דעם געוועזענעם קריסט, איז נישט אויסגעטראַכט.

פ ו י פ ס ט. עס איז מיר צואווידער, ווען ברודער מסרט ברו־דער.

מ א נ ט י נ אָ. דיאָגאָ פּירעס איז נישט מיין ברודער. ער איז נישט קיין ייד און אַ געפאַר פאַר יידן.

א י נ ק וו י ז י ט אָ ר. אַ קריסט, וואָס איז געוואָרן אַ ייד און שענדט דאָס קריסטנטום!

פ ו י פ ס ט. שלמה מלכו געפינט זיך אונטער מיין שוץ.

א י נ ק וו י ז י ט אָ ר. אייער הייליקייט קאָן נישט באַשיצן אַ פאַרלאַכער און פאַררעטער פון קריסטנטום.

פ ו י פ ס ט. איך וויל, אַז שלמה מלכו זאָל בלייבן אומבאַ־רירט.

א י נ ק וו י ז י ט אָ ר. דו ווילסט מער, וויפיל די קירך קאָן דער־לויבן.

פ ו י פ ס ט. ער איז מיר נויטיק. איך מוז אים האָבן. דער מאָן איז גאַנץ וואונדערלעך. איך וויל אָפּוואַרטן. דו אויך, מיין זון, קאָנסט וואַרטן. ער וועט דיך נישט אויספעלן.

א י נ ק וו י ז י ט אָ ר. אַ קריסט, וועלכער שענדט ווי אַ ייד אונזער גלויבן! — ער מוז געבראַכט ווערן פאַר אונזער געריכט.

פ ו י פ ס ט. איבריקנס, איך האָב נישט געהערט פון אים קיין איין שלעכט וואָרט קעגן אונזער גלויבן. ער איז אין מיינע אויגן אומשולדיק און איך וועל אים באַשיצן.

מ א נ ט י נ אָ. איך האָב דאָ ביי מיר אַ שריפט, פון דיאָגאָ פּירעס פאַרפאַסט. אַן אומזין פון אָנהויב ביזן סוף, אַ ווערטער־שפּיל פון אַ פאַרדרייטן קאָפּ...

פ ו י פ ס ט. וואָס ווילסטו מיט אַזאַ שריפט דערווייזן? וואָס ווילסטו אָנקלאָגן אַ פאַרדרייטן קאָפּ?

מ אָ נ ט י נ אָ. ער מוז אומשעדלעך געמאַכט ווערן. זיינע פאַר־

דרייטקייטן זיינען געפאר פאר ייד און קריסט. קום איך דען אים אנצוקלאגן, ווייל ער האט מיר אליין וואס שלעכטס געטאן? ער איז מיר פרעמד, כמעט אומבאקאנט. אבער איך זע די געפאר, וועלכע ער שלעפט אויף אונז אן מיט זיין געפלוידער.

אינקוויזיטאר. לייען פאר די שטעלן, וועלכע דו האסט מיר פארגעלייענט.

מאנטינא. ווען איך וועל עס אייך איבערזעצן, געדענקט, די ווערטער, וועלכע וועלן ארויסקומען פון מיינע ליפן, זיי זיינען נישט מיינע. דאס זיינען זיינע ווערטער, וועלכע איך האב בלויז איבערגעזעצט. איך דערוועג זיך אפילו נישט צו טראכטן, וואס ער האט דא אריינגעשריבן און פארשפרייט צווישן גאנץ אומשולדיקע יידן.

מלכו (טרעט ארויס פון צווישן די קארדינאלן). איך וועל דיך פון דעם שרעק באפרייען, רבי יעקב מאנטינא. צו וואס זאל איך מיינע ווערטער פון דיין מויל פארנעמען? דו וועסט זיי ארויס־רעדן, ווי זיי וואלטן פאלש געווען, און איך וועל גיין פאר זיי אפילו אויפן פייער. (צום פויפסט און דעם אינקוויזיטאר.) ער וועט אייך מיינע ווערטער איבערזעצן, איר וועט מיך פרעגן, צי האט ער ריכטיק איבערגעזעצט, און וואס און וועמען האב איך דא גע־מיינט — איך וועל דעם גאנצן אומוועג אייך פארשפארן. — איך קען איין גלויבן בלויז, דעם ריכטיקסטן פון אלע, דעם איינציק ריכטיקן, דעם אמת־אמתן. דאס איז די אמונה, וועלכע ישראל האט איבערגענומען פון גאט, די תורה, וואס איז פון גאט פאר ישראל באשאפן געווארן. אלע אנדערע גלויבנס זיינען פאלש.

מאנטינא. אזוי שטייט אין זיין בוך געשריבן.

מלכו. און איך רעד, ווי איך האב געשריבן. די פאלשקייט פון אייער גלויבן אונטערשטיצט איר מיט די אמתן פון דער תורה, וועלכע איז ישראלס. איר נעמט זיינע זיילן און שפארט אן אויף זיי אייער בנין, וואס איז געבויט אויף זאמד. איר האט אייער בוים ארויפגעפלאנצט אויף זיינע ווארצלען, דאס ביסל זאפט פון אייער גלויבן איז נישט אייערס.

אינקוויזיטאר. גענוג!

מ ל כ ו. ווילסטו נישט דיספוטירן?

א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר. איך דיספוטיר נישט, איך משפט בלויז. (צום פויפסט.) ווילסטו אים נאָך נעמען אונטער דיין שוץ?

פ ו י פ ס ט. ער האָט עס מיר זייער שווער געמאַכט. ניין, איך טו אָפּ פון אים מיין האַנט.

מ אַ נ ט י נ אָ. כן יאבדו!

א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר. דאַרף נאָך געמאַכט ווערן אַ פּראָצעס? ער האָט זיך אַליין אַזוי וואונדערלעך אָנגעקלאָגט. אַ קריסט גע־ וועזן, אַ ייד געוואָרן און לעסטערט אונזער גלויבן אויפן מוראַ־ דיקסטן אופן. דער פּראָצעס איז געענדיקט. דער באַשולדיקטער האָט זיך אַליין דערקלערט פאַר שולדיק. זיין פּסק איז דער פייַ־ ערהויפן.

מ ל כ ו. איך וועל נישט ברענען. (באַוועגונג פון דערשטוי־ נונג.)

א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר. דו וועסט נישט ברענען? מיר וועלן גלייך עס אויסגעפינען. (צו זיינע באַגלייטער.) גייט שנעל, לייגט אָן דאָס האָלץ. דאָס פייער צינד איך אַליין אָן. (באַגלייטער אָפּ.)

מ ל כ ו. איך וועל נישט ברענען. מיין זעאונג נאָר ווערט מקור־ ים. אויך דיין מסירה, מאַנטינאָ, איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרן. אַלץ ווערט מקוים, אַלץ וועט מקוים ווערן. איצטער קאָן איך גיים דער־ וואַרטן, ניים וועט מיר באַווייזן ווערן.

פ ו י פ ס ט. לאָזט מיך אַליין מיט דעם באַשולדיקטן.

א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר. מיט דעם פאַראורטיילטן. ער איז איצ־ טער מיינער.

פ ו י פ ס ט. טרוי מיר אים אָן אויף אַ קורצער ווייַלע. דו וועסט אים שפּעטער האָבן.

א י נ ק ו ו י ז י ט אָ ר. די אינקוויזיציע האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געטאָן. זי האָט נאָך קיינמאָל פון אַ פאַראורטיילטן איר אויג נישט אָפּגעווענדט.

פ ו י פ ס ט. איך וועל זיין איר אויג. גייט, זאָג איך אייך, לאָזט מיך איצטער אַליין מיט אים.

אינקוויזיטאָר. איך פּאָלג, וואָס איך דאַרף נישט פּאָלגן. (אַלע אָפּ אויסער מלכו.)

פּויפּסט. איך וויל דיך ראַטעווען, מיין זון.

מלכו. איך ווייס, איך וועל געראַטעוועט ווערן.

פּויפּסט. ביזטו זיכער, וועסט נייע זעאונגען האָבן?

מלכו. איך וועל תּפילה טאָן, זיי וועלן קומען.

פּויפּסט. פאַרשפּרעכסטו מיר, מיר זיי מיטצוטיילן?

מלכו. אַלץ, וואָס וועט דיר נוגע זיין, און זיי וועלן דיר נוגע זיין.

פּויפּסט (קלינגט, דער קאָמאַנדיר פון זיין גוואַרדיע קומט אַריין). האָסטו איינעם אין אונזער געפענגעניש, וואָס זאָל אויסזען אַזוי ווי ער?

קאָמאַנדיר. אַזוי שיין ווי ער?

פּויפּסט. פון זיין וואוקס, געשטאַלט?

קאָמאַנדיר. עס געפינען זיך עטלעכע אפילו.

פּויפּסט. ברענג אהער וואָס שנעלער דעם ענלעכסטן צו אים. ברענג אים אין אַ קיטל, אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ — איך וויל זיין געזיכט נישט זען.

קאָמאַנדיר. וועט געשען. (אָפּ שנעל.)

מלכו. זאָל אַן אַנדערער פאַר מיר פאַרברענט ווערן?

פּויפּסט. איינער, וואָס וואָלט סיי ווי סיי פאַרברענט געוואָרן.

מלכו. דאָך וואָלט ער היינט געלעבט נאָך, פּיליכט אויך מאָרגן און איבערמאָרגן. מיט תּפילות צו גאָט און מיט האָפענונגען אין האַרצן.

פּויפּסט. די, וועלכע פינסטערן אין אונזערע קעלערן, האָבן נישט קיין האָפענונגען און בעטן נישט צו גאָט. ווילסטו אויף זיי רחמנות האָבן, בעט פאַר זיי אַ שנעלן טויט.

מלכו. דאָך — פאַר מיר פאַרברענט ווערן... אַן אַנדערער פאַר מיר, אַן אַנדערער, וועלכער וויל נישט פאַר מיר שטאַרבן... אַן אַנדערער, וועלכער וועט געוויס דאָך פאַרברענט ווערן...

פּויפּסט. ווילסטו אויפן פייער גיין?

מלכו. איך וויל, אַז אומשולדיקער זאָל פאַר מיר נישט פאַר־ברענט ווערן. שיק מיך אויפן פייער. האָב קיין מורא נישט, ווי איך האָב נישט קיין מורא. איך וועל נישט ברענען.

פויפסט. איך וואָלט געוועזן אַ בעלן אויסצופּרואוון, דאָך איך וועל עס נישט טאָן. איך האָב מורא.

מלכו. איך זאָג דיר, האָב קיין מורא נישט.

פויפסט. איך האָב מורא, דער וואונדער וועט געשען. ווען דאָס זאָל געשען און דער פייער וועט דיך נישט נעמען, וואָס זאָל יעמאָלט זיין מיט מיר? דו פאַרשטייסט... יעמאָלט... יעמאָלט... ניין, איך וועל עס נישט אויספּרובירן. אַן אַנדערער וועט פאַר דיר ברענען. קיין אומשולדיקער נישט. אַ טויט־פאַראורטיילטער, וועלכן אַ פריער טויט וועט ראַטעווען פון איבעריקע יסורים. ער וועט דיר דאַנקבאַר זיין. ניין... ניין... עס וועט געשען, ווי איך וויל.

מלכו. עס געשעט גאָטס ווילן. אַזוי צי אַזוי, אַ נס וועט דאָך געשען. איך זאָל פאַרברענט ווערן און וועל עס נישט. אויך דאָס פאָלק וועט וויסן פון דעם גרויסן וואונדער. עס וועט הייסן, אַז איך בין פאַרברענט געוואָרן, און באַלד וועט מען מיך זען אַ לעבעדיקן, און מיר וועלן אפילו נישט קאָנען אַפּלייקענען, נישט דו נישט איך, אַז איך בין אויפן שייטערהויפן נישט געשטאַנען.

פויפסט. זאָלן די מענטשן גלויבן, וואָס זיי ווילן. איך וועל אָבער שמייכלען. דאָך די האַנט פון דעם אינקוויזיטאָר דאַרף דיך מער נישט דערגרייכן. דו וועסט פאַרלאָזן רוים, מיינע געטרייע דינער וועלן דיך אַרויסבאַגלייטן... נאָר פאַרלאָז איטאַליע נישט, בלייב נישט ווייט פון מיר. איך וויל דיך האָבן נאָנט. דו ביזט מיין זעער, מיין צוקונפטס־לייענער. בין שווין מיד פון דעם געראַנגל מיט קייזער און קעניג. איך דערוואַרט פון דיר אַ צייכן... (קאָמאַנדיר קומט אַריין, פירנדיק אַ געשטאַלט, וועלכע קאָן לייכט אָנגענומען ווערן פאַר דעם געשטאַלט פון מלכו, פון קאָפּ ביז פיס איינגעוויקלט אין אַ קיטל, די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. דער פויפסט צום אָפיציר.) גוט צוגעפּאַסט. אַ דאַנק. איצטער באַגלייט אַרויס דעם דאָזיקן יונגן מענטש אַהער אין צימער, באַהאַלט אים, לאָז קיינעם צו אים נישט צו, און ביי דער נאַכט וועסטו מיר אים

ארויסבאגלייטן פון רוים און צוזען, אים זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. (צו מלכון.) מיין זון, נעם מיין ברכה מיט. אָדער — גיב מיר דו דיין ברכה.

מלכו. דו זאָלסט דערלעבן דעם אָנקום פון משיח. (אָפּ מיט דעם אָפיציר.)

פויפסט (לאַכט אויף ביי מלכוס ברכה, טראַכט אַ ווײַלע און קלינגט אָן. באַאַמטער טרעט אַריין). שיק אַריין דעם אינקוויזיטאָר. (באַאַמטער אָפּ. די געשטאַלט לאָזט אַרויס אַ קרעכץ ביים פויפסטס באַפעל און הייבט שטאָלץ אויף דעם קאָפּ און שטייט אַזוי, ווען דער פויפסט זאָגט אים:) גאָטס גנאָד קומט צו דיר פאַר דער צייט. דו האָסט נאָך לאַנג געזאָלט געפייניקט ווערן, איצטער וועסטו באַלד באַפרייט ווערן פון פיין. (אינקוויזיטאָר קומט אַריין.) דאָ האָסטו דיין קרבן. איך האָב געפּרובירט איינצואווירקן אויף אים, אָבער ער האָט זיך דערוועגט נאָך מער און מוראדיקער צו לעסטערן, האָב איך געהייסן אָנטאָן אים דעם קיטל איבערן קאָפּ, ער זאָל נישט קאָנען רעדן מער. איר זעט, ווי שטאָלץ ער האַלט זיך. ער האָט פאַר פייער קיין מורא נישט און וואָלט אונזער גלויבן געלעסטערט, אַלע אויערן זאָלן הערן. נעמט אים צו און טוט אים זיין פּסק, נאָר באַפרייט אים נישט זיין מויל, זיין צונג, וועלכע קאָן פאַרפירן, האַלט זיין געזיכט פאַרדעקט, זיין שיינקייט זאָל קיין רחמנות נישט דערוועקן און זעט צו, דער פייער זאָל אים נעמען.

אינקוויזיטאָר. ער וועט שוין ברענען! אין נאָמען פון גאָט און זיין זון און דעם הייליקן גייסט, אמן! (פירט אַוועק די געשטאַלט.)

פויפסט (בלייבט אַליין, לאַכט אָפּ און פאַרזינקט אין געדאַנקען).

## פערטער אקט

אַ גרויס צימער, וואָס איז כמעט פריי פון מעבל: בלויז בענק אַרום די ווענט און אַ גרויסער טעפּיך באַדעקט די דיל. צוויי פענסטער גאַנץ אין דער הויך לאָזן אַריין דאָס ליכט, צוויי טירן — איינע רעכטס צום אַרויסגאַנג, די צווייטע לינקס צו מלכוס שלאָפצי־מער, יידן פון אַלערליי לענדער פילן אָן דאָס צימער: פון איטאַליע, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, פון דייטשלאַנד, פוילן, בעהמען און פון דער טערקיי. זיי גייען אַרום פון ווינקל צו ווינקל און בלייבן אָפּט שטיין פאַר דער טיר לינקס. באַגייסטערטע, פאַרגייסטערטע מענער פון פאַרשיידענעם עלטער, אויסגעפילט פון אַן אומרו פון מענטשן, וועל־כע לעבן אין גרויסער דערוואַרטונג. זיי וואָלטן געוואָלט זינגען, שפּרינגען, אויפהייבן די הענט אין דער הויך און אויפהייבן זיך אין דער לופט, פליען, פילן זיך לייכט, אויסגעטאָן פון דער גשמיות, אָדער אויסשרייען זיך אין באַגייסטערטע תפילות, רופן צו גאָט, דערגרייכן צו אים, ווערן איינס מיט אים. טרערן אין די אויגן, פון פרייד און האָפענונג, און ווערטער זיינען איבעריק. קאָנען אויך נישט אַרויסגערעדט ווערן אין אָרדנונג. עס ווילט זיך לאַכן פאַר פרייד, און מען שעמט זיך צו לאַכן, מען האָט מורא צו לאַכן, ווייל לאַכן איז אַ זינד — הייבט מען די אויגן צום הימל: גאָט זעט דאָך, אַז מען לאַכט נישט פון שלעכטסקייט, נאָר ווייל דאָס האַרץ איז איבערגעפולט פון דער גרויסקייט פון זיינע חסדים. ווען צוויי טרעפן זיך אָן אין זייער אַרומבאַוועגן זיך, קוקן זיי זיך אָן מיט זייער באַגייסטערונג, מיט פריילעכער ליב־שאַפט, גרייט אַרומצונעמען זיך, צו צוקושן זיך, צו זאָגן זיך ווער־טער פון האַרציקער וואַרעמקייט. דאָס אַרומגיין ווערט טאַנץ, ווערט התלהבות, ווערט עלית נשמה. דאָס אָפּשטעלן זיך פאַר דער טיר איז בענקעניש, איז תפלה, איז האַרצברעכנדיקע אומגעדולד. מען שאָקלט זיך פאַר דער טיר, שטרעקט אויס צו איר די הענט, ווי צו בעטן, צו גלעטן, צו לאַסצען, און מען טרעט אָפּ און אַריין ווידער אין

דאָס אַרומבאַוועגן זיך מיט אַ פּון די אויגן אַרויסקוואַלנדיקער שמייכלענדיקער בענקעניש, האַרצאויסגייעניש.

אַ ייד (קומט אַריין פּאָרזיכטיק, מיט יראה און הכנעה, קוקט זיך אַרום, זוכנדיק, מיט פאַרלאָרנקייט אין די אויגן. די אַנדערע נעמען אים אויף אַן „שלום עליכם" און אַ פאַרנאַנדערפרעגעניש, שטומערהייט, מיט זייער פרייד און גליקזעליקייט, טרעטן צו אים צו אין זייער אַרומבאַוועגן זיך, וואַרפן צו אַ וואָרט און באַוועגן זיך ווייטער).

ערשטער (צום אַריינגעקומענעם). ער רוט.

צווייטער (מיט התפעלות). ער רוט!

דריטער. וואָס שייך, ער רוט! דאַרף ער רוען?

פערטער. אַ גוף, וואָס ווערט נישט פערברענט!

פינפטער (מיסטיש), האָט ער דען אַ גוף?

ערשטער (צוקומענדיק צו דער טיר לינקס, מיט אַ וואונק צום אַריינגעקומענעם). הינטער דער טיר. (בלייבט שטיין און צו־שאָקלט זיך מיטן געזיכט צו דער טיר.)

דער אַריינגעקומענער. געזען אים?

צווייטער. קיינער האָט אים נאָך נישט געזען.

ערשטער (אין אַרומגיין). מיד פון וועג.

דריטער. וואָס שייך מיד? ווי קאָן ער זיין מיד?

פערטער. אַ גוף, וואָס פייער עסט נישט!

פינפטער. ער גייט דען? ער באַוועגט זיך דען? ער האָט געזאָגט: וועגעדיג — איז געוואָרן אונטער זיינע פיס וועגעדיג.

דער אַריינגעקומענער. וואָס טוט ער דען דאָרטן הינ־טער דער טיר?

ערשטער. מען האָט אונז געזאָגט: ער שלאָפט.

צווייטער. אַזוי האָט דער בעל הבית געזאָגט. ער שלאָפט, האָט ער געזאָגט.

דריטער. דער בעל הבית האָט געזאָגט, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט זאָגן.

פערטער. ער שלאָפט נישט און דרעמלט נישט, דער הי־טער פון ישראל.

פ י נ פ ט ע ר. ווער זאָגט אונז, אַז ער איז דאָרטן הינטער דער טיר?

ע ר ש ט ע ר. דער בעל הבית מוז דאָך וויסן.

פ י נ פ ט ע ר. ווער זאָגט, אַז דער בעל הבית מוז וויסן?

צ ו ו י י ט ע ר. האָט ער אים נישט אַריינגעפירט אַהער אין צימער? האָט ער אים נישט געמאַכט זיין געלעגער?

פ י נ פ ט ע ר. און אַז ער האָט צוגעמאַכט די טיר, האָט רבי שלמה אַרויסגעזאָגט: י ר ו ש ל י ם! — און ער שטייט שוין אין ירושלים.

ע ר ש ט ע ר. איין קוק הינטער דער טיר! איין קוק הינטער דער טיר!

פ י נ פ ט ע ר. די טיר באַהאַלט אים נישט פון מיר. ער איז אומעטום, איך פיל אים לעבן זיך.

פ ע ר ט ע ר. אַ גוף, וועלכן פלאַמען האָבן נישט געקאָנט באַרירן!

ד ר י ט ע ר. אַ רואה ואינו נראה... ווי ער איז פאַרשוואונדן פון פייער! ווען דער אינקוויזיטאָר, ימח שמו וזכרו, איז אַריינגע־קומען צום פויפסט אָנזאָגן אים, אַז זיין קרבן איז פאַרברענט געוואָרן...

צ ו ו י י ט ע ר. וועמען דערזעט ער דאָרטן? ווער קומט אים אַרוים אַנטקעגן?... (אַ התפעלותדיקער געלעכטער פלאַטערט אויף אין פרומער איינגעהאַלטנקייט.)

ד ר י ט ע ר. דעם ימח שמו וזכרו האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען די הענט און די פיס, ווען ער האָט דערזען זיין פאַר־ברענטן קרבן געזונט און שטאַרק אין אַלע אברים...

פ י נ פ ט ע ר. וועלכע זעען אוים ווי אבריב...

פ ע ר ט ע ר. אַ גוף, וואָס איז קיין גוף נישט... אַ רואה ואינו נראה... וואָס זשע קוקן מיר אויף דער טיר, אַז ער איז גאָר צווישן אונז?...

פ י נ פ ט ע ר. ער א י ז צווישן אונז! (דער גאַנצער עולם אויפגערודערט; די זיצנדיקע שטייען אויף, די אַרומגייענדיקע רוקן זיך אָפּ צו די ווענט. אויגן בלאָנדזשען אַרום און שטרענגען זיך

אָן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דורכדרינגען די צימערלופט און דערזען דעם רואה ואינו נראה, עס איז זיי אַלעמען, ווי זיי וואָלטן אים געפילט לעבן זיך, און איבער אַלעמען ליגט אַ מורא. דער פינפטער אַליין באַוועגט זיך אַרום אין זיין ווינקל און רעדט ווייטער.) און אַז ער איז דאָ נישטאָ מיט אונז, איז ער דען נ י ש ט מיט אונז? און אַז ער איז אין ירושלים, איז ער נישט מיט אונז? ווייס ער דען נישט, וואָס מיר רעדן דאָ? זעט ער דען נישט אונזערע געדאַנקען?

ע ר ש ט ע ר (לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני). רעטער אונזערער, אויסלייזער אונזערער, ראַטעווע אונז! דער שווערד פון דער אינקוויזיציע ליגט שוין אויף אונזערע העלזער אין פּאָרטוגאַל, דער פייער פון די רשעים נעמט אונז שוין אַרום!

צ ו ו י י ט ע ר. הער דו אונזערער, שליח פון גאָט, דאָס וואַסער דערגרייכט שוין אונז אין בעהמען ביז צום האַלז!

ד ר י ט ע ר (צושאָקלט זיך מיט צוגעמאַכטע אויגן). האַרוניו אונזערער, אונזער מלך אין פּוילן איז אַ מלך חסד, אָבער מיר וואַרטן אויף דיר. רוף אונז און מיר וועלן גיין נאָך דיר.

ד ע ר פ י ר ט ע ר (אייגבייגנדיק און אייגן־קאָרטשענדיק זיך). נידעריקער ווי גראָז זיינען מיר אין דייטשלאַנד, ווערעם און נישט קיין מענטשן. אויף דיר איז אונזער האָפנונג.

פ ע ר ט ע ר. ישמעאל איז גוט צו אונז, אָבער מיט טאַנץ גייען מיר דיר אַנטקעגן און מיט שמחה. טעגלעך וואַרטן מיר אויף דיין קומען.

פ י נ פ ט ע ר. פון אַלע לענדער, פון אַלע עקן וועלט, פון ימים און מדבריות קומען מיר אַרויס...

מ ל כ ו (באַווייזט זיך אין דער טיר לינקס. אָנגעטאָן ווי אַן איטאַליענישער נאָבלמאַן. דער עולם איז איבעראַשט, געבלענדט פון זיין שיינקייט, גערירט פון דער ווייכקייט און צאַרטקייט פון זיין פּנים, פון דער ליבע, וואָס שיינט פון אים אַראָפּ. זיי וואָלטן געוואָלט פאַלן כורעים, קני בויגן זיך, מיילער עפענען זיך צו אַן אויפגעשריי, הענט ווילן זיך אויפהייבן אָדער צונויפלייגן אין געבעט. אין די בליקן ראַנגלט זיך שרעק מיט התלהבות, ביז ענד־

לעך רייסן זיך אַרויס איינצלנע אויסגעשרייען, אָנגעזאַפּט מיט בענקעניש און מיט טרערן פון התלהבות.)

אויפגעשריי. האר אונזערער!... אויסלייזער אונזערער!... טרייסט אונזערע!...

מלכו. פון פאַרשיידענע לענדער, פון גאַר דער וועלט, פון מזרח און מערב און צפון און דרום — קיבוץ גליות... אַ וואָרט, אַ צייכן, איך האָב אים נאָך נישט. אָבער ער איז שוין נאָנט. טוט איר תשובה, יידן?

אויפגעשריי. גיב זי אונז!

מלכו. רייניקט איר זיך?

אויפגעשריי. באַפויל אונז!

מלכו. און איצטער, ישראל, וואָס פאָדערט גאָט פון דיר, בלויז דו זאָלסט מורא האָבן פאַר יהוה דיין גאָט, גיין אין זיינע וועגן און ליבן אים און דינען יהוה דיין גאָט מיט דיין גאַנצן הארצן און דיין גאַנצער זעל. היטן די אָנזאָגן פון גאָט און זיינע געזעצן, וואָס איך האָב דיר היינט אָנגעזאָגט, צום גוטן פאַר דיר, די יראה פאַר גאָט וועט אייך ממילא מאַכן צו גיין אין זיינע וועגן און צו ליבן אים און צו דינען אים מיטן גאַנצן הארצן. אין דער יראה ליגט אַלץ. השם יתברך בעט גאָרנישט מער פון אייך, ער וויל פון אייך מער גאָרנישט האָבן. אָבער די יראה וועט אייך אָפּ־ראַטעווען פון אַלדאָס בייז און וועט אייך באַהעפטן מיט אַלדאָס גוטס. די יראה, זי וועט אייך רייניקן, אין איר וועט איר געפינען די אמתע תשובה. אַ, צדיקים וואָס איר זייט, געלייטערטע דורך די צרות, וועלכע לייטערן אייך ווי זייף זילבער, די גאולה שטייט פאַר אייער טיר, איר זייט פון משיחס דור.

אויפגעשריי. ווען?!

מלכו. ווי? — דאָס איז די פראַגע. איר מוזט אַלע העלפער זיין. מיט אייער תשובה, מיט אייער יראה, מיט אייער לייב און לעבן. זאָגט זיך אָפּ פון די תאוות פון דעם גוף, רייסט זיך אוועק פון דער ערד. ווער עס קלעפּט אָן דער ערד, גייט נאָך זאַכן גופּימדיקע און דערווייטערט זיך פון זאַכן רוחניותדיקע, דער קאָן זיך נישט אויפהייבן, קאָן זיין יצר הרע נישט מנצח זיין, קאָן

נישט ווערן קעמפער פאַר גאָט, קאָן נישט באַפרייט ווערן. ווילט איר, קאָנט איר זיין קעמפער פאַר גאָט?

צווייטער. מיר ווען זיך אָפּרייסן פון דער ערד!

דריטער. מיר ווען זיך אָפּזאָגן פון די תאוות פון דעם גוף!

פערטער. מיר ווען זיך דערנענטערן צו די זאַכן רוחניות־דיקע!

פינפטער. מיר ווילן זיין קעמפער פאַר גאָט!

מלכו. זייט איר מיינע שליחים. צוגייט און צופאָרט זיך יעדער אין זיין שטאָט און יעדער אין זיין לאַנד. רופט דאָס פאָלק צו ריייניקונג, צו יראה, צום אָפּזאָג פון די תאוות פון גוף, צום אָפּריים פון דער ערד, צו דערהייבונג, צו רוחניות און צום קאַמף פאַר גאָט. גרייט זיך צו מיט תעניתים און תפילות און וואַרט. איר וועט נישט לאַנג וואַרטן, גייט אַלע, און גאָט וועט זיין מיט אייך. (זיין וואָרט איז באַפעל. די יידן הייבן אָן אַרויסצוגיין, באַצויבערט קוקנדיק אויף אים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט וואָס מער אַריינ־נעמען אין זיך פון אים. פאַר דער טיר בלייבן זיי שטיין און ווענדן זיך צו אים.)

אויפגעשריי. ווען? ווען?

מלכו. ווען איך וועל אייך רופן.

עולם (לאַנגזאַם אַרויס).

ראובני (באַווייזט זיך אין דער אַרויסגאַנגטיר).

מלכו (האַלט איין אַן אויפגעשריי, לאָזט זיך איבערראַשט צו ראובנין). מיין האַר! שלום עליכם און ברוך הבא!

ראובני (מיט פאַרבייגונג). עליכם שלום, מיין האַר!

מלכו. איך בין געווען אויפן וועג צו דיר, די אַרויסגע־גאַנגענע האָבן מיך פאַרהאַלטן.

ראובני. איך בין פאַר דיין טיר געשטאַנען. געוואַרט, דער עולם זאָל אַוועק.

מלכו. איך בין געקומען אַהער, ווייל איך האָב געוואוסט, מיין האַר איז דאָ.

ראובני. דו האָסט זיך אַרומגעטריבן פון שטאָט צו שטאָט.

ווען דו וואָלסט אויף אַן אָרט געזעסן, וואָלט איך צו דיר גע־קומען.

מלכו. מיין האר — צו מיר?

ראובני. פאַרקלענער זיך נישט, איך ווייס, וואָס מיט דיר איז געשען. די אויגן פון פאָלק זיינען איצטער צו דיר געווענדט.

מלכו. איך האָב אומעטום אין דיין נאָמען גערעדט. איך בין געווען בלויז דיין שליח.

ראובני. אַ שליח פון אַ שליח, וועמענס שליחות איז פאַרפעלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן גוט, עס איז אוועקגעגאַנגען שלעכט. דער פויפסט איז געוועזן גוט צו מיר, זיינע אויערן ווי זיינע טירן זיינען געוועזן אָפן פאַר מיר. ער האָט מיר געגעבן אַ בריוו צום קעניג פון פּאָרטוגאַל. דער קעניג איז געוועזן גוט צו מיר, זיינע אויערן ווי זיינע טירן זיינען געוועזן אָפן פאַר מיר. האָט מיר פאַרשפּראָכן די נויטיקע שיפן און קאַנאָנען, אָבער די אומגעדולד האָט אַלץ צו נישט געמאַכט. דו האָסט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס פון מיינע פּלענער איז נישט געוואָרן. דו, די יונגע מאַראַנען פון באַדאַכאָס, דער טריאומף פון גאולה, וואָס האָט אַרויסגעשריען פון אַלע מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל, איידער די גלות־נאַכט איז נאָך אַוועק — דאָס אַלץ האָט דעם קעניג אויפגערייצט קעגן מיר. אַנשטאָט די פאַרשפּראָכענע שיפן און קאַנאָנען, האָט מען מיך מיט געוואַלט אויף אַ שיף אַרויסגעזעצט און פון לאַנד מיט שאַנד אַרויסגעטריבן. מיר זיינען קיין נסים נישט געשען. פאַרקערט. פון איין אומגליק בין איך אין אַ גרעסערן אַריינגעפאַלן. מיין שיף האָט מיך נישט געטראָגן ווי אויף פליגלען צו אַ ציל, נאָר פאַרטראָגן האָט זי מיך אין אַן אָפּגרונט. אַנשטאָט צוריק נאָך איטאַליע, האָט זי מיך נאָך שפּאַניע פאַרשלעפּט, אין די הענט פון דער אינקוויזיציע. קוים באַפרייט, פאָר איך ווייטער, און מיין שיף צושלאָגט זיך אָן אַן אינזל, און איך פאַל אַריין אין די הענט פון דעם שפּאַניער דאָן קלערמאָנטע, פון וועלכן נאָר גרויסע געלטער האָבן מיך אויסגעקויפט.

מלכו. און דו זאָגסט, מיט דיר זיינען קיין נסים נישט געשען?

ר א ו ב נ י. גאָרנישט, וואָס וואָלט אַן אַנדער ייִד נישט גע־קאָנט געשען.

מ ל כ ו. פון די הענט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע...

ר א ו ב נ י. האָט מיך אַ שריפט פון קייזער קאַרל אַרויסגענומען.

מ ל כ ו. איז דאָס אַליין נישט קיין נס?

ר א ו ב נ י. עס האָט אים אין יענעם טאָג געפּאַסט דעם פּויפּסט אַ געפאַל צו טאָן. אין אַנדער טאָג וואָלט ער געהייסן מיך פאַרברענען.

מ ל כ ו. אָ, דו ווילסט נישט זען דעם נס! דער נס איז גרויס, און קלענער נישט איז דער נס פון דיין אויסלייזונג פון קלער־מאָנטעס הענט.

ר א ו ב נ י. פיליכט איז דאָס אַ נס, וואָס די קהלות פון אוויניאָן און קאַרפּענטראַס האָבן אַזויפיל געלט געהאַט, אַזויפיל געלט אָפּגעריסן ביי זיך אום מיך אויסצולייזן. זעקסהונדערט דו־קאַטן! האָבן אויסגעביטן זיי אויף דער גרויסער מצווה, אויף פּדיון שבוים — איז דאָס אַ נס?

מ ל כ ו. אַ נס... אַ גרויסער נס...

ר א ו ב נ י. אַ נס איז ד י ר געשען!

מ ל כ ו. איין האַנט פירט אונז ביידן, האָט אונז ווידער צונויפגעפירט צו שותפותדיקער אַרבעט. אָבער צוערשט וועסטו זיך מיר אויפדעקן, ווי דו האָסט עס מיר פאַרשפּראָכן.

ר א ו ב נ י. איך דיר — פאַרשפּראָכן?

מ ל כ ו. אין אונזער לעצטן אָוונט, ווען איך האָב דיך גע־בעטן, דו זאָלסט זיך מיר אויפדעקן, האָסטו מיר געענטפערט: „נאָר נישט אין פּאָרטוגאַל."

ר א ו ב נ י. וואָס וואָלט איך דיר יעמאָלט נישט געזאָגט, אַבי דו זאָלסט אַוועקגיין.

מ ל כ ו. ווילסטו ווייטער בלייבן פאַר מיר פאַרבאָרגן. דו ביזט נישט דער, פאַר וועמען דו גיסט זיך אויס, פאַרלייקנסט זיך פאַר לייטן. האָסטו ווירקלעך קיינמאָל נישט געלערנט, און די תורה איז דיר פרעמד?

ר א ו ב נ י. וואָס מאַכט עס אויס? איך בין נישט געקומען צו פאַרהערן זיך אין תורה, נישט מיט דיר און נישט מיט קיינעם אַנדערש.

מ ל כ ו. איך וויל דעם אמת וויסן.

ר א ו ב נ י. וועלכן אמת?

מ ל כ ו. קומסטו פון אַראַביע?

ר א ו ב נ י. דו ווייסט, אַראַבער האָבן מיך פאַר אַ זייעריקן געהאַלטן.

מ ל כ ו. ביזטו אַ קעניגס זון? איז דיין ברודער אַ קעניג? קומסטו מיט אַ שליחות פון אים און די זיבעציק זקנים פון זיין מלוכה?

ר א ו ב נ י. וואָס אַרט דיך, ווער איך בין? ווער מיין פאָ־טער, ווער מיין ברודער? פון וואַנען און פון וועמען איך קום? איז נישט דאָס ציל דער עיקר? איך בין דער ווילן און די טאַט צו אונזער אויסלייזונג. נישט קיין אַנדערער נאָר איך בין גע־שטאַרקט געוואָרן פון דעם ווילן צו גאולה; נישט קיין אַנדערער נאָר איך האָב דעם ווילן אין טאַט פאַרוואַנדלט. איז דיר דאָס נישט גענוג?

מ ל כ ו. איך וויל דיך קענען, איך וויל דיך וויסן... פאַרוואָס באַהאַלטסטו זיך פאַר מיר?

ר א ו ב נ י. באַהאַלט איך פון דיר מיין ווילן? באַהאַלט איך פון דיר מיין טאַט? ביזטו מיין שליח, נעם אויף טאַט און ווילן און טראָג זיי ווייטער. פרעג נישט מער, זוך נישט ווייטער.

מ ל כ ו. בלייבט מיר נאָך די איינע פראַגע: וואָס גייסטו טאָן? איך בין געקומען אַהער דיך צו זען און פון דיר דאָס אויס־צוגעפינען.

ר א ו ב נ י. איך בין אַריבערגעטראָטן דיין שוועל, אום אויסצוגעפינען, וואָס דו גייסט טאָן.

מ ל כ ו. דו האָסט אָנגעהויבן, איך בין דאָך בלויז דיין שופר.

ר א ו ב נ י. איך בין ביים סוף, ווייס מער נישט, וואָס צו טאָן. ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון מיין פייניקער קלערמאָנ־טעס הענט, האָב איך מיינע טריט נאָך ווענעדיג געווענדט. וואָס

מיר איז נישט געלונגען מיט דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל, וועט מיר אפשר געלינגען מיט דער מעכטיקער רעפּובליק. מיינע ערשטע שריט זיינען געווען מיט דערפאָלג, מען האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען, אַ גראַף האָט מיר אין זיין פּאַלאַץ אַ דירה אָפּגעגעבן, און דער ווענעציאַנישער סענאַט האָט מיט מיר געפירט פאַרהאַנדלונגען. דאָך פּלוצלונג איז עס אַנדערש געוואָרן. יידן אַליין האָבן אָנגערעדט אויף מיר אַלדאָס בייז פאַרן סענאַט, און איך האָב געקראָגן דעם באַפעל ווענעדיג צו פאַרלאָזן.

מלכו. ווידער אַ מסירה!

ראובני. איז עס נישט מערקווירדיק? דו ברענגסט זיי די גאולה, און זיי ווילן דיך פאַרניכטן.

מלכו. זיי וועלן די גאולה נישט פאַרהאַלטן.

ראובני. זיי וועלן מוזן אויסגעלייזט ווערן קעגן זייער אייגענעם ווילן. אַזוי איז עס שוין, שקלאַפן ווערן באַפרייט. אָפט מוז מען די באַפרייאונג אַרויפצווינגען אויף זיי. איך האָב עס געוואָלט, האָב דערצו געפירט. איצטער ווייס איך נישט מער. ווייסטו?

מלכו. איך וואַרט אויף דיין וואָרט.

ראובני. דער פּויפּסט איז אַמאָל געווען גוט צו מיר, איצטער ביזטו זיין בוזים־קינד. דאָס פאָלק איז פריער נאָך מיר נאָכגעלאָפן. איצטער לויפט עס נאָך נאָך דיר. אויף דיינע ליפּן העננגט עס, דיינע ווערטער כאַפּט עס אויף...

מלכו. איך האָב דעם פאָלק דערקלערט, אַז איך קום אין דיין שליחות.

ראובני. אין אַ בריוו, ווייס איך, האָסטו עס אָפּגעשוואָרן. גאָט, שרייבסטו, האָט דיך געשיקט.

מלכו. פון גאָט זיינען אַלע אונזערע באַוועגונגען.

ראובני. וועסטו גיין מיט מיר —

מלכו. אַפילו צו קייזער קאַרל.

ראובני. האָסט מיין געדאַנק געטראָפן!

מלכו. מיר ווערן פון גאָט געפירט, פון גאָט קומט אונז די עצה.

ר א ו ב נ י. קייזער קאַרל איז דער איינציקער געבליבן. דער אייניקל פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, די תליונים פון די שפּאַניער יידן — ער זאָל אונז העלפן... געבן אונז שיפן, קאַנאָנען, וואפן... קלינגט גאַנץ אומגלויבלעך, ווי?

מ ל כ ו. ניין, נישט בעטן הילף.

ר א ו ב נ י. פּילייכט אים גאָר באַפוילן?

מ ל כ ו. מיר וועלן צו אים קומען און פאָדערן, ער זאָל ארויסלאָזן די יידן פון אַלע לענדער, וואָס געפינען זיך אונטער אים.

ר א ו ב נ י. פּרעה — ער, מיר — משה און אהרן.

מ ל כ ו. יאָ, ווי משה און אהרן וועלן מיר קומען צו אים, און פאָדערן. די יידן זיינען סיי־ווי־סיי אים אַ שווערע הכבדה, אַ קוואַל פון לאָדעניש און באַשטענדיקע גזרות, לאָז ער זיי לאָזן גיין, די אָפענע און די באַהאַלטענע...

ר א ו ב נ י... „גייט, באַפרייט מיך פון אייך און ווערט אליין באַפרייט!"

מ ל כ ו. און זאָל ער זיי דערלויבן צו באַוואָפענען זיך, און אַ רוף וועט אַרויסגיין פון אונז: נאָך ארץ ישראל, יידן! גאָט רופט אייך! זאַמלט זיך צונויף צו דער מלחמה פון משיח!

ר א ו ב נ י. צו דער מלחמה פון דער גאולה! צו דער מלחמה פאַר באַפרייאונג פון לאַנד און פאָלק!...

מ ל כ ו. און פון אַלע לענדער וועלן זיי קומען אונטער דיין פירערשאַפט, דו געלערנטער צו מלחמה, פון גאָט דערצו באַשטימט...

ר א ו ב נ י. ווען מיר וועלן אָנפאַלן אויף דעם ישמעאל אין ארץ ישראל, וועט קייזער קאַרל אים באַפאַלן מיט זיינע חיילות אין אייראָפּע...

מ ל כ ו. די מלחמה פון גוג און מגוג!... (צוויי מענער קומען אריין. יעדערער מיט אַן איבערגעדעקטער כלי אין דער האַנט. מלכו באַטראַכט זיי און רעדט לאַנגזאַם אַרויס.) וואָס איז אייער פאַרלאַנג? וואָס ברענגט איר דאָ צו טראָגן?

ע ר ש ט ע ר מ א ן (דעקט אָפּ זיין כלי). מיין האַר איז

קראַנק. ער שיקט דיר דאָ אַ בעכער ווײַן און בעט, דו זאָלסט איבער אים אַ ברכה מאַכן און אָפּטרינקען אַ העלפט. די צווייטע העלפט וועט ער אויסטרינקען און גלויבט, ער וועט געזונט ווערן.

מלכו. איך טרינק נישט קיין ווײַן, איך האָב זיך׳ם אַ נדר געגעבן.

צווייטער מאַן. אונזער האַר האָט עס פאָראויסגעזען און שיקט דיר דורך מיר אַ גלאָז מילך. (דעקט אָפּ.) מאַך אַ ברכה, בעט ער דיך, און טרינק אָפּ אַ האַלב גלאָז. די צווייטע העלפט וועט ער אויסטרינקען און גלויבט, ער וועט געשטעלט ווערן אויף די פיס.

מלכו. איך האָב נאָך קיינמאָל קיינעם נישט געזונט געמאַכט.

ראובני. ווילסטו, דאָס פאָלק זאָל קומען אויף דײַן רוף, מוזטו אויך קראַנקע געזונט מאַכן.

צווייטער. מײַן האַר ווייס, אַז דו ביזט גאָטס מאַן, און גאָטס וואָרט אין דײַן מויל איז אמת.

ראובני. אליהו הנביא!

מלכו (צאַפּלט אויף).

צווייטער. דײַן ברכה איבער דער מילך וועט ברענגען די נויטיקע רפואה.

מלכו. ווער איז דײַן האַר?

ערשטער. ווילסט זײַן נאָמען וויסן ביי דער ברכה. מײַן האַר האָט מיר געהייסן זאָגן: ער הייסט יעקב בן לאה.

מלכו (נעמט דאָס גלאָז מילך, מאַכט אַ ברכה, די אַנדערע ענטפערן אמן. מלכו טרינקט אָפּ אַ ביסל מילך און קערט אום דאָס גלאָז דעם צווייטן מאַן). איך ווינש יעקב בן לאה אַ שנעלע בעסערונג.

ביידע מענער. אמן! (גייען אַוועק.)

ראובני. איך צווייפל נישט, דער מאַן וועט געזונט ווערן. די בשורה פון דער גענעזונג וועט זיך שנעל פאַרשפּרייטן. זי איז שוין פאַרשפּרייט, איידער די דינער וועלן אונטערטראָגן זייער האַר די געבענטשטע מילך. באַלד האָסטו דאָס הויז פול מיט קראַנקע,

און אַלע וועלן זיי געגעזן ווערן, אַפילו די, וואָס וועלן אוועקטראָגן זייער קראַנקהייט מיט זיך. זיי וועלן זיך שעמען צו דערציילן, אַז זיי האָבן דיך געזען און זיינען נישט געזונט געוואָרן... אָבער פאַרוואָס ווערסטו בלייך? וואָס איז דיר? דיין בלוט איז אַנטלאָפן פון דיין געזיכט...

מלכו. איך גלויב, איך בין פאַרסמט.

ראובני (מיט שרעק). וואָס?!

מלכו. איך בין פאַרסמט... די מילך האָט געהאַט סם אין זיך... יעקב בן לאה... איך וועל זיך נישט וואונדערן, אַז דאָס האָט געטאָן יעקב מאַנטינאָ... אויב נישט מיט דעם פייער פון דער אינקוויזיציע, וויל ער מיך אומברענגען מיט דעם סם פון זיין מע־דיצין... אָ, די שמערצן! (פאַלט.)

ראובני. העלפּט! העלפּט!

מלכו. שריי נישט, רוף נישט. מענטשן קאָנען מיר דאָ גאָרנישט העלפן. דער סם האָט מיך אין גאַנצן דורכגענומען.

ראובני. מלכו! מלכו! דו דאַרפסט לעבן! שטאַרבסטו, שטאַרבט מיט דיר די האָפנונג, שטאַרבט אַוועק דער גלויבן. דו טאָרסט נישט שטאַרבן, דו געראַטעוועטער פון פייער, דו דאַרפסט פון סם נישט שטאַרבן. מלכו, הערסט מיך? מלכו! — איך גלויב, ער איז שוין טויט...

מלכו (שוואַך). ניין... ניין... איך בין נישט טויט... איך לעב... איך לעב... איך וועל לעבן... (זעצט זיך אויף, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון עמעצנס האַנט.) ניין, איך וועל נישט שטאַרבן!... (שטייט אויף, פאַלט שיר און בלייבט שטיין גלייך און אויסגעצויגן.) איך וועל נישט שטאַרבן! (אָטעמט אויף, באַוועגט זיך, ווי ער וואָלט עפּעס אַראָפּגעשאָקלט פון זיך.) פריי פון סם... צו דער אַרבעט, מיין האַר דוד!

ראובני (פאַלט צו צו זיין האַנט). דו ביזט דער פירער, איך בין בלויז דיין קנעכט. מיט דיר איז גאָט, די פירערשאַפט איז דיינע.

מלכו. מיר פאָרן צו קייזער קאַרל!

# פינפטער אקט

## ערשטע סצענע

**אַ צימער** אין דער רעגנסבורגער אכסניא, אין וועלכער שלמה **מלכו שטייט** איין. שפּעט אין דער נאַכט, ביי דער רעכטער וואַנט אַ בעט. פאָרנט אינדערמיט אַ טיש מיט שטולן. אַ טיר לינקס. דאָס צימער איז שוואַך באַלויכטן פון דעם ליכט, וואָס שטייט אויפן טיש.

מלכו (זיצט ביים טיש רעכטס, שרייבט און זומט אַ ניגון. באַלד שטייט ער אויף און הייבט אָן אַרומצוגיין איבערן צימער — דאָס זומען ווערט געזאַנג. צוערשט אָן ווערטער. ענדלעך הייבט ער אָן צו זינגען מיט דעם זעלביקן ניגון פּסוקים פון תהלים). „כלתה לישועתך נפשי לדברך יחלתי. ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש.” (ער זינגט באַגייסטערט גאַנץ דערהויבן אין זיינע געדאַנקען, אַ וואונדערלעכער מאָמענט פון עלית נשמה, פון באַ־העפטונג מיט גאָט, פון געטלעכסטן גלויבן. פּלוצלונג לאָזט ער זיך ווידער צום טיש, זעצט זיך און הייבט אָן צו שרייבן, זומענדיק דעם ניגון.)

רבי יוסעלע פון ראָסהיים (אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגן ווייסן באָרד, קומט אַריין, בלייבט שטיין אין טיר און באַטראַכט דעם שרייבנדיקן).

מלכו (הייבט אויף די אויגן, דערזעט דעם שטייענדיקן ביי דער טיר, שפּרינגט אויף און לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אויפן שטול ווי אין חלשות־געפיל, די אויגן ווייט פונאַנדערגעעפנט אויף דעם אַריינגעקומענעם. ענדלעך מאַכט ער צו די אויגן און שעפּ־טשעט אַרויס אין גרויסער שוואַכקייט). ענדלעך ביזטו געקומען!

רבי יוסעלע (מאַכט אַ טריט נענטער). האָסט מיך דען דערוואַרט!

מלכו. שוין לאנג.

רבי יוסעלע. ווי אזוי — לאנג?

מלכו. איך דארף דיין הילף, דיין אנווייז. איך גיי דאך ווי איינער, וואס טאפט אין דער פינסטער.

רבי יוסעלע. דאס פרייט מיך צו הערן.

מלכו. האסטו עס דען נישט געוואוסט?

רבי יוסעלע. ווי האב איך דאס געקאנט וויסן?

מלכו. א, לערער מיינער, וועגווייזער, פירער דו צו ליכט, ווער דען קאן עס נאך אזוי וויסן ווי דו. קומט צו מיר נישט פון דיר מיין גאנץ וויסן? בין איך נישט דורך דיר, וואס איך בין? דו אנטדעקסט מיר די צוקונפט...

רבי יוסעלע. איך?... פאר וועמען נעמסטו מיך אן, רבי שלמה מלכו?

מלכו (עפנט אויף די אויגן, שטייט אויף און קוקט זיך איין אין דעם צוקומענדיקן מאן). ווער ביזטו דען?

יוסעלע. איך בין יאזלמאן פון ראסהיים. האסטו פון מיר געהערט?

מלכו (מיט שוואכער שטים). שלום עליכם, רבי יאזלמאן!

יוסעלע. עליכם שלום, רבי שלמה! מיך פארדריסט, וואס איך בין נישט דער, וועמען דו האסט דערוואַרט.

מלכו. דער וועט אויך נאך קומען, אבער איך בין דער־פרייט אויך דיך צו זען. זעץ זיך, רבי יאזלמאן. (ביידע זעצן זיך.)

יוסעלע. פרייט מיך צו הערן, אז דו פרייסט זיך מיך צו זען, הלוואי פרייסטו זיך מיך אויך צו הערן.

מלכו. ביזטו געקומען צו מיר מיט א שלעכטער בשורה?

יוסעלע. איך בין געקומען צו דיר מיט א גוטער עצה.

מלכו. שפעט אין דער נאכט?

יוסעלע. איך האב נישט געוואלט, מען זאל מיך זען מיט דיר צוזאמען.

מלכו. אזוי געפערלעך בין איך?

יוסעלע. אזוי געפערלעך איז דאָס, וואָס דו ווילסט טאָן.

מלכו. דו ווייסט שוין, וואָס איך וויל טאָן.

יוסעלע. דו האָסט עס נישט געהאַלטן בסוד. און איך קום דיר צו ראַטן, ניין, איך קום דיך צו בעטן, מיט תחנונים בעטן דיך: לאָז אָפּ פון דיין שריט! ווי גאָט איז דיר ליב, פאָר גלייך אוועק פון רעגנסבורג, וויל נישט זען דעם קייזער קאַרל. דו וועסט ביי אים גאָרנישט דערגרייכן, וועסט אים בלויז צורייצן און אָנברענגען צרות אויף זיך און אויף כל ישראל.

מלכו (שטייט אויף, נעמט דאָס ליכט און באַלייכט זיך די געשטאַלט פון רבי יוסעלע, קוקט אים אָן, קוקט אים אַרום).

יוסעלע. וואָס ווילסטו זען אויף מיר?

מלכו. איך האָב געוואָלט זען גוט, ווי זעט אויס דער, וואָס האָט מיר געגעבן אַזאַ עצה.

יוסעלע. וואָס האָסטו אַרויסגעזען?

מלכו. איך האָב אַרויסגעזען אַן אַלטן ייִד מיט אַ הדרת פנים, וועלכער קרימט זיך ווי אַ וואָרעם, די תולעת יעקב, וועלכע טראָגט אויף זיך דעם געלן לאַפּיק, ווי אַ פּאַנצער.

יוסעלע. מיר זיינען אין גלות.

מלכו. און איך בין געקומען אַרויסצונעמען פון גלות.

יוסעלע. בין איך דיך מתרה: דו וועסט שלעכט אָפּשניידן, און מיט דיר אויך כל ישראל.

מלכו. כל ישראל איז מיט מיר. כל ישראל וויל זיך שוין מער נישט קרימען ווי אַ וואָרעם, כל ישראל איז שוין זאַט פון דעם געלן לאַפּיק. כל ישראל וויל צו זיין גאָט, צו זיין ריינהייט, צו זיין פרומקייט, וויל דערהייבן ווערן. דערפאַר וויל ער צוריק אין זיין לאַנד.

יוסעלע. איך ווייס, ער וויל עס. איך וויל עס אויך. אָבער...

מלכו. דו ווילסט — און ווילסט עס נישט. דו גלויבסט אין דער גאולה און פילסט זי נישט. דו גלויבסט אין משיחן און האָסט אים נישט אין זיך.

יוסעלע (בעסדיק). יונגערמאַן!

מלכו. דיר געפעלט צו זיין אַ שתדלן, אַן אַרומרייזער, גיין, אַן אַרומקריכער מיט בקשות פאַר כל ישראל, פּרנס־מנהיג צו הייסן, אָדער גאָר רעגירער איבער יידן...

יוסעלע. מיינסטו, אַז מיר געפעלט עס אַזוי? מיינסטו, אַז מיר איז זייער אָנגענעם געוועזן נאָכצופאָרן נאָך דעם קייזער אין בראַבאַנט, וואו עס איז נישטאָ דער פּוס פון אַ ייד, לעבן חדשים־לאַנג אויף ברויט און וואַסער און רויע פּירות, אום אויסצובעטלען פון זיין גנאָד אַ פּאָר דערלייכטערונגען פאַר יידן? מיינסטו, אַז מיר געפעלט עס אַזוי אָפּגעריסן צו ווערן פון ווייב און קינדער, און נישט געכטיקן, וואו איך טאָג, און אָפּקלאַפּן טירן, און פילן זיך ווי אַ הונט און אַ וואָרעם מיט מענטשן, וועמעס אָטעם איז מיר טריף און צוואַווידער? מיינסטו, אַז מיין רוקן טוט מיר נישט ווי פון קרימען־זיך? טו איך עס פאַר וואוילטאָג? מאַך איך זיך רייך? בין איך רעגירער? וויל איך רעגירן? איך פאַרזיכער דיר, צו יעדער צייט בין איך גרייט אָפּצוטרעטן מיין פּלאַץ איינעם, וואָס קאָן עס בעסער טאָן.

מלכו. בעסער טאָן! הייסט בעסער טאָן — בעסער קרימען זיך און בעטלען, בעסערער שתדלן זיין? אָדער הייסט בעסער טאָן — דאָס פאָלק אין גאַנצן צו באַפרייען?

יוסעלע. יעדן טאָג בעט איך אויף משיחן.

מלכו. דו בעטסט אויף ליכט און האַלטסט די אויגן צו־געמאַכט. דו בעטסט אויף משיחן, און ווען ער וועט קומען, וועס־טו אים ראַטן, ער זאָל בעסער קרימען זיין רוקן און פון דער באַ־פרייאונג אָפּלאָזן זיין האַנט. דו וועסט אים נישט דערקענען.

יוסעלע (נעמט דאָס ליכט און באַטראַכט מלכון).

מלכו (נעמט אויף זיין אַרומקוקן מיט פעסטן אויסדרוק).

יוסעלע (אוועקשטעלנדיק דאָס ליכט). ביזטו דאָס גאָר משיח?

מלכו. איך ווייס נישט, ווער איך בין. איך ווייס נאָר, איך בין פון גאָט געשיקט.

יוסעלע. אויך איך בין פון גאָט געשיקט. אויב איך בין א שתדלן, האָט גאָט ברוך הוא מיך דערצו געמאַכט. עס איז זיין ווילן, איך זאָל זיך פאַר זיינע גערודפטע און געדריקטע קינדער משתדל זיין.

מלכו. עת לחשות — איין צייט האָט גאָט געמאַכט פאַר שווייגן, פאַר איבערטראַגן אַלץ מיט געדולד, פאַר זיין שטיל, שטי־לער פאַר דעם וואָרעם אויף דער ערד. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט ער אונז געגעבן שתדלנים. ועת לדבר — דערנאָך קומט די צייט פון רעדן, פון רופן און פאָדערן — פאַר דער צייט האָט מיך גאָט באַשטימט.

יוסעלע. דבר הייסט אויך פאַרניכטן: דאָס וועט זיין דיין רעדן מיט קייזער קאַרל. איך וואָרן דיך נאָך א מאָל: דו וועסט זיך פאַרניכטן און נאָך אַנדערע אריינשלעפּן אין דער פאַרניכטונג.

מלכו. גאָט האָט מיך געפירט ביז אהער און וועט מיך ווייטער פירן.

יוסעלע. מיין זון, דו קענסט נישט דעם קייזער קאַרל. איך קען אים. ער איז פון שווערן געמיט און ליבט צו וואַרעמען זיך ביים גלויבנספייער. דער פּויפּסט איז אים נישט פרום גע־נוג, די קירך איז אים נישט פרום גענוג. און ער האַסט אונז שנאת מות. אויב ער לאָזט זיך אמאָל איבעררעדן און דערוואַרע־מען, איז עס נאָר דאַמאָלס, ווען עס פּאַסט זיך צו זיינע געשעפטן. ער וועט די מאַראַנען פון זיינע לענדער לעבעדיק נישט ארויס־לאָזן, און ליבער וועט ער שלום מאַכן מיטן טערק, איידער דער־לויבן די יידן צוזאַמענצונעמען א חייל, וואָס זאָל אים העלפן קעגן דעם טערק.

מלכו. דו זאָגסט עס, ווייל דו ביזט געוואוינט נאָר קליינ־קייטן אויסצובעטלען. מיין שטים איז אַן אַנדערע ווי דיינע, מיינע ווערטער זיינען אַנדערע, מיין באַשטימונג פון גאָט אַן אַנדערע. דו האָסט מיט דיין שטים און דיין באַשטימונג קליינקייטן אויס־געבעטלט, איך וועל מיט מיין שטים און מיין באַשטימונג דאָס גרעסערע דערגרייכן.

יוסעלע. ווילסטו מיין עצה נישט אָננעמען — די עצה פון אַ סך אַן עלטערן און מער דערפאַרענעם פון דיר?

מלכו. לײַדער קאָן איך דאָסמאָל דײַן עצה, די עצה פון אַ זקן און תלמיד חכם, נישט אָננעמען. ווען דו וואָלסט זיך גע־קאָנט אויפהייבן איבער דײַן דערפאַרנקייט, וואָלסטו מיר דײַן עצה נישט געגעבן, וואָלסטו געוועזן מיט מיר.

יוסעלע. וועל איך נאָך באַלד אין דער פרי רעגנסבורג פאַרלאָזן, מען זאָל נישט זאָגן, איך בין מיט דיר.

מלכו. דו ביזט געקומען אָהער נישט אויף מײַן אײַנלאַ־דונג, גייסט אַוועק, ווײַל דער וועג שטייט דיר אָפן. אָבער ערגעץ־וואו וועט פאַרשריבן ווערן: דער פרנס־מנהיג איז אַנטלאָפן, ווען די שעה פון דער גאולה האָט געשלאָגן. און ווען דער קייזער קאַרל וועט מיך פרעגן: איז יוסעלע פון ראָסהיים מיט דיר? וועל איך אים ענטפערן: ניין, ער האָט צו שטאַרק געגלויבט אין דײַן שנאה. און אַז דער מלך מלכי המלכים וועט מיך פרעגן: איז יוסע־לע פון ראָסהיים געוועזן מיט דיר? וועל איך אים ענטפערן: ניין, ער האָט ווייניק געגלויבט אין דײַן ליבע און רחמנות.

יוסעלע. עס איז אמת, אַז איך גלויב שטאַרק אין דעם קייַ־זערס שנאה, אָבער עס איז נישט אמת, אַז איך גלויב נישט אין מלך מלכי המלכימס ליבע און רחמנות. איך גלויב זייער שטאַרק אין זײַן רחמים און אין זײַנע חסדים, וועלכע הקדוש ברוך הוא הערט מיר נישט אויף צו באַווײַזן.

מלכו. פאַרוואָס־זשע אַזאַ ספקות? אונזער גאולה איז אַ נס — פאַרוואָס גלויבסטו נישט אין דעם נס פון דער גאולה?

יוסעלע. מיר זאָגט מײַן האַרץ: איך טאָר דאָ נישט בלײַבן. איך מוז אַוועק וואָס שנעלער. עס איז ווי יעקב אבינו מיט זײַנע מחנות פאַר עשון. מיר מוזן זיך פאַרנאַנדערגיין, צוטיילן. ווען דו זאָלסט געשלאָגן ווערן, דאָס גרעסערע נישט דערגרייכט, זאָל איך כאָטש איבערבלײַבן, אום ווײַטער קליינינקייטן אויסצובעט־לען פאַר דעם פאָלק ישראל.

מלכו. וואָס וועסטו מיר זאָגן, ווען מיר וועלן זיך ווידער באַגעגענען?

יוסעלע. ווען דאָס גאַנצע פאָלק וועט גיין הינטער דיר נאָך ארץ ישראל, זאָלסטו מיך זוכן צווישן די בעטלער, צווישן די, וואָס קאָנען דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. זיי געזונט! איך ווינש דיר, זאָלסט מצליח זיין, איך זאָל דער ליגנער בלייבן.

מלכו. איך וועל פאַרגעסן, אַז דו ביזט ביי מיר געוועזן.

יוסעלע (אין טיר). באַדענק, דו האָסט מיך נישט איבערגערעדט, ווי וועסטו איבעררעדן דעם קייזער?

מלכו. בין איך געקומען דיך איבערצורעדן, אָדער ביזטו געקומען מיך איבערצורעדן?

יוסעלע (שטייט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, זיפצט אויף און גייט אַוועק).

מלכו. פון די קליינע אין גייסט. זיי מוחל מיר, דו גרויסער געדולדיקער, וואָס איך האָב פון דער צייט פון דיין תורה אים אוועקגעגעבן. (הויבט ווידער אָן צו זומען זיין ניגון.)

## צווייטע סצענע

דאָס שלאָפצימער פון קייזער קאַרל אין זיין פּאַלאַץ אין רעגנסבורג. אין הינטערגרונט אַ חופּה־בעט, אָרעמשטולן שטייען צושפּרייט אין פאַרשיידענע זייטן פון צימער. צוויי טירן אין דער לינקער וואַנט. — אויף איינעם פון די אָרעמשטולן פאַרנט זיצט קאַרל אין נאַכטקליידער און לאָזט זיך איבערבינדן זיין פּאָדאַגרע־פוס פון זיין לייבאַרצט, וועלכער טוט עס שטייענדיק אויף די קני. עטלעכע דינער שטייען דערביי, צופוסן פאַרן קייזער זיצט דער נאַר.

דער נאַר (צום דאָקטאָר). איך פרעג אייער הייליקע הייליקייט: וואָס איז וויכטיקער — דער קאָפּ אָדער דער פוס? און איך ענטפער פאַר אייער הייליקער מעדיצינערײַ: דער קאָפּ. האָב איך ריכטיק געטראָפן דעם ענטפער פון אייער הייליקער בלוטלאָזערײַ?

דער דאָקטאָר. ריכטיק.

דער נאַר. און איך זאָג, דער ענטפער איז פאַלש. וואָרום וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט מיין קאָפּ קעגן דעם קייזערס מינדסטן

פוספינגער? פרעג איך ווייטער: פאַרוואָס ווען דעם קייזער טוט ווי דער פוס, פילט עס דאָס גאַנצע לאַנד? וואָס זאָגט דערויף אייער היליקע קאָנעמאַכעריי?

ד אָ ק ט אָ ר. דאָס איז אויס ליבע פון אַלע אונטערטאַנען צו זיין מאַיעסטעט.

נ אַ ר. דו ענטפערסט ווי אַ דיפּלאָמאַט, נישט ווי אַ היילער. ווי אַ היילער דאַרפסטו ענטפערן: ווייל דאָס גאַנצע קייזערךייך איז אַ קערפּער, פון וועלכן דער קייזער איז דער קאָפּ, און אַז עפּעס טוט ווי דעם קאָפּ, פילט עס דער גאַנצער קערפּער. דאָס רוף איך מעדיציניש געענטפערט.

ק אַ ר ל. איך רוף עס: גוט געענטפערט.

נ אַ ר (שפּרינגט אויף, פאַרבויגט זיך). איך שטים איין מיט מאַיעסטעט. (זעצט זיך ווידער.) מיט דער העכסטער אָנערקענונג פון דער אַלערהעכסטער אויטאָריטעט זעץ איך ווייטער פאָרט אין מיין היילוויסנשאַפט. ווייל דאָס גאַנצע קייזעררייך איז אַ קערפּער, פון וועלכן דער קייזער איז דער קאָפּ, דערפאַר אַז עס טוט עפּעס ווי דעם שפּיץ פון אַ נאָגל, ווי איך צום ביישפּיל בין, דערפילט עס דער קאָפּ און טראַכט גלייך, ווי צו העלפן.

ק אַ ר ל (נעמט פון דעם דערבייאיקן טישל אַ קליין ביטל מיט געלט און שמייסט עס דעם נאַר). ביזטו געהאָלפן?

נ אַ ר (אויפכאַפּנדיק דאָס ביטל). אָט דאָס הייסט אַ קאָפּ! (שפּרינגט אויף און פאַרבויגט זיך.) מאַיעסטעט האָט מיר זייער שטאַרק געהאָלפן. (זעצט זיך.) פאָרטזעצונג פאָלגט — דאָס הייסט פון ביידע זאכן: פון מיין לעקציע און פון זיין מאַיעסטעטס הילף. נאַטירלעך וואָלט איך געוואָלט אָנהייבן מיט דעם צווייטן טייל. (וואָרט אָפּ אַ ווילע.) אָבער ווייל דער צווייטער טייל קומט דאָך נאָך דעם ערשטן, וועל איך פאָרטזעצן מיין לעקציע. ווייל דאָס גאַנצע קייזעררייך איז אַ קערפּער, זיינען פאַראַן אויף אים לייז און פליי, און געשווירן און בלאָטערן. זיינען לייז און פליי נישט אַזוי שלעכט, ווייל זיי ברענגען צו קראַצן זיך, און וואָס קאָן זיין אָנגענעמער ווי אויסצוקראַצן זיך. אָבער געשווירן און בלאָטערן זיינען אין גאַנצן איבעריק און מען מוז פון זיי פּטור ווערן וואָס

שנעלער. די ליז און די פליי — דאָס זיינען וואַגאַבונדן, רויבעריש ריטער און זייערס גלייכן, די געשווירן און בלאָטערן אָבער זיינען די אַלע אומגלויביקע, לוטער און מעלאַנכטאָן און די יידן.

קאַרל. אויסגעצייכנט!

נאַר (שפּרינגט אויף און פאַרבויגט זיך). בין העכסט גליקלעך. מאַכט מיך צו האָפן, אַז איך וועל נאָך ענדיקן אַלס מיניסטער. (זעצט זיך.) פאַרטזעצונג! (וואַרט.) פאַרטזעצונג! (וואַרט.) פאָרט־זע־צונג!!! — שווייג איך אויך.

קאַרל (צו אַ דינער). מיט אַ פאָן זיינען דאָ די יידן?

דינער. איינער פון זיי האַלט אַ פאָן אין האַנט.

קאַרל. דאָס איז נישט דער אַלטער, וועלכער האָט אין בראַבאַנט מיר ווי געטאָן די אויגן?

דינער.ביידע זיינען יונג.

קאַרל. ברענג זיי אַריין אַהער. (דינער מאַכט אַ פאַרקערבאַוועגונג, קאַרל שרייט אים צו.) און מיט דער פאָן!

נאַר. צו וואָס האָב איך יידן גאָר דערמאָנט? זיין מאַיעסטעט וועלן ווידער די אויגן ווי טאָן, און איך וועל דאַרפן טרערן גיסן, אייטערן, ווינקען, בלינקען. ווי אַזוי האָט מיין צונג געקאָנט אַרויסרעדן דאָס וואָרט, און איך זאָל זיך דערביי נישט איבערצלמען? ווען איך וואָלט זיך איבערגעצלמט, וואָלט איך זיכער פאַרהיט געוואָרן פון אַזעלכע קאָנסעקווענצן. פון היינט אָן און ווייטער, ווען איך וועל אַרויסרעדן דאָס העסלעכע ייד־וואָרט (צלמט זיך.) וועל איך זיך דריי מאָל איבערצלמען און שטרייען זאַלץ איבער מיין רוקן, וועלן די בייזע רוחות גלייך פאַרשווינדן. — אַך, זיי קומען! איך וועגד די אויגן אָפּ, מאַיעסטעט וועט מיר אַנטשולדיקן מיין רוקן. (דרייט זיך אַוועק. מלכו און ראובני ווערן אַריינגעפירט. מלכו האַלט אין דער האַנט אַ פאָן, אויף וועלכער עס זיינען אויסגענייט די אותיות מ. כ. ב. י.)

קאַרל (הויבט זיך אויף, קוקט זיי אָן, איז קענטיק איבערראַשט פון מלכוס אויסזען. דער דאָקטאָר גייט אָן מיט זיין אַרבעט).

נאַר. ווילסטו דעם נאַכטטאָפּ, מאַיעסטעט? אויף דעם נאַכטטאָפּ זאָלסטו זיי אויפנעמען. וואָלט דער ריח זייערער מיר נישט אַזוי

געאיבלט. ליגן זיי אויף דער ערד? זיינען זיי אויסגעצויגן? קאָן איך זיי א בריק טאָן? (קוקט זיך אום.) עי, איז דען דאָס א ייד?

קארל. שווייג איצטער. (צו מלכון.) טרעט צו נענטער. (ביידע הייבן אָן צוצוגיין.) נאָר דער איינער מיט דער פאָן. (די דינער פאַרשטעלן ראובנין דעם וועג. ראובני בלייבט שטיין, הייבט אויף דעם קאָפּ, ציט זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט הויך ווערן. מלכו טרעט צו נענטער צו קאַרלען.) וואָס איז דאָס פאַר א פאָן אין דיין האַנט?

מלכו. די פאָן פון גאָטס חייל.

קארל. פון וועמען?

מלכו. פון א יידישער אַרמיי.

קארל. הער איך ריכטיק?

נאר (צולאַכט זיך מיט א קוויטש און קוליעט זיך איבער. די דינער האַלטן איין זייער לאַכן).

מלכו. פון א יידישער אַרמיי, וועלכע וועט אָפּנעמען זייער הייליק לאַנד פון דעם טערק און אומקערן אהין דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

קארל. וואו האָסטו די אַרמיי פון די יידן?

מלכו. זי איז צעזייט און צושפּרייט אין אַלע לענדער פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט. זאָל זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט דער־לויבן, און די יידן פון זיין מאַיעסטעטס לענדער וועלן זיך באוואָ־פענען — די יידן פון דייטשלאַנד, איטאַליע, בעמען, אונגאַרן, שפּאַניע...

קארל. שפּאַניע?

מלכו. צו זיי וועלן צושטיין יידן פון פּוילן, פון מאַראָקאָ, פון דער טערקיי, פון פּאָרטוגאַל...

קארל. פּאָרטוגאַל? שפּאַניע? איז דיר באַקאַנט, אז אין שפּאַ־ניע און פּאָרטוגאַל זיינען נישטאָ קיין יידן?

מלכו. אָבער מאַראַנען. די, וועלכע זיינען קריסטן פאַר דער וועלט, און יידן פאַר גאָט.

קארל (שרייט אויף). ייד!

מלכו (בלייבט רואיק און קוקט אויף קאַרלען מיט זיין באַ־גייסטערטן בליק).

קארל (ענדערט דעם טאָן). זיי פאַרזיכטיק מיט דעם, וואָס דו זאָגסט. — אַלזאָ אַן ארמיי פון יידן... ווער וועט זיין דער ארמייפירער?

מלכו (מיט אַ האַנטבאַוועגונג אויף ראובנין). ער, אַ יידישער פרינץ, דער ברודער פון אַ יידישן קעניג אין אראביע, אַ שליח פון גאָט...

נאר (אַרויסשפּריצנדיק אַ געלעכטער). פון טייוול! פון עק און הערנער!

ראובני (מאַכט אַ פּאָר שריט. די דינער פאַרשטעלן אים דעם וועג).

קארל. איך האָב אַזוינס וואָס געהערט. אָ, יאָ. ער האָט אַן ארמיי, נאָר פעלן אים וואָפן... ווילסטו פיליכט, איך זאָל דיר וואָפן געבן?

מלכו. נאָר די יידן אונז געבן.

קארל. איך זאָל ארויסלאָזן דעם טייוול, ער זאָל באַקעמפן דעם שטן, און דערנאָך וועל איך דאַרפן באַקעמפן דעם טייוול... פיליכט איז דאָס אַ פּלאַן: צוזאַמענגעמען אַלע יידן אין איין אָרט און דערנאָך אויסראָטן זיי אויף אַ מאָל מיט מיינע קאַנאָ־נען...

נאר. איך גיב זיך גלייך אַן אין דיין ארמיי!

קארל. וועמענס איינפאַל איז דאָס געווען?

מלכו. פון גאָט איז ער צו אונז געקומען.

קארל. פון גאָט? דו ייד!...

מלכו. איך בין דער, וואָס האָט דעם פויפסט פאָראויסגע־זאָגט די פאַרפלייצונג פון רוים און דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל די צושטערונג פון ליסאַבאָן.

נאר (צלמט זיך). אַ מכשף!

מלכו. גאָט האָט עס מיר אַנטפּלעקט, און ער האָט מיך געפירט צו זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט.

קארל. האָסטו מיר וואָס צו אַנטפּלעקן?

מלכו. אָט די פֿאָדערונג פֿון גאָט.

קאַרל. פֿאָדערונג?

מלכו. גאָט וויל צוריק זיינע קינדער אין זיין לאַנד, זיי זאָלן אים דאָרט דינען. און זיינע קינדער ווילן צו אים, וואַרטן נאָר אויף זיין רוף, ווילן אים דינען מיט זייער גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער ליבע, קינדער, וועלכע ווילן זיך אומקערן צו זייער פֿאָטער, אין דער היים, וואָס ער האָט פֿאַר זיי באַשטימט... קער זיי אום צו אים, מאַיעסטעט, לאָז זיין פֿאָלק צו אים גיין. מאַיעסטעט איז דערצו באַשטימט געוואָרן פֿון גאָט...

קאַרל (שטופּט אָפּ דעם דאָקטאָר מיטן פֿוס. זעצט זיך אויף). גענוג, ייד! איך וויל פֿון דיר מיין באַשטימונג נישט הערן! מיר האָט גאָט זי אַליין אַנטפּלעקט, נישט געברויכט דערצו קיין לעסטערער און פֿאַררעטער!

ראובני. מאַיעסטעט מעג איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער?

קאַרל (צו מלכון, האַרב און גראָב). פֿון וואַנען שטאַמסטו?

ראובני. מאַיעסטעט, הער מיך אויס!

קאַרל (בייז, כעסדיק). שווייג!

ראובני. איך וויל דיר אונזער פּלאַן גענויער דערקלערן.

קאַרל. פֿירט אים אַוועק — דעם פּרינץ! טוט אים אָן קייטן און שטעקט אים אַריין אין געפֿענגניש.

ראובני. מאַיעסטעט, איך בין אַ פֿרעמדער פּרינץ, בין געשיקט פֿון מיין ברודער דעם קעניג פֿון חבור, ער וועט געוויס נישט שווייגן...

קאַרל. איך וועל דיך אַזוי לאַנג האַלטן אויף אַ קייט אין מיינע געפֿענגנישן, ביז ער וועט דיך פֿאָדערן פֿון מיר.

ראובני. מאַיעסטעט!

קאַרל (שטרענג). שלעפּט אים אַוועק!

ראובני. דאָס טאָר מיר נישט געשען, מלכו! (דינער שלעפּן אים אַוועק.)

נאַר (לויפֿט נאָך און בריקעט אים פֿון הינטן). דאָס טאָפּ איך אָן דעם עק, דעם ווידל פֿון דעם גיהנום־פּרינץ!

מלכו. מאיעסטעט, נישט זיין ברודער, נאָר גאָט וועט אים פון דיר פאָדערן! קער אים אום צוריק!

קארל (קאָכט אויף אין אַ העלישן כעס, האַלט זיך איין און ביֵיזערט אַרויס). ענטפער, פון וואַנען קומסטו!

מלכו (נאָכלעסיק). איך קום פון פּאָרטוגאַל.

קארל. אוהום... ווי אַלט ביזטו?

מלכו. דרייסיק יאָר.

קארל. דרייסיק יאָר... דרייסיק יאָר... אויב איך מאַך קיין טעות נישט, זיינען מיט דרייסיק יאָר צוריק שוין קיין יידן נישט געווען אין פּאָרטוגאַל. ביזטו געבאָרן געוואָרן אַ קריסט?

מלכו. פון עלטערן, וועלכע האָבן באַהאַלטענערהייט אָפּגעהיט יידישקייט.

קארל (צו די דינער). גיט אים איבער צו דער אינקוויזיציע, ער זאָל פאַרברענט ווערן!

נאר. אַזאַ געבראָטנס ליב איך!

מלכו. איך וועל נישט ברענען. (דערשטוינונג.)

קארל. ווי?!

מלכו. איך בין פון גאָט געשיקט. ווי חנניה, מישאל און עזריה וועל איך נישט ברענען. דער נס, וואָס איז זיי געשען, וועט אויך מיר געשען.

נאר (שטעלט זיך אויף די קני און צלמט זיך).

קארל (צלמט זיך איבער). גוט. אויב דער נס וועט דיר געשען, וועל איך דיר געבן דיין פּרינץ און דיינע יידן.

נאר (צולאַכט זיך מיט חוזק־געלעכטער און לאַכט די גאַנצע צייט, ווי נאָר מלכו עפנט אויף זיין מויל).

מלכו. דו רייצסט גאָט, מאַיעסטעט! איך וועל נישט ברענען, אָבער ער וועט פון דיר יעמאָלט פאָדערן מער ווי די יידן. דו וועסט מוזן דערקענען זיין האַנט און זיין מאַכט.

קארל. פירט אים אַוועק! (די דינער וואַרפן זיך צו מלכון.)

מלכו. דו וועסט זיך מוזן בויגן פאַר דעם אמתן גאָט, דעם איינציקן גאָט!...

קארל. שטאָפּט אים צו דעם מויל!

מלכו. עס הויבט זיך אָן די גרויסע אַנטפּלעקונג! איך גיי צום גרויסן וואונדער! (די דינער פירן אים אַוועק.)

## דריטע סצענע

דער שטאָט־פּלאַץ אין מאַנטואַ, אַ שייטערהויפן איז צונויפגעלייגט, אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן עולם. דעם קייזערס נאַר גייט אַרום און אַמוזירט די וואַרטנדיקע, אונטער דעם געקלאַנג פון קירכנגלאָקן.

נאַר. ביז היינט האָב איך געהייסן דעם קייזערס פריילעכמאַכער, פון היינט אָן וועל איך הייסן דעם קייזערס פייערמאַכער. הערט! הערט, הערט, גרויס און קליין! מיר, זיין פריילעכמאַכער, האָט דער קייזער איבערגעגעבן דעם כבוד אונטערצולייגן פייער אונטער די קלעצער, אויף וועלכע עס וועט זיך בראָטן דער קריסט, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער יידישער בלאָטע. הערט! הערט! דער נאַר האָט געוואָלט איינרעדן דעם קייזער, אַז ער וועט נישט פאַרברענט ווערן, האָט דער קייזער געשיקט מיך, זיין נאַר און פריילעכמאַכער, אונטערצולייגן דעם פייער. אָ, איך וועל אונטערלייגן אַזאַ פייער, אַז קיין כישוף וועט נישט קאָנען ביישטיין אים! אָט די האַנט, וועלכע צימבלט פאַר דעם קייזער, וועט אונטערלייגן דעם פייער! אָט די ליפּן, וועלכע פייפן פאַרן קייזער, וועלן פאַרנאַנדערבלאָזן דעם פייער! אָט די צונג, וועלכע אַמוזירט דעם קייזער, וועט אַרויסבאַגלייטן דעם שענדער פון אונזער יעזוס קריסטוס אויף זיין וועג צום אייביקן גיהנום מיט די אויסגעקליבנסטע קללות! אָט דער האַלז, וועלכער זינגט און לאַכט פאַרן קייזער, וועט אַרויסלאַכן דעם פריילעכסטן געלעכטער, ווען די פלאַמען פון דעם פייער, וועלכן מיינע הענט וועלן פאַרנאַנדערבלאָזן, וועלן אַרומנעמען און פאַרצערן דעם פאַררעטער פון אונזער הייליקער אמונה! הערט! הערט! און איר לאַכט מיט מיר, פייפט מיט מיר, זינגט מיט מיר, טאַנצט מיט מיר... (דער מענטשנקנויל אַרום אים הייבט אָן צו זינגען, פייפן, טאַנצן און שפרינגען, באַלד דערהערט זיך גאָר נאָנט גלחים־געזאַנג.)

אויפגעשריי. מי פירט אים! מי פירט אים! (דאָס געטאַנץ הערט אויף. קעפּ און אויגן ווענדן זיך צו די אָנקומענדיקע. מלכו, אָנגעטאָן אין אַ קאַדאַזאָ — אַ הויכער, אויבן רונדער מיץ און אין אַ געלן סאַנבעניטאָ, וואָס דערגרייכט אים ביז די קני, קומט אַרויף אויפן פּלאַץ אין באַגלייטונג פון מאָנאַכן, וועלכע רעדן איים צו צו תשובה. זיין מויל איז פאַרבונדן, זיינע אויגן זיינען געווענדט צום הימל מיט דעם באַגייסטערטן אויסדרוק, און פון זיין האַלז קומט דער געזאַנג, וועלכן ער האָט געזונגען ביים שרייבן.)

ערשטער מאָנאַך. עס איז נאָך נישט שפּעט. טו תשובה.

צווייטער. שרעקלעך זיינען די פלאַמענצונגען פאַר אַ לע־בעדיקן קערפּער. טו תשובה, און דו וועסט שטאַרבן פון דער־ווערגן.

ערשטער. טו תשובה, און מיר וועלן דיך דערווערגן דאָרטן אויבן פאַרן גאַנצן עולם, און דער עולם וועט וויסן, אַז דו האָסט תשובה געטאָן.

נאַר. הער זיי נישט! טו נישט קיין תשובה! באַרויב מיך נישט פון דעם כבוד, וועלכן דער קייזער האָט מיר איבערגעגעבן. איך, דער נאַר פון דעם קייזער, דאַרף אונטערלייגן פייער אונטער דיר, דעם יידנגאַר.

מלכו (ציטערט אויף ביים לעצטן וואָרט, רייסט איבער דעם געזאַנג, קוקט אָן פאַרוואונדערט דעם נאַר און הייבט אויף צוריק די אויגן צום הימל מיט דעם אויסדרוק פון באַגייסטערונג, זומט ווייטער און גייט אַרויף אויף דעם שייטערהויפן, וואו ער ווערט צוגעבונדן צום סלופּ).

נאַר. מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ וואַרע! דער פּריילעכ־מאַכער ווערט פייערמאַכער, ווערט ליכטיקמאַכער, ווערט טויערעפע־נער פון דעם גיהנום!... (צינדט אָן אַ פאַקל, מיט וועלכער ער פאָכעט אַרום.)

ערשטער מאָנאַך (אויבן אויפן שייטערהויפן). טו תשובה. עס איז נאָך צייט.

א ה ע ר אָ ל ד (קומט אײַליק אָן). שטײט! איך קום מיט דעם קײזערס װאָרט!

נ אַ ר. נײן, נישט באַגנעדיקן! נישט באַגנעדיקן! אָ, איך װעל זיך אַלײן אונטערצינדן און אױסלעשן דעם פֿײַער מיט אַ גאַנצער שענק!

ה ע ר אָ ל ד (אױפֿבינדנדיק מלכוס מויל). דער קײזער שיקט איך צו זאָגן דיר, אַז אויב דו װעסט תשובה טאָן און װערן װידער קריסט, װעסטו באַגנעדיקט װערן.

נ אַ ר. נײן! נײן! בינד אים נישט אויף דעם מויל! ער איז אַ מכשף! ער װעט אַרויסרעדן זײַן כשוף!

מ ל כ ו. גיב מײַן דאַנק דעם קײזער, װאָס ער האָט דיר געהײסן מיר דעם מויל אויפֿצובינדן. איך האָב מײַנע תפֿילות געזונגען, די װערטער נישט געקאָנט אַרויסרעדן. איצטער קאָן איך לויבן און דאַנקען גאָט מיט די װערטער אויף מײַנע ליפּן. נײן, איך װעל דעם קײזערס אָנבאָט נישט אָננעמען, װײַל כ'האָב אָנגענומען דעם אָנבאָט פֿון אַ גרעסערן קײזער...

נ אַ ר. מי טאָר נישט הערן! מי טאָר נישט הערן! (רוקט זײַן פֿאַקל אין דעם האָלץ פֿון דעם שײַטערהויפֿן.) ברען, פֿײַער, ברען! פֿאַרברען דעם טריפֿהן גוף, פֿאַרניכט די טריפֿהנע נשמה! (דאָס האָלץ צינדט זיך אָן.) ברען, פֿײַער, ברען און טרײַב אים מיט דײַנע ברענענדיקע בײַטשן צו די טויערן פֿון גיהנום!

מ ל כ ו (מיט גרויסער קראַפֿט). איך װעל נישט ברענען! (דער רױשנדיקער עולם בלײַבט שטיל און דערשראָקן.) איך װעל נישט ברענען! — איך טו תשובה...

ע ו ל ם. אההההה!

מ ל כ ו (שטאַרקער און באַגײַסטערטער). איך טו תשובה פֿאַר די יאָרן פֿון מײַן קינדהײט און יוגנט, װען איך בין געװעזן קריסט. דאָס איז שטענדיק געװען מײַן אײנציקער צער. בלאָזט פֿאַרנאַנדער דעם פֿײַער, טראָגט אָן װאָס מערער האָלץ. איך בין ייד און בלײַב ייד, מײַן נשמה װאַרינט אין הויז פֿון איר פֿאָטער. זי פֿילט זיך דאָרטן אַזוי װאויל. קײן פֿײַער װעט צו מיר נישט צוקומען...

נאר. הערט אים נישט! הערט אים נישט! מאכט ליאַרם! מאַכט מוזיק! (עס הייבט זיך אויף אַ גרויסער ליאַרם, דער עולם זינגט, שרייט און טאַנצט אַרום דעם פייער. דער רויך האָט אַרומ־גענומען און פאַרשטעלט מלכון ווי אַ פאָרהאַנג. ווען די פלאַמען שטייגן אויף, שטעלט אָן דער נאַר זיינע אויערן און הערט זיך צו.) איך גלויב, ער איז שטיל, די פלאַמען האָבן אים דאַכט זיך שוין דערוואָרגן. (עס ווערט שטיל. אַלע נייגן אָן די אויערן.)

שטימע. מען הערט אים נישט.

שטימע. מען זעט אים נישט.

שטימע. אפשר איז ער טאַקע גאָר פאַרשוואונדן. (אַ שרעק גייט דורך דורכן עולם, מען צלמט זיך. אָבער דער רויך צוטיילט זיך און מלכו ווערט קענטיק.)

נאַר. דעם קייזערס נאַר האָט געזיגט! (ברעכט אויס אין גרויסן געלעכטער.)

מלכו (דונערט אַרויס אין שמאַרץ און געבעט). ניין!!! (דער עולם בלייבט שטיל און דערשראָקן, נאָר דער נאַר לאַכט אַלץ.)

# עפילאָג

אַ גרויס צימער אין אַ הויז אין צפת. אין דער לינקער וואַנט אַ טיר. אינמיטן צימער אַ לאַנגער טיש. — עס איז פּרייטיק פאַרנאַכט, און דער טיש איז שבתדיק געגרייט.ביים קאָפּ פון טיש, צו דער רעכטער וואַנט צו, איבערגעדעקטע חלות, פּאָר וועלכע עס שטייען צוויי זילבערנע לייכטער, אין וועלכע צוויי ליכט וואַרטן געבענטשט צו ווערן. — דבורה זיצט מיט איר קאָפּ אויפן טיש הינטער די חלות, די הענט אויסגעשפּרייט אין דער לענג פון ביידע זייטן פון די לייכטער. די דריי זקנים זיצן אין האַלבן קרייז הינטער איר: ערשטער לינקס פון איר, צווייטער אינמיטן, דריטער רעכטס.

צווייטער זקן. אין רעגנסבורג האָט דער קייסער אריינגעלייגט אים אין קייטן און אַ געקייטעטן געשלעפּט אים מיט זיך נאָך מאַנטואַ.

דבורה (קרעכצט שווער אַרויס).

דריטער. דאָס איז פאַרויסגעזען, פאַרויסגעזאָגט געוואָרן. דאָס אייזערנע יאָך אויפן נאַקן פון משיח.

דבורה (לייגט צונויף די הענט ווי אין געבעט).

צווייטער. אין תפיסה־קעלער פון מאַנטואַ שווער געפּייניקט...

דבורה (קרעמפּט צונויף אירע פינגער).

ערשטער. אויך דאָס איז פאַרויסגעזאָגט, פאַרויסגעזען געוואָרן. די פּייניקונג פון משיח.

דבורה (שפּרייט פאַנאַנדער די הענט, מיט די פלאַכן אַרויף רחמנותפול).

צווייטער. און די אינקוויזיציע...

דבורה (שוידערט אויף מיט אַ שווערן אַרויסקרעכץ).

די דריי זקנים. ימח שמה וזכרה!

צווייטער. האָט דעם פייערטויט אים צוגעמשפּט.

דבורה (גיט אַ הייב דעם קאָפּ, פאַרוואַרפט די הענט אויף אים און לאָזט אים אַראָפּ צוריק אויפן טיש).

ערשטער. ער האָט געזונגען, ווען מען האָט אים געפירט צום פייער.

דבורה (גיט אַרויס אַ טאָן, האַלב געוויין, האַלב לאַך).

צווייטער. זיי האָבן אים פאַרבונדן דעם מויל, און ער האָט געזונגען.

דבורה (ווי פריער, אַ ביסל שטאַרקער).

דריטער. איך הער דעם ניגון אין מיר, נאָר קאָן איך אים נישט אַרויסברענגען.

דבורה (זומט דעם ניגון, פול געוויין און בראָך).

דריטער. דאָס איז ער. זיין ניגון ביים לערנען. ביי עלית נשמה... יאָ... יאָ...

דבורה (זומט אים שטאַרקער).

צווייטער. וואָס זינגסטו אים מיט טרערן, קינד?

דבורה (צווינגט זיך שטאַרק און מיט אַ געיאָמער, פאַרייסנדיק דעם קאָפּ, מיט די הענט אויפן קאָפּ).

דריטער. זיין געזאַנג איז געווען ליב צו גאָט. איז געווען בטחון. איז געווען פרייד און נצחון.

דבורה (הערט אויף צו זינגען, לייגט צוריק אַוועק דעם קאָפּ אויפן טיש).

צווייטער. זיי האָבן אים אָפּגעבונדען דעם מויל און געלאָזט אים בעסער רעדן.

דבורה (לייגט צונויף די הענט איבערן קאָפּ און קרעכצט אַרויס). שלמה!

ערשטער (איבערחזרנדיק מלכוס לעצטע ווערטער). „איך האָב אָנגענומען דעם אָנבאָט פון אַ גרעסערן קייסער... מיין נשמה וואוינט אין דעם הויז פון איר פאָטער.“

דבורה (הייבט אויף די הענט צום הימל).

דריטער. אַזוי האָט נאָר ער געקאָנט רעדן.

דבורה (מיט די הענט אויפגעהויבן). שלמה!

צווייטער. וואָס האָט געקאָנט זיין זיין נייען־אויסגעשריי?

דבורה (ברעכט צוזאַמען די הענט).

דריטער. פאַרשטייסטו נישט? הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט פון אים הערן אַ צער־געשריי, ווי זיין אייגענער צער־געשריי ביי דער שׂרפה פון דעם בית המקדש.

דבורה (מיט די הענט אויפן קאָפּ, שרייט אויס פול פאַר־צווייפלונג און פּראָטעסט). ניין! (לייגט אַוועק דעם קאָפּ. די זקנים שרעקן אויף, הייבן אויף די זיך טרייסלענדיקע הענט, זאָגן אָבער גאָרנישט, ביז זיי באַרואיקן זיך.)

צווייטער (טרערנפול). און מער האָט ער נישט געשריען.

דבורה (ציט אויס די הענט איבערן טיש, ווי אין חלשות).

דריטער. ער איז שוין אין פייער נישט געווען מער.

דבורה (שאָקלט אומגלויביק מיטן קאָפּ).

ערשטער. דער נס איז צום צווייטן מאָל געשען.

דבורה (הייבט אויף הענט און קאָפּ מיט אַן אומזיכערער הלוואי־באַוועגונג).

צווייטער. פאַרוואָס האָט גאָט ברוך הוא נישט באַוויזן דעם נס פאַר אַלעמען, און אַלע וואָלטן געוואוסט, אַז רבי שלמה איז זיין אויסגעוויילטער?

דבורה (קוקט מיט שרעק־אויגן אויפן ערשטן, פון ערשטן אויפן דריטן).

ערשטער. וואָס קאָנען מיר וויסן גאָטס כוונות!

דבורה (מאַכט צו די אויגן, אַנטוישט פון דעם ענטפער).

דריטער. עס איז די צייט נאָך נישט געקומען. די שעה פון דער גאולה האָט נאָך נישט געשלאָגן.

דבורה (קרעכצט אַרויס). אָ, גאָט!

צווייטער. וואו קאָן ער איצטער זיין?

דבורה (פול שפּאַנונג, פרעגט איבער די פראַגע מיט די הענט).

דריטער. וואו ער זאָל נישט זיין, איז ער אין גאָטס האַנט.

דבורה (וויינט אַ פאַרבענקטע, מיט שטילע טרערן).

ערשטער. רב שלמה האָט געזאָגט, ער וועט זיין צוריק, וועט ער זיין צוריק.

דבורה (שמייכלט קוים אויף. איר געזיכט ווערט באַלויכטן פון האַפּנונג).

צווייטער. יאָ. יאָ. דאָס גלויב איך אויך. מיר לעבן דאָך נאָך, ווייל מיר מוזן זיך אויף אים דערוואַרטן.

דבורה (לייגט צונויף די הענט אין געבעט און האָפּנונג).

דריטער. און אַז ער וועט זיך באַווייזן, וועט דאָס גאַנצע פאָלק גיין נאָך אים, און אַלע וועלן וויסן, אַז עס איז געקומען דער אויסלייזער.

דבורה (הייבט אויף הענט און אויגן צום הימל אין פריי־דיקן גלויבן).

צווייטער. כּלה פון משיח, געקומען שוין די שעה פון ליכט־בענטשן. (גייט אַרויס.)

דבורה (פאַררייכט זיך די האָר).

ערשטער. בענטש די ליכט און מיר וועלן גיין צו קבלת שבת.

דבורה (שטייט אויף).

דריטער. בענטש די ליכט, דיין ליכט וועט נאָך אויפגיין.

דבורה (מאַכט צו די אויגן, אָטעמט שווער און לאַנגזאַם אויף).

צווייטער (קומט אַריין מיט אַ ברענענדיקן קינדל אין דער האַנט). זיי האָבן די לייכטער דיר אָוועקגעשטעלט, איך וועל די ליכט דיר אָנצינדן. (טוט עס.)

דבורה (פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט און מאַכט די ברכה מיט פרומער שטים, פול געבעט). ברוך אתה יהוה אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של שבת.

די זקנים. אָמן! (שטייען אויף און גייען אַרויס.)

דבורה (שטייט אַ ווײַלע מיט פאַרדעקטע אויגן, נעמט לאַנג־זאַם אַראָפּ די הענט פון אויגן און געזיכט און לאָזט זיי ליגן אויף דער ברוסט, קוקט אויף די ליכט און רעדט לאַנגזאַם). שבת־ליכט... ליכט פון פרייד, וואָס אין רו. ליכט פון הייליקייט... קענגן שמור איינס, קעגן זכור דאָס צווייטע... איך וועל היטן, מיין שבת דו, שלמה, צו הייליקן דיך. איך וועל געדענקען, מיין שבת דו, שלמה,

צו היילִיקן דיך... איך וועל היטן און געדענקען, חתן דו מיינער... שלמה... שלמה... (הייבט אויף די אויגן פון די ליכט. אַנטקעגן אין דער טונקלקייט ביי דער טיר זעט זי שלמהן. זי אָטעמט אַרויס מיט שרעק.) שלמה!... (שרייט אויס.) שלמה! (גיט זיך אַ לאָז צו אים און האַלט זיך צוריק.) שלמה, חתן דו מיינער... ביזט געקומען... ביזט נישט פאַרברענט געוואָרן... זעסט אויס, ווי אין דעם טאָג, ווען דו האָסט מיך פאַרלאָזן... קיין סימן נישטאָ אויף דיר פון דעם פייער... אָדער זע איך נישט קלאָר?... וואָס שטייסטו אין דער טונקלקייט פון דער טיר?... מיר זיינען אַליין, און דו טאָרסט נישט... די דריי זקנים, זיי לעבן נאָך אַלע... זיי היטן דיין פקדון... זיי זיינען אוועק צו קבלת שבת. ווילסטו אויך גיין צו קבלת שבת? גיי, און קום מיט זיי. דיין אָרט ביים טיש וואַרט שטענדיק אויף דיר... וואָס קוקסטו אַזוי? איך זאָג דיר דעם אמת... פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרנישט?... דאָס בין איך. דבורה. דיין כלה. איך בין נישט שיין מער. איך האָב מיין שיינקייט פאַרלאָרן. אָבער נישט פון וואַרטן. איך האָב געבליט פאַר דעם טאָג פון אונזער ווידערזען. אָבער די קייטן, אין וועלכע זיי האָבן דיך געשמידט, האָט אויך אין מיין לייב געשניטן. דער פינסטערער געפענגעניש־קעלער, אין וועלכן זיי האָבן דיך געהאַלטן, האָט מיר מיינע באַקן בלייך געמאַכט. די בשורה פון דיין פאַרברענט־ווערן האָט מיר מיינע אויגן אויסגעלאָשן. האָב איך זיך דערמיט פאַרזינדיקט? בין איך דיך נישט ווערט מער? איך האָב נישט געדאַרפט גלויבן דער בשורה. איך האָב געדאַרפט בעסער ווייסן... דו זאָגסט מיר עפּעס... זאָגסט מיר עפּעס?... דיינע ליפּן באַוועגן זיך... פאַרוואָס הער איך נישט דיין קול?... לייען איך ריכטיק אַראָפּ פון דיינע ליפּן? „רו און שטיי ביי דיין גורל ביז צום סוף פון די טעג"... איך געדענק עס גוט. איך האָב געוואַרט, וועל וואַרטן. וועל ווייטער וואַרטן. אַן אייביקייט וואַרטן. ביז צום סוף פון די טעג... וועל היטן, וועל געדענקען... (די געשטאַלט פאַרשווינדט. דבורה שרייט אויס גאַנץ באַנומען.) שלמה! (גיט זיך אַ לאָז צו דער טיר, בלייבט שטיין, באַוועלטיקט זיך.) ניין. איך וועל וואַרטן. וואַרטן...

# שבתי צבי און שרה

טראַגעדיע אין פינף אַקטן

(12 יולי — 18 אויגוסט, 1935)

# פערזאָנען

(לויט דעם סדר פון זייער אויפטריט)

שמש
רב
שומר
יחיאל
ערשטער זקן
צווייטער
דריטער
א פרוי
ערשטער אין עולם
צווייטער
דריטער
פערטער
פינפטער
שרה
עלטערער מאַן
רביצין
שבתי צבי
געשטאַלט שלמה מלכו
משה פינייראַ
דר. יעקב צמח
רבי יעקב חגית
אליה
א האַמבורגער ייד
א ווינער
א רוימישער
א ליטווישער
א שפּאַנישער

א פּאָרטוגעזישער
אַ פראַנקפורטער
שלום קאַרמאָנאַ
משה קאַלמאַרי
יצחק סילווייראַ
ישראל יעקב דוכאַן
נתן פון עזה
שלמה ניעטאָ
ישראל פּינטאָ
יוסף ראָזאַנעס
עמנואל פאַנאָ
אַ דינסט
שמואל פּרימאָ
רפאל יוסף בעלעבי
זיין פרוי
שבתי רפאל
מתתיהו בלאָך
קאַפּיאָ
אַטאַמאַן, גזלנים
מיגעל
ערשטער קרעמער
צווייטער
דריטער
אַ דורכגייער
פערטער קרעמער
פינפטער
זעקסטער
משה סוריאל
רבי עזריאל
אברהם רוביאָ
אַ שניידער
אסתּרל

איר מאַמע
אַן עלטערע מיידל
אַן עלטערע פרוי
פיר פרויען
לאה
רבי שלמה אַלגאַזי
חיים פעניא
פעניאַס צוויי טעכטער
אַ רייך געקליידעטער
ערשטע פרוי
צווייטע
דריטע
פערטע
רחל, שבתים ערשטע פרוי
מרים, שבתים צווייטע פרוי
אונטערפּאַשאַ
אַ קליין מיידעלע
איר טרעגער
אַ דערוויש
אונגאַרישער ייד
דייטשער
אַמסטערדאַמער
איטאַליענער
אַפריקאַנער
פוילישער
וויניציאַנער
לאָנדאָנער
ישעיה לעווי
לייב הערץ
נחמיה הכהן
דר. גווידאָן
דער סולטאַן

# ערשטער אקט

## ערשטע סצענע

אין אַ שול אין אַ פּוילישער שטעטל. אין מיטן די בימה, צו וועלכער עס פירן אַרויף טרעפּלעך פאָרנט און הינטן. אין דער וואַנט, לינקס פון דער בימה, די גרויסע טיר. אין דער וואַנט, רעכטס פון דער בימה, דער אָרון קודש. בענק אַרום די ווענט; לאַנגע טישן ביי די בענק, און לאַנגע בענק אויף דער אַנדער זייט פון די טישן. ביי דער טיר אַ כיור און אַ האַנטוך. — די שול פול מיט יידן, מענער, פרויען און קינדער. פאַרוויינטע, בלייכע, אויסגעמאָגערטע, אָפּגעצערטע, טויט־פאַראורטיילטע. שרעק אין אַלעמענס אויגן, אין די שטימען פאַרצווייפלונג, אין די באַוועגונגען געבעט. מען זאָגט תהילים — דאָס בוך פון יידישן האַרץ־געשריי. אויף דער בימה שטייט דער רב, אַרומגערינגלט פון עלטסטע אין דער קהילה, אַלע אָנגעטאָן אין קיטלען, ווי אין תכריכים. דער רב און אַ טייל פון די עלטסטע שטייען מיט די געזיכטער צום אָרון קודש. דער שמש און דער אַנדער טייל פון די עלטסטע שטייען מיט די געזיכטער צו דער טיר, וועלכע איז פאַרשלאָסן און פאַרריגלט און באַוואַכט פון עטלעכע געזונטע מענער, באַוואָפנטע מיט העק און שווערע אייזנס. — אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. די, וואָס שטייען צווישן בימה און טיר, און די, וואָס שטייען אויף דער בימה מיט די געזיכטער צו דער טיר, רייסן איבער זייער תהילים־זאָגן, ווערן פאַרגליווערט אין שרעק. עטלעכע הויבן אָן אָפּצורוקן זיך פון דער טיר, ווילן זיין וואָס ווייטער פון איר, זוכן באַהעלטעניש אין דער אָפּגערוקטקייט.

**שומרים** (פליסטערן אַרויף צום שמש). מי קלאַפּט אין טיר!

**שמש און אַ פּאָר עלטסטע** (ווענדן זיך צום רב און צום איבעריקן עולם און אָטעמען שטאַרק אַרויס). מי קלאַפּט אין טיר!

(עס ווערט שטיל. דאָס תהילים־זאָגן ווערט איבערגעריסן. אָטעם ווערט איינגעהאַלטן.)

**דער רב** (נישט אומקוקנדיק זיך). ווער קלאַפּט אין טיר?

שומרים (האָרט ביי דער טיר, שרייען אַרויס־צו). ווער איז דאָרטן?

שטימע (הינטער דער טיר). איך זאָג דאָך, עפנט אויף! דאָס בין איך! יחיאל!

שומרים (שרייען אַרויף צו דער בימה). יחיאל!

שמש (צום רב). יחיאל!

רב. איז עס געווים יחיאל?

שמש (צו די שומרים). איז עס געווים יחיאל?

שומרים (צו דער טיר). ביזטו געווים יחיאל?

שמש. שרייט נישט אַלע אויף אַמאָל! ער וועט נישט קאָנען הערן!

א שומר (מיט אַ זייער שטאַרקער שטים). ביזטו געווים יחיאל?

יחיאל. ווער דען בין איך! נחמן דעם פערד־הענדלערס! איינער פון אייערע שלוחים!

שומרים. געווים יחיאל! נחמן דעם פערד־הענדלערס!

שמש. שרייט'אך נישט אַלע אויף אַ מאָל!

דער שומר. געווים יחיאל! נחמן דעם פערד־הענדלערס! איינער פון די שלוחים!

עלטסטע (אויף דער בימה כאַפּן אויס ביים שמש און שוייען צום רב). געווים יחיאל! נחמן דעם...

רב (רייסט זיי איבער). איך האָב געהערט. ווייס שוין. זאָל ער זיך אַרומקוקן, צי די גאַס איז ריין.

שמש (וויל עס אַראָפּשרייען צו די שומרים).

דער שומר (שרייט עס שוין צו דער טיר). יחיאל, קוק זיך אום, צי די גאַס איז ריין!

יחיאל. ריין! ריין! אַ פּוס נישטאָ! עפנט דאָך שוין אויף!

דער שומר (שרייט אַרויף). ער זאָגט: ריין! אַ פּוס נישטאָ!

רב. עפנט אויף, לאָזט אים אַריין. פירט אים אַרויף צו מיר.

(שומרים עפענען אויף די טיר. די שרעקעדיקע טרעטן אָפּ. יחיאל, אָנגעטאָן גויאיש און אויסזעענדיק גויאיש, קומט אַריין. מי דער־שרעקט זיך, טרעט אָפּ.)

יחיאל. וואָס זיך דערשראָקן? נישט דערקענט מיך? (די טיר ווערט פאַרריגלט.)

שמש. קום אַרויף אַהער!

יחיאל (גייענדיק צו דער בימה). איך שריי און שריי, קלאַפּ און קלאַפּ... אַלע טויב געוואָרן!...

רב (צום אַריינגעקומענעם יחיאל). וואָס הערט זיך? וואָס האָסטו אונז געבראַכט?

יחיאל. באַלאַגערונג ווערט אָפּגענומען. שלום געוואָרן.

רב. געלויבט השם יתברך!

עולם (אָטעמט אַרויס, דערפרייט און באַפרייט). געלויבט השם יתברך!

יחיאל. איך בין נאָך נישט פאַרטיק.

רב. וואָס איז דען?

יחיאל. שלום, אָבער נישט מיט אונז. זיין גאַנצן כעס וועט דער פּאָליאַק איצטער אויסלאָזן צו אונז...

רב. פאַרוואָס כעס אויף אונז?

יחיאל. ער זאָגט, יידן האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָזאַק.

רב. דאָס איז דאָך נישט אמת! דאָס איז דאָך גאָר אוממעג־לעך! מיט אונזער דם־שונא!

יחיאל. האָט איר ביים פּאָליאַק אַן עוולה!

רב. ווי האָבן מיר גאָר געקאָנט פירן אַזעלכע אונטערהאַנד־לונגען? ווער פון אונז?

יחיאל. איז דאָס דער ערשטער בלבול אויסגעטראַכט אויף אונז? ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן, אַלע חזרן אים, און דער המון איז אויפגערייצט און ווילד.

שטימען. וויי! וויי!

רב. מיר האָבן נאָך קיינמאָל די פּאָליאַקן נישט פאַרראַטן. זיי האָבן אונז פאַרראַטן, אין טולטשין און אין אַנדערע שטעט. ווי קומען זיי גאָר אויף דעם געדאַנק?

יחיאל. דער צורר טשאַרניעצקי איז דער ערשטער אויף דעם געקומען. אַ גוטער אויסרייד אויף מאָרד און רויב און פאַרגוואַלטי־

קונג — זייט מוחל, רבי, מיר דאָס וואָרט. איך זאָל עס גאָרנישט זאָגן אין אַ מקום קדוש. — גאַנצע קהילות ווערן חרוב.

אַ זקן (אויף דער בימה). וועט גאָר קיין סוף נישט זיין?

אַ צווייטער. דו ווייסט דעם סוף. וואָס ווילסטו אים אַזוי אומגעדולדיק האָבן?

אַ דריטער. ווי לאַנג וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן אַזוי דאָ אין שול?

יחיאל. נישט לאַנג פּיליכט. אויפגעריצטער המון וועט שוין אונטערקומען.

רב. גאָט באַהיט און באַשיץ!

עולם (אין געוויין־אויסברוך). גאָט באַהיט און באַשיץ!

יחיאל. זאָל איך ווייטער אַרויס?

רב. ביזטו נישט אין סכנה?

יחיאל. זיי דערקענען נישט אין מיר קיין ייד.

רב. גיי, מיין זון, און ברענג אונז פריילעכערע בשורות.

יחיאל. הלוואי, רבי! (אַראָפּגייענדיק.) איך פיר זיי אַרויף אויף אַנדערע געדאַנקען. איך האָב אַן אויג אויך אויף אַ פּאָר אַנ־פירער. (ווייזט די שומרים, וועלכע עפענען אים אויף די טיר, אַ הענטל פון אַ קינזשאַל אונטער זיין פּוילישן מאַנטל.) בעט דאָ גאָט פאַר מיר... (גייט אַוועק. די טיר ווערט ווידער פאַרריגלט און פאַר־שלאָסן.)

רב. אונז בלייבט נאָך דער שרעק הינטער פאַרמאַכטע טירן. באו מים עד נפש! (געוויין פאַרשטאַרקט זיך.) פאַסט איר אַלע?

עולם (געבראָכן, וויינעריש). אַלע! אַלע!

רב. האָט קיינער פון אייך דעם תענית נישט געבראָכן?

עולם (ווי פריער). קיינער נישט! קיינער נישט!

רב. האָט נישט אַ מאַמע, אויס רחמנות, איר קינד געגעבן עסן? (פאַרשטאַרקטער געוויין פון פרויען.)

אַ פרוי. זעט, ווי זיי ליגן אונז פאַרחלשטע! זיי האָבן מער קיין כוח נישט צו וויינען... מיר ווייסן קוים, צי לעבן זיי.

אַ מאַן. וועט דער המון האָבן ווייניקער וועמען צו דער־מאָרדן!

א צווייטער (אין גרויסער אויפרעגונג). זאָל מען אויפעפע־נען די טירן! זאָל מען אַלעמען אַרויסלאָזן! וואָס זאָלן מיר זיין דאָ אין שרעק? זאָלן מיר באַגעגענען דעם שרעק!

א דריטער. זאָל מען זיך צוגיין אין די היימען, און וואָס וועט זיין, וועט זיין!

א פערטער. דאָס איז ריכטיק! מיר זיינען דאָ איצטער נישט זיכערער, ווי אין די היימען!

א פינפטער. אין די היימען זיינען מיר זיכערער! (פּאַטשן אויף דעם בימה־עמוד. עס ווערט שטיל.)

רב. אין די היימען קאָנען מיר זיין זיכערער, נאָר ווען מיר זאָלן אַראָפּרייסן די מזוזות פון די טירן און אויפהענגען אָנשטאָט זיי — להבדיל אלף הבדלות! — צלמים. אויב מיר האָבן צווישן אונז אַזעלכע, וואָס ווילן עס טאָן, עפנט ווייט פאַרנאַנדער די טירן און זאָלן זיי אַוועקגיין! מיר טאָרן זיי דאָ נישט האָבן. זאָלן זיי אַוועקגיין! עפנט אויף די טירן! זאָלן אַוועקגיין די, וואָס ווילן זיך אָפּרייסן! (די שומרים ווייסן נישט, צי דער רב מיינט עס ערנסט, און שטייען אומאַנטשלאָסן. דער רב ווענדט זיך צו זיי.) עפנט אויף, זאָג איך! וואָס שטייט איר אַזוי? (שומרים עפענען אויף די טירן. דער עולם ביי די טירן שפּאַרט זיך אין שרעק צוריק. קיינער גייט נישט אַרויס. דער רב הויבט אויף פרום די הענט.) גאָט, זיי געלויבט און געבענטשט! (צו די שומרים.) מאַכט צוריק צו די טירן, פאַר־ריגלט זיי פאַר דעם שונא פון הרויסן. (די טירן ווערן צוריק צוגע־מאַכט אונטער בענקענדיקע בליקן און שטילע טרערן. דער רב ווענדט זיך צוריק צום מזרח.) האָב חושד געווען אומזיסט. געוואָרפן אַן אומזיסטן חשד אויף געטרייע יידישע קינדער. איך לייג אויף זיך אַרויף דערפאַר דריי שווערע תעניתים. (כליפּעט אויף.) און איר, וועמען איך האָב חושד געווען, וועט דערלעבן דערפאַר דעם אָנקום פון משיח. אַזויפיל אומגליקן אויף אונז יידן, אַזויפיל יסורים און פורעניותן — דאָס קאָנען דאָך נאָר זיין די חבלי משיח, די ווייטיקן, וואָס ישראל דאַרף אויסוויטיקן, איידער משיח וועט קומען. מיר ווייטיקן איצטער, ווייטיקן שטאַרק, ווייטיקן ווי קיינמאָל נאָך נישט—

איז נישט משיח שוין אויפן וועג? (קלאַפּן אין טיר. עס ווערט זייער שטיל — די שטילקייט פון שרעק און פאַרגליווערטקייט.)

שטימען (פון הינטער דער טיר). עפנט אויף! מיר ברענגען מיט זיך די כלה פון משיח! (אַן אויפאַטעמען, פאַרוואַנדערגעעפנטע מיילער, דערשטוינונג, ווי מען וואָלט די אויערן נישט געגלויבט.)

רב (נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, רעדט קוים אַרויס). זאָל מען עפענען. (די טיר ווערט געעפנט. עס קומען אַרײַן מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, ווי אַ וואָך אָרום שרהן, וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ העמד בלויז. די טיר הינטער זיי ווערט צוגעמאַכט, אָבער זיי בלײַבען האַרט ביי דער טיר, נישט דערוועגנדיק זיך צו גיין ווײַטער מיט דער כמעט נאַקעטער מיידל, וועלכע זיי פאַרשטעלן. אַלע אין שול רייסן זיך אָנצוקוקן די אַרײַנגעקומענע. עס פאַרשפּרייט זיך אַ שעפּטשעניש: „אַ נאַקעטע... אין איין העמד!...")

רב (אַראָפּקוקנדיק). וואָס מיינט עס? אַ זינדיקערין?

שרה (כמעט אַרויסזינגענדיק). ניין, הייליקער רבי! האָסט וואָס אַנדערש געהערט!

רב (צו די מענער לעבן שרהן). זי איז... דערקלערט דאָך!

אַן עלטערער מאַן. מיר זיינען געלעגן באַהאַלטן אויפן בית עולם, ווען זי, די בתולה דאָ, האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן צווישן אונז, ווי עפּעס פון הימל אַראָפּגעפאַלן, און אויפגעפאָדערט, מיר זאָלן זי ברענגען צום רב. זי האָט וואָס וויכטיקס מודיע צו זיין. מיר האָבן מורא געהאַט פון אָרט זיך צו רירן. אָבער זי האָט געזאָגט אונז, ווער זי איז, איז דער שרעק פון אונז פאַרפלויגן, מוט און פרייד האָט אונז אָנגעפילט, און אַלע האָבן מיר זיך אַרויסגערופן צו גיין מיט איר. און זעט, עס איז קיין שלעכטס אונז נישט געשען. די גויים האָבן נאָר פאַרוואונדערט אונז אָנגעקוקט, און אַפילו נישט געלאַכט.

רב. זאָל זי צוקומען... זי איז דאָך נאַקעט כמעט. טוט אויף איר וואָס אָן.

אַ פרוי (לעבן שרהן). מיר האָבן נאָר וואָס מיר טראָגן אויף אונזערע לייבער.

ר ב (צו אַ צוקומענדיקער הויכער פרוי). רביצין, טו אויף איר עפּעס אָן.

ר ב י צ י ן. דאָס גיי איך טאַקע טאָן. (גייט צו צו שרהן און וויקלט זי איין אין אַ טוך, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך.)

ר ב. איצטער זאָל זי נענטער צוקומען.

ש ר ה (קומט צו נענטער. מען טרעט זיך פאַרוואַנדער פאַר איר).

ר ב. ווי הייסטו?

ש ר ה. שרה.

ר ב. ווער זיינען דיינע עלטערן?

ש ר ה. מיינע עלטערן זיינען טויט, קדושים, אומגעקומענע אין איינער פון די שחיטות.

ר ב. ווען?

ש ר ה. איך בין נאָך אַ קינד געווען, קוים זעקס יאָר אַלט.

ר ב. פון וואַנען ביזטו אָנגעקומען?

ש ר ה. פון אַ מאָנאַסטיר. (אַ שרעק־אוי צושפּרייט זיך איבערן עולם.)

ר ב (אין שרעק). ווי? פון וואַנען?

ש ר ה. נאָר קיין מורא נישט. עס וועט קיין שלעכטס אייך נישט געשען. (באַרואיקונג טרעט אַריין אין עולם.)

ר ב. דערציייל אונז וועגן זיך.

ש ר ה. ווי עס הייסט דאָס שטעטל, וואו איך בין געבאָרן, ווייס איך נישט. מיין פאָטער האָט געהייסן ברוך, מיין מוטער חנה, און עס איז אַ וואונדער איך געדענק די נעמען נאָך. איך בין געווען, ווי איר האָט געהערט, קוים זעקס יאָר אַלט, ווען כמיעלניצקים היי־דאַמאַקן האָבן אַלע יידן פון מיין שטעטל אויסגעקוילעט, נאָר עט־לעכע האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן. איך אַליין בין גע־בליבן ביי די טויטע קערפּערס פון מיינע עלטערן און אויף אַלע חורבות פון דעם שטעטל, אַ קינד מיט מאָרד און פייניקונג פאַר די אויגן, נישט אַלט גענוג צו ווינטשן זיך דעם טויט אָדער אים אַליין זיך געבן. איך האָב נאָר מיין מאַמען געוואָלט און מיין טאַטן, וואָס זיינען טויט פאַר מיר געלעגן, און מיין עלטערן ברודער, וועלכן איך האָב אין ערגעץ נישט געזען. האָב איך געוויינט, געיאָמערט,

טאַטע געשריען, און מאַמע, מאַמע, מאַמע, געוועקט זיי מיט מיינע קולות און אויפוועקן נישט געקאָנט. נישט אויפגעהערט, גערופן אויך מיין ברודער — אַן איינציקער קול אין אַ טויטער שטאָט, די איינ־ציקע באַוווינערין פון אַזוי פיל מתים, און מיין שטים איז דערהערט געוואָרן. פאַרבייגייענדיקע נאָנעס האָבן אים פאַרנומען און זיינען אַריין צו מיר אין טויטן־הויז. ווי איצטער זע איך זיי. זיי האָבן זיך אויף מיינע טויטע טאַטע־מאַמע קוים אומגעקוקט, נאָר צו מיר זיך גלייך צוגעוואַנדט. וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך האָב איך יעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. נאָר ווען זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט, האָבן זיי מיך אַוועקגענומען מיט זיך און צו זיך אין מאָנאַסטיר אַוועקגעפירט.

ר ב. און ביזט אַלע יאָרן געבליבן אין דעם מאָנאַסטיר?

ש ר ה. אַלע יאָרן אין דעם מאָנאַסטיר.

ר ב. ביזטו אַ קריסטין?

ש ר ה. דאָס האָבן זיי געוואָלט פון מיר מאַכן.

ר ב. און דו?

ש ר ה. בין עס נישט געוואָרן.

ר ב. ווי אַזוי?

ש ר ה. זייער תורה איז צו מיר נישט צוגעשטאַנען. מיין האַרץ און קאָפּ זיינען פאַר קריסטנטום פאַרשלאָסן געבליבן. נישט געגעבן אים קיין אַריינגאַנג.

ר ב. האָסט'אָך אַ צלם געטראָגן!

ש ר ה. זיי האָבן מיר אים אָנגעטאָן. איך האָב אים ווי אַ וואונד געטראָגן, קיינמאָל נישט אָנגערירט, ביז היינט אינדערפרי, ווען איך האָב אים פון זיך אַראָפּגעריסן, אַוועקגעוואָרפן.

ר ב. און תפילות, אומריינע תפילות?

ש ר ה. דאָס איז דער וואונדערלעכער נס. איך האָב פון טאַ־טע־מאַמע און עלטערן ברודער מ ו ד ה א נ י אויסגעלערנט און קריאת־שמע לייענען, און קיינמאָל נישט פאַרגעסן — דער שמע ישראל האָט זיך נאָך מיט דעם טויט־געשריי פון מיינע עלטערן אין מיין געהירן איינגעפּעסטיקט, און אָנשטאָט די לאַטיינישע

תפילות האָב איך מודה אני און שמע ישראל מיט מיינע ליפּן שטיל געשעפּטשעט.

ר ב (גאַנץ דערשטוינט). דערציילסטו דעם אמת מיר?

ש ר ה (גיט אַ הויב די האַנט צום שטערן, פאַרהאַלט אָבער די באַוועגונג). איך שווער דיר ביי די נשמות פון מיינע עלטערן די קדושים!

ר ב (שטרענג). וואָס פאַר אַ באַוועגונג האָסטו איצטער געוואָלט מאַכן?

ש ר ה. אַ באַוועגונג, וועלכע מען האָט מיך געלערנט, און איך האָב זי קיינמאָל נישט צום סוף דערפירט.

ר ב. ווי־זשע ביזטו היינט פון מאַנאַסטיר אַנטלאָפן?

ש ר ה. הערט און שטוינט! ביי דער נאַכט איז מיין טאַטע צו מיר געקומען...

ר ב. דיין טאַטע?!

ש ר ה. דער טויטער טאַטע, דער הרוג. איך האָב אים גלייך דערקענט. מיט צושפּאָלטענעם קאָפּ, ווי אין טאָג פון דער הריגה. ער האָט מיך אָנגענומען, אַט אַזוי ווי מען טראָגט אַ בינטל, מיט זיינע נעגל אַריינשטעכנדיק זיך אין מיין לייב, און אַרויסגעטראָגן מיך פון מאַנאַסטיר און אויפן בית עולם מיך געבראַכט.

ר ב. ביזטו ביים זינען? רעדסט נישט משוגעת פון דיר אַרויס?

ש ר ה. קוק איך דיך משוגע אָן? איז מיין שפּראַך פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט? ווי אַנדערש וואָלט איך אין דער נאַכט געקאָנט אַרויסקומען פון דעם מאַנאַסטיר? ער איז מיט הויכע ווענט אַרומגעשטעלט. זיינע אייזערנע טויערן זיינען פאַרשלאָסן און ווערן אויך גוט באַוואַכט. עס איז, אָ, הייליקער רבי, ווי איך דערצייל דיר! מיין טאַטנס נעגל אויף מיין לייב, זיי זאָלן מיינע עדות זיין! די פיר נעגל פון זיין רעכטער האַנט, ווי ער האָט מיך אַזוי געטראָגן. זיי האָבן זיך אין מיין הויט אַריינגעעשניטן. פיר וואונדן מיר געמאַכט.

(לייגט אַרויף די האַנט אויף דעם פּלאַץ פון די נעגל־וואונדן.)

ר ב (צו די פרויען). רינגלט זי אַרום, ווייבער, פאַרשטעלט זי, דעקט איבער זי און זיך, מאַכט אַ סוכה, אַ געצעלט אַרום און איבער איר, און דו, רביצין, קריך אונטער, באַקוק איר לייב און זאָג מיר

עדות. מאַנסביל, טרעט אָפּ וואָס ווייטער! (פרויען שטעלן זיך אַרום אין קרייז אַרום שרהן, פאַרשטעלן זי, און דער קרייז ווערט איבער־געדעקט מיט פרויען־טיכער און בורנוסן, וועלכע פרויען האָבן צו־געבראַכט.)

רביצין (קריכט אונטער, פאַרווילט אַ ווײַלע און קריכט אַרויס צוריק פליסטערנדיק צו די ווייבער). ווי זיס עס שמעקט איר לייב, אַ ברכה נאָר צו מאַכן. (דער געצעלט צופאַלט זיך.)

רב. וואָס האָסטו געזען, רביצין?

רביצין. מיט די פינגער מער ווי מיט די אויגן. איך האָב די וואונדן אָנגעטאַפּט. פיר וואונדן איינע לעבן די אַנדערע, ווי פון פיר נעגל פון איין האַנט. (שמעקט די פינגער.) ווי חיותדיק דאָס שמעקט! אַן עבירה גאָר אָפּצוואַשן. (גייט צום כיור. פרויען שטעקן די נעזער צו אירע פינגער.)

רב (צו שרהן). און דו זאָגסט, דאָס האָט דיר דיין טויטער טאַטע דער קדוש...

שרה. ארויסטראָגנדיק מיך פון דעם מאַנאַסטיר, טראָגנדיק מיך צום בית עולם. אָ, נישט אומזיסט זיינען די נסים מיט מיר געשען! איך בין פון טויט ניצול געוואָרן, אַלע יאָר אין מאַנאַסטיר געבליבן אַ יידיש קינד מיט מודה אני און שמע ישראל, ענדלעך פון דעם מאַנאַסטיר אויף אַ וואונדערלעכן אופן ארויסגעראַטעוועט געוואָרן, ווייל...

רב. ווייל דו ביזט...

שרה. אויסגעוויילט געוואָרן צו זיין משיחס ווייב! (אַ פאַר־גליווערטע שטילקייט, אָפענע מיילער, אויסגעגלאָצטע אויגן, פאַר־כאַפּטע אָטעמס. שרה הויבט אויף איר קאָפּ הויך, ווערט ווי אויס־געוואַקסן. איר געזיכט שיינט אויף — די שיינענדיקע כלה פון משיח! אין עולם ברעכט אויס אַ יובל, אַן אָקעניש אין לאַכן, אַ האַנט־ברעכעניש פאַר פרייד, פרויען וואַרפן זיך אויף די קני פאַר איר, קושן דעם זוים פון איר העמד, די דיל ביי אירע פיס, קריכן צו אירע הענט. — אַ שטאַרק פאַטשן אויף דעם בימה־עמוד.)

רב. זאָל זיין רואיק! האָט נאָך צייט! (עולם האַלט איין די

אויסגעבראָכענע שמחה. רב שטרענג צו שרהן.) פון וואַנען ווייס־טו עס? ווער האָט דיר דאָס אַנטפּלעקט?

שרה. אין די וועגט פון דעם מאָנאַסטיר איז עס מיר נאָך אַנטפּלעקט געוואָרן. די וואונדערלעכע רעטונג איז דער אָנזאָג, אַז די צייט איז שוין געקומען. איך מוז צו מיין חתן זיך באַגעבן. משיח וואַרט אויף מיר! (פריידיג רירט זיך ווידער.)

רב (האַלט זי ווידער איין). וואו?

שרה. איך וועל געפירט ווערן צו אים. קריגט קליידער מיר, קריגט פערד און וואָגן. איך וועל דאָס לאַנד פאַרלאָזן, פאָרן אים אַנטקעגן. איך וועל צו אים געפירט ווערן! זייט זיכער, גאָט וועט מיך צונויפפירן מיט אים! גאָט פירט מיך אויף אַלע מיינע וועגן. באַשיצט מיך, היט מיך אָפּ פאַר מיין חתן, פאַר זיין משיח. איר וועט נישט לאַנג מער וואַרטן. גרייט זיך אין וועג אריין, אין וועג פון דער גאולה!

יובל־געשריי. משיחס כלה! קעניגין!

די שומרים (עפענען אויף די טירן).

## צווייטע סצענע

אַ קליין שמאָל צימער. ביי דער הינטערוואַנט אַ הילצערנע באַנק, פאַר וועלכער עס שטייט אַ פּראָסטער טיש מיט אַ סך ספרים אויף אים און אַ לייכטער מיט אַ ברענענדיקן ליכט. אין דער לינ־קער וואַנט אַ טיר, אין דער רעכטער וואַנט אַ פענסטער.

שבתי צבי (אָנגעטאָן אין ווייסן זייד, זיצט אויף דער באַנק און לערנט זוהר מיט אַ זייער זיסער שטים, פול טרויער און טרערן). ויזדווגין כלהי עממיא על ברתיה דיעקב לאדחיא לה מעלמא... ביי דעם אָרט שטיי איך, קאָן פון אים נישט אוועק... ווען איך עפן אויף דעם הייליקן זוהר, ציט מיך צו די דאָזיקע שורות, און ווען איך מאַך אים צו — זיי חזרן זיך און חזרן זיך אין מיר. אַלע פעלקער וועלן זיך צוזאַמענגעמען קעגן דער טאָכטער פון יעקב, אָפּצואָווישן זי פון דער ערד! ווי שרייט עס אין מיר, עתיקא קדישא! ווי יאָמערט עס אין מיר! ווי כעסט עס אין מיר!

זעקס הונדערט טויזנט יידן זיינען אומגעקומען אין די שחיטות פון דער מדינה פוילן! זעקס הונדערט טויזנט! ששים רבוא! אזוי־פיל ארויסגעראטעוועט פון גלות מצרים, אזויפיל אומגעבראכט אין גלות פוילן! וויפל נאך ששים רבואס יידן האסטו, הייליקער פאָטער? וויפל איז נאך פון דיין פאָלק געבליבן? און וואָס זיינען די איבערגעבליבענע? גלות־אפריכטער, ארומגעטריבענע, אין ערגעץ נישט זיכערע, פאראכטעטע, פארשפּייטע, ד יי נ ע קינדער, בני מלכים, וואָס זיינען צו פארהאַסטע בעטלער און טיר־קלאַפּער אראָפּגעגנידעריקט געוואָרן. (שפּרינגט אויף און הויבט אָן אַרומצוגיין איבערן צימער.) פאַרוואָס ברענט עס אזוי אין מיר? פאַרוואָס גייט דער וויי־געשריי צו מיר פון אלע זייטן? בעט זיך אין מיר אריין, רייסט זיך אין מיר אריין, פלאַמט אין מיר אריין... איך מאַך צו די אויגן, זע איך הענט אויסגעשטרעקטע צו מיר, אויגן צוגעווענדטע צו מיר, פּנימער, וואָס קרימען זיך פאַר מיר אין געוויין און געבעט, און ווען איך האַלט די אויגן אָפן, זע איך זיי... הענט, אויגן, פּנימער... פול און פול ארום מיר... געקרים, געוויין, געשריי נאָך הילף... קודשא בריך הוא, פאַרוואָס שיקסטו זיי צו מיר? ווילסט, איך זאָל זיי העלפן? בין איך דיין משיח? ביי מיין געבורט, ווען מיין מוטער איז געגאַנגען צו קינד, האָסטו איר דיינע דריי מלאכים געשיקט. האָסט מיך געמאַכט פון מיין אקסל אָן דעם העכסטן אין גאַנצן פאָלק. אויף מיין געזיכט, זאָגן אלע מיילער, רוט די שכינה, מיין קול איז פול פון דיין אייגענער זיסקייט. און פאַר אַ שלאַנגדיקן קוואַל האָסטו מיך געמאַכט. איידער איך לערן, ווייס איך שוין. דיין תורה, נגלה און נסתר, איז פאַר מיר אָן אָפן בוך. עס קוואַלט פון מיר, וואָס איך האָב געלערנט דאָרטן אויבן ביי דיר פאַר מיין געבורט. און נישט אומזיסט זאָגט מיין האַרץ מיר, אז איך טראָג אין מיר די נשמה פון איינעם, וואָס האָט געזאָלט זיין דיין משיח...

ש ל מ ה מ ל כ ו (דערשיינט פאַר איס, אויסזעענדיק כמעט ווי שבתי צבי).

ש ב ת י צ ב י (קוקט אים אָן אין גרויסער באַגייסטערונג). ווער ביזטו?

מלכו. דו ווייסט׳אַך.

שבתי. ווער? ווער?

מלכו. דו האָסט׳אַך ערשט פון מיר געהערט.

שבתי. שלמה מלכו!

מלכו. און שבתי צבי.

שבתי. דו — איך!

מלכו. איך — דו!

שבתי. טאַקע — אמת!!

מלכו. און מיר ביידע די נשמה פון דעם מנחם, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן.

שבתי. אויך איך בין געבאָרן געוואָרן אום תשעה באָב.

מלכו. אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבאָרן געוואָרן משיח.

שבתי. דאָס זינגט און זינגט אין מיר.

מלכו. און אַ געזאַנג וועט עס ווערן פאַרן גאַנצן פאָלק.

שבתי. ווען איך ברענגען די גאולה?

מלכו. פרעג נישט.

שבתי. פאַרוואָס האָסטו זי נישט געבראַכט?

מלכו. דאַרפסטו פרעגן?

שבתי. איך דאַרף נישט פרעגן... איך ווייס עס... די ניצוצות האָבן נאָך נישט געקאָנט באַפרייט ווערן פון די קליפות... דיין נשמה איז באַפלעקט געוואָרן דורך דער זינד פון דעם צלם אויף דיר... זי האָט געמוזט מגולגל ווערן אין מיר... (די געשטאַלט פאַרשווינדט. שבתי צבי שטייט אַן אויסגעצויגענער, געהעכערטער, שטראַלנדיקער, ווי די געשטאַלט וואָלט אַריין אין אים. ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט געזוכט שלמה מלכון. אַ שמייכל פון גרויסער גליקזעליקייט לייכט אויף אויף זיינע ליפּן. ער שפּרייט פאַרנאַנדער די הענט און רופט התלהבותדיק אויס.) דאַרף איך נאָך צווייפלען? מאָג איך גאָר צווייפלען? (עס קומט אַריין משה פינייראָ, משה קאַלמאַרי, יצחק סילווייראַ, יעקב ישראל דוכן, שלום קאַרמאָנאַ און נאָך תלמידים, בלייבן שטיין ווי געבלענדט, ריר זיך נישט פון אָרט.

באַלד הויבן זיי אויף די הענט ווי אין תפילה, די מיילער עפענען זיך, די ליפּן באַוועגן זיך, אָבער ברענגען נישט אַרויס קיין טאָן. ווען שבתי קוקט זיי ענדלעך אָן, ציטערן זיי אויף.)

פּינייראַ (מיט שרעק און ציטער). רבי, מיר זיינען פאַר־בייגעגאַנגען און דאָס שוואַכע ליכט אין דיין פענסטער האָט אונז געזאָגט, אַז דאָ ברענט דאָס גרויסע ליכט פון דיין תורה, האָבן מיר זיך דערוועגט און זיינען אַריין.

שבתי (מיט אַ קול פון עלית נשמה). אין דער שעה, ווען כנסת ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון איר אָרט, זיינען די פיר אותיות פון דעם הייליקן גאָטס נאָמען כביכול צושיידט און צו־וואָרפן געוואָרן. אָפּגעטראָטן איז דער יוד פון דעם היי, און דער היי איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דעם וואָוו. ווען משיח וועט קומען אויסצולייזן די כנסת ישראל, אויפצוהויבן זי פון דער ערד און פון דעם שטויב, אין וועלכן זי וואַלגערט זיך, און ברענגען זי צו־ריק צו איר אַלטער שיינקייט, וועלן די אותיות פון דעם הייליקן נאָמען ווידער זיך באַהעפטן. דער יוד וועט געפינען דעם היי, און דער היי וועט זיך צוריק פאַראייניקן מיטן וואָוו. איך פאַראייניק דאָ פאַר אייך די פיר אותיות פון דעם הייליקן כביכול. איך זאָג אים פאַר אייך קלאָר און דייטלעך אַרויס: יעהאָוואָ! — איך בין משיח! (די תלמידים וואַרפן זיך פאַר אים אויף דער ערד.) איר זייט די אויסגעוויילטע, פון די ערשטע דאָס פון מיר צו הערן. מיין התגלות פאַרן גאַנצן פאָלק וועט לענגער נאָך געווערן, אָבער די צייט איז נישט ווייט מער. די שרעקלעכע יסורים פון אונזער פאָלק זיינען משיח־ווייטיקן. עס קומט די גאולה, און איך בין דער גואל. יעדער טאָג מיינער ברענגט נענטער דעם קץ. אָן ווי, אָן וואָס, איך דאַרף נישט טאָן, עס טוט זיך שוין. (קלאַפּן אין טיר, שבתי זאָגט שטיל אַרויס.) עס קומט דער ערשטער שריט. (זאָגט הויך.) די טיר איז אָפן, קומט אַריין, ווער עס דאַרף! (עס קומען אַריין רבי יעקב חגית, רב אין ירושלים, און דר. יעקב צמח.)

צמח. מיר האָבן געגלויבט, דו שלאָפסט שוין, האָבן מיר אין טיר געקלאַפּט.

שבתי. האָט איר דעם שיין אין מיין פענסטער נישט געזען?

חגית. אין אונזער שנעלן גאנג האָבן מיר דיין פענסטער נישט באמערקט. ווערסט מוזן אינדערפרי די שטאָט פאַרלאָזן אין א זייער וויכטיקער שליחות.

שבתי. אין א שליחות פון הילף.

חגית. ווייסטו שוין וואָס?

שבתי. איך שטוים מיך.

חגית. אונזער פּאשא, ימח שמו, האָט היינט ארויפגעלייגט אויף אונזער קהילה אַן אָפּצאָל פון פיר טויזנט דינארן. ווער מען אים דעם אָפּצאָל נישט צושטעלן, וועלן א סך פון אונז באַצאָלן מיטן לעבן. אָבער מיר האָבן נישט אפילו דעם קלענסטן טייל פון דעם ארויפגעלייגטן אָפּצאָל, און די קהילה האָט באַשלאָסן, צו ווענדן זיך צום סאַראַף באשי פון מצרים, צום גרויסן גביר און צדיק רפאל יוסף בעלעבי אין קאַאירא. נאָך א לאַנגן איבערלייגן איז מען געקומען דערצו, אַז דו ביזט דער פּאַסיקסטער שליח. נעמסטו אָן די שליחות?

שבתי. איך נעם זי אָן.

צמח. גוט!

חגית. ווערסטו אינדערפרי אין וועג זיך לאָזן.

שבתי. אינדערפרי.

חגית. האָבן מיר, רבי צמח, אונזער שליחות שנעל און גוט דורכגעפירט. (צו שבתין.) השם יתברך וועט געבן און אויך דו ווערסט דיין שליחות שנעל און גוט דורכפירן. לך לשלום, השם יצליח דרכך. קומט, רב צמח!

צמח. פאָר געזונט און קום געזונט מיט פולע קעשענעס, גענוג פאַר דעם רשע און אויך פאַר אונזערע אָרימעלייט. (ביידע גייען אַוועק.)

שבתי. דער וועג צו פולער התגלות הויבט זיך אָן.

## דריטע סצענע

אין א הכנסת אורחים אין אַמסטערדאַם. אַ גרויס צימער. לאַנגע בענק אַרום די ווענט. אין דער הינטערוואַנט אַ טיר, נישט ווייט פון דער טיר אַ האָלענדישער אויוון. — דאָס צימער איז

אָנגעפילט מיט יידישע וואָגלער פון אַלערליי לענדער. מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אַנטרונענע פון אוקראַינע, פּוילן, ליטע, אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד און עסטרייך, פון דער שפּאַנישער אַפ־ריקע און איטאַליע. מידע, צובראָכענע מענטשן, וועלכע זיצן אָדער ליגן אויף די לאַנגע בענק, יעדער ביי זיין פּעקל און מיט זיין „פּעקליי. אויף אַ באַנק ביים אויוון ליגט אויף איר פּעקל שרה.

אליה (אַ פּוילישער ייד, גייט אַרום פון איין אורח צום אַנדערן). פון וואַנען? (אויף די לעצטע דריי מאָל ענטפערן אים די דריי פאַרשיידענע געפרעגטע: פון האמבורג. — פון ווין. — פון רוים. איצטער ווענדעט ער זיך צו אַלעמען אין צימער). פון צען פאַרשיידענע לענדער זיינען מיר דאָ!

דער האמבורגער. פון וויפל לענדער פעלן נאָך?

דער ווינער. די וועלן נאָך אויך אונטערקומען.

אליה. ווילט איר, יידן, אַ גוטן צייטפאַרטרייב?

אליטוואַק. זאָלן מיר זיך אָוועקזעצן זאָגן תהילים פּסוק ווייטער פּסוק.

אליה. דאָס איז טאַקע אַ גוטער צייטפאַרטרייב, אָבער איך האָב איצטער אַן אַנדערן פאַר אייך.

דער רוימישער. דו רעד מיר נישט פון צייטפאַרטרייב. עס שווינדערט מיר פון דעם וואָרט. איך האָב ערשט איבערגעלעבט אַ גרויזעליקן צייטפאַרטרייב פון אַ פרייליך־אויפגעלייגטן רוימישן המון. ער האָט געהאַט זיין שפּאַס, אָבער מיר, די רוימישע יידן, האָבן געהאַט די פאַרב פון בושה אין פּנים, אַ ווייטיק אין האַרצן, און טרערן פון מאַכטלאָזיקייט אין די אויגן. אַזאַ צייטפאַרטרייב האָט דער רוימישער המון געמאַכט זיך מיט אונז יידן, אַז איך בין בעסער אַהער אַנטלאָפן.

אליה. גוט, גוט, דו האָסט ריכטיק אָנגעהויבן. איך וויל דאָך פאַרשלאָגן אַלס צייטפאַרטרייב, מיר זאָלן דאָ דערציילן, וואָס מיר האָבן אַלס יידן איבערגעלעבט אין די לענדער, פון וועלכע מיר קומען. איך האָב צען לענדער אָנגעציילט. עס וועט זיין דאָ וואָס צו הערן, און וועט זיין אויך גוט צו וויסן. ווילט איר, רבותי? קיינער זאָגט נישט ניין. זאָל אָנהויבן דער עלטסטער דאָ ביי אונז. ער

וועט אויך האָבן מער צו דערציילן. (ווענדט זיך צו אַ זייער אַלטן מילכווייסן מאַן.) איר קומט דאָך פון שפּאַניע?

ד ע ר  ש פּ אַ נ י ע ר. וואָס ווילסטו וואונדן אויפרירן? וואָס ווערקסטו אין אונז, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט פאַרגעסן? איך בין אַכציק יאָר אַלט — אַ לאַנגע, לאַנגע קייט פון שרעקן און יסורים. איך בין אין דעם שרעק געבאָרן געוואָרן, און איידער איך האָב נאָך געקאָנט זאָגן טאַטע־מאַמע, האָבן מיינע אויגן יסורים שוין געזען. ווייסט איר, וואָס הייסט אַ לאַנג לעבן גיין אונטער אַ מאַסקע און מורא האָבן פאַר דעם אייגענעם שאָטן? (אַ שווערער קרעכץ רייסט זיך אַרויס פון די מאַראַנען אַרום אים.) דאָס איז דער ענטפער! הם!... און ערשט די אינקוויזיציע! (מאַראַנען־פרויען צוזאַווייגען זיך.) ניין, דאָס דערצייל איך בעסער נישט!...

אַ ל י ה. מיר וועלן עס לאָזן אויף שפּעטער. דאָס וועט זיין אונזער קאָמפּאָט. אינקוויזיציע־פּייניקונגען — אַ קלייניקייט! מיר ווילן וויסן זייער טעם כאָטש פון הערן־זאָגן. (ווענדט זיך צו אַן אַנדער זקן.) דו ביזט פון פּאָרטוגאַל?

ד ע ר  פּ אָ ר ט ו ג ע ז ע ר. האָסט געהערט דעם שפּאַניער — ער האָט גערעדט פאַר ביידע לענדער. פּאָרטוגאַל מאַכט נאָך אין אַלץ איר שכנה שפּאַניע, שטייט פון איר נישט אָפּ. און מיר אין פּאָרטוגאַל האָבן עס אַ האָר נישט בעסער, אפשר נאָך אַביסל ערגער, ווייל די פּאָרטוגעזישע נאָכמאַכער ווילן אַריבעריאָגן זייערע שפּאַנישע וועגווייזער אין רשעות.

אַ ל י ה (צום דריטן זקן). אַנטשולדיק, פראַנקפורטער, איך האָב דיך פאַרזען. דו זעסט מיר אויס צו זיין דער עלטסטער.

ד ע ר  פ ר אַ נ ק פ ו ר ט ע ר. דו מאַכסט אַ טעות. איך וועל אַכציק יאָר נישט ווערן. אַכט יאָר וועל איך געוויס שוין נישט דערציען.

אַ ל י ה. וואָס האָט דיך אַזוי געעלטערט?

ד ע ר  פ ר אַ נ ק פ ו ר ט ע ר. איך קום פון דייטשלאַנד—דאָס דאַרף דיר אַלץ דערקלערן, און נאָך מער, ווען איך זאָג דיר, איך קום פון פראַנקפורט. מיר קאָנען אָפּהיטן אונזער אמונה אָפן,

דאַרפֿן קיין מאַסקע אויף זיך נישט טראָגן. אָבער מיר לעבן ווי אין אַ געפענגעניש, ווי געמיינע פֿאַרברעכער האַרט באַשטראָפטע. איינגעשפּאַרט אין ענגע געסלעך, לעבן מיר אָן ליכט, אָן לופֿט. טאָרן נישט אַרויס, אַריין, דאַרפֿן נאָר ווי מייז שטיל אין די לעכער ליגן. פֿון וואַנען זאָלן מיר אונזער עסנוואַרג קריגן? די עסנוואַרג מוזן מיר דאָך פֿון די פּויערים אויפֿן מאַרק איינקויפֿן. אָבער מיר טאָרן זיך נישט אין מאַרק באַווייזן, ביז אַלע קריסטן האָבן שוין זייערס איינגעקויפֿט. אונז בלייבט נאָר, וואָס די קריסטן האָבן נישט געוואָלט. אַ שאַנד איז עס און אַ שאָדן, אַ האַרצווייטיק צום צופּלאַצן! — דאָך אַלט און גרוי בין איך שוין לאַנגע יאָרן. איר דאַרפֿט אויך וויסן, מיר האָבן אין פֿראַנקפֿורט געהאַט אונזער איי־גענעם המן — דייטשלאַנד איז מיט המנס רייך. גלייכצייטיק האָט אויך ווערמייזע איינעם געהאַט. דאָס קאָן דער ווערמייזער אייך דערציילן. אָבער אונזערער אין פֿראַנקפֿורט האָט ליב געהאַט אויס־צוגעבן זיך אַלס המן — ד ע ר נ יי ע ר ה מ ן האָט ער זיך אַליין גערופֿן, און האָט צום סוף אויך געהאַט המנס מפּלה. איין טאָג — דאָס איז געווען — אָאָאָ — מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק. איך בין ערשט אָנהויב צוואַנציקער געווען — און אין אלול איז עס געווען, געדענק עס נאָך ווי היינט, דריי טעג פֿאַר ראש השנה, איז ער מיט זיינע רשעים־מחנות דעם יידנפֿערטל באַפֿאַלן. מיר האָבן זיך שוין אויף דעם איבערפֿאַל געריכט און די טויערן געהאַט פֿאַר־שלאָסן און באַוואַכט. מיר האָבן יענעם טאָג צוגעבראַכט אין תענית און מיט תפילות, אָבער די יונגע יידן האָבן זיך אויך באַוואָפֿנט, אַנטשלאָסן נישט צו לאָזן זיך אויסקוילענען ווי שאָף. און ווען זיי זיינען אונז באַפֿאַלן, האָבן מיר זיך גוט געשלאָגן, אַ סך פֿון זיי אוועקגעלייגט טויט. זיי זיינען אָבער געווען אין גרויסער איבער־צאָל. מיר האָבן זיי נישט געקאָנט פֿאַרטרייבן. זיי זיינען אַריינגע־דרונגען אין אונזערע גאַסן און אַ גאַנצע נאַכט גערויבט, געשאָכטן און געפּייניקט. די ניצול־געוואָרענע האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אויפֿן בית עולם, אין תכריכים אָנגעטאָן און אויפֿן טויט געוואַרט. אַ טאָג און מער אַזוי אָפּגעלעגן, ביז מען האָט אונז אָנגעזאָגט: מיר וועלן נישט אויסגעקוילעט ווערן, נאָר מיר מוזן די שטאָט פֿאַרלאָזן, ווי

מיר שטייען און גייען. אין יענער נאכט בין איך עס אזוי גרוי געוואָרן.

אליה. (ארומקוקנדיק זיך). ווער נאָך איז דאָ זייער אַלט אין יאָרן?

שרה (אַרויסקומענדיק פון לעבן אויוון). פאַרוואָס זאָלן אַלטע נאָר דערציילן? איך בין יונג אין יאָרן און קאָן ווי צוויי אַלטע אייך דערציילן. איך קאָן, ווי ער פון פראַנקפורט, פון אַ בלוטיקער שחיטה דערציילן, פון וועלכער איך אַליין, אַ זעקס־יעריק קינד, בין ניצול געוואָרן, און ווי דער שפּאַניער קאָן איך חשבון אָפּגעבן פון יאָרן אונטער אַ קריסטן־מאַסקע אין אַ פרויען־מאָנאַסטיר. ווער אָבער פון אייך קאָן פון אַ וואונדער־רעטונג דערציילן? און ווער פון אייך ברענגט די בשורה פון דער גאולה? (באַוועגונג. מען הויבט אָן אויפצושטיין פון די ערטער, קומט צו נענטער.)

אליה. פון וואַנען קומסטו?

שרה. איך קום פון פּוילן.

אליה. פון וועלכער שטאָט? פון וועלכן שטעטל?

שרה. אין שטעטל פון מיין רעטונג בין איך נאָר אַ טאָג געוועזן און קען זי נישט. דאָס שטעטל פון מיין קינדהייט, דאָס שטעטל פון דער שחיטה, אין וועלכער מיינע עלטערן זיינען פאַר מיינע אויגן אומגעקומען אויף קידוש השם, זי געדענק איך נישט.

אליה. איך קום אויך פון פּוילן. האָב זיך שוין געוואָלט נאָכפרעגן.

שרה (קוקט זיך אין אים איין). דו דערמאָנסט מיר אימיצן... אַ בילד גייט אויף אין מיין זכרון... וואַרט... הייסטו אליה?

אליה. אזוי הייס איך.

שרה. האָסט געהאַט אַ קליינע שוועסטער שרה?

אליה. איך האָב.

שרה. ברודער!! (פאַלט אים אויפן האַלז.) ברודער אליה!

געפליסטער. אַ וואונדער! — אַזאַ נס! — געהערט אַ מעשה! — גאָטס האַנט אומעטום!

שרה (אויסגלייכנדיק זיך, זעעריש). איך האָב מיין ברודער געפונען אומגעריכטערהייט — גאָט האָט מיך אהער געפירט. פאַר־

שוואונדן איז מיין לעצטער צווייפל: גאָט וועט מיך ווייטער פירן, ביז איך וועל אים געפינען!

אליה. וועמען? לעבט נאָך... לעבט נאָך אפשר...

שרה. איך וועל מיין חתן געפינען!

אליה. האָסט אַ חתן? ווער איז ער?

שרה. דער, נאָך וועמען איר אַלע בענקט; דער, וועמען איר אַלע דערוואַרט!

אויפגעשריי. ווער איז ער? ווער? ווער?

שרה. משיח! דער מלך המשיח!

## פערטע סצענע

אַ גרויס צימער אין אַ הויז אין עזה. אין דער הינטערוואַנט אַ טיר, וואָס פירט אין שבתי צביס צימער. לינקס אַ טיר נאָך דרויסן. אויף טעפּיכער זיצן מיט ספרים אין די הענט משה קאַל־מאַרי, יצחק סילווייראַ, יעקב ישראל דוכן, שלום קאַרמאָנאַ און אַנדערע.

קאַרמאָנאַ. די גרויסע התגלות איז נאָך נישט געקומען, אָבער דאָס פאָלק וויים שוין. איז דאָס נישט מעשה נס?

קאַלמאַרי. אַ גאַנצע נאַכט האָט עולם צוגעבראַכט אונטער די פענסטער, אפשר וועלן זיי זען וואָס ער טוט.

סילווייראַ. היינט אין עזה, ווי אייערנעכטן אין חברון.

קאַלמאַרי. איך וועל זאָגן דעם אמת: אויך איך וואָלט גע־וואָלט וויסן, וואָס ער טוט, ווען ער איז אַליין.

דוכן. פאַרוואָס רעדסטו פון אַליין זיין? ווייל דו זעסט נישט?

קאַלמאַרי. איך מיין צו זאָגן, ווען ער איז נישט מיט אונז.

דוכן. ווי הייסט, ער איז נישט מיט אונז? ווייל דו זעסט נישט? קודשא בריך הוא איז שטענדיק מיט אונז, זעסטו אים? די ספירות, וועלכע באַווירקן אונז, זעסטו זיי? אָבער ווייל ער איז אונז נתגלה געוואָרן, זע איך אים... זע איך אים שטענדיק... האָב איך אים שטענדיק פאַר מיינע אויגן, צי האַלט איך זיי אָפן אָדער צוגעמאַכט.

די אנדערע (צושאָקלען זיך אין פרומער דביקות). מיר זעען אים!

שבתי (באַווייזט זיך אין דער טיר הינטן, קוקט אַן אַביסל פאַרחידושט די פאַרדביקהטע. זיי רייסן אויף די אויגן און פאַר־לאַנגזאַמען זייער שאָקל, ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט, צי זעען זיי אים ווירקלעך. שבתי טרעט אַריין אין צימער). ווען האָט איר דאָ געזען? (די תלמידים שטייען אויף.)

אַלע. דיך, אונזער קעניג!

שבתי. געזען מיך, איידער איך האָב זיך באַוויזן?

דוכן. מיר זעען דיך, אַפילו ווען דו ביזט מיט אונז נישטאָ.

שבתי. הם! — האָט איר געזען, ווי איך האָב זיך דאָרטן געיאָגט נאָך אַ פליי?

אַלע (התפעלותדיק). הפלא ופלא!

שבתי. נאָך אַ לייבהאַפטיקער פליי...

קאַרמאַנאַ. ווער קאָן זי זיין?

שבתי. אַ שוואַרצע פליי, וועלכע האָט געמאַכט גרויסע שפּרינג, און אָט זע איך זי און אָט איז זי נישטאָ...

קאַלמאַרי. דער שטן, ימח שמו!

שבתי (אויפגעשרעקט). וואָס רעדסטו? (קוקט אָן די מזוזה אויף דער טיר.) דער שטן וואָלט צו מיר נישט געקאָנט אַריין אַפילו אין דער געשטאַלט פון אַ פליי. אין מיין מחיצה קאָן ער נישט אַריינ־קומען. דאָס איז געווען אַ פשוטע פליי, וועלכע איך האָב ענדלעך געכאַפּט און צודריקט.

אַלע (פריידיק). געלויבט איז השם יתברך! געלויבט איז השם יתברך!

שבתי. איך זאָג דאָך אייך...

אַלע (אין פריילעכן זינגזאַנג). ער האָט זי צודריקט! ער האָט זי צודריקט! די סטרא אחרא, ימח שמה, די שוואַרצע פליי!...

שבתי. איר זעט, וואָס איך זע נישט... אפשר...

דוכן. הייליקער קעניג, זאָג אונז, דערקלער אונז!

שבתי. איך וויל אַליין פאַרשטיין. איך בין משיח און אַ טייל

פון גאָט, דער אָדם קדמון, איז פאַרוואָס האָב איך דערפילט דעם בים פון א פליי און נאָכגעיאָגט זיך נאָך איר און צודריקט זי?

דוכן. זאָג אונז, ווער איז זי געווען?

שבתי. ביז איצטער איז זי פאַר מיר געווען א פשוטע פליי, איצטער... ווייל איר גלויבט... האָט איר דאָ קיין פליי נישט געהאַט? מיר דוכט, דאָס הויז דאָ איז רייך מיט זיי... ווער זיינען די פליי, וואָס זיינען אייך דאָ באַפאַלן? אויך איך ווער געביסן, אזוי ווי איר... (די תלמידים קוקן אים אָן קשהדיק, קוקן זיך איבער, פאַר־חידושט פון דער טיפקייט פון זיינע ווערטער, פון די גרויסע סודות, וואָס ליגן אין זיי.)

דוכן (וועלכער האָט זיך נישט איבערגעקוקט מיט די אַנדע־רע, רופט אויס). הייליקער קעניג, דו צווייפלסט דאָך נישט אין זיך?!

שבתי. קלוגער תלמיד מיינער, איך זוך פעסטערן גרונט אונטער די פיס...

פינייראַ (איילט אַריין פון דרויסנטיר). הייליקער קעניג, איך קום צו דיר מיט א גרויסער בשורה!

שבתי. האָסטו אויך אַ שוואַרצע פליי געכאַפּט?

תלמידים (קוקן זיך איבער פילדייטיק).

פינייראַ (קוקט אָן שבתין נישט פאַרשטייענדיק).

שבתי. דערצייל, וואָס איז דיין גרויסע בשורה.

פינייראַ. מיין שוואָגער שרייבט מיר פון ליוואָרנאָ, אַז ביי זיי אין שטאָט האָט אַ מיידל זיך באַוויזן, וואָס זאָגט, אַז משיח בן דוד איז שוין געקומען, און זי איז די כלה פון משיח. (באַוועגונג צווישן די תלמידים.)

שבתי. איך בין געזעסן שפּעט אין דער נאַכט און האָב גע־לערנט, און פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ געזאַנג, קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה! מיט דעם האָב איך איינגעדרעמלט און אין דעם געזאַנג אַרויסגעהערט, אַז מיין כלה קומט פון דער מדינה פּוילן.

פינייראַ (שרייט אַרויס). די מיידל אין ליוואָרנאָ קומט פון פּוילן! (איבעראַשונג צווישן די תלמידים פאַרשטאַרקט זיך.)

שבתי (רעדט לאַנגזאַם אַרויס). דאָס איז — פּעסטערער גרונט.

פּינײראַ. ער שרײבט מיר אָבער, אַז אין ליוואָרנאָ רעדט מען אויף איר אונטער. זי פּאַרקערט מיט מענער.

שבתי. ווי הושע הנביא. „גיי, ליב אַ פרוי, וואָס האָט געליבטע און הורט...״ שרײבט דיר מער דײן שוואָגער? קום, דערצײל מיר. איך גיי זיך טובלען. אַ פליי האָט מיך געביסן און איך האָב זי צודריקט. (גייט אַרויס, פּינײראַ נאָך אים.)

תלמידים (אין גרויסער אויפרעגונג). נסים איבער נסים!

— עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן! — דער וועג צו דער התגלות!

קאַלמאַרי. אָבער מיט דער פליי! מיט דער פליי! רזי דרזין!

קאַרמאָנאַ. וואָס דאַרטן האָט זיך געמוזט צוטאָן!

סילווײראַ. עס גייט מיר דורך אַ קעלט איבערן גאַנצן לייב. (צו דוכנען.) ווי איז דיר אײנגעפאַלן צו פרעגן, צי ער צווייפלט אין זיך?

דוכן. האָסט'אָך געהערט דעם ענטפער, וואָס ער האָט מיר געגעבן. ער זוכט פעסטערן גרונט, איז אָנגעקומען פּינײראַ, און איר קאָנט זיך ריכטן אויף מער וואונדער און מער צײכן.

נתן (אַ ייער יונגער מענטש, אָנהויב די צוואַנציקער, קומט אַרײן פון דרויסן־טיר גאַנץ אויפגערעגט). איר קאָנט זיך ריכטן אויף מער וואונדער און מער צײכן!

דוכן. ווער ביזטו? ווי קומסטו צו הערן מײנע לעצטע ווערטער?

נתן. דאָס זײנען דײנע לעצטע? ניין, דאָס זײנען מײנע ערשטע.

דוכן. איך האָב זיי ערשט אַרויסגערעדט.

נתן. און האָסט געענדיקט. איך הויב ערשט אָן.

דוכן. ווער ביזטו דען?

נתן. האָסט שוין אײנמאָל געפרעגט. דו ביזט נישט דער, וועמען איך דאַרף ענטפערן. וואו איז אונזער הײליקער קעניג?

דוכן. וואָס שרײסטו עס אַרויס!

נתן. דערפאַר בין איך דאָ אום דאָס אַרויסצושרייען.

דוכן. באַנעמסט זיך ווי אַ — אַ...

נתן. פאַרענדיק נישט, דו זאָלסט זיך נישט פאַרזינדיקן. איך ענטפערט מיר בעסער, וואו איז אונזער קעניג?

סילווירא. יונגער מענטש, דו רעדסט שוין צופיל.

נתן. איך בין געשיקט צו רעשן און אויסצורעשן. ווי דעם ווענען דאָס וועט זיין צופיל! איך פרעג צום דריטן מאָל, וואו איז אונזער מלך המשיח? ענטפערט מיר נישט! איך הער אים קומען. אַזוי גייט אַ מלך! אַזוי גייט דער מלך המשיח! איך האָב אים נאָך נישט געזען, און קען אים שוין... (שבתי קומט אַריין. נתן באַגעגנט אים מיט באַגייסטערטן אויסגעשריי.) מלך המשיח! ער און נישט קיין אַנדערער!

שבתי (צוערשט דערשטוינט, נעמט אָן קעניגלעכע האַל־טונג). ווער ביזטו?

נתן. איך הייס נתן בנימין לעווי, בין איינוואוינער פון עזה, אַן איידים פון שמואל ליסבאָנאַ. גאָט האָט מיך אויפגעהויבן פון מיסט צו זיצן מיט נדיבים. איך בין געווען זייער אָרים און איצטער בין איך איידים פון אַ גרויסן עושר, אָבער איך בין היינט נאָך מער געוואָרן!

שבתי. איך זע, דו האָסט צו מיר אַ שליחות.

נתן. ווער דען זאָל זען, אויב נישט דו? אָ, גאולה־ברענגער, אויסלייזער, משיח, דו הער נאָר, וואָס עס האָט מיט דיין קנעכט געטראָפן. איך פאַרברענג מיינע טעג אין לערנען, מיינע נעכט איבער הייליקע ספרים. איך בין דעם תלמוד־ים אין גאַנצן דורכ־געשוואומען, און דורכגעגראָבן ווייט און ברייט די טיפקייטן פון דער הייליקער קבלה. איך בין רייך, אָבער מיר איז גענוג אַ שטיקל טרוקן ברויט פון איין ערב שבת ביז צום צווייטן, מיט אים פאַר־פאַסט איך זיך און פאַסט זיך אָפּ. איך האָב געוואוסט, איך גרייט זיך צו צו עפּעס, האָב נישט געוואוסט, ווי גרויס און הייליק דאָס וועט זיין.

שבתי. איך הויב שוין אָן צו וויסן.

נתן. דו ווייסט, דו ווייסט, נאָר הער מיך אויס! היינט

גאַנץ פֿאַרטאָג, נאָך אַ דורכגעוואַכטער נאַכט, די צייט פֿון שחרית־קריאת־שמע איז נאָך נישט געווען געקומען, האָט זיך באַוויזן פֿאַר מיר אַ זייער אַלטער מאַן און מיר איבערגעגעבן — (שטעקט אַריין זיין האַנט אין בוזים.) מיר איבערגעגעבן די דאָזיקע אַלטע שריפֿט. (וויקלט פֿאַנאַנדער אַן אַלטע שריפֿט, וועלכע ער האָט אַרויסגענומען פֿון בוזים.) זעסט, דאָס פּאַפּיר איז זייער אַלט, און עלטער נאָך זיינען די אותיות, מיט וועלכע דאָס איז באַשריבן. פֿינף הונדערט יאָר איז עס אַלט. אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. אָבער הער, וואָס אין אים איז אָנגעשריבן. דו זעסט די אַלטקייט. דאָ קאָן קיין שווינדל נישט זיין. דאָס פּאַפּיר, קוים וואָס עס האַלט זיך נאָך צוזאַמען. און אַזאַ פּאַפּיר איז איצטער נישט צו זען, און די אותיות, זע, עס שרייבט שוין לאַנג קיינער נישט אַזוי. און וואָלט איך געוואַגט צו קומען דיך באַשווינדלען? און זע איך ווי אַ שווינדלער אויס? (טרערן באַווייזן זיך אין זיינע אויגן.)

שבתי. לייען, נתן, לייען מיר די שריפֿט. איך צווייפֿל נישט אין דיר!

נתן (עקסטאַזיש). אָ, מלך איבער מלכים, הער די וואונדערלעכע שריפֿט! (לייענט מיט אָנשטייגנדיקן עקסטאַז.) „און איך, אברהם, נאָכדעם ווי איך בין געווען פֿאַרשלאָסן פֿערציק יאָר און האָב זיך געוואונדערט איבער דעם גרויסן קראָקאָדיל, וואָס פֿאַרנעמט דעם טייך פֿון מצרים, און געטראַכט, ווען וועט קומען דער וואונדערלעכער קץ, האָב איך פּלוצלונג דערהערט דעם קול פֿון מיין פֿריינט: „און עס וועט געבאָרן ווערן אַ זון ביי מרדכי צבי, און ער וועט אים אַ נאָמען געבן שבתי צבי, און ער וועט מנצח זיין דעם גרויסן קראָקאָדיל און אַוועקנעמען די קראַפֿט פֿון דער בייזער שלאַנג. ער וועט קעמפֿן מיט דער קראַפֿט פֿון מענטשלעכע הענט, ביז דער טייך וועט נישט אויפֿשטייגן. זיין מלוכה וועט זיין אייביק, און עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסלייזער פֿון ישראל. שטעל זיך אויף אויף דיינע פֿיס און הער וועגן דער קראַפֿט פֿון דעם דאָזיקן מענטשן, און ער וועט אַ סך זיך מיען אום גאָט צו דערקענען, און אויף אים האָט עס דער נביא

חבקוק געזאָגט: צדיק באמונתו יחיה...״ (חזרט איבער התלהבות־דיק.) צדיק באמונתו יחיה — די ראשי תיבות צ ב י!

ש ב ת י (מאַכט צו די אויגן ווי פון אַ קאַפּשווינדל).

נ ת ן. וואָס זאָגסטו דערצו, הייליקער קעניג!

ש ב ת י (מיט צוגעמאַכטע אויגן). דער גרונט ווערט פעסטער און פעסטער. (עפנט די אויגן אויף נתנען.) און דער אַלטער, וואָס האָט דיר געבראַכט די שריפט איז געווען — ווער?

נ ת ן. איך האָב אים געפרעגט: ״אָ, הייליקער אַלטער, ווער ביזטו?״ און ער האָט ביי מיר צוריקגעפרעגט: ״ווער קומט אָנצו־זאָגן משיחס אָנקום?״

ת ל מ י ד י ם. אליהו הנביא!!

נ ת ן (פּאַטעטיש, מיט דער קראַפט פון אַ שופר־שטים). און ער האָט געזאָגט: ״איצטער ווערסטו — איך!״ (אַן עקסטאַז־אויפּאַטעמען. שבתי הויבט אויף די הענט אין באַגייסטערונג. די אַנדערע טוען אים נאָך.)

## פ י נ פ ט ע ס צ ע נ ע

ליוואָרנאָ. אַ סאַלאָן פון אַ קורטיזאַנע. אין דער הינטערוואַנט אַ טיר איבערגעהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען, רעכטס אַ טיר נאָך דרויסן. אין דער לינקער וואַנט צוויי פענסטער. אין מיטן צימער אַ טיש, אויף וועלכן עס שטייען געטרענק און צובייס און אַ סך לייכטער מיט ליכט. פון באַלקן הענגט אַראָפּ אַ גרויסער הענגלייכטער מיט ליכט. שלמה ניעטאָ, ישראל פינטאָ, יוסף ראָזאַ־נעס און עמנואל פּאַנאָ, פיר רייך־געקליידעטע יונגע מענער, לאָזן זיך וואוילגיין.

נ י ע ט אָ. זי לאָזט אויף זיך וואַרטן, די כלה פון משיח.

פ י נ ט אָ. אויב זי איז דאָרטן אַליין.

ר אָ ז אַ נ ע ס. פיליכט איז זי דאָרט איינגעשלאָסן מיט משיחן.

פ י נ ט אָ. מיט אַן אויסגעוויילטן גאַנץ באַשטימט.

פ אַ נ אָ. בין אַ בעלן אים צו זען.

פ י נ ט אָ. וואָס איז דען? איז ער אַזאַ זעלטענער פויגל?

פאַנאָ. ביזטו איר אויסגעווײלטער שוין געווען?

פינטאָ. איך בין דאָ צום ערשטן מאָל, פון ניעטאָן אַהער געבראַכט.

פאַנאָ (צו ניעטאָן). ביזטו שוין איר אויסגעווײלטער געווען? האָסטו איר לײַב שוין אויסגעתענוגט?

ניעטאָ. ניין, צום באַדויערן, איך ווייס נאָך נישט דעם תענוג.

פאַנאָ (צו ראָזאַנעסן). און דו נאָך אויך נישט?

ראָזאַנעס. און דו?

פאַנאָ. ניין, איך האָב מײַן ריזנהונגער נאָך נישט געשטילט.

פינטאָ. זײַנען מיר אַלע ערשט קאַנדידאַטן אויף איר בעט.

פאַנאָ. וואָלט געוואָלט זען דעם, ווער איז אין אים געלעגן.

פינטאָ. דו מײנסט...

פאַנאָ. די באַרימטע זונה איז גאָר קיין זונה נישט. (געלעכטער.)

פינטאָ. דאָס איז גוט געזאָגט!

פאַנאָ (צו ניעטאָן). צום וויפלטן מאָל ביזטו שוין דאָ בײַ איר?

ניעטאָ. צום דריטן מאָל.

פאַנאָ. און דו, ראָזאַנעס?

ראָזאַנעס. צום צווייטן מאָל ערשט.

פאַנאָ. און איך בין שוין היינט דאָ צום צענטן!

פינטאָ. העי, ניעטאָ, וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהער — אַ פעסטונג אײַנצונעמען?!

ניעטאָ. זי ווערט מיר זייער אינטערעסאַנט. עס איז אַ קונסט אַזאַ — ליבהאָבער צו צוציען און אײַנצוהאַלטן. איך האָב זיך עס נישט געכאַפּט, כאָטש איך האָב זיך שוין געוואונדערט. צוויי מאָל געווען און ביידע מאָל אַוועק, אַפילו נישט באַרירט זי, מיט דעם כּישוף פון אירע אויגן אין מיר, מיט געשטייגערטן פאַרלאַנג. איך גלויב, אויך איך וועל צום צענטן מאָל דאָ זײַן.

פינטאָ. דו האָסט צו מיר פון איר גערעדט, ווי דו וואָלסט זי שוין אויסגעתענוגט, ווי פאַנאָ האָט זיך פריער אויסגעדריקט.

נ י ע ט אָ. איך האָב עס אויך! מיט מײַנע אויגן. דו װעסט זי זען און פּאַר תענוג צושמאָלצן װערן.

פּ י נ ט אָ. איך דאַנק דיר. איך בין אַ גרעסערער בעל תכלית.

ר אָ ז אַ נ ע ס. דאָס בין איך אויך. און טראַכט מיר איצטער: װאָס זיץ איך נאָך דאָ?

פּ אַ נ אָ. פּאַרװאָס, װירקלעך, זיצסטו נאָך?

ר אָ ז אַ נ ע ס. האַ! דו האָסט מיך מיט דײַן פרעגן איצטער אויף אַ חשד אַרויפגעבראַכט.

פּ אַ נ אָ. װאָס איז דער חשד?

ר אָ ז אַ נ ע ס. דו האָסט אָנגעצויגן, מיר זאָלן אַװעק און דו אַליין זאָלסט בלײַבן. (צולאַכט זיך. ניעטאָ און פּינטאָ לאַכן מיט. זיי האָבן אַנטדעקט דעם שװינדל.)

פּ אַ נ אָ. לאַכט נישט. איר טײַטשט אויס מײַן פראַגע זייער פאַלש. אויב ער, דער בעל תכלית, גייט נישט אַװעק, איז עס װײַל ער קאָן נישט, װײַל ער איז שוין איר געפאַנגענער, און װעט צום צענטן מאָל דאָ זײַן.

פּ י נ ט אָ. האָט נישט איר שלאָפצימער אַן אַנדער טיר נאָך?

פּ אַ נ אָ. ריכטיק. אָבער איך פאַרזיכער דיר, קיין אויסגעװײל־טער איז נאָך פון איר נישט אַרויס. איך האָב שוין אָפּגעהיט.

פּ י נ ט אָ. איז װאָס לאָזט זי אויף זיך אַזוי לאַנג װאַרטן?

פּ אַ נ אָ. דו זאָלסט מיינען, אַז זי איז דאַרטן מיט אַן אויס־געװײלטן.

ר אָ ז אַ נ ע ס. אָדער מיט משיחן.

פּ אַ נ אָ. דערמאָן משיחן נישט. דו טוסט עס שוין צום צװײטן מאָל, געברויך זײַן נאָמען נישט אַזוי לײַכטזיניק.

פּ י נ ט אָ. האָט איר געהערט די נײַעס פון קאַאיראָ? די קלאַנ־גען מערן זיך. משיח האָט זיך דאָרטן באַװיזן.

פּ אַ נ אָ. יאָ, איך האָב געהערט. איך האָף, די קלאַנגען זײַנען פאַלש. (די גאַרדינען איבער דער טיר עפענען זיך אַביסל פּאַר־נאַנדער.)

ש ר ה (שטעקט אַרויס איר קאָפּ, מיט אַ פאַרפירעריש שמייכל אויף איר געזיכט. די פיר באַמערקן זי איינער נאָך דעם אַנדערן

און בלייבן שטיל, גאַנץ באַצויבערט. זי טרעט אַרויס, בלייבט שטיין אין די גאַרדינען, צונויפּציענדיק און צוהאַלטנדיק הינטער זיךביידע זייטן). גוטן אָוונט, פריינט! — עמנואל פאַנאָ, מיין געטריי־עסטער! — שלמה ניעטאָ, מיין צווייטער בעסטער! — יוסף ראַ־זאַנעס, געדענק איך נישט ריכטיק דיין נאָמען? — און ווער איז דער נייער? איך מאַך קיין טעות נישט, איך זע דיך צום ערשטן מאָל.

פּינטאָ (מיט פאַרבויגונג). ישראל פּינטאָ. איך האָף, דו וועסט מיך אויך געדענקען.

שרה. שוין איינגעקריצט אין מיר. (צו פאַנאָן.) איך האָב דיינע לעצטע ווערטער אויפגעכאַפּט, וועסט מיר דאָס אַנטשולדיקן. וועלכע קלאַנגען, האָסטו, זיינען פאַלש?

פאַנאָ. אָ, פאַרוואָס זאָל איך דיר פאַלשע קלאַנגען איבער־חזרן?

שרה. אויך צו מיר האָבן קלאַנגען דערגרייכט, און איך האָף, זיי זיינען אמת. זיינען דאָס דיזעלביקע קלאַנגען?

פאַנאָ. איך מאַך פון קלאַנגען זיך נישט אויס.

פּינטאָ (שטיפעריש). קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג! וועלכע קלאַנגען האָבן צו דיר דערגרייכט, שענסטע צווישן טעכטער?

שרה. פון קאַיראָ קומען זיי. וועגן דעם אָנקום פון מיין חתן און אייער אויסלייזער. (איר האַלטונג ווערט מאַיעסטעטיש. די פיר קוקן זי אָן מיט ערנסטע געזיכטער. פּינטאָ און ראָזאַנעס לאָזן לאַנגזאַם אַראָפּ אויפן טיש די שנאַפּס־גלעזער, וואָס זיי האַלטן.)

פאַנאָ (ליידנשאַפטלעך). וואָס האָסטו זיך דאָרטן איינגערעדט און הערסט זיך צו צו פאַלשע קלאַנגען! דו שענק מיר דיין געהער, און שענק מיר אויך דיין האַרץ. איך בין רייך און יונג און שיין, געהער צו די אָנגעזעענסטע פאַמיליעס אין ליוואָרנאָ, און פאַר זיי דאָ אין די אויגן, ווי פאַר באַשטעלטע עדות, באָט איך דיר אָן מיין האַנט און היים! אָ, שרה, ווער מיין ווייב!

ניעטאָ. פאַנאָ האָט עס דער ערשטער אַרויסגעשריען, אָבער ביי דיר ליגט די ברירה. איך בין עלטער פון פאַנאָן נישט אויף

א סך, אָבער א סך רייכער פאַר אים, און אין יחוס און וואוילגע־לערנטקייט שטיי איך נישט אָפּ פון אים.

שרה. איר האָט געהערט: איך האָב אַ חתן.

פאַנאַ. אָ, שרה! שרה, קום צו זיך!

שרה (מאַיעסטעטיש שטרענג). וואָס איז, דו גלויבסט נישט אין משיחן? גלויבסט נישט, ער וועט קומען?

פאַנאַ. איך גלויב, אַז ער וועט קומען. איך גלויב אָבער נישט, אַז דו ביזט זיין כלה. גלויב נישט, ער וועט דיך נעמען פאַר אַ ווייב. דו ווייסט דעם נאָמען, וועלכן דו האָסט, דעם רוף, וואָס איז וועגן דיר פאַרשפּרייט...

שרה. און דאָך ווילסטו מיך פאַר אַ ווייב, און אויך ניעטאָ באָט מיר אָן זיין האַנט.

ניעטאַ. דו האָסט מיך גאַנץ פאַרכישופט!

ראָזאַנעס. אויך מיך, שרה! אויך איך בין גרייט...

שרה. אפשר ווייסט איר איצטער, אַז איך בין נישט דאָס, פאַרוואָס איך גיב זיך אויס!

פאַנאַ. אָ, פרייד און גליק! איך בין געווען געשרעקט!

שרה. איך בין די אויסגעווײלטע, די כלה פון דעם אויסגע־ווײלטן! ער וועט קומען, ער איז שוין דאָ! די קלאַנגען פון קאַאי־ראָ זיינען נישט קיין פאַלשע. איך בין זיין כלה און וועל זיין זיין ווייב!

פינטאָ. דאַרף משיח אַ ווייב?

שרה. ער דאַרף מיך! מיך, נאָך וועלכער איר זייט נאָכגעלאָפן און וועלכע האָט אייך אויסגעווייכט! מיך, וועלכע האָט זיך מיט מענער אַרומגערינגלט און איז אַרויס פון זיי אומבאַרירט און אומ־באַפלעקט! מיך, די נסיונות בייגעשטאַנענע, געלייטערטע, געפּעם־טיקטע, געשטאָלטע! איך אַליין וועל קענען זיין די ווייב פון דעם הייליקן קעניג, וועלכער דאַרף קיין ווייב נישט האָבן! איך...

אַ דינסט (קומט אַריין). אַ מאַן פון קאַאיראָ וויל דיך זען.

שרה. האַ־אַ! שיק אים גלייך אַריין. (אַלע קוקן מיט גרויסער געשפּאַנטקייט אויף דער טיר.)

פּינייראָ (קומט אַריין מיט טיפער פאַרבוקונג, דעם קאָפּ

אַראָפּגעלאָזן, די אויגן צו דער ערד, ווי ער וואָלט נישט געטאָרט קוקן אויף דער פרוי). איך בין געשיקט צו דיר פון דיין חתן דעם מלך המשיח...

## זעקסטע סצענע

קאַירא. אַ רייכער זאַל אין הויז פון דעם סאַראַף באַשי רפאל יוסף בעלעבי. אַ גרויסע טיר אין דער הינטערוואַנט. ביי דער לינ־קער וואַנט צוויי טראָגנען, רייכע טעפּיכער, רייכע דיוואַנען. דער זאַל איז באַלויכטן מיט אַ סך ליכט. אויף דיוואַנען און טעפּיכער זיצן נתן, רפאל יוסף בעלעבי, שמואל פּרימאָ, דוכן, קאַלמאַרי, סילווייראַ, קאַרמאָנא און אַ סך אַנדערע. שבתי גייט אום הין־און־צוריק מיט געמאָסטענע שריט, די הענט אויפן רוקן — אין התבודדות אפילו אין דעם גרויסן עולם.

שמואל פּרימאָ. איך בין דעם הייליקן קעניגס סעקרע־טאַר, דורך מיר ווענדט ער זיך צום פאָלק. איך קאָן נישט מיט אַנצוהערעגישן רעדן, איך קאָן נישט הייסן וואַרטן — דאָס פאָלק וואַרט שוין גענוג. איך מוז באַשטימטקייט האָבן, מיינע ווערטער, באַזיגלט מיט דעם זיגל פון דעם הייליקן קעניג, מוזן זיין באַפעל. ווען דער הייליקער קעניג וויל נאָך נישט אַרויס מיט זיין התגלות פאַרן גאַנצן פאָלק, מוזן מיר נאָך וואַרטן, מיט קיין בריוו צום פאָלק נאָך נישט אַרויס.

נתן (שפּרינגט אויף). איך בין דער יינגסטער צווישן אייך, און בין דער עלטסטער. איך דאַרף נישט אַריינקוקן אין ספרים און דאַרף נישט באַרופן זיך אויף גרעסערע פון מיר. וואָס איך זאָג, קומט פון דעם אַלטן, וואָס איז געוואָרן איך, פון דעם, וואָס האָט צוויי גופים: איינעם פאַר ערד־באַוואוינער און דעם אַנדערן פאַר הימל־באַוואוינער. פון דעם, וועמען קודשא בריך הוא האָט פאַרשפּראָכן צו שיקן צו אונז, איידער זיין גרויסער טאָג וועט קו־מען. איז הערט, וואָס איך זאָג אייך, טוט, וואָס איך ראָט. מיר האָבן נישט וואָס צו וואַרטן מער. עס קומט דער גרויסער טאָג, דאָס יאָר פון דער גאולה שטייט פאַר אונזער טיר, דער מלך

המשיח איז דאָ מיט אונז. מיר דאַרפֿן עס וויסן לאָזן אין פֿאָלק, פֿאַרשפּרייטן עס איבער אַלע לענדער, און איך דאַרף עס טאָן. איך דאַרף דעם שופֿר בלאָזן, איך דאַרף דער אָנזאָגער זיין.

פֿרימאָ. ווען זיך אַוועקשטעלן שופֿר בלאָזן?

נתן (שטרענג). ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען, וועל איך אים בלאָזן. ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען, וועט אַלע זיין, ווי עס פֿאַראויסגעזאָגט געוואָרן. גאָרנישט וועט נישט געענדערט ווערן. אין יענעם טאָג וועט געבלאָזן ווערן אין דעם גרויסן שופֿר, אין דעם איבער־שופֿר, וואָס רופֿט קנעכט צו פֿרייהייט און וועקט אויף אַלע פֿרייהייטן פֿון דער וועלט. אָבער ביז צו יענעם גרויסן טאָג ווילן מיר אויפֿוועקן אונזער פֿאָלק מיט בריוו, מיט צושריפֿטן, מיט נביאות. פֿון זיי וועט אליהו רעדן צום פֿאָלק. דאָס יאָר פֿינף טויזנט פֿיר הונדערט זיבן־און־צוואַנציק קומט אָן — דאָס יאָר „משיח בן דוד בא"! מיר שטייען ערב דעם גרויסן יאָר, מוזן מיר אונטערהײלן, צוגרייטן אונזער פֿאָלק. דאָס פֿאָלק מוז זיך מכין זיין מיט תשובה און תפֿלה און צדקה, מוז זיך רייניקן און הייליקן, אַריינטרעטן אין דעם יאָר פֿון דער גאולה אַ געכשרטער, געתשובה־טער...

שטימען. אמת! אמת!...

נתן. רופֿט נישט: אמת! אמת! האָט וועגן דען ספֿקות אין דעם, וואָס איך זאָג? קאָן איך דען זאָגן ליגן? געדענקט, נישט איך, נתן פֿון עזה, רעד צו אייך, נאָר אליהו הנביא זאָגט אייך, וואָס איר האָט צו טאָן. צושריפֿטן מוזן פֿאַרנאַנדערגעשיקט ווערן איבער גאָר דער וועלט, און שליחים מוזן זיך פֿאַרנאַנדערפֿאָרן אין אַלע לענ־דער, וואו יידן וואוינען. די מיטלען אויף דעם, דאָס געלט, וואָס דאָס אַלץ דאַרף קאָסטן — דאָס פֿאָלק וועט עס אייך אַנטקעגנ־טראָגן.

בעלעבי. די מצוה וועט אינגאַנצן מיינע זיין. איך בין רייך, ווער מיט יעדן טאָג אַלץ רייכער, און מיין גאַנצן רייכטום גיב איך איבער אויף אַלע הוצאות, וועלכע מיר וועלן דאַרפֿן מאַכן. (התפּע־לות אין עולם.)

נתן (אין נביאישער באַגייסטערונג). דו וועסט קיין חרטה נישט

האָבן, רפאל יוסף, וועסט דיין טאַט נישט באַדויערן, סאַראַף באַ־שי בעלעבי! נאָך אַ יאָר און עטלעכע חדשים און אונזער האַר, דער מלך המשיח, שבתי צבי ירום הודו, וועט אַראָפּזעצן דעם גרויס־האַר פון זיין טראָן אין מצרים, און דו וועסט פאַרנעמען זיין אָרט, און אַלע לענדער פון אַפריקע וועלן דיר אונטערטעניק זיין.

בעלעבי (מיט יראה און פרומקייט). איך פאַרדין עס נישט... איך בין עס נישט ווערט.

פרימאָ. וואָס זאָגט אונזער האַר, דער הייליקער קעניג?

שבתי (קוקט אָן די אַרומיקע מיט אַ פרעמדן בליק, פאַר וועלכן זיי ציטערן אויף, קאָרטשען זיך איין.)

פרימאָ. אַנטשולדיק, הייליקער קעניג! האָסטו אונז גע־הערט?

שבתי. געהערט... געהערט...

פרימאָ. זאָלן מיר טאָן, ווי נתן זאָגט?

שבתי. איך וויל נאָך וואַרטן מיט דער פולער התגלות.

נתן (נביאיש). דו ווילסט נאָך צייכן האָבן, דו וועסט זיי האָבן.

פינײראָ (קומט אַריין. ער ווערט באַגריסט מיט פריידיקע און איבערראַשטע שלום עליכמס און אַ נייגעריקן „נו?" אָבער ער גייט צו שבתין, וועלכער האַלט־אָן זיין אַרומגיין, ביז פינײראָ קומט צו נאָנט.)

שבתי (געבנדיק פינײראָן די האַנט). שלום עליכם, אלי־עזר, דער קנעכט פון אברהם!

פינײראָ. געבענטשט איז גאָט, דער גאָט פון מיין האַר אב־רהם, וואָס האָט נישט אָפּגעטאָן זיין אמתן חסד פון מיין האַר... (פרייד צושפרייט זיך אין עולם.)

שבתי (ווידער אומגייענדיק). וואָס קאָנסטו מיר מער זאָגן?

פינײראָ. און דיין מיידל איז זייער שיין, אַ בתולה און קיין מאַן האָט זי נישט געקענט...

שבתי. און וואָס דיין שוואָגער האָט דיר געשריבן?

פ י נ י י ר אָ. דאָס איז זײַן טעות געװעזן, און דער טעות פֿון אַלע, װאָס האָבן דאָס געזאָגט.

ש ב ת י. װאו איז זי?

פ י נ י י ר אָ. זי לייגט די װעג־קליידער אָפּ און װיל צו דיר קו־מען, װי די כּלה צו איר חתן. װי אין פּסוק שטייט: און האָט גע־נומען דעם שלייער און זיך צוגעדעקט.

ש ב ת י. גיי, בעלעבי, שיק איר דיינע בעסטע דינסטן.

ב ע ל ע ב י (אויפשטייענדיק). מיין װייב און מיינע טעכטער האָבן אויסגעבעטן זיך דעם כּבוד. (גייט אַרויס.)

ש ב ת י (צו פּינייראָן). האָט זי װירקלעך נביאות געזאָגט, אַז זי איז די כּלה פֿון משיח?

פ י נ י י ר אָ. ביי די דאָזיקע װערטער בין איך אָנגעקומען צו איר.

נ ת ן. נאָך אַ צייכן!

ש ב ת י (אומגייענדיק, הויבט אָן צו זינגען — די אַנדערע הערן צו מיט צוגעמאַכטע אויגן אין פֿרומען שאָקלען זיך, הערנ־דיק אין דעם ליד קאַבאַליסטישן אינהאַלט).

איך שטייג אַ באַרג אַרויף,
איך שטייג אַ באַרג אַראָפּ,
און טו באַגעגענען מעליסעלדע,
דעם קייסערס טאָכטער מעליסעלדע.
זי איז פֿון באָד אַרויסגעקומען,
האָט דאָרטן אירע האָר געצװאָגן.
איר פּנים האָט געבלאַנקט —
דאָס בלאַנקען פֿון אַ שװערד.
די ברעמען שטאָל'נע בויגנס,
די ליפּן װי קאַראַלן,
איר הויט איז װייס װי מילך...

(רייסט איבער דעם געזאַנג, זיין בליק אָנגעשטעלט אויף דער טיר.)

ש ר ה (מיט די בעלעבי־פֿרויען הינטער איר, שטייט אין דער טיר, אָנגעטאָן װי אַ נאָנע, אין װייסן זייד. נאָר דאָס געזיכט אַליין איז אָפֿן, אַרומגעראַמט פֿון װייסן קאָפּ־צודעק. זי לאָזט זיך גיין

לאַנגזאַם, ווי געצויגן צו שבתין, וועלכער שטייט און קוקט זי אָן גאַנץ באַצויבערט).

די אַנדערע (ווען שבתי רייסט אָפּ זיין זינגען, עפענען אויף די אויגן, קוקן אים אָן, ווענדן זייער בליק אַהין, וואוהין ער קוקט, אָטעמען איבערראַשט אויף און זינגען אַרויס). בואי כלה! בואי כלה!

שרה (מיט ווייט פאַרנאַנדערגעפּנטע אויגן, באַוועגט זיך צו שבתין, ווי זי וואָלט קיינעם נישט געזען און די באַגריסונג נישט געהערט). מיין חתן! מיין מאַן! משיח בן דוד, דער אויסגעווייל־טער פון גאָט, גאולה־ברענגער, באַפרייער!... די גאַנצע מענטש־הייט קוקט אויף דיר אַרויס, אַלע הערצער שלאָגן צו דיר! ביזט אַלעמענס בענקעניש, אַלעמענס האָפענונג. אין תפלות ווענדט מען זיך צו דיר, אין זמירות ווערסטו פרום באַזונגען! ווי האָב איך תפלה געטאָן צו דיר, אין טרערן האָב איך געווייקט מיינע אויגן. צווישן נאָנעס אין אַ מאָנאַסטיר בין איך אַ יידיש קינד געבליבן, און ווען איך האָב מיט זיי צו זייער חתן דעם נוצרי זייערע לידער געמוזט זינגען, האָב איך נאָר דיך געמיינט.

פיניירא (פילדייטיק צו די אַנדערע). די מוטער רבקה אין הויז פון געצנדינער!

שרה. יאָרן, יאָרן, לאַנגע יאָרן... בין אויסגעוואַקסן, גרויס געוואָרן, דאַכט זיך אַלט געוואָרן, און פון זיי נישט אָפּגעלערנט, צו זייער חתן זיך נישט באַקערט.

שבתי. ווי אַ רויז צווישן דערנער איז מיין געליבטע צווישן נאָנען.

שרה. איך בין דיר געטריי געבליבן, דיין כלה בין איך, און דו מיין חתן, לאָז מיך קניען פאַר דיר, לאָז מיך קושן דעם שטויב פון אונטער דיינע פיס. (לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני.)

שבתי. שטיי אויף, שרה — אַזוי הייסטו דאָך?

שרה. דער נאָנען־נאָמען האָט זיך צו מיר נישט צוגעקלעפּט.

שבתי (צו די בעלעבי פרויען). הייבט זי אויף! (די פרויען טוען עס.)

נתן. מיטן רשות פון הקב״ה און זיין שכינה וויל איך דיר וואָס זאָגן פון דיין כבוד וועגן.

שבתי. זאָג, נתן־אליהו!

נתן. געטרייער פאַסטוך, די דאָזיקע כלה דיינע האָט הקב"ה פאַר דיר דערצויגן!

עולם (ברעכט אויס אין געזאַנג). לכה דודי לקראת כלה!

בעלעבי (צוקומענדיק). אָ, הייליקער קעניג, זאָל איך הייבן אריינברענגען די חופּה?

שבתי. הייס זי אַריינברענגען.

פרוי בעלעבי. מיר וועלן איצטער די הייליקע כלה אוועק נעמען פון דיר.

שבתי. פירט זי אַרויף צום טראָן. (די פרויען נעמען אָן שרהן, פירן זי צום טראָן, אונטער געזאַנג פון עולם, און זעצן זי אַוועק. ווען זיי ווערן פאַרטיק, זאָגט שבתי צבי). איך וויל זי באַדעקן.

פרוי בעלעבי (טראָגט אים אונטער אַ טוך, וואָס זעט אויס ווי אַ פרוכת).

שבתי (גייט מיט דעם טוך צום טראָן. די אַנדערע דערוועגן זיך נישט אים נאָכצוגיין. אַרויפקומענדיק צו שרהן, דעקט ער זי נאָך נישט איבער, נאָר קוקט זי אָן און זאָגט). זאָלסט וויסן זיין, איך האָב שוין צוויי ווייבער געהאַט.

שרה. איך ווייס, מיין קעניג.

שבתי. דו ביזט דער גלגול פון דבורה, דער כלה פון שלמה מלכו, און פון רחל, דער פרוי פון רבי עקיבא. איינע, וועלכע קאָן וואַרטן.

שרה. איך וויל זיין אַ טייל פון דיין הייליקייט.

שבתי (וואַרפט אויף איר אַרויף דעם דעקטוך, גייט צו צו זיין טראָן, שטייט אויסגעצויגן, אין גאַנצן מאַיעסטעטיש, און רופט אויס). נתן און שמואל, לאָזט וויסן אין פאָלק, משיח איז געקומען! (יובל־אויסברוך.)

# צווייטער אקט

אין ירושלים, אין דער וואוינונג פון שבתי און שרה. אַ גרויסער רייך־פּאַרפּוצטער זאַל, ענלעך צום בעלעבי־זאַל, נאָר די טראָגן שטייען פאַר אַ בימה, וועלכע פירט צו אַן ארון־קודש.

שבתי (גייט אום פאַרדבקהט און זינגט אונטער). שמח תשמח רעים אהובים — אתר דרעותא וחדוה ואחוה אשתכח. עמודא דכל עלמא דאקרי צדיק, וצדיק וצדק רעים האהובים אינון, דלא אתעדון דא מן דא...

שרה (גייט אַריין. איר געזיכט פאַרדעקט. בלייבט שטיין אין טיר).

שבתי (דערפילט איר אַריינקום, כאָטש ער זעט זי נישט. ער בלייבט שטיין, צו איר מיטן רוקן, און פרעגט). וואו ביזטו געווען, שרה?

שרה (דעקט זיך אָפּ דאָס געזיכט, לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, בוקט זיך).

שבתי (קוקט זיך נישט אום, נאָר ווענדט דעם קאָפּ, ווי בעסער צוצוהערן זיך).

שרה. האָט מיין האר מיך געזוכט?

שבתי. איך האָב דיך נישט געזוכט, אָבער איך ווייס, דו ביזט געוועזן אוועק. לאַנגע שעהן ביזטו געוועזן אוועק...

שרה (הייבט אויף הענט און אויגן אין פרומער באַגייסטערטקייט).

שבתי. וואו ביזטו געוועזן? — שטיי אויף, מלכה, קום צו גענטער, דערציילֿ.

שרה (אויפהייבנדיק זיך און לאַנגזאַם דערנענטערנדיק זיך) בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ירושלים.

שבתי. ווידער?

שרה. ווידער און ווידער.

שבתי. דיינע פיס מוזן דיר מיד זיין. זעץ זיך צו.

שרה. ווען דו שטייסט?

שבתי. איך וועל אַרומגיין, ווי איך בין געוווינט, אָבער דו זעץ זיך, ווייל דיינע פיס זיינען דיר מיד. זעץ זיך אויף דיין אָרט, אויף דיין שטול... די מלכּה אויף איר שטול...

שרה (גייט פאַר אים פאַרביי אין פרומער האַלטונג, קוקט זיך אויף אים נישט אום, ווען זי גייט פאַרביי, נאָר לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. דערנאָך קערט זי זיך אום צו אים מיטן פּנים און גייט אויף הינטן ביז צום טראָן, די אויגן אַראָפּגעלאָזן. ערשט ווען זי זעצט זיך, הויבט זי אויף די פרומע אויגן).

שבתי (קוקט זי נישט אָן, הייבט אויף די אויגן, ווי אין פאַרבינדונג מיטן הימל, און רעדט אַרויס אַנגענעם ווייך). דער-צייל, שרה.

שרה. בין ווידער געגאַנגען איבער די גאַסן פון ירושלים, ווי איך וואָלט איר ערד נישט געפילט אונטער מיינע פיס. זיי זיינען שמאָל און ענג, אירע גאַסן, און מענטשן זיינען אין זיי אַ סך, אָבער איך גיי און פיל נישט די ענגקייט פון די דורכגענג, מערק נישט די שטויסעניש און שטופּעניש פון די מענטשן. ווי איך וואָלט אין דער אוראַלטער ירושלים געוועזן און אין אַנדערע צייטן געלעבט... דוד, שלמה, די נביאים, דער בית המקדש... און — זיי מוחל מיר! — בין ווידער דורכגעגאַנגען די גאַסן, וועלכע דער נוצרי האָט דאָ באַטראָטן — איך קען זיי אַלע אַזוי גוט! דאָ האָט ער... און דאָ... אָ, איך טאָר עס נישט דערמאָנען! איך לויף זיי אויך שנעל דורך — אַנטלויף פון זיי צו אונזערע הייליקע ערטער, צום כּותל מע-רבי און צו הייליקע קברים, וואו די האָסט טרערן פאַרגאָסן אין געבעט... איך פיל דאָרטן דיין געוויין און וויין אים מיט... וויין מיט מיין מלך המשיח!...

ש ב ת י (אַרומגייענדיק). נעכטן שפּעט ביינאַכט בין איך יענע נאַסן דורכגעגאַנגען...

ש ר ה. דו?

ש ב ת י. דו האָסט מיך מיט דיינע דערציילונגען פּאַראַינטע־רעסירט. איך האָב דיר שוין געזאָגט: די נוצרי־ביכער זיינען מיר שרעק און מורא געוועזן, האָב איך זיי נישט אַריינגעקוקט, און נישט געוואוסט, וואָס זיי דערציילן.

ש ר ה. איך בין צו זיי קענען מיין ווילן געקומען.

ש ב ת י. דאָס האָסטו געמוזט — פון מיינעטוועגן. בין איך נעכטן אויף זיינע וועגן געגאַנגען... אָט דאָ האָט געטראָטן אַ מענטש, וואָס האָט גאולה געבראַכט, גאולה געפּרעדיקט, אַלס גאָטס זון אַרומגעגאַנגען, צו גאָט דערהויבן געוואָרן... מיר איז גאַנץ מערקווירדיק געוועזן...

ש ר ה. האָב דיר נישט געטאָרט דערציילן.

ש ב ת י. האָסט געמוזט, געמוזט. עס האָט מיך אויף געדאַנ־קען געבראַכט... צו נייע איינזעעניישן...

ש ר ה. איז עס מעגלעך, דו האָסט זיי פריער נישט געהאַט?

ש ב ת י. ביסלעכווייז ווערן מיר מער און מער פאַרבאָרגענישן אויפגעדעקט.

ש ר ה. רירן זיי אין דיר ספקות אויף?

ש ב ת י. זינט דו ביזט צו מיר געקומען, פיל איך זיך שטאַר־קער מיט יעדן טאָג.

ש ר ה. ווי דאַנק איך הקדוש ברוך הוא דערפאַר!

ש ב ת י. הם! נתן האָט מיר צוגעשיקט פון עזה זיינע נייעס־טע נביאות. נאָכדעם ווי איך וועל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט לי־דער און געזאַנג אַראָפּזעצן דעם סולטאַן, וועל איך דעם סמבטיון איבערגיין און דאָרטן חתונה האָבן מיט דער דרייצן־יעריקער טאָכ־טער פון דעם גרויסן נביא משה, און זי וועט ווערן די קעניגין, און דו וועסט זיין איר דינסט...

ש ר ה. ווען דאָס וועט זיין דיין ווילן.

ש ב ת י. איך האָב אים געלאָזט וויסן, ער זאָל זיין נבואה די ריכ־טיקע אויסטייטשונג געבן. די טאָכטער פון משה איז די תורה, מיט

איר האָב איך שוין לאַנג חתונה געהאַט. זי איז שוין לאַנג מיין קעניגין, און דו האָסט דאָס גליק איר געטרייע דינסט צו זיין.

שׂרה. ווי גוט איז דאָס פון דיר! (קוקט אים אָן מיט גרויסער געריריטקייט, פול ליבע און פאַרגעטערונג.)

שבתי (ווענדעט לאַנגזאַם דעם קאָפּ צו איר, ווי ער וואָלט ביי זיך אַליין געגנבעט אַ קוק אויף איר).

פרימאָ (קומט אַריין). עולם קלייבט זיך פאַר דער טיר, וויל אַריין, וויל דיך זען, וויל די הייליקע קעניגין זען.

שבתי. לאָז אַריין די, אויף וועמען דו ועסט תשובה־פייניקונג לייכט דערקענען. די איבעריקע זאָג: אין שטרענגער תשובה ליגט דער וועג צו אונז.

פרימאָ. ווילסטו אַן אויסגעפייניקט פאָלק אויסלייזן? איז דיין קומען נישט די גרעסטע פרייד?

שבתי. עס וועט נאָך זיין צייט צו פרייען זיך, איצטער איז די צייט פאַר תשובה.

פרימאָ. הייליקער קעניג, דער וועג פון פרייד און דער וועג פון תשובה ליגן ביידע אין דיינע הענט. דו ביזט דער האַר איבער אַלע דינים און מצוות. דו קאָנסט אָפּשאַפן און דו קאָנסט צוגעבן. מיט דיין קומען ענדערט זיך דער אויפבוי פון דער וועלט. ישׂראל הויבט אָן אַ ניי לעבן, און דו וועסט אים אַ נייע תורה.

שבתי. רעד נישט מער, פרימאָ! איך אַליין פאַסט נאָך, איך אַליין פייניק זיך נאָך, איך גיי דעם וועג פון תשובה, און דאָס פאָלק מוז אים אויך גיין. גיי און טו, ווי איך האָב דיר געזאָגט. לאָז די, וואָס פאַרדינען אַריינצוקומען אהער, נישט לענגער וואַרטן.

פרימאָ. וואָס זאָגסטו, קעניגין? וואָס איז דיין מיינונג? ווילסטו מיר נישט העלפן?

שׂרה. איך פרעג נישט איבער דעם הייליקן קעניגס וואָרט.

פרימאָ (פאַרבויגט זיך און גייט אַרויס).

שבתי. פרימאָ וויל צופיל.

שׂרה. ער האָט קיין צווייפל נישט.

שבתי. האָסטו צווייפל?

שרה. אָ, משיח מיינער, אפילו ווען איך בין געווען ווייט פון דיר, האָב איך זיי נישט געהאַט.

שבתי. פאַרוואָס האָסטו פּרימאָן דיין מיינונג נישט גע־זאָגט? נישט געגעבן אים די אונטערשטיצונג, וועלכע ער האָט פון דיר געוואָלט?

שרה. דאָס צופיל, וואָס ער וויל, דאַרפסט דו וועלן, און ווילסטו עס נאָך נישט, דאַרף עס נישט געשען, איז נאָך נישט די צייט דערפאַר...

שבתי (קוקט זי אָן איבערן אַקסל, פאַרגנבעט. זיינע אויגן האָבן ליבע און באַוואונדערונג אין זיך). האָט דער נוצרי געהאַט זיין זיווג?

שרה (פאַרוואונדערט). ניין.

שבתי (הויבט אָן אַרומצוגיין). דאָס איז געווען זיין אָפּ־האַלט... ער האָט זיך נישט פאַרגאַנצט. (עולם געפירט פון פּרימאָן, קומט אָן מיט אַ משיח־געזאַנג. אַלט און יונג, מענער און פרויען, אויסגעתעניתטע, אויסגעפייניקטע געשטאַלטן, וואָס האָבן קוים כוח צו גיין. די שטימען קלינגען הייזעריק, אָבער אין די אויגן און אין די באַוועגונגען דאָס פייער פון וואונדער־דערוואַרטונגען. זיי פאַלן כורעים, שלאָגן זיך אויפן האַרצן און זינגען, זינגען, באַגיסנ־דיק זיך מיט טרערן פון פרייד. שבתי קוקט זיי אָן אַ ווײַלע און זעצט זיך אויף זיין טראָן לעבן שרהן.)

פּרימאָ (צוקומענדיק). הייליקער קעניג, דער עולם וויל, דו זאָלסט אים עפּעס זאָגן.

שבתי (שטייט אויף. שרה שטעלט זיך אויך אויף. דער עו־לם ווערט פאַרגליווערט. אַ סך ציטערן פאַר שרעק. ווען שבתי הויבט אָן צו רעדן, גייט דעם עולם דער אָטעם אויס). כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו — די זאַך איז דיר זייער נאָנט צו טאָן זי מיט מויל און האַרץ... די גאולה איז זייער נאָנט; זי וועט קומען, ווען מויל און האַרץ וועלן אייניק זיין. איין זאַך מיטן מויל און איין זאַך מיטן האַרץ זיינען צוויי בערג, און צווישן זיי אַ ברייטער טיפער תהום, און ווער עס וויל וואָס דערגרייכן מיט דעם דאָזיקן תהום אין זיך, איז דער סוף, אַז דער תהום וועט אים

פארשלינגען. מויל און הארץ דארפן זיין איניק, רצון און מחשבה דארפן זיין איניק, אבער זיי זיינען צוויי כחות, וואס רייסן זיך באזונדער. ווי ברענגט מען זיי צונויף? משל צו צוויי פערד, וואס זיינען איינגעשפאנט אין איין וואגן, און ביידע רייסן זיך אין די פארשיידענע זייטן. וואס וועט זיין מיט דעם וואגן, ווען מען וועט לאזן די פערד אליין? ער וועט קיינמאל נישט אנקומען, וואוהין ער דארף אנקומען. וואס טוט מען, אז דער וואגן זאל אנקומען, וואוהין ער דארף אנקומען? מען טוט אן אויף די פערד א צוים, און מען ציט אן די לייצעס און מען שמייסט זיי מיט א בייטש. יעמאלט גייען זיי ביידע אין איין וועג, און דער וואגן ווערט געפירט צו זיין ציל. אויך מויל און הארץ, רצון און מחשבה מוזן איינגעשפאנט און געטריבן ווערן צו איין ציל דורך יראה און שברת הלב, און ערשט יעמאלט וועל איך, דער גואל, וואס שטייט דא פאר אייך, ברענגען אייך די גאולה.

עולם (ווי אין אַרויסקרעכץ). די גאולה! לאז אונז נישט ווארטן, אויסלייזער אונזערער! מיר האבן שוין מער קיין כח נישט צו ווארטן!

שבתי רפאל (הייבט זיך אויף פון די קני). הערט, איינוואוינער פון ירושלים, פארנעמט מיין ווארט, קינדער פון ישראל! איך הייס שבתי רפאל, און א בעטלער בין איך, וואס האט זיך דורכגעבעטלט אהער פון מארעא אין גריכנלאנד. א בעטלער, וואס זיין מויל האט שטענדיק געזאגט, וואס זיין הארץ טראכט, ווייל זיין הארץ האט קיינמאל גארנישט מער געטראכט, ווי נאר זאט אנעסן זיך. מיינע ווערטער זיינען געוועזן געציילטע, מיין לשון זייער ארים, קוים א דאנק ארויסצורעדן, קוים א קללה ארויסצוברענגען. אבער גאטס גייסט האט זיך אראפגעלאזט אויף מיר, די שכינה פון גאט רוט איצטער אויף מיר. און גאט האט צו מיר געזאגט אזוי צו זאגן: דו בעטלער און איבער־די־הייזער־גייער, זע, איך גיב דיר א סך ווערטער, און גיי אוועק איבער די יידישע הייזער און קלאפ אין די טירן פון ישראלס קינדער אין זייער צושפרייטקייט און זאג זיי אן די בשורה, אז די אותיות פון גאטס נאמען זיינען שוין פאראייניקט, און די שכינה קערט זיך אום פון איר גלות. ווייל די

צייט פון דער גאולה איז שוין געקומען, און איר וועט נישט דאַרפן מער לאַנג וואַרטן. מיין משיח איז שוין צווישן אייך, מיין טייערער בן יחיד שבתי צבי! (צווישן עולם ברעכט אויס אַ היסטעריע: געזאַנג, געוויין, לייברייסעניש, טאַנץ צום טאַקט פון די ישעיה־פּסוקים: „עברו עברו בשערים פנו דרך העם סלו סלו המסלה...״ עס קומען אַריין יעקב חגית און יעקב צמח מיט אַ סך באַגלייטער. עולם באַגעגנט זיי מיט פאַרשטאַרקטן רעש, די טענצער ווילן אַריינשלעפן זיי אין טאַנץ. גאַנץ נשתומם פון דעם, וואָס זיי זעען און הערן, שלאָגן זיי אַרום זיך רעכטס און לינקס, מאַכנדיק זיך אַ וועג צו שבתין.)

צ מ ח (אָפּטרייבנדיק זיך פון די צושטייער). וואָס איז דאָ? אַ משוגעים־הויז? איר דאַרפט אַ דאָקטאָר אַלע, צו מיר דאַרפט איר קומען, און איך וועל אייך היילן, אָנטאָן אין משוגעים־העמדער. לאָזט דורכגיין, איר נכפּהס!

ח ג י ת (מיט ווירדע אָפּשטופּנדיק פון זיך די צושטייער). אין אייער משוגעת האָט איר דרך־ארץ פאַרגעסן. ווייסט נישט מער ווי צו באַנעמען זיך, ווען איר זעט אַ רב.

ש ב ת י ר פ א ל. מיר זיינען פאַר אַ גרעסערן איצטער, פאַר דעם גרעסטן. ער זעצט אַראָפּ די אויבערשטע נאָך אונטן און די אונטערשטע הויבט ער אויף.

ח ג י ת. דו, בעטלער, דו וועסט דיין אונטן באַלד ביי מיר דערפילן, אַז דו וועסט דיין אויבן אינגאַנצן פאַרגעסן! (צו זיינע באַגלייטער.) מלקות זאָל ער קריגן, פאַרגעסט מיר נישט דעם חצוף!

ש ב ת י ר פ א ל. ווי אייך, וואָס איר ווייסט נאָך נישט, און נאָך מער ווי אייך, אויב איר ווייסט און ווילט נישט גלויבן! בעטלער רופסטו מיך, און איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אַ נביא צו זיין און די משיח־בשורה אָנצוזאָגן. ווייס, אַז דו שטייסט איצטער פאַר דעם מלך המשיח, פאַל כורעים און לאָז זיך מלקות שלאָגן!

ח ג י ת (הויבט אויף אים אויף זיין שטעקן). דו לעסטערצונג, מנוול! איין שטראָף וועט זיין דעם פאַרפירער און די פאַרפירטע! (דער טאַנץ רינגלט זיי אַרום: עברו עברו בשערים!... זיי קאָנען נישט ווייטער גיין.)

שרה. מיט בייזע אבזיכטן זיינען זיי געקומען, זיי האָבן שלעכטס פאַרטראַכט, אָבער דו ביזט רואיק, און מיין האַרץ זינגט אין מיר.

שבתי. שטערער און אָפּהאַלטער, ווי די, וואָס האָבן שוין איינמאָל די גאַסן דאָ באַטראָטן.

שרה. נאָר איצטער וועט זיי נישט געלינגען.

שבתי (צו פּרימאָן). זאָג, עס זאָל רואיק ווערן.

פּרימאָ. רואיק אַלע! אונזער הייליקער קעניג וויל, עס זאָל רואיק זיין! (פּרומע גערופעריי: רואיק! רואיק! דער הייליקער קע־ניג וויל, עס זאָל רואיק זיין! — עס ווערט רואיק.)

חגית (צוקומענדיק). אזוי שוין! הייליקער קעניג! האָסט וויט געבראַכט! עס איז מיין שולד, וואָס איך האָב זיך פריער נישט אריינגעמישט. משיח ביזטו, הא?

צמח. אוועקגעפאָרן א שליח און געקומען א משיח, הא, הא, הא! (זיינע באַגלייטער לאַכן מיט.)

מתתיהו בלאָך (אַן אויסגעפּייניקטער, דורכגייסטיקטער קאַבאַליסט, וואַקסט אויס פאַר צמחן). לאַכט נישט, איר ווייסט נישט, וואָס איר טוט! ער איז משיח! ווייסט, אויב איר ווייסט נאָך נישט, און איר ווייסט געווים נאָך נישט: „ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע" איז בגימטריא שבתי בן מרדכי צבי משיח יהוה! (התפעלות אין עולם.) און ווייס נאָך מער, דו נישט־ווייסנדיקער: אַלץ איז איינגעשלאָסן אין דעם סוד פון דעם וואָוו, ווייל דער סוד פון דעם וואָוו איז די ספירה יסוד, וואָס ברענגט די התגלות אין דער ספירה מלכות. אין דעם נאָמען פון אונזער הייליקן קעניג שבתי צבי זיינען איינגעשלאָסן הונדערט־און־זעקס־און־דרייסיק וואָוון און הונדערט־זעקס־און־דרייסיק איז בגימטריא יהוה הוא, אלהים הוא! (די התפעלות שטייגט אָן.)

חגית. ווער ביזטו, וואָס דו דערלויבסט זיך צו מאַכן אַזעלכע אויסרעכענונגען און אויסשרייען זיי אין פאָלק?

מתתיהו בלאָך. איך הייס מתתיהו בלאָך, אויב דו ווילסט עס וויסן. שטאַם פון דייטשלאַנד, אויב דאָס איז דיר נוגע. בין כל

ימי געזעסן על התורה ועל העבודה, אין נגלה און אין נסתר, און נסתר איז מיר אזוי אָפן ווי נגלה...

צ מ ח (וואָס האָט דערווייל איבערגערעכנט די בגימטריאס). דו ליגנער! דו פעלשער! דיין חשבון וואָלט געשטימט, ווען ש ב ת י צ ב י וואָלט געווען זיבן הונדערט און פערצן, נישט זיבן הונדערט און צוועלף!

מ ת ת י ה ו. אונזער קעניגס נאָמען איז שב־בתי, צווי ביתן רעדסטו אַרויס, און ביידע האָב איך אויך געציילט.

צ מ ח. שווינדלער און פאַרפירער פון אויבן ביז אַרונטער!

ח ג י ת. א נעסט פון מנוולים!

פּ ר י מ אָ. היים מיר, הייליקער קעניג, און איך וועל זיי אַרויס־טרייבן.

ש ב ת י. זיי זיינען מיינע געסט.

ח ג י ת. מיר זיינען נישט דיינע געסט. מיר זיינען געקומען דיר צו זאָגן, אַז דו זאָלסט פאַרלאָזן ירושלים.

ש ב ת י. דאָס דאַרפסטו מיר נישט זאָגן, איך בלייב דאָ סיי־ווי־סיי נישט. איך האָב מיין ירושלים־שליחות אין קאַהיראָ גוט דערפילט, געבראַכט איר דאָס אויסלייז־געלט, געבראַכט אויך גע־נוג פאַר אירע אָרימעלייט. איצטער גיי איך ווייטער, מיין ציל איז קאָנסטאַנטינאָפּאָל. (פריידּ־אויסברוך.)

ח ג י ת. ווּעסט דיין קאָפּ דאָרט ברעכן! אָבער היינט נאָך זאָלסטו פאַרלאָזן ירושלים.

צ מ ח. דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין!

ש ב ת י. איר זעט, איך ווער נישט אין כעס. עס זיינען פאַ־ראַן בלינדע און פאַרשפּעטיקער אומעטום און שטענדיק, איר ביי־דע זייט אין דער נאַכט פאַרביי מיין פענסטער דורכגעגאַנגען און דעם שיין, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון אים, נישט באַמערקט. איר זייט פון די בלינדע און פאַרשפּעטיקער, אָבער איר וועט נאָך זעענדיק ווערן און אונטערקומען — ווען איר וועט צו זיך קומען, ווען אייער כעס וועט זיך אין אייך לייגן.

צ מ ח. אונזער כעס וועט אין אונז מער צופלאַקערן זיך, ווייל דו בלאָזט אים פאַרנאַנדער מיט יעדן וואָרט, וואָס דו זאָגסט.

שבתי. אייער כעס קומט דערפון, וואָס איך האָב דאָס געלט, וואָס בעלעבי האָט מיר געגעבן, אַליין צוטיילט צווישן די אָרימע־לייט פון ירושלים און אייך נישט איבערגעגעבן.

צמח. אונזער כעס נעמט זיך דערפון, וואָס דו גיסט זיך פאַר משיח אויס!

שבתי (שטרענג, מאַיעסטעטיש). איך גיב זיך נישט אויס. איך בין.

חגית. דו לעסטערסט גאָט!

שבתי (נאָך שטרענגער). דאָס זאָלסטו מיר נישט זאָגן!

חגית. דו לעסטערסט גאָט! סקילה ביזטו ווערט! אין חרב וועלן מיר דיך אַריינלייגן!

שבתי. ווען איך וואָלט נישט געווען, ווער איך בין, וואָלט איך זיך געוויס דערשראָקן. אָבער דו זעסט, איך בין רואיק. איך שרעק זיך בלויז, אַז דו און די, וואָס זיינען מיט דיר, איר זאָלט נישט קורחס סוף האָבן! (אַ שרעק גייט דורך דורך דעם עולם. מען הויבט אָן אָפּצוטרעטן פון חגיתן און צמחן און זייערע באַגלייטער.)

עטלעכע באַגלייטער. זיי האָבן אונז פאַרפירט, הייליקער קעניג! זיי האָבן אונז איבערגערעדט! (לויפן אַוועק.)

חגית און צמח (פאַרלירן זיך אויף אַ מאָמענט. דער מאָמענט גייט אַריבער, די ערד האָט זיך אונטער זיי נישט אויפגעעפנט און זיי נישט פאַרשלונגען, צולאָכן זיי זיך, אָבער נערוועז און פול מיט שרעק).

שבתי (רעדט אַריין אין זייער געלעכטער פעסט און שטרענג). איר וועט אייער שרעק נישט פאַרלאָכן. אויב אייך איז גאָרנישט געשען, איז ווייל איך וויל נישט, אייך זאָל וואָס געשען. גייט און טוט תשובה!

צמח. מיר זאָגסטו, איך זאָל תשובה טאָן! איך בין אַ מאַראַן, וואָס האָט אַלס קריסט פאַר יידישקייט געליטן, ביז די שעה איז געקומען און איך האָב פון קריסטנטום זיך אין גאַנצן אַרויסגעראַטעוועט. פון יעמאָלט אָן פאַרלעב איך מיין לעבן אין תשובה, ווי דער הייליקער אר"י האָט געלערנט און רבי חיים וויטאַל. וואָס זאָל נאָך

מיין תשובה זיין? איך זאָל אַ נייעם נוצרי נאָכלויפן, פאַרזינ־קען ווידער אין אַ זומפּ?

שרה. איך בין אין אַ קלויסטער אויפדערצויגן געוואָרן, און גאָט האָט מיך געבראַכט אַהער, מיט נסים אויף יעדן שריט. האָט ער מיך פון דעם קלויסטער אַרויסגעראַטעוועט און זיינע נסים מיר באַוויזן, אום אין אַ זומפּ מיך אַריינצוּוואַרפן? דאַרטן האָט ער מיר נאָך אַנטדעקט, איך וועל משיחס כלה זיין, און זעט, איך בין עס. ווייס ווער מיין וואונדער־וועג, ווי קאָן ער אין ספיקות זיין און לעסטערן? קומט צו זיך! עפנט אייערע אויגן אויף, עפנט אויף אייערע הערצער! פאַרלירט נישט די גאולה! (עולם איז פאַרגאַפט פון איר שיינקייט. מיט באַוואונדערונג אויף די פנימער הויבט מען אָן אַראָפּצולאָזן זיך אויף די קני אין טיפער שטילקייט.)

חגית (צו צמחן). איר זעט! איר זעט, וואָס דאָ טוט זיך?

צמח. אָפּגעטעריי! געצנדינעריי!

חגית. מיר מוזן מאַכן אַ סוף צו דעם! מיר וועלן מאַכן אַ סוף צו דעם! (צו שבתין.) דו וועסט נאָך פון אונז הערן!

שבתי. צו וואָס אָפּלייגן? דו ווילסט אין חרם מיך אַריינלייגן — אָט איז אַן אָרון קודש, און אַ מנין יידן און מער האָסטו דאָ אויך, גייט אַרויף אַהין, רופט אויס דעם חרם. (בייזער אויסגעשריי אין עולם.) וואָס שטייט איר נאָך? וואָס לייגט איר איבער? טוט אייער פליכט, מאַכט אַ שנעלן סוף. אויב איך בין זינדיק און פאַרדין דעם חרם, וואָס וואַרט איר נאָך? (עולם ווערט אויפגערעגטער, רוקט זיך נענטער צו חגיתן און צמחן מיט בייזע געשרייען.) דערקלערט דעם עולם, אַז איך בין נישט, ווער איך בין, אַז איך בין אַ שווינדלער און באַטריגער... (ווילד־בייזער אויסגעשריי.) ווילט איר אויסגעפינען, מיט וועמען איז דאָס פאָלק? נישט די ערד, נאָר דאָס פאָלק וועט אייך דאָ באַלד פאַרשלינגען, און איך וועל עס נישט אויפרייצן קעגן אייך, נאָר אייער רשעות און בלינדקייט וועט אייער אומגליק זיין. (דער עולם ווערט אויפגערעגטער. חגית, צמח און דאָס רעשטל באַגלייטער הויבן אָן אָפּצוטרעטן אויף הינטן, רוקן זיך צו דער טיר.)

חגית (ביי דער טיר). רשע, איך בין דיר מתרה! (גייט שנעל

אַרויס, דאַך אים צמח און די איבעריקע באַגלייטער. דער עולם מיט ווילדע געשרייען לאָזן זיך נאָך זיי לויפן.)

שבתי (צואוועגדנדיק דעם קאָפּ צו שרהן, נישט קוקנדיק אויף איר). רשע האָט ער מיך גערופן... ער האָט זיך דערוועגט, און זיין מויל האָט זיך אים נישט פאַרקרימט, זיין צונג האָט אים נישט אָפּגענומען...

שרה. האָסטו דאָס געוואָלט? דו דאַרפסט עס גאָרנישט וועלן. זיי וועלן אַלע צוקומען צו דיר. זאָל פּרימאַ גיין און זען, קיין שלעכטס זאָל זיי נישט געשען.

שבתי. רשע האָט ער מיך גערופן... און דו מיינסט... גיי, פּרימאַ, זע־צו, עס זאָל קיין שלעכטס זיי נישט געשען.

פּרימאַ. איך גיי עס טאָן, ווייל דו הייסט אַזוי. (גייט שנעל אַרויס.)

שרה. איז דאָס אַליין נישט קיין משיח־וואונדער? בין איך איצטער אויף דער ערד? בין איך נישט אין די הימלען הויך דער־הויבן? אָ, הייליקער קעניג, ווי הערלעך דו ביזט אין דיין גאַנצ־קייט!

שבתי (אָנקוקנדיק זי מיט באַוואונדערונג). ניין, איך גיי ערשט מיין גאַנצקייט געווינען. (זינגט אַרויס.) ישקני מנשיקות פּיך... (בויגט זיך צו איר צו.)

שרה. אָ, הייליקער קעניג! (מאַכט צו די אויגן, שטרעקט אויס דעם האַלז, גרייט אָן די ליפּן.)

שבתי (נעמט זי אַרום און גיסט זיך צונויף מיט איר אין אַ לאַנגן קוש, לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין טראָן, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און טרערן פון גליקזעליקייט רינען אַראָפּ פון זיינע אויגן).

שרה (דערשראָקן). הייליקער קעניג! דו וויינסט!

שבתי. פון גליקזעליקייט... וואָס איז אַ קוש? די באַהעפ־טונג פון גייסט מיט גייסט... מיין גייסט האָט זיך איצטער אויף אייביק מיט דיין גייסט באַהעפט.

שרה (לאָזט זיך אַראָפּ פאַר אים אויף די קני און שפּאַרט אָן אָן אים איר שטערן).

שבתי (הויבט אָן צו זינגען פרום און זיס פסוקים פון שיר

השירים). כלך יפה רעיתי ומום אין בך. אתי מלבנון כלה אתי מלב־נון תבואי תשורי מראש אמנה.

שרה (הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אים אָן אין רעליגיעזער באַגייסטערונג). פּאַראייניקט זייִנען מיר אין אַלע אייביקייטן, חתן מייִנער, חתן מייִנער.

# דריטער אקט

## ערשטע סצענע

אַ וואַלדוועג פאַר די טויערן פון סמירנא. לינקס די גרויסע שטאָט־טויער. — באַוואָפנטע גזלנים שטייען אין הינטערגרונט צווישן ביימער.

קאַפּיאַ (אַ מיטליעריקער). מיר קאָנען זיך בארימען. אויס־געוויילטע גזלנים, האַהאַהאַ... נישט אַלע זיינען זוכה אַ משיח אוי־בערצופאַלן, האַהאַהאַ... נו, וואָס שטייט איר אַזוי און לאַכט נישט מיט?... אָדער זייט איר ביי זיך זייער וויכטיק געוואָרן? האַהאַהאַ... אַט קומט דער אַטאַמאַן! הייבט אָן צו לאַכן, זאָג איך אייך!

אַטאַמאַן (אַרויסקומענדיק פון טויער, באַקוקט זיין באַנ־דע). וואו זיינען אַלע? האָסטו אַלעמען געלאָזט וויסן, קאַפּיאַ?

קאַפּיאַ. אַלעמען.

אַטאַמאַן. איז פאַרוואָס זיינען זיי נאָך דאָ נישטאָ?

קאַפּיאַ. ווען אויך נישט קומען.

אַטאַמאַן. וואָס הייסט?

קאַפּיאַ. מורא געקראָגן.

אַטאַמאַן. מורא געקראָגן? הע!... גוט... מער וועלן זיי קיין גזלנים שוין נישט זיין. בר מיננם וועלן זיי ביי מיר ווערן.

קאַפּיאַ. איך האָב זיי געוואָרנט. שוטים, האָב איך זיי גע־זאָגט.

אַטאַמאַן. וויפל זיינען מיר? נישט אַ מנין אפילו... וועלן נישט קאָנען זאָגן קיין קדיש נאָך די הייליקע הרוגים, העהע... (צו צוויי גזלנים.) אירביידע שטייט ביים טויער, לאָזט קיינעם נישט אַרויס... די שטאָטישע דאַרפן נישט אַרויסקומען מקבל פּנים זיין משיחן, מיר וועלן אים אַריינטראָגן צו זיי, העהעהע...

קאפיא (לאכט מיט, די אנדערע לאכן קורץ אויף).

אטאמאן. דערשראקן זיך! וואס האט זיי דארטן דער־שראקן?

קאפיא. האבן אונז נאך געוואלט צוריקהאלטן. גייט נישט, האבן זיי זיך געבעטן.

אטאמאן. וואס פארט די מורא?

קאפיא. א מורא און פארטיק. ציטערן אין אלע גלידער.

אטאמאן. מיגעל און אראביא אויך, הע!

קאפיא. א, ניין! מיגעל און אראביא זיינען דא.

אטאמאן. דאס פרייט מיך. וואו זיינען זיי?

קאפיא. אומגעדולדיק געווארן. אוועק באגעגענען. אנקוקן א פריער.

אטאמאן. האהאהא... די משיחטע ציט זיי צו. דאס איז חברה! זיי באלעקן זיך שוין פארויס. האבן נאך קיינמאל קיין פרוי נישט דורכגעלאזן, ביז זיי האבן זי נישט א ביסעלע פאר־גוואלטיקט, האהאהא... דערפאר אבער מארדן זיי גוט די מענער — פארדינען ערלעך זייער ביסל פארגעניגן... ווי וועלן זיי זיך נאר איינטיילן מיט דער משיחטע? זי איז זייער שיין, דערציילט מען... זיי זאלן זיך נאר נישט פארגעסן און אוועקהרגענען משיחן. געדענקט איר אלע: משיח זאל נאך נישט געטויט ווערן. פאראן אין סמירנא צוויי פארטייען: איינע וואלט אים געוואלט האבן א לעבעדיקן, די צווייטע וואלט אים געוואלט א טויטן. ווער פון די ביידע פארטייען וועט אונז בעסער באצאלן, יענע זאל אים האבן... ווער לויפט עם דארט? א, מיגעל... איז וואס געשען?

מיגעל (קומט אנגעלאפן, אויפגערעגט, דערשראקן). קומט אוועק! קומט אוועק!

אטאמאן. וואס איז געשען? קומט אן א באוואפנטע מאכט?

מיגעל (אויסער אטעם). וואלט איך זיך אזוי דערשראקן?

אטאמאן. וואס דען איז דיין שרעק?

מיגעל. איך קאן אים נישט דערקלערן. האב נישט פאר אים קיין ווערטער. איך זאג אייך, קומט אוועק!

אטאמאן. ביזטו משוגע געוואָרן? דערציייל דאָך, וואָס און וועמען האָסטו דאָרטן געזען.

מיגעל. שיינקייט... אומענדלעכע שיינקייט... הערלעכקייט...

אטאמאן. דאָס האָט דיך דערשראָקן?

מיגעל. און נאָך עפּעס... נאָך עפּעס... איך קאָן עס נישט ארויסרעדן...

אטאמאן. טיק וועך שטום! גיי צו אַלדי רוחות! וואו האָסטו זיי געזען?

מיגעל. זיי זיינען שוין נאָנט. גייען צופוס. די פורן באַגלייטן זיי פון הינטן.

אטאמאן. גרויסאַרטיק. בעסער ווי געוואונטשן. (צו עטלעכע.) איר וועט זיך ווענדן צו די פורן. (צו קאַפּיאָן און די אַנדערע.) איך מיט אייך וועלן זיך נעמען פאַר די פּוסגייער.

מיגעל. קומט אַוועק, זאָג איך אייך!

אטאמאן (כאַפּנדיק זיך פאַר זיין מעסער). איך שיק דיך גלייך אַוועק אויף יענער וועלט, און זיי זיי דאָרטן מקבל פּנים! וואו האָסטו אַראָביאָן איבערגעלאָזן?

מיגעל. ער איז אַוועק צו אים.

אטאמאן. צו וועמען צו אים?

מיגעל. צו משיחן, אים צו וואָרענען.

אטאמאן. דער פאַררעטער! ער וועט ביי מיר שטאַרבן דעם שרעקלעכסטן טויט, די אינקוויזיציע האָט נאָך אַזאַ נישט אויסגעטראַכט! קומט שנעל! נאָכלויפן, אויב זיי זיינען אַנטלאָפן! (פון רעכטס דערהערט זיך געזאַנג פון אַ פּראָצעסיע, וואָס קומט צו נענטער און נענטער.) זיי קומען דאָך אהער... האָט ער משיחן נישט געוואָרנט? אָדער האָט משיח זיך נישט דערשראָקן? (די גזלנים הייבן אָן צו ווערן אומרואיק, שליסן זיך ענגער צוזאַמען, שרעק באַווייזט זיך אין זייערע אויגן. דער אַטאַמאַן אַליין בלייבט רואיק. ווען ער באַמערקט דעם אומרו אין זיינע לייט, צולאַכט ער זיך שטאַרק.) האַהאַהאַהאַ, קוק זיי נאַר אָן! און אויך דו, קאַפּיאָ!

מיגעל (שרייט פּלוצלונג אויף מיט אַ געוויין און פאַלט אויף דער ערד מיטן געזיכט אַראָפּ).

אטאמאן (ווילד פאַר כעס, שטעלט אַרויף זיין פוס אויף מיגעלס קאָפּ). דו וואָרים פּאַסקודנער! (כאַפּט אַרויס זיין מעסער מיט ווילדער האַנטבאַוועגונג.)

קאפּיא (כאַפּט אונטער זיין האַנט, שטעכט זיך אַריין דאָס מעסער אין דער ברוסט און פאַלט טויט. אַטאַמאַן בלייבט שטיין גאַנץ געפּלעפט, נישט באַגרייפנדיק, וואָס עס איז פאָרגעקומען. דער געזאַנג איז שוין גאַנץ נאָנט. מען הערט דייטלעך: „עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה". דער שרעק צווישן די גזלנים פאַרגרעסערט זיך. עס באַווייזן זיך שבתי, שרה, פרימאָ און אַ גרויסער באַגלייטער־עולם. זיי גייען דואיק און זינגען „קול רנה וישועה באהלי צדיקים..." די גזלנים שרייען אויס אין שרעק און פאַלן אויף די פּנימער. די צוויי ביים טויער לויפן אַריין אַין שטאָט מיט שרעק־געשריי. דער אַטאַמאַן לאָזט פאַלן דעם בלוטיקן קינזשאַל און הייבט אויף די הענט אין פאַרלאָרנקייט. די פּראָצעסיע בלייבט שטיין. שבתי הייבט אויף די אויגן אויפן אַטאַמאַן. דער אַטאַמאַן פאַר־דעקט זיין געזיכט מיטביידע הענט, קרעכצט אָפּ, דרייט זיך אי־בער אַ פּאָר מאָל און פאַלט טויט אויפן רוקן).

באַגלייטער (שרייען אויס). דער בליק פון זיינע אויגן האָט אים פאַרברענט!

שרה (מיט רחמנות־אויגן צו שבתין). איז דאָס געווען נוי־טיק?

שבתי. דאָס איז געווען זיין איינציקע רעטונג.

מיגעל (און די איבעריקע). זיי אונז מוחל, האר! זיי אונז מוחל, משיח!

שבתי. גייט הינטער מיינע פורן צו אייער חבר.

שרה (זינגט באַגייסטערט אַרויס). לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה! (די פּראָצעסיע נעמט אויף דעם געזאַנג. די גזלנים מיט בוקעניש גייען אַוועק רעכטס. פון שטאָט הייבן אָן אַרויסצוקומען יובעלנדיקער עולם מיט געשרייען: לאַנג לעבן זאָל דער מלך המשיח!)

## צווייטע סצענע

אַ גרויסער פּלאַץ אין סמירנא. אין הינטערגרונט דער פּאַ־סאַד פון אַ שול מיט ברייטע טרעפּ צו די גרויסע טירן. ביי ביידע זייטן לינקס און רעכטס קראָמען. דער פּלאַץ איז געדיכט מיט יידן, מענער, פרויען און קינדער, זינגענדיקע, טאַנצנדיקע, פרום־פּאַר־דביקהטע. קרעמער, פּעדלער, טרעגער, בעטלער, אויסגעמישט מיט פּני. פון גאַנץ ווייט לינקס הערט זיך אַ פּראָצעסיע־געזאַנג, וואָס ווערט אַלץ נענטער.

אַ קרעמער (פאָרנט רעכטס ביי זיין קראָם). איך שליס דאָס געשעפט צו. סיי ווי סיי שוין באַלד שבת.

צווייטער (אין שכנות). דער יום שכלו שבת! אייביקער שבת, און אוים געשעפט. איך לאָז עס שטיין. וועל אפילו די קראָם נישט פאַרשליסן. צו וואָס?

דריטער (אין שכנות מיטן צווייטן). מי וואָלט איצטער גע־קאָנט מאַכן גאָר גוטע געשעפטן. יידן קומען אין סמירנא פון אַלע עקן וועלט, און וועלן נאָך מער אָנקומען... דער גרעסטער יריד...

צווייטער. זיי קומען נישט קויפן, קומען נישט פאַרקויפן... וואָס דיר קאָן נאָך ליגן אין קאָפּ!

דריטער. איך זאָג דאָך נאָר מי וואָלט...

אַ דורכגייער (פון רעכטס פאָרנט). פון וועלכער זייט וועט ער אָנקומען?

ערשטער. הערסטו נישט דעם געזאַנג? זיי וועלן שוין באַלד זיין דאָ.

דורכגייער. איך וויל אים גיין אַנטקעגן. וויל אים זען נאָך פריער. (אַוועק לינקס.)

פערטער קרעמער (קומט נאָך פאָרנט). געמאַכט שבת. אוים געשעפטן. לאָמיר צוגרייטן זיך צו אים. ווילט איר זאָגן תהלים? אָט האָב איך דאָ אַ תהלים.

צווייטער. מי מאָג טאַקע אריינכאַפּן אַ קאַפּיטל תהלים.

פערטער (עפנט אויף דעם תהלים. די אַנדערע דריי שטעלן זיך אַרום, קוקן אַריין. אַלע פיר הייבן אָן צו זאָגן תהלים).

ערשטער (אינמיטן זאָגן). אַ! אַ! ווי שיין ער איז!

דריטער. און זי?!

צווייטער. שייכות צו זאָגן! דער הייליקער מלך און די הייליקע מלכה!

דריטער (סודותדיק). איר ווייסט, ער האָט זי נאָך נישט באַרירט.

צווייטער. וואָס דאַרפסטו דאָס גאָר דערציילן? וואָס דאַרפיזו עס גאָר אַרויסברענגען אויף דיינע ליפּן?

דריטער. דאָס איז דאָך דער גרעסטער נס. אַזאַ ווייב!

פערטער (צוקלאַפּנדיק דעם תהילים). ווי רעדט מען עס אַזוי אינמיטן תהלים־זאָגן!

דריטער. איז עס דען נישט קיין שבח?

פינפטער קרעמער (קומט צו פון רעכטס פאָרנט). אַז איר זייט שוין אַוועק פון אייערע קלייטן, וואָס שטייט איר דאָ אַזוי? קומט׳אָך אין שול אַריין אַ ביסל תשובה טאָן.

ערשטער. דער הייליקער מלך און די הייליקע מלכה וועלן באַלד דאָ זיין.

פינפטער. קומען זיי דאָך אין שול! (גייט צו דער שול. פערטער נאָך אים.)

זעקסטער (קומט אָן פון הינטן מיט צוויי גראָבאייזנס).

צווייטער. וואוהין גייסטו איצטער אַוועק פון דאַנען? וועט זיין קונה די גראָבאייזנס פאַרשפּעטיקן?

זעקסטער. נישט קיין קונה. איך גיי זיך אויסגראָבן אַ גרוב, מיין ווייב וועט מיר העלפן.

ערשטער. וואָס רעדסטו דאָרטן?

זעקסטער. איך וועל זיך אַריינשטעלן אין איר און לאָזן זיך פאַרשיטן ביזן האַלז.

דריטער. וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל?

זעקסטער. דאָס איז מיין תשובה.

ערשטער. וואַרט דאָך אָפּ, ביז דער הייליקער קעניג...

זעקסטער. איך טאָר נישט. איך מוז צוערשט מיין תשובה... (אַוועק.)

צווייטער. וואָס פאַר אַ תשובה זאָל איך מיר נעמען? וועל פאַסטן פון קומענדיקן מאָנטיק ביז דאָנערשטיק.

דריטער. איך וועל נאָך אַ מאָל אויף איר אַ קוק טאָן, דער־נאָך וועל איך זיך אויסבאָדן אין שני. (אין עולם פאַרשטאַרקטע באַוועגונג נאָך רעכטס. געשרייען: דאָס איז רבי משה סוריאל! — רב משה סוריאל! — דער אַלטער סוריאל! — פון רעכטס נאָנט פאַרדבקהטער געזאַנג פון אַן אַלטער שטים: „וטהר לבנו לעבדך לעבדך לעבדך באמת...")

משה סוריאל (אַ זקן, קומט אַרויס זינגענדיק און שפרינ־גענדיק, טראָגנדיק אויף זיין אַקסל אַ שטייענדיק דריי־יעריק יינגע־לע. אינמיטן פלאַץ הערט ער אויף צו זינגען און שפרינגען, פאַר־גלייסט די אויגן, צוקט עטלעכע מאָל מיטן גאַנצן קערפּער ווי אין אַ קאָנוואולסיע, הייבט אויף די ציטערנדיקע הענט און זינגט אַרויס מיט פאַרשטאַרקטער שטים אין זינגזאַנג פון לערנען). אסרי לגפן עירה — דא מלכא משיחא דזמין לשלטאה על כל חילי עממיא... דא מלכא משיחא!... דא מלכא משיחא!... אַ פריער שטייט ולו יקהת עמים — ולו יקהת עמים איז בגימטריא שבתיה, ווי עס וועט זיין דער נאָמען פון אונזער קעניג נאָך דעם טאָג פון דער גאולה. ולו יקהת עמים אסרי לגפן עירה איז בגימטריא צוויי מאָל שבתי צוגעגעבן צוועלף, אַ רמז אויף די צוועלף שבטים, וואָס ער וועט אומקערן פון גלות... טוט תשובה יידן, משיח איז מיט אונז! (גייט לינקס און שרייט.) רחצו — וואַשט אָפּ פון זיך די זינד! הזכו — מאַכט ריין זיך פון עברות! הסירו רע מעלליכם מנגד עיני — טוט אָפּ די שלעכטסקייט פון אייערע טועכצן פון פאַר מיינע אויגן! (אַוועק לינקס.)

רופעניש (אין עולם). נביאות! — ער האָט געזאָגט נביאות! — דער אַלטער משה סוריאל האָט געזאָגט נביאות!

רבי עזריאל (אַ בית דין שמש, קומט אַרויף פון לינקס און קוקט זיך אַרום אין עולם, קוקט אָן די פאַרשיידענע טרעגער, בלייבט שטיין ביי אַ פּאָר, קראַצט זיך אין באָרד, ווי ער וואָלט זיך עפּעס מיישב געווען, דערזעט דעם אָנקומענדיקן בעטלער אַברהם

רוביאָ — אַ הויכער, געזונטער מאַן — לאָזט אים פאַרבייגיין, קוקט אים נאָך אַ מאָמענט און גיט אַ רוף). פססססט!...

אברהם רוביאָ (קוקט זיך אום).

רבי עזריאל. קום צו!

רוביאָ (צוקומענדיק). וואָס וויל ער, רבי עזריאל?

רבי עזריאל. אָ, דו קענסט מיך!

רוביאָ. פאַרוואָס זאָל איך אים נישט קענען? בין איך נישט אַ היגער? ער איז דער בית־דין־שמש רבי עזריאל, די רעכטע האַנט פון אונזער רב רבי אהרן לאַפּאַפּאַ.

רבי עזריאל. איז גוט, וואָס דו קענסט מיך. דאָס מאַכט די זאַך פיל לייכטער.

רוביאָ. האָט ער צו מיר וואָס? איך בין אַ בעטלער...

עזריאל. און איצטער האָסטו אַ געלעגנהייט אַ סך געלט צו מאַכן. קאָנסט רייך ווערן... דאָס הייסט...

רוביאָ. וואָס דאַרף איך איצטער רייך ווערן? וואָס דאַרף איך איצטער געלט? אַז משיח איז געקומען!

עזריאל. ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט! רעדסט נאַריש־קייט! אַ משוגעת אין אַלעמען אַריין! ער איז פונקט אַזוי משיח ווי איך.

רוביאָ. ער זאָג עס נאָך אַ מאָל!

עזריאל. איך וועל עס דיר זאָגן, וויפל מאָל דו ווילסט! דו שוטה דו, דו הער דאָך! אין ירושלים האָבן זיי אים אַריינגעלייגט אין חרם, פון די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רבנים איז אָנגעקומען, אַז ער איז חייב מיתה. איך קאָן דיר פאַרלייענען דעם בריוו. וועסט זיך פאַרדינען אַ גרויסן חלק עולם הבא, אָבער מען וועט עס דיר באַצאָלן מיט אַ סך געלט.

רוביאָ. וואָס האָט ער קעגן אים פאַרטראַכט?

עזריאל. איך? שוטה! דו הערסט'אָך די רבנים! און נישט פאַרטראַכט, — געפּסקנט! לויט דין און משפט. ער איז חייב מיתה.

רוביאָ. וואָס עס האָבן מורא געהאַט די גזלנים, ווילן די רבנים.

עזריאל. ווי פאַרגלייכסטו דאָס, שוטה!

ר ו ב י אָ. איך קריג מיין עולם־הבא, ווען איך לייג ד י ך אוועק אַ טויטן! (גיט אים אַ זעץ מיט דער פויסט.)

ע ז ר י א ל (קייקלט זיך איבער, הייבט זיך שנעל אויף און אַנטלויפט רעכטס). העלפט! העלפט!

ר ו ב י אָ. כאַפּט אים! כאַפּט אים! געקומען דינגען מיך דעם הייליקן קעניג אומצוברענגען! (לויפט נאָך עזריאלן.)

אַ שנייד ע ר (לויפט אַן פון לינקס הינטן מיט אַן אָנגעגליטן פּרעסאייזן). מיין אייזן איז הייס, מיין אייזן איז פייער. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט אַזוי צו זאָגן: לייג צו דיין אָנגעגליטן פּרעס־אייזן צו דיין צונג, און דיין צונג וועט נישט פאַרברענט ווערן. נאָר געכשרט וועט זי ווערן צו זאָגן די ווערטער, וואָס איך וועל אַריינלייגן אין דיין מויל. (טראָגט צו דאָס פּרעסאייזן צו דער צונג. דורך דעם עולם גייט דורך אַ שוידער־געמורמל. דער שניידער פאַרגלאָצט די אויגן, זיין קערפּער צוקט און בלייבט דערנאָך ווי פאַרגליווערט. זיין שטים איז איצטער שטאַרקער, טיפער.) די גאולה איז נאָנט, די גאולה שטייט שוין פאַר דער טיר. (צװאוויינט זיך.) די צרות די גרויסע, דחקות און נויט און הונגער וועלן אויפהערן, פאַרפאָלגונגען און רדיפות וועלן פאַרשווינדן! (זינגט.) דער אויסלייזער איז געקומען, דער באַפרייער איז שוין דאָ, דער וועלטפאַרבעסערער איז מיט אונז! שבתי צבי איז זיין נאָמען, ער איז דער מלך המשיח, מיין איינציקער זון, מיין אויסגעוויילטער. איך גיב אים איבער מיין מאַכט, ער זאָל הערשן אויף דער ערד און אין די הימלען. אַלע מלכים פון דער וועלט וועלן אים אונטערטעניק זיין און אַלע מלאָכים אין די הימלען. זיין שטול וועט שטיין לעבן מיין שטול, און איך וועל אים אָנטיילן מיט מיין שיין, און ער וועט שיינען איבער גאָר דער וועלט! (שטייט אַ ווײַלע אין פאַרפעטישער פאָזע מיט אויפגעהויבענע הענט. ביסלעכווייז וואַכט ער אויף, קוקט אָן דעם עולם פאַרוואונדערט, קוקט אויף זיין פּרעסאייזן.) וואָס טו איך עפּעס דאָ? איך האָב געדאַרפט עפּעס אויספּרעסן? דאָס אייזן איז הייס ווי פייער... איז ווי קום איך עפּעס אַהער? האָ? (הערט זיך צו צום געזאַנג פון לינקס.) אָ, יאָ! (איילט אַוועק לינקס פאַרנט. פון עולם גייט מען אים נאָך. אַ שטויגונג, אַ טשמאָקעניש, אַן

אַז־אַז־געקרעכץ. מי קוקט זיך אָן מיט אַקסלדריקן, מי גלאָצט די אויגן, הייבט פרוט די הענט צום הימל.)

איינער (אין עולם). מי קאָן גאָר נישט קומען צו זיך. אַז יעדע מינוט אַן אַנדער נס!

א צווייטער. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת... איך פיל עפּעס... איך פיל עפּעס, אַז מיט מיר אַליין... (צואווייגט זיך.)

אסתרל (אַ מיידעלע געפירט פון איר מוטער, צושרייט זיך). מאַמע! מאַמע!

די מוטער. וואָס איז, אסתרל? וואָס איז, קינד?

אסתרל. זע! זע! מלכא קדישא שבתי צבי! (די אַרומיקע קוקן זיך אַרום.)

די מוטער. וואו זעסטו אים, קינד מיינס?

אסתרל. אוי, מאַמע! ער רעדט צו מיר! ער וועט צונויפ־קלייבן אַלע יידן! (פאַלט אין צוקונגען.)

די מוטער. אסתרל! אסתרל! טאָכטערקע! (הייבט זי אויף און לויפט מיט איר לינקס.) נבואה האָט פון איר אַרויסגערעדט! נאָך קיין זעקס יאָר נישט אַלט! (אַוועק.)

איינער. דאָס גרעסטע וואונדער! גאָט האָט אַרויסגערעדט פון דעם קליינעם קינד!

א מיידל (אין היסטערישן וויינען און לאַכן צווינגט זיך צולעצט). השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות — בצבאות. דאָס איז מלכא משיחא. לייענט נישט בצבאות נאָר בצבי...

אַן עלטערע פרוי (אַוועקפירנדיק זי נאָך לינקס). עפּעס איז אין איר אַריין! עפּעס איז אין איר אַריין!

איינער. געהערט? אַ מיידל — זוהר הקדוש! און איר אויס־טייטש! (אַלגעמיינער אַ! אַ!)

פיר פרויען (האַלטן זיך פאַר די הענט און פירן אויס אַ טאַנץ צום טאַקט פון זייערע ווערטער, וועלכע קלינגען ווי די ווער־טער פון אַ ליד). שבתי צבי דער מלך המשיח — — פון אַלע מע־נער ער דער שענסטער — — ווי אַ צעדער פון לבנון זיין גע־שטאַלט — — זיין געזיכט די זון אין מיטן טאָג — — דער סול־טאַן וועט אים דערזען — — וועט ער פאַרציטערט ווערן — —

די קרוין פון סולטאַנס קאָפּ — — וועט אָנטאָן דער מלך המשיח! (גאַנץ נאָנט לינקס דונערן געשרייען: לאַנג לעבן זאָל אונזער מלך המשיח! און עס הערט זיך דער גע־אַנג פון דער פּראָצעסיע. די פיר פרויען לויפן אַהין. עס הייבט אָן אָנצוכוואַליען אַ טאַנצנדי־קער, שפּרינגענדיקער עולם, מענער, פרויען און קינדער. די פּראָ־צעסיע טרעט אַרויף, געפירט פון שבתי, שרה און פרימאָ. זינגענ־דיק: ימין יהוה רוממה ימין יהוה עשה חיל... דער גאַנצער פּלאַץ רוישט אויף: לאַנג לעבן זאָל דער מלך המשיח! לאַנג לעבן זאָל דער הייליקער קעניג שבתי צבי! לאַנג לעבן זאָל די הייליקע מלכה אָן, יענער פאַלט אַריין אין עקסטאַז. די פּראָצעסיע גייט צו דער ש״ה: שבתי פּעכלט מיט אַ גרויסן פעכער, און ווען ער רידט שול. אין די הינטערשטע שורות משה סוריאל, דער שניידער, אסתרל מיט איר מוטער, די עלטערע מיידל, די פיר פרויען.)

לאה (אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, שטופּט זיך דורך דורך דעם געדיכטן עולם מיט געשריי). דאָס איז ער! דאָס איז ער! (ער־לם לאָזט זי דורך, פאַרנייגעריקט. זי פאַלט אויף די קני.) אָ, מיין האַר, איך היים לאה און קום פון דער ווייטער גאַלאַטאַ דיר מיין זעאונג אָנצוזאָגן. מיין פאָטער האָט געזאָגט, דו מוזט זי וויסן, און אַלע אין גאַלאַטאַ האָבן מיט אים איינגעשטימט. מאָג איך רעדן?

שבתי. רעד, זעערין!

לאה. אָ, הייליקער קעניג, איך האָב דיך געזען, דו ביזט מיר אין חלום באַוויזן געוואָרן. אָט אַזוי ווי דו ביזט, האָב איך דיך געזען, נאָר האָסטו געריטן אויף אַ הויכן ווייסן פערד. ווי זאַמד אויפן ברעג ים זיינען געווען אַרום דיר יידישע קינדער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון זייערע גלות־לענדער, און אַלע האָבן שי־רה געזונגען און אַלע האָבן געהילכט: לאַנג לעבן זאָל דער מלך המשיח!

עולם (הילכט אויף). לאַנג לעבן זאָל דער מלך המשיח!

לאה (דערהעכערט איר שטים). אָט אַזוי אַ און שטאַרקער, שטאַרקער פיל, האָב איך אין מיין חלום געהערט. און איך קום צו און פרעג: איז דאָס דער מלך המשיח? און איך ווייס דעם ענט־פער, ווייל איך קוק אויף דעם רייטער, און איך הער, ווי מען רעדט

צו מיר: „איז נאָך פֿאַראַן אַ יידיש קינד, וואָס ווייס נאָך נישט, ווער משיח איז? קאָנסטו אים נישט דערקענען? דאַרפֿסטו נאָך פֿרעגן?" און איך קאָן די אויגן נישט אָפּווענדן פֿון דעם רייטער, און מיין מויל רעדט דערווייל: „איך האָב זיך פֿאַרשפּעטיקט, ווייל איך בין דאָך נאָך גאָר אַ קינד. איך ווייס אפֿילו נישט, וואוהין איר גייט מיט אים, וואוהין ער פֿירט אייך. פֿירט ער אייך נאָך ירוש־לים?" און עמיצער ענטפֿערט מיר און די שטים איז געקומען פֿון ערגעץ ווייט ווייט: „ער פֿירט נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פֿון דאָרטן ערשט וועט ער פֿירן נאָך ירושלים, אָבער נישט נאָך ירושלים, וואָס אויף דער ערד, נאָר נאָך ירושלים, וואָס אין הימל." (התפּעלות־געשריי אין עולם.) אַזוי אויך האָב איך אויפֿגעשריען אין מיין חלום און פֿון דעם אויפֿגעשריי זיך אויפֿגעכאַפּט. איך האָב גלייך געוואוסט, אַז דאָס איז מער ווי אַ חלום. עס איז נבואה, און איך בין אויסגעוויילט געוואָרן, דער גייסט פֿון גאָט זאָל אויף מיר רוען. אָ, מלך המשיח, פֿון גאָט דו אויסגעוויילטער, פֿון גאָט געזאַלבטער, איך האָב קיין וואָרט נישט אויסגעטראַכט, קיין וואָרט נישט צו־געגעבן צו מיין נבואה־חלום. ווי ער איז מיר געוויזן געוואָרן, אַזוי האָב איך אים דיר איבערגעגעבן. דו גלויבסט דאָך מיר, אָ, מלכּא קדישא!

ש ב ת י. איך גלויב דיר גאַנץ געוויס. (עקסטאַז־געשריי אין עולם, לאה פֿאַרדעקט איר געזיכט מיט ביידע הענט אין געריר־קייט.) און דיין לוין וועט זיין, וואָס דו וועסט אריינגענומען ווערן אין מיין קעניגלעכן הויף, צוגעשטעלט ווערן צו דער הייליקער מל־כּה.

ל א ה (באַגייסטערט). אָה!

ש ב ת י. איצטער גיי און שטעל זיך צו צום קרייז פֿון די, אויף וועמען עס רוט גאָטס גייסט, דער רוח פֿון נבואה.

ל א ה. ווי בין איך גליקלעך!

פּ ר י מ אָ (פֿירט זי צו צום נביאים־קרייז. די פּראָצעסיע איז צוגעקומען צו דער שול. אויבן אויפֿן פּלאַץ פֿאַר דער טיר ווענדן זיך שבתי און שרה אום צום עולם. אין עולם קומט פֿאַר אַ וואַק־כאַנאַליע פֿון באַגייסטערונג, אַ האַלזעניש און קושעניש פֿאַר גרוי־

סער גליקלעכקייט, וועלכע גייט אַריבער אין אַן אַלגעמיינעם טאַנץ. דער טאַנץ ווערט איבערגעריסן דורך שופרות־בלאָזן.)

פּרימאָ (רופט אויס). דער הייליקער קעניג וויל צו אייך רעדן, ווייל זיך מתגלה זיין! (דער עולם ווערט פאַרגליווערט.)

שבתי. הער, מיין פאָלק, הערט, איר צוזייטע און צושפּריי־טע און ווידער פאַראייניקטע! גאָטס נאָמען אין פולן מיט אַלע זיי־נע פיר אותיות האָט נאָר דער כהן גדול געמאָגט אַרויסרעדן, און נאָר אום יום כפור ביי דער עבודה. און נאָך איינעם איז דערלויבט דעם נאָמען אַרויסצורעדן מיט אַלע פיר אותיות: גאָטס איינציקן זון, זיין בכור, דעם מלך המשיח. הערט! איך זאָג אַרויס פאַר אייך דעם פולן נאָמען פון גאָט מיין פאָטער!

פּרימאָ (ווינקט. בעלי תוקעס בלאָזן אין די שופרות. דער עולם רוקט זיך צונויף אין שרעק).

שבתי (מיט פאַרשטאַרקטער שטים). יעהאָוואַ! (אַן „אוי!״ רייסט זיך אַרויס אין עולם, גייט דורך, ווי דאָס רוישן פון אַ ווייטן דונער. שבתי נאָך שטאַרקער.) יהוה אמר אלי בני אתה, אני היום ילדתיך! איך בין גאָטס זון, איך בין משיח! (שופרות בלאָזן.)

עולם (דונערט אַרויס). לאַנג לעבן זאָל דער מלך המשיח!

שבתי. נאָכדעם ווי איר האָט געהאַט די זכיה צו דערזען דעם גרויסן טאָג און די דערפילונג פון גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט געשיקט זיין פאָלק דורך די נביאים, מוז אייער קלאָג און טרויער פאַרוואַנדלט ווערן אין פרייד, און אייערע תעניתים דאַרפן ווערן טעג פון שמחה, ווייל איר וועט שוין מער נישט וויינען. דער תענית עשרה בטבת קומט אָן — ער וועט מער קיין תענית־טאָג נישט זיין.

פאַראיינצלטע שרעקאויסגעשרייען. אוי! אוי!

שבתי. פאַרוואַנדלט דעם טאָג, וועלכן איר האָט דורות־לאַנג פאַרבראַכט אין טרויער און געוויין, אין אַ טאָג פון יובל מיט גע־זאַנג און לידער און אין וואוילטיק, ווייל איך בין צו אייך געקו־מען!...

שלמה אלגאזי (אַ רב, שטופּט זיך דורך פון צווישן עולם, וואָס שטייט אויבן פאַר דער טיר). ניין, דאָס קאָנסטו נישט! דו קאָנסט דעם תענית נישט אָפּשאַפן!

ש ב ת י. א י ך קאָן נישט? ווייסטו דען נישט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע תעניתים, און דו ביזט דאָך אַ רב און אַ בן־תורה!

אַ ל ג אַ ז י. איך ווייס עס, איך האָב עס נישט פאַרגעסן, ווי איך געדענק גוט, אַז איך בין אַ רב און לערער אין פאָלק ישראל. די תעניתים וועלן אויפהערן, אָבער צוערשט וועט די גאולה קו־מען. אַלע יידן וועלן זיך אומקערן פון דעם לאַנגן גלות, און דער בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן.

ש ב ת י. נעמסטו זיך אוים צו וויסן מער פאַר מיר? (בייזער געמורמל אין עולם.) ווי קומסטו איבערהויפט מיר צו ווידער־שפּרעכן? (דער בייזער געמורמל שטייגט אָן.) האָסטו אַ טראַכט גע־טאָן, פאַר וועמען דו שטייסט? (אַרום אַלגאַזין קומען זיך צונויף זיינע אָנהענגער, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך חיים פּעניא.)

אַ ל ג אַ ז י (ווערט שטאַרקער ביי זיך). האָב איך דען נישט גע־הערט דאָ פון דיר, ווער דו ביזט? און דער עולם שרייט עס אין אַלע גאַסן. אָבער איך זאָג דיר, דו טאָרסט נישט אָפּשאַפן דעם תענית, דו טאָרסט דעם עולם נישט ברענגען צו קיין זינד.

ש ב ת י. דאָס זאָגסטו מיר און ווייסט נישט, אַז איך בין גע־קומען אָפּצוראַמען זינד. מיט מיין קומען הערן זינד אויף. וואָס איך בין מתיר, איז נישט מער קיין עבירה.

אַ ל ג אַ ז י. איך ווייס, דער זוהר הקדוש זאָגט אַזוי. אָבער דער הייליקער זוהר זאָגט אַ סך זאַכן וועגן משיח בן דוד, וועלכע זיינען נאָך נישט מקוים געוואָרן. הייב אָן מיט זיי, פאַרענדיק מיט מצוות און עבירות, ריר נאָך די דינים נישט אָן.

ש ב ת י. וואָס איך זאָג, קומט צו מיר פון הקב"ה, וואָס איך טו, טוט ער דורך מיר!! אין אַלץ ווער איך געפירט פון אויבן, מיין פאָטער שטייט שטענדיק ביי מיין זייט. י ע ד ע ס וו אָ ר ט, וו אָ ס א י ך ר ע ד אַ ר ו י ס, פ י ר ט צ ו ע פּ ע ס, וו י י ל ע ס אַ י ז פ ו ן א י ם! י ע ד ע ר ט ר י ט, וו אָ ס א י ך מ אַ ך, פ י ר ט צ ו ע פּ ע ס, וו י י ל ע ר א י ז פ ו ן א י ם! זאָג מיר נישט, וואָס איך קאָן און וואָס איך קאָן נישט. דו ווייסט עס נישט און דו פאַרזינדיקסט זיך.

אלגאזי. איך וויל זיך בעסער פאַרזינדיקן פאַר דיר, איידער פאַרזינדיקן זיך פאַר גאָט.

שבתי. פאַר די ווערטער ביזטו סקילה ווערט.

עולם. פאַרשטייניקט אים! פאַרשטייניקט אים! (אלגאזי ווערט אַראָפּגעשטופּט פון די טרעפּ צוזאַמען מיט עטלעכע פון זיינע באַגלייטער, וואָס שטעלן זיך פאַר אים איין. זיי אַנטלויפן נאָך רעכטס.)

חיים פעניא (אויבן אויף די טרעפּ). חיים שוין אויך מיך פאַרשטייניקן!

שבתי. דו האָסט נאָך גאָרנישט נישט געזאָגט.

פעניא. און איך וועל דיר זאָגן נאָך מער ווי דער רב אלגאזי האָט געזאָגט.

שבתי. ווייל דו ביזט רייך, האָסטו מער חוצפּה. היט דיין צונג!

פעניא. איך וועל מיין צונג נישט היטן, איך וועל דיר זאָגן, וואָס איך דענק פון דיר. דו ביזט נישט משיח בן דוד, נאָר ירבעם בן נבט! זינדיקסט און ווילסט די אַנדערע זינדיק מאַכן!

שבתי. האָסט דעם טויט זיך אויסגעשפּראָכן! (עולם וואַרפט זיך אויף חיים פעניאַן. שטיינער ווערן אויף אים געוואָרפן. פעניא שלאָגט זיך אָפּ און לויפט אַריין אין שול. די טירן ווערן הינטער אים צוגעמאַכט. שבתי באַפוילעריש.) ברעכט די טירן און ברענגט אים מיר אַרויס! ברענגט העק, ברעכט אויף די טירן און ברענגט אים מיר אַרויס!

שרה (קרעכצט אַרויס, פאַרדעקט זיך דאָס געזיכט מיט ביידע הענט).

שבתי (קוים אַ ווענד טועדיק זיין קאָפּ צו איר). אַזוי מוז עס זיין. (צום עולם.) דאָס זיינען די יעניקע, וואָס זיינען מיט בלינדקייט געשלאָגן און זאָגן, אַז זיי טועט, וואָס הקב״ה וויל פון זיי. זיי זיינען די גלגולים פון יענע, וואָס האָבן דערהרגעט זכריה הנביא אין הויף פון גאָטס הויז און אַרויפגעבראַכט זיין בלוט אויף יידישע קעפּ. (אברהם רוביאָ און נאָך אַנדערע קומען אַרויף מיט העק און הייבן אָן איינצוברעכן די שולטירן.)

שרה (קרעכצט אַרויס). ניין!

שבתי (ווידער קוים באַמערקבאַר צו שרהן). ער מוז אַרויס־

געבראַכט ווערן און געמשפּט ווערן פאַרן עולם. (די טיר ווערט איינגעבראָכן, די איינברעכער לויפן אַריין אין שול. שבתי ווענדט זיך ווידער צום עולם.) זיי זיינען די גלגולים פון יענע, וואָס האָבן ישו דעם נוצרי צום צלם־טויט דערפירט! (דורך דעם עולם גייט דורך אַ אומבאַגרייפן — מען קוקט זיך איינער דעם אַנדערן אָן, צי האָט מען ריכטיק געהערט. שבתי דערהעכערט דעם קול.) וואָס האָט ישו פון נצרת געטאָן, וואָס זיי האָבן אים אַזוי שלעכט באַהאַנדלט? איך וועל אים אַריינשטעלן צווישן די נביאים! (פעניא ווערט אַרויסגעבראַכט, געפירט פון רוביאָן.)

רוביאָ. דאָ איז ער, דיין לעסטערער, אָ, הייליקער קעניג! איך בין זיכער, אַז מיט זיין געלט האָט מען מיר פריער דאָ געוואָלט באַצאָלן פאַר דיין טויט.

געשריי. גיב אים אונז אַהער, מיר וועלן אים פאַרשטייניקן!

שבתי. וואַרט אָפּ, איר וועט עס נישט דאַרפן.

פעניאס ביידע טעכטער (רעדן גלייכצייטיק די זעלביקע ווערטער מיט דעם זעלביקן נבואה־טאָן). טאַטע אונזערער, טאַטע אונזערער, וויים, פאַר וועמען דו שטייסט! פון פויגלנעסט פון גן עדן קומט ער צו אונז, באַלאָדן מיט גאָטס שבועה, אָפּצונעמען די מלוכה פון שלעכטס פון דער וועלט דורך זיין משיח און נקמה צו נעמען די נקמות פון ישראל.

פעניא (איבערראַשט, פאַרלאָרן, פאַלט אויף זיין געזיכט פאַר שבתין מיט יאָמער). זיי מוחל מיר, הייליקער קעניג!

שבתי. איך האָב געוואוסט, דו וועסט תשובה טאָן. (יובל פון התפעלות אין עולם.) און איצטער, קינדער פון דער גאולה־צייט, קינדער פון משיח־טעג, איר האָט געזען וואונדער און וועט נאָך דערלעבן גרעסערע וואונדער. אין עטלעכע טעג אַרום מאַך איך די רייזע נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און די נבואה פון נתן פון עזה וועט מקוים ווערן. (יובל־געשריי.) און עס וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד די אייביקע מלוכה פון גאָט, און ישראל, דאָס אויסגעלייזטע פאָלק ישראל, וועט ווערן דאָס פאָלק איבער אַלע פעלקער, זיין הערשאַפט וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. אין נאָמען פון הקדוש ברוך הוא און אין מיין אייגענעם נאָמען, דעם נאָמען

פון זיין בכור און משיח, צוטייל איך דאָ איצטער פאַר אייך די מלו־כה פון דער וועלט צווישן די פון מיינע נאָנטסטע, וועלכע זיינען גלגולים פון מלכי יהודה וישראל. אלס מלך איבער אַלע מלכים פון ישראל איז אויבן באַשטימט געוואָרן מיין ברודער אליהו, און אַלס מלך איבער אַלע מלכים פון יהודה מיין ברודער יוסף. יצחק סיל־ווייראָ, אַברהם יכיני, משה גאַלאַנטע, דניאל פינטאָ, מתתיהו בלאָך, רפאל יוסף בעלעבי, ישראל יעקב דוכן — יעדער פון זיי וועט מלך ווערן און זייערע מלוכות זיינען שוין באַשטימט. און דו, חיים פעניאָ, האָסט נישט געוואוסט, וואָס עס וואַרט אויף דיר, אָבער איך האָב געוואוסט. דו ביזט דער גלגול פון קעניג יותם און וועסט ווערן מלך דאָ אין לאַנד.

גע שריי ען. לאַנג לעבן זאָל אונזער מלך חיים פעניאָ!

פעניאָ (מבולבל). איך ווייס נישט, צי בין איך עס ווערט... דו ווייסט, וואָס דו טוסט, הייליקער קעניג!

די פעניאָ־טעכטער. יהוה, בעזך ישמח מלך ובישועתך מה יגל מאוד! (וואַרפן זיך מיט קושן צו פעניאָן, וועלכער באַגיסט זיך מיט טרערן.)

שבתי (צו רוביאָן). און דו...

רוביאָ. איך?!

שבתי. יאָ, דו...

רוביאָ. איך, אברהם רוביאָ, דער בעטלער!

שבתי. דו, אברהם רוביאָ דער גביר. דו ביזט שטענדיק רייך געוועזן, און דיין פלאַץ האָט געהערט צווישן די איידלסטע פון אונ־זער פאָלק. דיין נשמה איז אַ גלגול פון דעם פרומען קעניג יאשיהו, און דיין מלוכה וועט זיין ביי די ברעגן פון דעם שוואַרצן ים. (התפעלות־געמורמל אין עולם.)

רוביאָ (גלייכט זיך אויס, ווערט קעניגלעכע מאַיעסטעט).

אַ רייך געקליידעטער מאַן (שרייט אַריבער). אָ, הייליקער קעניג, רוביאָ איז אַ בעטלער, און ביז ער וועט איבערנעמען די מלוכה, וועט ער מוזן זאָרגן איבער די הייזער. דערלויב מיר צו האָבן די זכיה אָפּצוקויפן ביי אים זיין מלוכה. איך וועל אים

געבן אַ גרויסן פּרייז, וואָס וועט אים רייך מאַכן אויף זיין גאַנצן לעבן.

ר ו ב י אָ (פּול שרעק). אָ, הייליקער קעניג, דערלויב עס נישט! איך וועל זיך דורכהונגערן, דורכפּאַסטן ביז צום טאָג פון מיין קרוינונג, אָבער מיין מלוכה, די מתנה, וואָס איך האָב געקראָגן פון דיר, וועל איך נישט פאַרקויפן פאַר קיין פּרייז נישט אין דער וועלט.

ש ב ת י. גוט, רוביאָ, און דיין מלוכה וועט דערפאַר זיין איינע פון די שטאַרקסטע. (צום עולם.) און איצטער הערט נאָך. דאָס שלעכטס פון דער וועלט נעמט זיך פון דעם, וואָס די וועלט האָט נישט געקאָנט אויפנעמען די גאַנצע געטלעכקייט, וואָס האָט זי פאַרפלייצט. איבער דער וועלט איז דערפאַר געקומען אַן אומאָרדענונג ווי פון אַ פאַרפלייצונג, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע האָבן זיך אויסגעמישט, און די סטרא אחרא האָט גענומען די אויבערהאַנט. האָט דער עתיקא קדישא אַרויסגעטיילט פון זיך דעם מלכא קדישא, דעם מלך המשיח, וואָס וועט באַזיגן די סטרא אחרא און ווידער אויפעפענען פאַר דער וועלט די קוואַלן פון גנאָד און הילף.

ע ו ל ם (זינגט אויף). זמרו לאלהים זמרו, זמרו למלכנו זמרו כי מלך כל הארץ.

ש ב ת י (שטילט איין דעם עולם מיטן אויפהייב פון זיין האַנט). ווי דער עתיקא קדישא באַשטייט פון זכר און נקבה, עתיקא קדישא און זיין שכינה, אַזוי באַשטייט אויך דער מלכא קדישא פון זכר און נקבה, מלכא קדישא און זיין שכינה. ווי ער, איז אויך זיין שכינה אַ חלק אלוה ממעל. זעט, דאָ שטייט פאַר אייך דער אַנדער טייל פון מיר. זי איז ביז הייגט געוועזן מיין כלה, היינט ווערט זי מיין ווייב — די פאַראייניקונג פון מלכא קדישא מיט זיין שכינה.

ע ו ל ם (התפעלותדיק). ווי שיין זי איז! ווי הערלעך! ווי זי שיינט! ווי זי לייכט! — בענטש אונז! בענטש אונז, הייליקע קעניגין!

ש ר ה (באַזיגט די טרערן פון גערירטקייט, וואָס כוואַליען אויף אין אירע אויגן, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר איר צו וויינען. איר געזיכט ווערט באַגייסטערונג, איר האַלטונג — מאַיעסטעטיש.

זי הייבט אויף די הענט צו בענטשן. עס ווערט זייער שטיל). גלויבט, און איר וועט באַלוינט ווערן! גלויבט, און איר וועט אויס־געלויזט ווערן! פון טויט האָט מיך גאָט געראַטעוועט, פון געפאַנ־גענשאַפט מיך באַפרייט און געבראַכט מיך ביז אַהער. אַזוי טוט ער צו זיינע אויסגעוויילטע, דאָס זיינען זיינע וועגן מיט די, וואָס גע־הערן אים! זאָל ישראל זיך פרייען מיט זיין באַשאַפער, די קינ־דער פון ציון מיט זייער מלך! זאָלן זיי לויבן זיין נאָמען מיט טאַנץ, מיט פויק און פידל זאָלן זיי אים באַזינגען, ווייל גאָט וויל זיין פאָלק! (אַן אָרגיאַסטישער טאַנץ ברעכט אויס, וועדליג שרה שטייט אַלץ מיט אויפגעהויבענע הענט. אין מיטן טאַנץ און געזאַנג הערט מען אַלץ די אויסרופן: ווי שיין זי איז! ווי הערלעך! ווי זי שיינט! ווי זי לייכט! — שופרות רייסן זיך אַריין אין דעם טאַנץ, שטעלן אים ביסלעכווייז אָפּ.)

פּרימאָ (רופט אויס). עס איז געקומען די שעה פון מקבל שבת זיין!

שבתי און שרה (ווענדן זיך צו דער שולטיר).

עולם (אין יובל־געזאַנג). שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם ויבוא מלך הכבוד!...

## דריטע סצענע

שרהס שלאָפצימער. אַ טיר הינטן לינקס, אין מיטן אַ חופּה־בעט מיטן צוקאָפּנס צו דער רעכטער וואַנט. נישט ווייט פון בעט נאָך פאָרנט אַ טראָן. די דיל איז באַלייגט מיט רייכע טעפּיכער, אַרום די ווענט שטייען שיינע קופּערבאַשלאָגענע קאַסטנס פון פאַר־שיידענע קאָלירן.

שרה (זיצט אויף איר טראָן אין איר גאַנצן פּוץ, מיד און אָפּגעשפּאַנט, און זאָגט צו לאהן, וואָס שטייט פאַר איר). איך בין מיד, איך וויל זיין אַליין. איך וויל קיינעם מער נישט זען.

לאה. דו ביזט נישט מיד, הייליקע קעניגין. ווי קאָנסטו מיד זיין?

שרה. ווי קאָן איך?... יאָ... איך בין נישט מיד... איך קאָן

נישט מיד זיין... איך טאָר נישט מיד זיין... (שאָקלט זיך פאַרנאַנדער, ענערגיש.) ניין, איך בין נישט מיד. שיק זיי אַריין, די ווייבער! (ווערט מאַיעסטעטש.)

לאה. ווי וועלן זיי זיך דערפרייען! ווי וועלן זיי גליקלעך זיין! (עפנט אויף די טיר.) קומט אַריין, איר זכיהדיקע פרויען!

זעקס פרויען (קומען אַריין מיט האַנט־פּאַטשעניש, האַלב טאַנצנדיק, האַלב בוקנדיק זיך). וואויל אונזערע אויגן, וואָס מיר זעען דיך דאָ! פון אַלע ווייבער זיינען מיר די געבענטשטע! (פיר קומען צו נאָנט, צוויי בלייבן שטיין אַ ביסל אָפּגערוקט.)

שרה. די שעה איז שפּעט, איר ליבע שוועסטער. פאַרוואָס האָט איר אייערע היימען פאַרלאָזן?

ערשטע. עס איז קיינמאָל נישט שפּעט אַ מצוה צו טאָן און פון דיר געבענטשט צו ווערן.

שרה. וועלכע מצווה ווילט איר איצטער דאָ פאַרדינען?

ערשטע. מיר ווילן העלפן דיר אויסטאָן זיך און צוגרייטן דיך פאַר דעם הייליקן קעניג.

שרה. איר האָט דעם הייליקן קעניג נישט פאַרשטאַנען.

ערשטע. אָ, הייליקע קעניגין, מיר האָבן גוט געהערט, וואָס ער האָט פאַרן גאַנצן פאָלק געזאָגט!

שרה. אויך איך האָב עס געהערט און וויים אַן אַנדער זין.

אַלע פיר. אָ, הייליקע קעניגין, שיק אונז נישט אַוועק, לאָז די מצוה אונז פאַרדינען און גיב אונז דיינע ברכות.

שרה. וועלכע ברכות ווילט איר פון מיר?

ערשטע. עס האַלטן זיך ביי מיר קיין קינדער נישט. שוין אַכט געבאָרן, און אַלע זיינען זיי מיר אַוועקגעשטאָרבן.

צווייטע. איך בין אַן עקרה. שוין נייען יאָר פאַרהייראַט מיט מיין מאַן, וועמען איך ליב. האָב איך אים קיין קינד נישט אין דעם צענטן יאָר, וועט ער מיך אָפּגטן.

דריטע. איך האָב שוין זעקס קינדער, אָבער מיידלעך אַלץ. מיין מאַן און איך, מיר ווילן אַ קדיש האָבן.

פערטע. איך האָב נאָר אַ בן יחיד, און ער איז מיר קראַנק זייט איין מיט יעדן טאָג.

שרה (צו די צוויי, וואָס שטייען אָפּגערוקט). וואָס שטייט איר פונוויטן, שוועסטער? וואָס זיינען אייערע בקשות? (ביידע קומען צו, די אַנדערע טרעטן אָפּ.)

רחל. איך הייס רחל. בין דעם הייליקן קעניגס ערשטע ווייב.

מרים. און איך הייס מרים. בין דעם הייליקן קעניגס צווייטע ווייב.

שרה. ער האָט מיר געזאָגט, ער האָט שוין געהאַט צוויי ווייבער און נישט באַרירט זיי ביידע...

רחל. אַ גאַנץ יאָר האָט ער מיט מיר געלעבט און צו מיר נישט צוגערירט זיך. בין פּופּצן יאָר אַלט געוועזן און זיין אָפּגעשיידנקייט איז מיר שווער געווען. איך האָב געוויינט און געקלאָגט, פאַרביטערט מיינע עלטערן דאָס לעבן. מיין פאָטער האָט אים גענומען צום רב רבי יוסף, אָבער שבתי, דער הייליקער קעניג מיין איך, האָט געענטפערט, אַז ער טאָר זיך נישט באַהעפטן מיט אַ זינדיקער פרוי. בין איך ביז געוואָרן — אַ נאַריש קינד געוועזן! — און האָב אַרויסגערעדט, אַז איך וועל אויף אַן אמת זינדיק ווערן... יעמאָלט האָט ער מיך אָפּגעגט.

מרים. אויך מיט מיר איז אַזוי געוועזן. אַ פריילעכע חתונה געוועזן, אָבער אין דער נאַכט האָב איך מיין קישן נאַס געמאַכט מיט מיינע טרערן. ער האָט זיך נישט צוגערירט צו מיר, מיך אפילו נישט אָנגעקוקט. און ווען מיין טאַטע האָט אים דאָס אויסגערעדט, האָט ער געענטפערט: „מיין נשמה איז באַהאָפטן מיט דער געטלעכקייט, אייער טאָכטער אָבער איז גשמיות. וואַרט פיר־פינף יאָר, וועל איך איר חתונה מאַכן פאַר איינעם פון די דריי מלכים, וואָס וועלן זיין אונטער מיר...“ האָט מיין טאַטע דערקלערט אים פאַר משוגע, און שבתי, דער הייליקער קעניג, מיין איך, האָט מיך אָפּגעגט.

שרה. און איר ביידע האָט ווידער חתונה געהאַט.

ביידע. יאָ. ווידער חתונה געהאַט.

שרה. און אייערע מענער לעבן.

ביידע. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

שרה. און קינדער?

ב י י ד ע. גאָט צו דאַנקען.

ש ר ה. וואָסערע ברכות ווילט איר דען פון מיר?

ר ח ל. מיר האָבן געזינדיקט קעגן א י ם, וואָס איז געוועזן אונזער מאַן, האָבן אים באַליידיקט, פיליכט אויך געשאָלטן. מיר ווילן זיך אָפּרייניקן פון דער זינד. (מיט בקשה.) אָ, הייליקע! אָ, געטלעכע, דו, וואָס דו ביזט זוכה, וואָס קיין אַנדער פרוי איז נישט זוכה געוועזן...

א ל ע. אָ, הייליקע קעניגין, לאָז אונז טאָן די גרויסע מצוה!

ש ר ה. אָ, שוועסטער, איך זאָג אייך, איר האָט דעם הייליקן קעניג נישט פאַרשטאַנען!

א ל ע. אָ, קעניגין! אָ, הייליקע!... שוין די באַרירונג אָן דיר...

ש ר ה. טוט... טוט...

ד י פ ר ו י ע ן (אין העלער פרייד, צופּאַטשן זיך אין די הענט מיט טאַנצבאַוועגונגען אין די אַקסלען).

ע ר ש ט ע. וואו איז דיין נאַכטהעמד, הייליקע קעניגין?

ש ר ה (צו לאהן). עפן אויף, לאה, אַט יענעם גרינעם קאַסטן, נעם אַרויס אַ נאַכטהעמד און גיב עס זיי.

ל א ה. ווי גליקלעך בין איך, וואָס איך זע עס צו און דאַרף באַהילפיק זיין! (גייט צום גרינעם קאַסטן, נעמט אַרויס אַ נאַכט־העמד, טראָגט עס זייער פייערלעך און לייגט עס אַוועק אויפן בעט מיט אַ סך ליבע און לאַסקע אין די אויגן.)

ד י פ ר ו י ע ן (טאַנצן אַ פרומען טאַנץ אַרום שרהן. טאַנצנ־דיק נעמען זיי אַראָפּ פון איר מיט פרומקייט איין אָנטועכץ נאָך דעם אַנדערן, דריקן עס צו זיך, קושן עס און לייגן עס אַוועק מיט גרויס פּאַראַד אויף די דערבייאיקע קאַסטנס, אָפּט אויסשרייענ־דיק פאַר אַנטציקונג). ווי שיין די הויט! — ווי ווייס! — ווי צאַרט! — די אָדערלעך, ווי רויט! — רויזנדופט און בשמים! (גייען אַלע זעקס צום בעט, נעמען אַלע צוזאַמען דאָס העמד, טראָגן עס צו שרהן ווי אַ הייליקטום און טוען עס אָן אויף איר מיט דעם ציי־טער פון קדושה. צוקעמען איר די האָר, יעדע איינע איז באַטיי־ליקט אין דער מצוה, שמעקן די האָר, זיינען זיך מחיה, קושן עס, דריקן עס צו זיך.)

ע ר ש ט ע. איך האָב ביי מיין חתונה אַ דימענטענעם קאָפּ־צודעק געקראָגן, איך האָב עס דיר געבראַכט (טוט עס איר אָן), און מיינע קינדער, וועלכע איך וועל נאָך געבאָרן, וועלן מיר לעבן.

צ וו י י ט ע. און איך גאַרטל דיך אַרום מיט מיין גאַרטל, מיט דימענטן באַזעצט, און מיין טראַכט וועט זיך עפּענען, ווי דיין טראַכט וועט געעפנט ווערן.

ד ר י ט ע. איך טו דיר אָן מיינע אוירינגלעך, און מיין בקשה וועגן אַ קדיש וועט דערהערט ווערן.

פ ע ר ט ע. איך טו דיר אָן מיינע בראַסליעטן, און מיין קדיש וועט מיר שטאַרק און געזונט זיין.

ר ח ל. איך טו דיר אָן מיין שטערנטיכל, און די בושה פון מיין זינד וועט זיך אָפּטאָן פון מיר.

מ ר י ם. דאָ האָסטו די רינגען פון מיינע פינגער — איך טו אָפּ מיט זיי פון מיר די מורא, מיט וועלכער מיין זינד האָט מיך אָנגעפילט. (נעמען אָן שרהן און גייען מיט איר אַ טאַנץ, לייגן זי אַריין אין בעט, דעקן זי צו. קושן דעם צודעק אויף איר און הייבן אָן אַרויסצוגיין אויף הינטן.) אַ גוטע נאַכט דיר, הייליקע קעניגין!

ש ר ה. אַ גוטע נאַכט אייך, שוועסטער!

ע ר ש ט ע (צו לאהן). קום, טאָכטערקע, פיר אונז אַרויס. דאַרפסט דאָ מער נישט זיין.

ל א ה. אַ גוטע נאַכט דיר, הייליקע קעניגין!

א ל י ע (ביי דער טיר). אַ גוטע נאַכט! (אַרויס.)

ש ר ה. אַ גוטע נאַכט. (ליגט אַ ווײַלע שטיל. ווערט באַלד אומרואיק.) ער האָט דאָס נישט געמיינט... ער האָט דאָס נישט געמיינט... וואָס ליג איך אין בעט, ווי איך וואָלט אויף אים געוואַרט? (זעצט זיך אויף.) וואָס דאַרף איך די צירונג?... איך דאַרף קיין צירונג נישט! (נעמט אַראָפּ פון זיך די צירונג און לייגט זי אַוועק צופוסן אין בעט.) אָבער זייערע תפלות זאָלן דערגרייכן, זייערע בקשות זאָלן דערפילט ווערן. זאָלן זיי אַלע גליקלעך זיין, ווי יעדע איינע וויל... (לייגט זיך אַוועק און כאַפּט זיך גלייך אויף.) ניין, איך וועל אין בעט נישט בלייבן! זיי האָבן אין איר שלעכטע גע־

דאַנקען אַריינגעלייגט. איך וועל אויסלופטערן זי און זיך... (קריכט אַרויס פון בעט, עפנט אויף אַביסל דעם צודעק.) גייט פון מיר, איר פרעמדע געדאַנקען, איר האָט צו מיר קיין צוטריט נישט. איך באַשווער אייך, טעכטער פון ירושלים, וואָס וועקט איר, וואָס רירט איר אויף די גשמיותדיקע ליבע! (גייט צום טראָן און זעצט זיך אַוועק אין גרויסער מידיקייט.) איך בין מיין געליבטנס און דער געליבטער איז מיין, פאַראייניקט פון אייביק אָן, פאַראייניקט פון זינט דער מענטש איז פון דער געטלעכקייט פאַרטראַכט געוואָרן. וואָס טוט ער איצטער? וואו איז ער איצטער? צו דיר שיק איך מיין תפלה, צו דיר שיק איך מיין געזאַנג... דו הערלעכער, דו וואונדערלעכער, גאָטגעבאָרענער, גאָטגלייכער... (אירע אויגן מאַכן זיך צו, זי טרייסלט זיך אויף.) איצטער קאָן איך גיין אין בעט.

שבתי (קומט אַריין).

שרה (מיט איבעררעשטע פאַרגרעסערטע אויגן). הייליקער קעניג!

שבתי. האָט די קעניגין מיך נישט דערוואַרט?

שרה. דאָס וואָלט געווען אַ זינדיקער געדאַנק.

שבתי. האָב איך נישט פאַרן גאַנצן פאָלק דערקלערט?

שרה. אָ, הייליקער קעניג, דו האָסט דאָך אַנדערש וואָס געמיינט!

שבתי. איך האָב די גרויסע פאַראייניקונג אויסגערופן. און די האָב איך געמיינט.

שרה. איז נישט עפעס אַנדערש געלעגן באַהאַלטן אין די ווערטער?

שבתי. געוויס... געוויס... און גרויס איז אויך דער סוד פון אונזער לייבלעכער פאַראייניקונג.

שרה. אָ, הייליקער קעניג, דו האָסט צוויי ווייבער אָפּגעגט, ווייל דו ביזט מיט געטלעכקייט באַהאָפטן, און ווייבער־קערפּער איז גשמיות אליין.

שבתי. דו אָבער ביזט געטלעכקייט, מיין צווייטע העלפט, די שכינה, וואָס איז אַ טייל פון מלכא קדישא.

שרה. אָ, הייליקער קעניג, דיין נשמה איז די לעצטע אין דעם אוצר פון נשמות — וועל איך קאָנען דיר אַ קינד געבאָרן? און אויב נישט אַ קינד, וואָס ווילסטו פון מיין לייב?

שבתי. וואָס פרעגסטו אַזויפיל? האָסטו צווייפל אין מיר? דאָס מוז זיין. קום.

שרה (לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, ווי אין געבעט).

שבתי. וועט דיר אַנטדעקט ווערן מער ווי מיר?

שרה. ווערטער גייען אום אין מיר, ווי איך וואָלט שוין איינמאָל זיי געזאָגט, ערגעץ־וואו געהערט. משיח איז גאָטס טריאומף, דער ענדלעכער זיג פון גאָט איבער אַלע הערצער, דער ענדלעכער נצחון פון גאָטס ליבע, גאָטס געדולד און רחמנות...

שבתי. אמת... אמת...

שרה. משיח איז נישט קאַמף און קריג, נישט געלוסטונג, נישט הונגער אין די אויגן...

שבתי. און מער און מער, שרה! דו וועסט עס נאָך דערוויסן. (באַמערקט די צירונג אויפן בעט.) וואָס איז עס פאַר אַ צירונג ביי דיר אין בעט?

שרה (הייבט אויף אים אויף טרויעריקע אויגן). דאָס האָבן מיר פרויען מתנות געבראַכט. פרויען, וועלכע האָבן דיך בעסער פאַרשטאַנען ווי איך.

שבתי. גוט. איך וועל זיי בענטשן. טו אָן די צירונג, פוץ זיך אויס. איך וויל דיך זען אין פאַרשטאַרקטער שיינקייט.

שרה. אָבער איך בין דאָך בלויז אין העמד.

שבתי. ווי ביזטו שיין, מיין ווייב, אין דעם בלויזן העמד! ווילסטו זיך נישט שענער מאַכן?

שרה. וועל איך זיך אָנטאָן אינגאַנצן.

שבתי. ניין, בלויז די צירונג. האָ, די אויערינגלעך. ווי זיי פינקלען! זיי וועלן אויפכאַפּן דאָס ליכטן פון דיינע אויגן און וועלן ברענענדיקע ליכט פאַר מיר זיין.

שרה (טוט זיי אָן און קוקט אָן שבתין מיט שטראַלנדיקע אויגן).

שבתי. ווי איך האָב געזאָגט! לאָז מיך דיינע אויערן באַ־קושן, וואָס זיינען ליכטיקער נאָך פאַר די שטיינער.

שרה (טראָגט אים אונטער איין אויער און אַ צווייטן).

שבתי (באַקושנדיק די אויערן). וואָס האָסטו געהערט?

שרה. דעם אויפקלאַפּ פון מיין האַרץ.

שבתי. פאַרענדיק שנעל דעם פּוץ! די רינגען נעם. ווי צאַרט דיינע פינגער זיינען! ערשט איצטער זע איך זיי. די צען כּפירות מיט בריליאַנטן נאָך באַפּוצט. לאָז מיך קושן דיינע פינגער... ( ־ עט.) יעדער קוש אויף יעדן פינגער האָט אין הויכע וועלטן מיך פאַרטראָגן. וואָס האָסטו געפילט?

שרה. ווי דו וואָלסט מיט פייער מיך אָנגעגאָסן!

שבתי. דו ווערסט נענטער צום גרויסן סוד. וואָס טוסטו אָן? אַ גאַרטל? ניין, דו לאָז אים פאַר דיין קעניגלעכן קלייד. דאָס דאָ טו אָן... דעם קאָפּצודעק... אַ בריליאַנטענע קרוין פאַר מיין קע־ניגין. שיין!... און דאָס דאָ — דאָס שטערנטיכל... הערלעך! שיין ביזטו, מיין געליבטע, שיין ביזטו... לאָז מיך קושן דיין מויל! (גיסן זיך צונויף אין אַ לאַנגן קוש, קוים אָרויסרעדנדיק.) וואָס ווייסטו איצטער?

שרה (פאַרחלשט). איך און דו — מיר זיינען איינס!

שבתי. דאָס איז דאָס וואָרט! (הייבט זי אויף אויף זיינע הענט.) לשם יחוד מלכא קדישא ושכינתיה...

# פערטער אקט

## ערשטע סצענע

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַ געפענגעניש־הויף. אין דער הינ־טערוואַנט גרויסע ברייטע גראַטעס־טויערן, לינקס דער תּפֿיסה־פּאַטאַד מיט אַ גרויסער טיר אין מיטן. — שׂרה שטייט ביי דער תּפֿיסה־טויער, אָנגעטאָן אין גרוי, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, די הענט צונויפגעלייגט אין געבעט, איר בלייך געזיכט איז זייער שיין אין איר טרויער. פאַר די טויערן שטייען סאָלדאַטן און הינטער זיי אַ גרויסער עולם יידן, מענער און פרויען — וויינענדיקע, קרעכצנדיקע, די האָר אויף זיך רייסנדיקע. די סאָלדאַטן צוטרייבן זיי. די ווײ־געשרייען דערווייטערן זיך. — די תּפֿיסה־טיר ווערט געעפנט און שבתי צבי קומט אַרויס, אָנגעטאָן אין שווערע קייטן, אָבער שטאָלץ און ווירדיק — אַ קעניג אין קייטן.

שׂרה (מיט שרעק). דו אין קייטן! דער קעניג אין תּפֿיסה מיט שווערע קייטן אויף זיך!

שבתי. אַזוי מוז עס זיין! עס פירט צום איינציקן סוף — צו דער גאולה.

שׂרה. ווי טוט מיר וויי, ווען איך זע דיך אַזוי!

שבתי. נעם עס אָן, ווי איך נעם עס אָן. זעסט דאָך, איך בין רואיק.

שׂרה. ביזטו עס?

שבתי. גלויבסטו מיר נישט? גלויבסטו נישט דיינע אויגן? פאַרוואָס ביזטו אַזוי דערשראָקן?

שׂרה. עס איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אומגעריכט.

ש ב ת י. נישט פאַר מיר. איך ווייס נאָר איינס: א י ך ב י ן ד ע ר ג ו א ל, ד ע ר ו ו ע ג צ ו ד ע ר ג א ו ל ה א י ז מ י ר א ו מ ב א ק א נ ט.

ש ר ה. דו ביזט געווען אַזוי זיכער, אַז דו וועסט אומגע־שטערט אָנקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָסט באַשטימט אַפילו דעם טאָג פון דיין אָנקום...

ש ב ת י. און געזאָגט דערביי: אם ירצה השם!

ש ר ה. פאַרוואָס האָט גאָט אָנגעשיקט זיינע שטורעמס אין וואַכנלאַנג דאָס שיף איבערן ים אַרומגעטריבן?

ש ב ת י. אָבער דער ים האָט דאָס שיף דאָך נישט פאַרשלונ־גען. ווען אַלע האָבן אונטערגאַנג געזען און מיט געוויין געריכט זיך אויף דעם וואַסער־קבר, בין איך גאַנץ רואיק געווען, געוואוסט, דער ים וועט נישט פאַרשלינגען. און אויך דו האָסט מוטיק זיך געהאַלטן, קוקנדיק אויף מיר. און ווען דער שטורם האָט שיר דאָס שיף נישט צובראָכן ביי די פעלזנבערגן פון די דאַרדאַנעלן, מירביידע האָבן אונזער זיכערקייט נישט פאַרלאָרן.

ש ר ה. פאַרוואָס וויל גאָט די אַלע זאַכן? פאַרוואָס וויל ער די קייטן אויף דיר? ניין, ניין. ענטפער מיר נישט. דער ענטפער איז מיר אין דעם אויגנבליק געגעבן געוואָרן. גאָט וויל דאָס און וועט מער נאָך וועלן. דאָס איז זיין וועג צו דער גאולה — ער איז פון אייביק אָן אַזאַ לײַדנסוועג געווען. אַזוי האָט גאָט אים פון איי־ביק אָן געפּלאַנט. דורך ליידן און יסורים זאָל זיין מענטשהייט אויס־געלייזט ווערן. דער ליידנסוועג פון נוצרי איז נישט געווען גע־נוג. די מענטשהייט בענקט נאָך אַלץ נאָך אַן אויסלייזער און דער אויסלייזונג. דיין וועג קאָן אפשר נאָך שווערער ווערן.

ש ב ת י. איך וועל אויף אים גיין מיט זיכערע טריט.

ש ר ה. און איך וועל דיך באַגלייטן.

ש ב ת י. דערפאַר ביזטו מיר געגעבן געוואָרן. דיין באַגליי־טונג וועט מיר מיין וועג זייער לייכט מאַכן, און ווי שווער ער זאָל נישט זיין.

ש ר ה. ווי וואָלט איך געוואָלט דיינע קייטן אָנטאָן אויף מיר! איך וועל זיי דיר אויפהייבן, אונטערטראָגן. (טוט עס.) זיי רייבן דיר

דיין הויט... דיין ווייסע, צאַרטע הויט, ווי פאַרבלוטיקט רויט איז זי אין די אייזערנע בראַסליעטן!

שבתי (אַראָפּקוקנדיק). ערשט איצטער באַמערק איך עס. מער וועל איך אַהין נישט קוקן.

שרה. ווי האַרט דער קייטנקלאַנג!

שבתי. ניין, ווייך און לייכט, פּאַסט זיך גוט צו די תהלים־ווערטער. לאָז אָפּ, איך וועל זיך דורכגיין, און דו הער זיך צו. (גייט זיך דורך, רוישנדיק מיט די קייטן, און זינגט). ענו בכבל רג־ליו ברזל באה נפשו, עד עת בא דברו אמרת יהוה צרפתהו...

שרה (קוקט אים אָן מיט עקסטאַז, איילט צו אים צו, הייבט אויף די קייטן און גייט מיט אים טראָט, מיטזינגענדיק). שלח מלך ויתירהו, משל עמים ויפתחהו. (די סאָלדאַטן ביים טויער קוקן זיך אום אויף די צוויי, הינטער זיי דערנענטערט זיך דער עולם.)

היסטערישגעוויין (ברעכט אויס). וויי! וויי! אין קייטן! דער הייליקער קעניג אין קייטן!

שבתי (ווענדט זיך צום טויער, שפּרייט אויס זיינע הענט, ווי ווייט די קייטן לאָזן). שרייט נישט וויי! זייט רואיק אַלע! איר זעט, איך טראָג די קייטן לייכט!

אונטערפּאַשאַ (הינטן אין עולם). וואָס איז דאָס פאַר אַ צונויפגעלויף? אַ פאַרזאַמלונג! צוטרייבט זיי אַלעמען! און פאַר־וואָס לאָזט מען אים דאָרטן רעדן?

שבתי (אַרויסשרייענדיק). וואַרט און האָט געדולד! (די טויערן ווערן אויפגעעפנט, עולם ווערט פאַרנאַנדערגעטריבן.)

אונטערפּאַשאַ (איילט אַריין). ווער האָט דיר רעדן דער־לויבט! דו זאָלסט'אָך שווייגן! (לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש.)

שרה (שרייט אויף).

שבתי (רואיק). מיין רעכטע באַק וויל דער לינקער נישט מקנא זיין. (שטעלט אים אונטער די רעכטע באַק.)

אונטערפּאַשאַ (פאַרלירט זיך, ווערט אָפּהענטיק, ציט צו־ריק די אויפגעהויבענע האַנט).

שרה (וואָס איז געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, שמייכלט גליקזעליק). אַההה!

אונטערפאשא. עס איז אונזערע ארעסטאנטן נישט דער־לויבט רעדעס צו האלטן. וואס טוסטו דא אין הויף? ווער האט דיר דערלויבט דא ארומצוגיין?

שבתי. מען האט דעם חסד מיט מיין פרוי געטאן.

אונטערפאשא (קוקט אן שרהן). דאס קאן איך גלויבן.

משה סוריאל (באווייזט זיך נישט ווייט פון טויער און רעדט צו דעם ווייטער הינטן פארזאמלטן עולם). שרעקט זיך נישט פאר די קייטן, פאלט ביי זיך נישט אראפ פאר דער געבונדנקייט! קייטן אויף די הענט און די פיס פון משיח — זיי באווייזן נאר, אז די שרים פון די אומות העולם פירן א פארצווייפלטן קאמף און שטארקן זיך צו מנצח זיין. אבער זיי פלאנעווען און זייערע פלענער וועלן צושטערט ווערן. אונזער מלך המשיח וועט זיי גובר זיין...

אונטערפאשא. וואס לאזט איר אים דארטן רעדן! (סאל־דאטן פארטרייבן סוריאלן.)

עולם (שרייט אויף). לאנג לעבן זאל אונזער מלך המשיח!

אונטערפאשא. אזוי! איז עס טאקע אמת! ווילסט אנ־טאן אויף דיין קאפ דעם סולטאנס קרוין!

שבתי. דו האסט עס פון מיר נישט געהערט.

אונטערפאשא. גיסט זיך ארוים פאר דעם יידישן משיח.

שבתי. דו האסט עס פון דעם עולם געהערט.

אונטערפאשא. און וואס זאגסטו, וואס דו ביזט?

שבתי. א יידישער כאכאם, וואס מאכט זאמלונגען. בין גע־קומען צונויפצוזאמען, גאטס חסד און נדבות פאר זיי צונויפצוקלייבן. בין איך שולדיק, אז זיי ווייזן מיר ארוים אזא צוגעטאנעקייט?

אונטערפאשא. און רופן דיך מלך המשיח!

שבתי. דאס איז זייער גרעסטער צונויפזאמלער, צונויפנע־מער.

אונטערפאשא (צו שרהן). וואס איז דיין מאן?

שרה. מיין מאן.

אונטערפאשא. יא, דאס אליין איז שוין א גוטער טיטל.

שרה. פארדינט ער דערפאר קייטן?

אונטערפּאַשאַ. איך ווייס נישט, דער באַפעל איז געקו־מען פון אויבן.

שבתי. יאָ. פון אויבן.

אונטערפּאַשאַ. איך טו נאָר, וואָס מען הייסט מיר.

שבתי. זיכער.

שרה. בעט, מען זאָל דיר הייסן, די קייט אָנצוטאָן אים אויף איין האַנט נאָר און אויף איין פוס, מיט דער אַנדער זייט פון קייט מיין האַנט און מיין פוס איינצושמידן.

אונטערפּאַשאַ (צו שבתין). דו מוזט ווירקלעך וואָס זיין, ווען אַזאַ ווייב קאָן אַזוינס בעטן. (אַ מאַן באַוויזט זיך נישט ווייט פון טויער מיט אַ קליין מיידעלע, וועלכע שטייט אויף זיין אַקסל.)

דאָס מיידעלע. איך וויל אים זען, דעם מלך המשיח! ער איז אין קייטן, אָבער זיי וועלן באַלד אַראָפּגענומען ווערן פון אים, און עס וועלן אויך אַראָפּפאַלן די קייטן פון דעם יידישן פאָלק, און ישראל וועט געהאָלפן ווערן אויף אייביק!

געשריי. הערט! הערט!

דער מאַן (לאָזט זיך מיט איר טאַנצן). נרננה בישועתך ובשם אלהינו נדגל... (פון עולם שטייט מען צו אים צו און טאַנצט מיט אים מיט.)

אונטערפּאַשאַ. איך רעכן, עס איז בעסער, איך נעם דיך אַוועק פון הויף. אָדער איך טרייב זיי אַוועק אין גאַנצן.

שבתי. אויך אין דער פאַרבאָרגנהייט פון זייערע הייזער וועלן זיי מיך זען, און די נבואה פון אַלטע און קינדער וועט דורכדרינ־גען זייערע ווענט.

אַ דערוויש (ביים טויער). אויך צו מיר איז געוועזן גאָטס וואָרט, און אַללאַ האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: שבתי צבי, וואָס טראָגט אויף זיך איצטער קייטן, איז דער באַפרייער, דער איינגע־שלאָסענער אין תפיסה — וועט ווענט צוברעכן די תפיסה פון דער וועלט.

געשרייען. הערט! הערט! אויך אַ מאַכמעדאַנער זאָגט נביי־אות! — לאַנג לעבן זאָל דער אויסלייזער און באַפרייער!

שרה. אָ, מיין מאַן, אויך אַ דערוויש!

אונטערפאַשאַ. קום! קום אַוועק פון דאַנען! (אין טויער ווערט אַריינגעלאָזן אַ רעגירונגס־שליח, וועלכער גיט איבער דעם אונטערפאַשאַ אַ שריפט, אונטערפאַשאַ עפנט אויף די שריפט, לייענט זי דורך און קוקט אָן שבתין מיט דערשטוינונג.) עפעס מוז דאָך זיין מיט דיר. עס איז אַ באַפעל פון אויבן אַראָפּצונעמען פון דיר די קייטן...

שרה. די קייטן ווערן אַראָפּגענומען!! פריי! פריי! (אין עולם ברעכט אויס אַ יובל.)

אונטערפאַשאַ. ניין, אַנטשולדיק, נישט ער ווערט פריי, נאָר איך ווער פריי פון אים. איך דאַרף אַראָפּנעמען פון אים די קייטן און אָפּפירן אים אין דער פעסטונג אַבידאָס.

שרה (קוים הערנדיק אים, אין התלהבות). מיט קייטן געפּייניקט זיינע פיס, דאָס אייזן איז אַריין אין זיין אינגעווייניקסט. האָט דער מלך מלכי המלכים געשיקט און מען האָט אים אָפּגעבונדן, דער הערשער איבער פעלקער — און האָט אים פאַרגאַנדערגעפּנט!...

(דער יובל אין עולם שטייגט אָן.)

## צווייטע סצענע

דער גרויסער הויף פון דער אַבידאָס פעסטונג. אין הינטערגרונט די פעסטונגס־געביידע מיט אַ טיר אין מיטן. רעכטס דער אַריינגאַנג אין הויף. — דער הויף איז אָנגעפּאַקט מיט שבתדיקע יידן, מענער און פרויען, אָנגעטאָנענע אין זייערע בעסטע בגדים. אַ גרויס ראָד, אין וועלכן עס זיינען איינגעפלאָכטן יידן פון די פאַרשיידענע לענדער, דרייט זיך אין התלהבותדיקן טאַנץ.

משה סוריאל (אין מיטן ראָד, פּאַטשט אין די הענט, טאַנצט און זינגט). קיבוץ גליות! קיבוץ גליות! קיבוץ גליות!

די טענצער (אין ראָד). טאַנצן מיר! טאַנצן מיר! טאַנצן מיר אומעטום! אומעטום און אומעטום אַ ריקודל! אַ ריקודל! אַ ריקודל לכבוד דעם הייליקן קעניג, דעם מלך המשיח!

אַ האָלענדער איד. אין אַמסטערדאַם —

כ אָ ר. ריקודלעך! ריקודלעך!

אַ דייטשישער. אין האַמבורג, פראַנקפורט, ווערמייזע —

כ אָ ר. ריקודלעך! ריקודלעך!

אַ בעמישער. אין בעמען —

כ אָ ר. טאַנצן מיר! טאַנצן מיר!

אַן אונגאַרישער. אין אונגאַרן —

כ אָ ר. ריקודלעך, ריקודלעך לכבוד דעם הייליקן קעניג, דעם מלך המשיח!

סוריאל. קיבוץ גליות! קיבוץ גליות! קיבוץ גליות!

כ אָ ר. טאַנצן מיר! טאַנצן מיר!... (שבתי, אָנגעטאָן אין רויט, שרה און פרימאָ קומען אַרויס פון דער טיר. דער טאַנץ ווערט אײַנגעשטעלט. עולם שטורעמט אַרויס.) גוט שבת, הייליקער קעניג, אויסלייזער אונזערער, געזאַלבטער פון גאָט פון יעקב! גוט שבת, הייליקע קעניגין, שכינה פון דעם הייליקן קעניג!

שבתי. גוט שבת, יידן!

שרה. גוט שבת, איר פרײַלעכע! גוט שבת, איר אויסגעלייזטע!

שבתי. איך האָב אויפגעכאַפּט די ווערטער קיבוץ גליות, און איך זע דאָ פאַר מיר יידן פון פאַרשיידענע לענדער. דערציילט מיר פון אייערע לענדער.

אונגאַרישער. מיר אין אונגאַרן זיינען שוין גרייט, שטייען שוין פּאַרפאַקט און וואַרטן נאָר אויף דיין רוף. מיר האָבן די דעכער אַראָפּגעריסן פון אונזערע הייזער: זאָלן די שונאים אונזערע שכנים האָבן אַ ביסל אַרבעט...

אַ דייטשישער. איך קאָן דיר, אָ, הייליקער קעניג, נאָך מער פון דייטשלאַנד דערציילן. יידן גייען נישט מער אויף די ביר־זשעס, געשעפטן בלייבן אָפּגעשטעלט אפילו ביי קריסטן. פלאַצן זאָלן די גוייִם! זיי מאָגן אויך צופּלאַצן! המנס איינער אין איינעם פאָלק פון תליונים. ווי האָבן זיי אונז נישט געפּייניקט און גע־קוועלט, דאָס לעבן אונז פאַרפינסטערט מיט די משונהדיקסטע גזירות!

אַמסטערדאַמער. מיר אין אַמסטערדאַם ווייסן נישט פו

גזרות און פאַרפאָלגונגען. אָבער די פרייד מיט דיין אָנקום, אָ, משיח פון דעם גאָט פון יעקב, איז ביי אונז אומענדלעך. געשעפטן ווערן אָפּגעשטעלט. מען הייבט נישט אָן קיין נייע, מען פאַרענדיקט בלויז די אַלטע.

איטאַליענער. דעם זעלביקן גרוס קאָן איך אָפּגעבן. אין גאַנץ איטאַליע איז ביי אונז די שמחה זייער גרויס, און קיינער גיט זיך מער נישט אָפּ מיט האַנדל.

אַפריקאַנער. ביי אונז אין סאַלע האָט דער עמיר גאָלאַן פאַרבאָטן אונז צו משמח זיין זיך מיט דיר, אָ, געטלעכער, און מיט דער גאולה. טאַנצן מיר נישט אין די גאַסן, טאַנצן מיר אין די הייזער און אין די הויפן.

פוילישער. עס וויל דאָס גאַנצע פאָלק אויסגעלייזט ווערן, די צרות ווערן מער און שווערער. מיר אין פוילן האָבן שוין די אויגן אויסגעוויינט נאָך דיר.

אַוויניאָנער. איך בין פון אַוויניאָן אין דרום פון גרויסן פראַנקרייך. מיין גאַנצע קהלה, מיד פון פויפסטלעכע צוטשעפּע־נישן, וויל זיך באַזעצן שוין אַריבערקלייבן אין הייליקן לאַנד.

לאָנדאָנער. אין לאָנדאָן איז די גאולה שוין אַ גוט געשעפט. מען וועט זיך הונדערט קעגן צען, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועסטו געזאַלבט ווערן פאַר אַ קעניג. אפילו קעניג טשאַרלז דער צווייטער וואָלט זיך הונדערט קעגן צען געוואָטן.

שבתי. איך וועל עס אים צום גוטן געדענקען.

לאָנדאָנער. געדענק, אָ, געטלעכער, צו גוטן די ענגלענדער איבערהויפּט. אַ טייער פאָלק, גלוביקע און פרומע. אין נאָרד־שאָטלאַנד האָט זיך צו זיי באַוויזן אַ שיף, געפירט פון העברעאיש רעדנדיקע מאַטראָסן, און אויף זיין פלאַג איז געווען אויפגע־שריבן: די צוועלף שבטים!

שרה. ווי וואונדערבאַר!

שבתי. אַ דאַנק דיר פאַר דער דאָזיקער בשורה. (צום עולם.) וואָס האָט איר מער צו דערציילן? איר דערציילט אַלץ פון גלוי־ביקע און זייער פרייד, קאָנט איר מיר דערציילן פון אומגלויביקע און זייער טרויער און ווידערשפּעניקייט?

דייטשישער. זאָל איך נישט זינדיקן מיט די רייד, פאַראַן טאַקע יידן, וואָס זיינען ערגער פאַר די גוים. כופרים, ימח שמם, כמעט אפילו רבנים. אט ווי דער רב יעקב סאַספּאָרטאַס אין האַמבורג.

שבתי. איך האָב געהערט פון אים.

דייטשישער. מיר וואָלטן געקאָנט צורייסן אים ווי אַ הערינג! ער האָט שיר אויך נישט געקראָגן קלעפּ — הלואי וואָלט ער נאָר! אָבער די כופרים צווינגען מיר צו זאָגן אָמן, ווען מיר בענטשן דיך אין שול.

איטאַליענער. ביי אונז אין ווענעדיק איז איין שבת אויסגעבראָכן אַ געשלעג מיט די כופרים, ימח שמם. אייער משיח, האָבן זיי געזאָגט — אָ, איך טאָר עס נישט אַרויסרעדן!

שבתי. זאָג, איך וויל עס הערן, וויל עס וויסן.

איטאַליענער (דערשראָקן, פאַרלאָרן, שלינגט שנעל אַראָפּ). אַ שווינדלער, האָבן זיי געזאָגט.

שרה. ווי האָבן זיי דאָס געקאָנט!

שבתי. וואָס האָט איר אויף דאָס וואָרט געענטפערט?

איטאַליענער. אויב ער איז, וואָס איר זאָגט, וואָלט ער געהאַט דעם מוט צו פאָרן נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל? און וואָלט אים נישט דער סולטאַן שוין לאַנג דעם קאָפּ אַראָפּגענומען? — און מיר האָבן שיר זיי נישט אַוועקגעהרגעט.

שבתי. זיי האָבן דעם טויט פאַרדינט. (גערויש הינטערן אַריינגאַנג. געשרייען: מחלל־שבתניקעס! מחלל־שבתניקעס! ישעיה לעווי און זיין ברודער לייב הערץ ווערן אַריינגעפירט.)

פרימאַ (טרעט אַרויס צו די אָנגעקומענע). וואָס אַזוינס איז געשען?

געשרייען. זיי זיינען ערשט אָנגעפאָרן! — אין הייליקן שבת! — געקויפט זיך עסן!

פרימאַ (צו שבתין). דאָס איז ישעיה דער זון פון דעם רב רבי דוד הלוי און זיין ברודער לייב הערץ, די, וועלכע איך האָב געשיקט צו אברהם יכיני, ער זאָל זיי מכין זיין, איידער זיי קומען צו דיר, און דאָס איז זייער צוגרייטונג! (ווענדעט זיך צו די

ברידער.) האָט איר נישט געוואוסט, אַז דער תענית שבעה עשר בתמוז איז בטל געוואָרן, ווייל אין יענעם טאָג איז דער הייליקער קעניג נתגלה געוואָרן, אַז ער איז משיח? האָט איר נישט געוואוסט, אַז היינטיקער טאָג, דער דרייאונצוואַנציקסטער טאָג אין תמוז, דער זיבעטער טאָג נאָך דער התגלות און דער טאָג פון דער חתו־נה פון מלכא קדישא ושכינתיה, איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ שבת הגדול, וואָס מוז געהאַלטן ווערן נאָך אַלע דינים פון שבת?

ישעיה. מיר האָבן עס געוואוסט און פאַרגעסן. אין אונ־זער לוח איז עס מאָנטיק.

פרימאָ. אַזוי ענטפערט אַ בן סורר, וואָס זיין משפט איז סקילה!

ישעיה. איך שווער אייך, עס איז געוועזן בשוגג, נישט ווילנדיק, נישט געדענקענדיק. מיר זיינען געקומען אהער מיט לי־בע און געטריישאַפט, און עס צאַפּלט אין מיר מיין האַרץ, ווען איך שטיי פאַר דעם מלך איבער מלכים. אָ, הייליקער מלך, דו ווייסט מיין האַרץ!

לייב הערץ (פאַלט כורעים).

שבתי. איך ווייס... איך ווייס... שטיי אויף, לייב הערץ... איר האָט אויך זכות אבות. אייער פאָטער דער בעל טורי זהב, דער ט"ז, איז ביי מיר אַ גרויסער יחסן — איך האָב זיין פּירוש אויפן שולחן ערוך גוט דורכגעלערנט, דורכגענומען... (התפעלות אין עולם.) וואָס מאַכט ער דען? מוז שוין זייער אַלט זיין.

ישעיה. ער איז שוין אַכציק יאָר אַלט און זייער שלאַף.

שבתי. איך וועל דיר געבן מיינס אַ זיידן העמדל פאַר דיין פאָטער דעם צדיק. זאָל ער עס אָנטאָן און זאָגן דערביי דעם פּסוק „תתחדש כנשר נעוריך", און זיינע יאָרן וועלן אים פאַרלענגערט ווערן.

ביידע ברידער. ווי גרויס דיין חסד איז, הייליקער קע־ניג!

שבתי. איר קומט פריש פון פוילן, דערציילט, וואָס הערט זיך דאָרטן.

ישעיה. זאָל איך אין הייליקן שבת דיין האַרץ דיר שווער מאַכן? עס איז באו מים עד נפש.

שבתי. יאָ, יאָ... דער „צוק העתים" מיט דער באַשרייבונג פון כמיעלניצקים שחיטות גייט ביי מיר פון טיש נישט אַראָפּ. דו זעסט, איך בין אָנגעטאָן אין רויט. אויך מיינע ספר תורהס זיינען אָנגעטאָן אין רויט, ווייל דער טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצן און דאָס יאָר פון אויסלייזונג איז געקומען. איך וועל נקמה נעמען פאַר די ברידער אין פוילן און וועל זיי טרייסטן, ווי עס טרייסט אַ מאַמע! פאַרט צוריק און גיט איבער די דאָזיקע פריילעכע בשורה אַלע אונזערע ברידער. עס גייט צו תשעה באב, זאָגט זיי, זיי זאָלן נישט פאַסטן און קלאָגן מער. (באַוועגונג אין עולם.) דאָס איז מיין געבורטסטאָג. אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, בין איך געבאָרן געוואָרן, דער אויסלייזער און באַפרייער. דער טאָג זאָל ביי אייך אַ יום טוב ווערן.

לייב הערץ (צו ישעיהן). וואָס וועט נחמיה אויף דאַרויף זאָגן?

שבתי. ווער איז דאָס דער נחמיה? וואָס מאַכט עס אויס, וואָס ער וועט זאָגן?

ישעיה (פאַרלעגן). נחמיה הכהן, אַ גרויסער בעל מקובל און צדיק, וואָס האָט אַ נאָמען פון אַ נביא...

שבתי. פאַרוואָס ביזטו פאַרלעגן? האָסט נישט אַלץ געזאָגט. פאַרענדיק.

ישעיה. ער פאַרט אַרום פון שטאָט אין שטאָט און שטורעמט קעגן דיר: דו גראָבסט אונטער די יסודות פון אונזער אמונה!

שבתי. און איר רופט אים נביא! גראָב איך אונטער אַ יסוד, ווען איך פאַרוואַנדל תשעה באב אין אַ יום טוב? איך ברענג אויסלייזונג, איך ברענג אויפבוי, איך בין געקומען אויסצוטרייקענען טרערן. אפילו ווען איך וועל מבטל מאַכן יום כפור, גראָב איך נישט אונטער קיין יסוד. די יסודות פון אונזער אמונה זיינען אייביקער אַ סך, נישט אונטערצוגראָבן, באַרירן די גאַנצע מענטשהייט. משיח איז די אויסלייזונג פון דער גאַנצער מענטש־

הייט אונטער דער פירערשאַפט פון פאָלק ישראל. פאָרט צוריק נאָך פוילן, זוכט אויף דעם נחמיה און זאָגט אים — זאָגט אים, אַז איך וויל אים זען.

שרה (פאַרוואונדערט). צו וואָס, הייליקער קעניג?

שבתי. אַלע נבואה־קוואַלן מוזן גיין אין איין ריכטונג.

שרה. עס זיינען פאַראַן כופרים גענוג. זיי וועלן צוקומען צו דיר אָדער ארויספאַלן פון פאָלק ישראל. פאַרוואָס ווילסטו נישט זען דעם רב סאַספּאָרטאַס? פאַרוואָס זיינען די ווענעציאַנער, וואָס האָבן דיך באַליידיקט, חייב מיתה? רוף זיי דאָך צו זיך! אָ, הייליקער קעניג, מאַך נישט פון דעם נחמיה קיין אויסנאַם, זאָל ער בלייבן, וואו ער איז. ער קאָן דאָס פאָלק פון דיר נישט אָפּרעדן, דו ברענגסט די גאולה.

שבתי. דיין האַרץ רעדט אין דיר קעגן דעם נחמיה, מיין האַרץ רעדט מיך צו. מיין האַרץ — דאָס איז נישט אומזיסט... נישט אומזיסט זיינען די ביידע ברידער אַהער געקומען און האָבן נחמיהס נאָמען פאַר מיר דערמאָנט. (ווענדט זיך צו די ברידער.) פאָרט צוריק און זאָגט נחמיהן, ער זאָל וואָס שנעלער קומען.

שרה. זאָל עס זיין צו גוטן!

שבתי. געוויס! און איצטער וועלן מיר זינגען זמירות (הייבט אָן אַ שבתדיק ליד. עולם כאַפּט אונטער.)

## דריטע סצענע

אַ צימער אין דער פעסטונג. איין טיר לינקס, אַ צווייטע אין דער הינטערוואַנט. רעכטס פענסטער. אַ טיש מיט צוויי שטולן אין מיטן צימער. ער איז פאַרוואָרפן מיט ספרים אַרום צוויי לייכטער, אין וועלכע עס דערברענען וועקסענע ליכט. — שבתי און נחמיה שטייען איינער קעגן דעם אַנדערן פון צוויי זייטן פון טיש. אויפגערעגטע, איבערראַכטיקטע. פון די פענסטער קומט אַריין אַ פאַרטאָגיק ליכט.

שבתי. דריי טעג און דריי נעכט מיט דיר אין וואָרט־גערנגל. צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט?

נחמיה. דאָס מוזטו וויסן.

שבתי. צו וואָס האָב איך נאָך דיר געשיקט?

נחמיה. דאָס מוזטו וויסן.

שבתי. פאַרוואָס ביזטו געקומען?

נחמיה. ווייל דו האָסט מיך גערופן.

שבתי. וואָס בין איך דיר פאַר אַ רופער, ווען דו גלויבסט נישט אין מיר?

נחמיה. איך האָב געוואַרט, אַז דו זאָלסט מיך רופן און איך זאָל קומען — וואָס שנעלער קומען! — און דיר זאָגן אין פנים אַריין, אַז דו ביזט נישט דער, פאַר וועמען דו גיסט זיך אויס.

שבתי. און דו זאָגסט עס איצטער נאָך!

נחמיה. איך האָב מיין מיינונג נישט געביטן. דו האָסט זי מיר נאָך פאַרשטאַרקט.

שבתי. פאַרשטאַרקט? מיט וואָס?

נחמיה. דריי טעג און דריי נעכט האָסטו מיט מיר פאַרבראַכט און נישט געקאָנט דערוויזן, אַז דו ביזט משיח.

שבתי. דאָס איז דיין שולד. די סבה ליגט אין דיר.

נחמיה. אויך דאָס דאַרף מיר דערוויזן ווערן.

שבתי. דו דערקענסט נישט די שטים פון פאָלק, וואָס איז די שטים פון גאָט. אין אַלע לענדער, וואו יידן וואוינען, זעען זיי אין מיר משיחן.

נחמיה. איך דערקען אין דער שטים פון פאָלק די שטים פון דיינע נביאים און שרייבער.

שבתי (פלאַמט אויף). וואָס מיינע נביאים און שרייבער רעדן און שרייבן קומט פון גאָט!

נחמיה. דאָס דאַרף מיר דערוויזן ווערן.

שבתי. דערוויזן ווערן! דערוויזן ווערן! איז דיר נאָך ווייניק דערוויזן געוואָרן! נאָך ווייניק וואונדער דיר!

נחמיה. נאָך ווייניקער ווי ווייניק.

שבתי. וועסטו גלויבן אין אַ וואונדער, ווען איך וועל דיך אוועקלאָזן בשלום?

נחמיה. דאָס וועט זיין מיין וואונדער.

ש ב ת י. וואָס וועסטו טאָן, ווען דו וועסט פאַרלאָזן מגדל עוז?

נ ח מ י ה. ווען איך וועל פאַרלאָזן אַבידאָס?

ש ב ת י. דאָס פאָלק רופט עס מגדל עוז.

נ ח מ י ה. איך וועל טאָן, וואָס איך האָב געטאָן, איידער איך האָב דיין תפיסה באַטראָטן.

ש ב ת י. זאָל איך אָנהייבן מיט דיר פון אָנהייב? ווידער דריי טעג און דריי נעכט?

נ ח מ י ה. איך בין אין דיינע הענט.

ש ב ת י. פאַרוואָס איז דאָך געוועזן גאָטס וואָרט צו מיר, איך זאָל דיך זען? פאַרוואָס האָב איך דאָך פאַרבראַכט מיט דיר דריי טעג און דריי נעכט? דאָס איז נישט אומזיסט. דאָס פירט צו עפּעס. דו ביזט אַ שליח.

נ ח מ י ה. איך ב י ן אַ שליח.

ש ב ת י. און איך ב י ן משיח. ב י ן דער גואל. איך ברענג די גאולה דעם פאָלק ישראל אין דער גאַנצער וועלט. איך ב י ן דער מלכא קדישא און מיין ווייב איז מיין שכינה.

נ ח מ י ה. מ—נאַ!

ש ב ת י. איך ב י ן די לעצטע נשמה. איך ברענג דער מענטשהייט אַ נייע וועלט־אָרדענונג, איך ברענג זיר די מלוכה פון גאָט, פון דער העכסטער גערעכטיקייט, פון דעם אַבסאָלוטן אמת, דער הערלעכסטער שיינקייט, דער טיפסטער חכמה, דעם שאַרפסטן פאַרשטאַנד...

נ ח מ י ה. איך, דער שליח, ווייס פון דעם גאָר נישט.

ש ב ת י. איך ווייס, דו ווייסט נישט דיין שליחות. קאָנסט איצטער גיין.

נ ח מ י ה. ענדלעך! (גייט צו דער טיר לינקס.)

ש ב ת י (ווען נחמיה דערגרייכט די טיר). נחמיה, וואו איז דיין אַפּשייד־ברכה?

נ ח מ י ה (שאַרף). איך האָב פאַר דיר קיין איין גוט וואָרט נישט! (אַוועק.)

ש ב ת י (גיט אַ הייב די האַנט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט

אָפּשטעלן, גיט אפילו אָן עפּן דעם מויל, ברענגט אָבער קיין טאָן נישט אַרויס און לאָזט זיך אַראָפּ אַ מידער אויף זיין שטול. זיצט אַ ווײלע פאַרלאָרן אין זיך, קוקט זיך אַרום צו די פענסטער, רעדט אַרויס). שוין העלער טאָג. (לעשט אויס די ליכט און מורמלט אַ תּפלה.)

ש ר ה (קומט אַריין פון דער מיטלטיר). שטיל געוואָרן. נחמיה איז נישטאָ. געענדיקט שוין דער דיספּוט. מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעלאָזן?

ש ב ת י. מיט וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן.

ש ר ה. דריי טעג און דריי נעכט — צו וואָס האָסטו דאָס געדאַרפט?

ש ב ת י. דאָס הער איך זיך נישט אויף צו פרעגן.

ש ר ה. זאָל איך דיר זאָגן?

ש ב ת י. דו מיינסט, דו ווייסט.

ש ר ה. איך האָב עס דערפילט, ווי נאָר דו האָסט אַרויסגעזאָגט, ער זאָל צו דיר קומען, און האָב זיך גלייך דערשראָקן.

ש ב ת י. וואָס האָסטו דערפילט?

ש ר ה. די אויפוואַכונג פון ספקות.

ש ב ת י. ניין! ניין!

ש ר ה. דו האָסט אים אַרויסגערופן צו זיך, צו פאַרטרייבן דיינע צווייפל, אויב דיר וועט געלינגען אים אַריבערצוגעווינען אָבער איצטער, אָ, קעניג!

ש ב ת י. ניין! ניין! דו טײַטשסט שלעכט אויס. דאָס איז מיין כּוונה נישט געווען. איך האָב קיין שום כּוונה נישט געהאַט. אַלץ קומט פון אויבן, ער איז מיר אָנגעוויזן געוואָרן. דאָס וועט צו עפּעס ברענגען.

ש ר ה. מאַך איך אַ טעות? האָסטו ווירקלעך נישט קיין צווייפל? אָדער ווייסטו עס אַליין נישט? ניין, ניין!... זיי מוחל מיר, איך האָב עס נישט געזאָגט! דיין מוט איז נישט געבראָכן, דו טראָגסט קיין מורא נישט אין זיך. איך און דו, מיר זיינען איינס, און עס זינגט קראַפט אין מיר, עס יובלט זיכערקייט אין מיר. איך ב י ן די ווייב פון משיח, איך בין די באַגלייטערין פון דעם אויס־

לייזער. דיין וועג איז ביז איצטער פול געווען מיט וואונדער, און נאך גרעסערע וואונדער וועלן קומען.

שבתי. דאָס וויים איך.

שרה. פאַרוואָס ביזטו אַזוי מיד זיצן געבליבן? פאַרוואָס האָט ער דיך אַזוי צורודערט? פאַרגעס אים, הייליקער קעניג, מעק אים אויס פון דיין זכרון...

שבתי. דאָס טאָר איך נישט. ער איז מיר געשיקט. איך וויל נאָר פאַרשטיין, באַגרייפן, אויפהייבן דעם פאַרהאַנג איבער דעם נחמיה־סוד. צו וואָס האָט גאָט מיך מיט אים צונויפגעבראַכט? וואוהין באַווייזט מיר אָט דער גאָטס פינגער? וואָס איז דער וואונק?

פרימאָ (איילט אַריין אויפגערעגט). נחמיה האָט אָנגעטאָן דעם טורבאַן און...

שרה. וואָס?!

שבתי (רואיק). און?

פרימאָ. איז אַנטלאָפן נאָך אַדריאַנאָפּאָל צום סולטאַן.

שרה. דער נביא, דער צדיק האָט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן! איצטער זעסטו, פאַרוואָס ער האָט אין דיר גלויבן נישט געוואָלט, נישט געקאָנט?!

שבתי. צייכן... צייכן... פרימאָ, מיר דאַרפן זיך גרייטן צום סולטאַן.

שרה (ענטוזיאַסטיש). ענדלעך!!!

## פערטע סצענע

אַ גרויסער אוידיענץ־זאַל אין סולטאַנס פּאַלאַץ. אין דער הינטערוואַנט דער טראָן. אין דער רעכטער וואַנט די טיר פאַרן סולטאַן. לינקס פאָרנט די טיר פאַר באַזוכער. — נישט ווייט פון דער לינקער טיר שבתי, שרה, פרימאָ און נאָך באַגלייטער אונטער דער וואַך פון סאָלדאַטן.

שבתי (אַריבערקוקנדיק צום ליידיקן טראָן). איצטער שטיי איך ווי אַ געפאַנגענער, און אָט באַלד וועט דער גרויסער נס געשען,

גאָטס וועג וועט אויפגעדעקט ווערן... (הייבט אָן לאַנגזאַם, קאַבאַ־ליסטיש, דורכדרינגענדיק יעדן אות.) יענך יהוה ביום צרה...

ש ר ה. עס זינגט אין מיר!... עס זינגט אין מיר!... (כאַפּט אונ־טער די ווערטער פון תהילים־קאַפּיטל.)

פּ ר י מ אָ (צו די איבעריקע). שטייט אַלע שטאָלץ און רואיק, גרייט אויפצונעמען דעם גרויסן נס פון דער גאולה!

ד י ב אַ ג ל ײ ט ע ר. מיר זיינען עס! (זינגען מיט שבתין דעם קאַפּיטל תהלים.)

ד ר. ג ו ו י ד אָ ן (דעם סולטאַנס לייבאַרצט, קומט אַרויס פון דער רעכטער טיר און קומט צו צו שבתין). דו ביזט שבתי צבי?

ש ב ת י (רייסט איבער דעם תהלים ביי די ווערטער „יתן לך כלבבך״, קוקט אָן שאַרף גווידאָן און רעדט שטרענג אַרויס). און מער.

ג ו ו י ד אָ ן (מיט אַ שמייכל). דאָס וועסטו גאָר אין גיכן גע־נויער וויסן. קום מיט מיר, איך האָב דיר וואָס צו זאָגן.

ש ב ת י. איך האָב פאַר מיינע באַגלייטער קיין סודות נישט.

ג ו ו י ד אָ ן. דאָך, דאָך. איך וועל דיך לאַנג נישט האַלטן. דער סולטאַן קומט באַלד אַריין. (נעמט אים אָן פאַרן אָרעם און פירט אים אָפּ נאָך רעכטס. די באַגלייטער זאָגן דעם תהלים.)

ש ב ת י (ווינקט צו שרהן מיט דער האַנט, זי זאָל מיטגיין).

ש ר ה (גייט אים נאָך).

ג ו ו י ד אָ ן. גוט, זי מאָג עס הערן. דאַרף עס הערן. — זאָלסט וויסן זיין, נחמיה הכהן האָט דיך פאַרמסרט.

ש ב ת י. אין וואָס?

ג ו ו י ד אָ ן. דו גיסט זיך אויס פאַר משיח.

ש ב ת י. איך ב י ן עס.

ג ו ו י ד אָ ן. דער סולטאַן וועט עס וועלן אויסגעפינען אויף אַ גאַנץ זעלטענעם אופן.

ש ב ת י. יעדער אופן וועט זיין פון גאָט.

ג ו ו י ד אָ ן. מען וועט דיך אויסטאָן נאַקעט, די הענט פאַר־בינדן דיר אויפן רוקן און מיט ברענענדיקע פאַקלען טרייבן דיך דורך די גאַסן.

שבתי. ווילסט מיך דערשרעקן?

גווידאָן. איך בין דיך מתרה און זאָג דיר אָן: דיין רע־טונג איז — דער טורבאַן.

שבתי. מיין רעטונג! איך דאַרף זיך נישט ראַטעווען. איך בין געקומען די וועלט צו ראַטעווען. איך בין דער אויסלייזער, בין משיח.

גווידאָן. וועסטו עס זאָגן דעם סולטאַן?

שבתי. ער ווייס עס שוין פון נחמיהן.

גווידאָן. ער וועט עס וועלן הערן פון דיר.

שבתי. וועט ער עס הערן.

גווידאָן. דאָס איז זעלבסטמאָרד. און דו האָסט זיך אויס־געקליבן דעם שווידערלעכסטן טויט.

שרה. דאָס איז דער ליידנסוועג פון משיח! און ווילסטו, אָ, הייליקער קעניג, מיר דערלויבן, איך גיי אים מיט דיר מיט.

שבתי. עס וועט נישט נויטיק זיין. גאָטס ווילן וועט זיך פריער נאָך באַווייזן.

גווידאָן. פיליכט פירט דיך גאָטס ווילן צום טורבאַן?

שרה (מיט שרעק). ניין!

גווידאָן. איך ווייס. דו זאָגסט, דו ביזט געקומען אויסצו־לייזן די גאַנצע מענטשהייט. פיליכט דערגרייכסטו עס פיל לייכ־טער אונטער דעם טורבאַן ווי אונטער דעם יידישן קאַפּצודעק?

שרה (שטאָלץ און שטרענג). משיח בייט זיין גלויבן נישט!

גווידאָן. געווים נישט. דאָס טוט נאָר איינער אַזוי ווי איך. משיח שאַפט אַ נייעם גלויבן. און דו ווילסט'אָך איין גלויבן שאַפן פאַר דער גאַנצער אויסגעלייזטער מענטשהייט.

שרה. וועט ער אים שאַפן, אָבער נישט דורך איבערגאַנג פון גלויבן אין גלויבן, נישט ווי אַ בלינדער, וואָס טאַפּט אין דער פינסטערניש.

גווידאָן. ער טאַפּט אין דער פינסטערניש! — וואָס זאָג־סטו, שבתי צבי?

שבתי. איך הער זיך צו צו דער שטים, וואָס רעדט אין מיר.

גווידאָן. האָפנטלעך רעדט זי נישט צו דיר אומקום און

טויט. (אַן ערנוואַך קומט אַרויס פון דער רעכטער טיר.) **דער סול־טאַן** קומט, איך גיי אים אַנטקעגן. טראַכט שנעל, האַסט ווייניק צייט צו טראַכטן. (גייט אַפּ נאָך הינטן. שבתי און שרה קערן זיך אום צו די באַגלייטער.)

שבתי (טרעט אַריין צווישן זיין תהילים־זינגענדיקן עולם, רופט אויס). אליך יהוה נפשי אשא! (פאַלט כורעים, פאַרשטעלט פון די אַרומיקע.)

שרה (בייסט צונויף די ציינער, טראָגט הויך דעם קאָפּ, גרייט צו מאַרטירערײַ, און זאָגט די זעלביקע פסוקים.)

פרימא (צו די באַגלייטער). טראַכט וועגן דעם נס. (ער און די באַגלייטער כאַפּן אויף די ווייטערדיקע פסוקים.)

דער סולטאַן (קומט אַריין, באַגלייט פון זיין סוויטע און באַוואָפנטע סאָלדאַטן. זעצט זיך אויפן טראָן, סאָלדאַטן פון ביידע זייטן, און קוקט זיך אַרום). וואו איז דער — ייד? (די וואַכסאָל־דאַטן אַרום די יידן לאָזן זיך צו שבתין.)

שבתי (איז שוין אַליין אויפגעשטאַנען, מאַיעסטעטיש וויר־דיק. געמורמל פון באַוואונדערונג גייט דורך אַרום דעם סולטאַן. דעם סולטאַנס בליק פאַרלירט די האַרטקייט).

די יידן (קוקן זיך איבער מיט גליק און פרייד אין די אויגן און זינגען שטיל און פייערלעך אַרויס:) שירו ליהוה שיר חדש.

סולטאַן (אַ סך ווייכער). זאָל ער צוקומען נענטער.

שבתי (שעפּטשענדיק). יענך יהוה ביום צרה, ישגבך שם אלהי יעקב. (גייט לאַנגזאַם מיט געמאָסטענע מאַיעסטעטישע שריט, ווען ער הייבט אָן צו גיין, רוקן זיך צו די וואַכסאָלדאַטן נאָך נענ־טער צום סולטאַן).

שרה (הייבט אָן נאָכצוגיין. סאָלדאַטן שטעלן זי אָפּ. זי בלייבט שטיין, קאָפּ אויפגעהויבן, ציינער צונויפגעביסן, פול דערוואַר־טונג און אומשלאָסנקייט).

סולטאַן (נאָך אַ ווײַלע אָנקוקנדיק שבתין). דו זאָגסט — דו ביזט משיח.

שבתי. דאָס זאָגט דאָס גאַנצע פאָלק. דאָס זאָגן יידן, קריסטן, מאַכמעדאַנער...

סולטאן. ברענגסט אויסלייזונג.

שבתי. דאָס האָט גאָט ארויפגעלייגט אויף זיין משיח.

סולטאן. ווי ווילסטו דאָס דערגרייכן?

שבתי. גאָט וועט אָנווייזן דעם וועג.

סולטאן. האָט ער אים דיר נאָך נישט אָנגעוויזן?

שבתי. מיט יעדן אויגנבליק פירט ער מיך נענטער צו זיין ציל.

סולטאן (וואַרפט אַן אומרואיקן בליק צו זיין וואַך. די וואַך שטעלט אַן די ביקסן).

שבתי (שטייט רואיק).

שרה (שעפטשעט, מיט ליכטיקע גלויביקע אויגן). דיין וואונ־דער, גאָט, דיין וואונדער! נרננה בישועתך ובשם אלהינו נדגול!

סולטאן (באַרואיקט). דער וועג צו דיין ציל פירט — איבער מיין טראָן?

שבתי. גאָט האַלט זיין וועג פון מיר פאַרבאָרגן.

סולטאן. מען האָט מיר איבערגעגעבן, דו האָסט זיך באַ־רימט, דו וועסט מיך אַראָפּזעצן פון מיין טראָן. האָסט שוין אויך די מלוכה פון דער וועלט צווישן די דייניקע צוטיילט. וואָס האָ־סטו דערויף צו זאָגן?

שרה. דיין וואונדער, גאָט, דיין וואונדער!

שבתי. איך בין נישט באַוואָפנט, און קיינער אַרום מיר טראָגט קיין וואָפן נישט און קיינמאָל נישט געטראָגן. איך האָב קיין חייל נישט און קיינמאָל האָב איך דאָס פאָלק אַרום מיר נישט אויפגערייצט צו מאָרד און רציחה. איך קום נאָר מיט גאָטס וואָרט.

באַגלייטער. אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם יהוה אלהינו נזכיר!

סולטאן (שעפטשעט פרום). אללא איל אללא... מיין הע־קים פאַשאַ האָט דיר געזאָגט, וואָס איך גיי מיט דיר טאָן?

שבתי. ער האָט אויסגעפילט דיין באַפעל, ווי איך פיל אויס דעם באַפעל פון דער אייביקייט.

סולטאן. דו הייבסט מיר אָן צו געפעלן.

שרה. דיין וואונדער, גאָט, דיין וואונדער!

סולטאַן. ווען מיר זיינען פריינט, קאָן גאָט אַ סך דורך אונז דערגרייכן. (ווינקט צו איינעם פון זיין סוויטע, וואָס האַלט אָנגעגרייט אַ טורבאַן און אַ גרינעם מאַנטל. יענער גייט לאַנגזאַם צו שבתין, בלייבט פאַר אים שטיין און שטרעקט צו אים אויס טורבאַן און מאַנטל, ווערליק דער סולטאַן זאָגט מיט באַזונדע־רער באַטאָנונג.) איך וויל דיך דערהייבן, דערנענטערן צו מיין טראָן. ווייסטו, וואוהין דאָס פירט דיך?

שבתי (קוקט דעם סולטאַן שאַרף אין די אויגן, שטייט אַזוי אַ ווײַלע, און רעדט אַרויס אין געזאַנג, אַריינלייגנדיק זיין גאַנצן גלויבן אין די ווערטער). ער האָט געזאָגט און עס איז געוואָרן, ער האָט געהייסן און אַזוי בלייבט עס! (וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם קאָפּצודעק און נעמט דעם טורבאַן. שרעק־אויסגעשריי פון די יידן.)

שרה (שרייט אויס אַ לאַנגן קרעכץ און פאַלט).

# פינפטער אקט

אַ צימער אין דער וואוינונג פון שבתי צבי, וועלכער הייסט איצטער מאַכמעד מיט דעם טיטל עפענדי, קאַפּיגי באַשי אָטאָ־ראַק, — דעם סולטאַנס טירהיטער, און שרה, וועלכע הייסט איצ־טער פאומאַ קאַדין. אַ טיר לינקס צו שרהס צימער, אַ טיר רעכטס צום אַרויסגאַנג. טעפּיכער, דיוואַנען, באַטעפּיכטע גרויסע שטולן. — פון שרהס צימער קומען אַרויס דר. גווידאָן און שבתי.

גווידאָן (שטיל). נאָך מיין וויסנשאַפט האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט זיין טויט. אויב זי לעבט נאָך און וועט לעבן, איז עס מסתמא דורך דיינע תפילות.

שבתי. דו מאַכסט שפּאַס, אָבער פאַר מיר איז דאָס אַ וואָרט פון גרעסטער דערמוטיקונג. איך טו תפלה, זי זאָל מיר לעבן בלייבן, און איך בין זיכער, זי וועט מיר לעבן בלייבן.

גווידאָן. טו ווייטער תפלה. איך ווייס נישט קיין רפואה.

שבתי. איך טו... איך טו...

גווידאָן. טוסטו עס יידיש? טוסטו עס מאַכמעדאַניש?

שבתי. איך טו עס שבתי צביאיש. צווישן מיר און גאָט איז גאָר אַן אַנדערע פאַרבינדונג.

גווידאָן. דער משיח, וואָס שאַפט זיין אייגענע רעליגיע. איבעריקנס, איך קאָן דיך באַפרייען: דער סולטאַן ווערט גאָר נתפעל פון דיינע קאַבאַליסטישע דערקלערונגען. האָסט געמאַכט אַ דעראָ־בערונג.

שבתי. די צו מאַכן בין איך באַשטימט געוואָרן. דערפאַר האָב איך געמוזט אָנטאָן דעם טורבאַן.

גווידאָן. דערוואַרטסטו נאָך וואָס צו דערגרייכן?

שבתי. איך האָב פון זיך נישט אָפּגעזאָגט זיך.

גווידאָן. אַזוי... אַזוי... נו, דאָס האָט שוין מיט מיין דאָק־טאָריע נישט צו טאָן. אָדער אפשר? (קלאַפּט זיך אויפן שטערן.) מילא. מיך גייט איצטער אָן דיין קראַנקע פרוי. זי איז זייער קראַנק. אַ וואונדער קאָן זי ראַטעווען. איך האָב געטאָן מיין טייל און — נישט, באַוויז דעם וואונדער דו. שלום! (גייט אַוועק.)

שבתי. זי וועט לעבן בלייבן! (וויל אַריין צוריק אין צימער. פרימאָ קומט אַריין. שבתי בלייבט שטיין.) האָסט וואָס נייס, פרי־מאָ?

פרימאָ. וועסט באַלד דאָ האָבן אַ גאַסט. נתן איז דאָ.

שבתי. נתן! דאָס פרייט מיך זייער. אויך שרה וועט זיך דערפרייען. פאַרוואָס איז ער דאָ נאָך נישטאָ?

פרימאָ. ער איז דאָ באַהאַלטענערהייט. די רבנים, וואָס פאַרפאָלגן אים ווי הינט, טאָרן נישט וויסן, אַז ער איז דאָ. מוז ער דעם וועג צו דיר גאַנץ פאָרזיכטיק דורכגנבענען.

שבתי (געווייטיקט). דורכגנבענען דעם וועג צו מיר!

פרימאָ. און דאָס נעמט צייט.

שבתי. און מאַכט מיך טרויעריק. איך פאַרליר דאָס פאָלק ישראל פון הינטער זיך.

פרימאָ. דו פאַרלירסט די רבנים, די תלמודיסטן, די איי־ביקע אָרומצוימער, די שווערמאַכער. דאָס פאָלק פאַרלירסטו נישט. עס איז מיט דיר. דאָס פאָלק גלויבט, אַז דו ביזט נישט געוואָרן קיין מאַכמעדאַנער: דעם טורבאַן האָט אָנגעטאָן אַ מלאך, וואָס האָט אָנגענומען דיין געשטאַלט. דו ביזט אין הימל, גלויבט דאָס פאָלק, אָדער ביי די עשרת השבטים און וועסט באַלד ווידער קו־מען און ברענגען די גאולה.

שבתי. דו לאַכסט פון מיר.

פרימאָ. איך דערצייל עס מיט מיין פולן ערנסט, און מיין, אַז עס איז גוט, וואָס דאָס פאָלק גלויבט אַזוי. דאָס באַווייזט, ווי צוגעבונדן עס איז צו דיר, און איך אונטערשטיץ עס אין זיין גלויבן. די תלמודיסטן טאָרן נישט געווינען. דער קלאַפּ, וואָס זיי האָבן פון דיר געקראָגן, מוז ווייטער ווירקן.

שבתי. דאָס איז נישט קלוג, פרימאָ, און דו ביזט'אָך אַזאַ קלוגער. עס איז, ווי איך, וואָס רעד איצטער צו דיר, וואָלט נישט איך געווען. איך בין ערגעץ הינטער דעם סמבטיון אָדער אין וויטן הימל, און דאָ וואַנדלט אַרום מיין שטעלפאַרטרעטער. אָבער איך וויל נישט זיין מיין שטעלפאַרטרעטער. איך וויל זיין איך. איך בין דער גואל אפילו אונטער דעם טורבאַן. איך האָב געמוזט טאָן, וואָס איך האָב געטאָן. איך ווייס נאָך נישט, וואָרום, אָבער איך ווייס, איך וועל די גאולה ברענגען.

פרימאָ. עס לאָזט זיך פון דעם, וואָס דו האָסט ערשט געזאָגט, עפּעס אַרויסלערנען. מען קאָן וואָס מיט דעם מאַכן. דו ביזט דער גואל אפילו אונטער דעם טורבאַן... ווי קאָן מען דאָס נאָר דערקלערן?

נתן (קומט אַריין, אויפגעלעבט, ענערגיש). שלום דיר, הייליקער קעניג!

שבתי (דערפרייט). שלום דיר, נתן! ביזט מיר ווירקלעך אליהו! קומסטו, ווערט מיר גוט, דו גוטער בשורה־ברענגער!

נתן. איך ברענג דיר אויך אַ גוטע בשורה.

שבתי. וואָס איז זי?

נתן. אַ נייע נבואה. דערפאַר האָב איך ריזיקירט צו דיר צו קומען.

שבתי. זאָג זי אַרויס. שריי זי אַרויס!

נתן. דו ווייסט'אָך, פון דמשק האָב איך געשריבן נאָך אַלעפּאָ, זיי זאָלן דעם גלויבן אין דיר נישט פאַרלירן. וואָס דו האָסט געטאָן, האָסטו געמוזט טאָן, און זיי טאָרן נישט טראַכטן שלעכטס וועגן דיינע מעשים. עס איז אַ סוד, וואָס וועט באַלד אויפגעדעקט ווערן. און איך האָב תפילה געטאָן, זיך מתכוון געווען. געזוכט דעם סוד. בין איך אליהו, מוז איך אים דאָך וויסן. מיט טעג צוריק איז ער מיר אויפגעדעקט געוואָרן.

פרימאָ. דעמאָלט ביזטו ווירקלעך אליהו!

שבתי. האָסטו דען ביז איצטער געצווייפלט? רעד, נתן־אליהו!

נתן. אַלץ האָט געמוזט קומען, ווי עס איז געקומען. הוא אמר

ויהי, הוא צוה ויעמוד. ערשט דורך דיין איבערגאַנג צום איסלאַם, האָסטו דערוויזן דיין משיחות. ווי דער ערשטער גואל משה, וואָס האָט אויסגעלייזט די יידן פון מצרים, האָט געמוזט צוערשט וואוי־נען אין פרעהס פּאַלאַץ און אויסגעבן זיך פאַר אַ מצרי, אַזוי מוז אויך דער לעצטער גואל אַ געוויסע צייט צוברענגען ביי אַ פּרעה און טראָגן אויף זיך אַ נישט־יידישן מאַנטל. דאָס איז שוין פאָראויסגעזאָגט אין דעם זוהר הקדוש, אַז משיח וועט אַ לענגערע צייט זיין „טב מלגאו וביש מלבר" — אינווייניק גוט, פון דרויסן שלעכט. פאַרוואָס וויל עס דער הוא אמר ויהי? ווייל דו ביזט גע־קומען אויסצולייזן אַלע, אַלע נשמות. אויך אין דעם איסלאַם ווייגען פאַרלאָרענע נשמות, וואָס מוזן אויסגעלייזט ווערן. דורכ־דעם, וואָס דו ביזט געוואָרן מאַכמעדאַנער, וועסטו די אַלע נשמות אויפזוכן אין זיך, און דערמיט רייניקן זיי און אַריינברענגען זיי צוריק אין דעם אייביקן אוצר הנשמות. (צווינגט זיך מיט גרוי־סער באַגייסטערונג.) און דערמיט, וואָס דו וועסט אויסלייזן און באַפרייען פון זייער טומאה אויך די נשמות פון די אומות העולם, ביזטו דער אמתער משיח און גואל, ברענגסטו די גאולה דער גאַנצער מענטשהייט.

שבתי (פאַרטיפט זיך, וויל אַריינגעמען אין זיך דעם אמת פון דעם געדאַנק).

פרימאַ. אַ גוטער געדאַנק... דאָס איז דאָך די דערקלערונג, וואָס איך האָב געזוכט!... מען וועט אים דאַרפן פאַרשפּרייטן...

שבתי. דו האָסט מיר ווידער אַמאָל, נתן־אליהו, פעסטקייט געבראַכט.

נתן. איך וועל זיך לאָזן שטאָט־איין שטאָט־אויס, לאַנד־איין לאַנד־אויס, און ווער עס האָט אויערן, וועט הערן, און ווער עס האָט אַ האַרץ, וועט דערפילן. און זיי וועלן ווידער צוקומען צו דיר, אויך די אָפּגעפאַלענע וועלן זיך אומקערן, און דאָס, וואָס איז צוטרייסלט געוואָרן, וועט ווידער ווערן גאַנץ און געזונט...

שבתי. גאַנץ און געזונט!... און געזונט!... (קוקט זיך אַרום אויף שרהס צימער.)

שרה (אָנגעטאָן אין אַ בעטקלייד, אָפּגעצערט און בלאַס, שטייט אין טיר, האַלט זיך אָן).

שבתי (שרייט אויף). דו!... אַליין אהער דערגאַנגגען!... אָנגעקומען ביי די ווערטער „גאַנץ און געזונט"!... געזונט!... געזונט!... דו וועסט ווערן געזונט! אינגאַנצן געזונט!...

שרה. פיר מיך צו אַ שטול.

שבתי (נעמט זי אָן פּאַו אַ האַנט).

שרה (גלייכט זיך אויס, ווי געשטאַרקט פון דער באַרירונג פון זיין האַנט).

שבתי (פירנדיק זי). דער אָנגריף פון דיין האַנט איז קרעפּטיק, דיין שריט איז פעסט! דו ווערסט געזונט!

שרה (זעצט זיך אַוועק, מאַכט צו די אויגן, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ).

שבתי (ווענדנדיק זיך צו פרימאָן און נתנען מיט פרייד). דער העקים באַשי איז דאָ פריער געוועזן...

שרה. מאַכמעד!... עפענדי!...

שבתי (רייסט איבער ווי פון אַ פּלוצימדיקן שטאָך און קוקט זי איבערראַשט אָן, אויך פרימאָ און נתן זיינען איבערראַשט צו הערן דעם טערקישן נאָמען, קוקן זיך איבער).

שרה. איך וויל בלייבן מיט דיר אַליין.

שבתי (טראָגט איבער זיין פאַרוואונדערטן בליק אויף דיביידע). וואַרט אויף מיר אין צווייטן צימער.

פרימאָ. שלום, הייליקע קעניגין!

שרה. הם!

נתן (נביאיש־פּאַטעטיש). און דאָס אָפּגעשוואַכטע וועט ווידער ווערן שטאַרק!... שלום, שכינה פון משיח! (ביידע גייען אַוועק).

שרה. האַהאַהאַ!

שבתי. וואָס איז עס?

שרה. דו ביזט אַרוים אויף אַ מאָמענט באַגלייטן דעם העקים באַשי און ביזט געבליבן, מיך אַליין געלאָזן, און איך האָב מורא געקראָגן, איך שטאַרב דאָרטן אַליין.

שבתי. וואָס רעדסטו פון שטאַרבן, שרה!
שרה. פּאָומאַ קאַדין הייס איך איצטער.
שבתי. שרה!
שרה. מאַכמעד עפענדי׳ס הייסטו... נישט מער שבתי צבי... נישט מער משיח... נאָר דעם סולטאַנס טירהיטער — קאַפּיגי באַשי אַטאַראַק...
שבתי. אָ, שרה, נתן איז געקומען מיט אַ נייער וויכטיקער נבואה.
שרה. איך האָב געהערט יעדעס וואָרט. ער האָט זי אַרויסגעשריען, אַרויסגעזונגען.
שבתי. דאָס האָט מען אים טאַקע דאָך פון אויבן מודיע געווען!...
שרה. איך האָב אויך געהערט, וואָס פּרימאָ האָט פריער דאָ גערעדט.
שבתי. האָסטו אויך מיין ענטפער צו אים געהערט?
שרה. געהערט.
שבתי. איז עס נישט מערקווירדיק, וואָס נתן איז גראָד אָנגעקומען? איצטער ווערט מיר קלאָר, פאַרוואָס דו האָסט געמוזט קריסטין זיין. דו ביזט אַ טייל פון מיר, האָסט אויפגעזויגט אין זיך די פאַרלאָרענע נשמות, וואָס ווילן אין קריסטנטום, און צוזאַמען ברענגען מיר די גאולה! דערצו בין איך נאָך דער גלגול פון דעם מאַראַן שלמה מלכו.
שרה. עס פירט צו גאָרנישט.
שבתי. ווי זאָגסטו עס?!
שרה. איך שטאַרב.
שבתי. שרה!!
שרה. פּאָומאַ קאַדין... איך וויל זאָגן דעם אמת.
שבתי. וועלכן אמת? האָסטו אין מיר נישט געגלויבט?
שרה. געגלויבט. שטאַרק געגלויבט. קיין איין מאָמענט נישט געצווייפלט. געטריבן די צווייפל פון דיר... ביזט געווען משיח, איך בין געווען דיין כלה, דיין ווייב, דיין שכינה... דאָס האָט אויפגעהערט... פאַרשוואונדן...

שבתי. דו ווייסט עס נישט, שרה!

שרה. איך ווייס עס... האָט אויפגעהערט... פאַרשוואונדן... ווען דו האָסט זיך פאַר דעם ליידנסוועג דערשראָקן...

שבתי. איך האָב זיך נישט דערשראָקן, שרה. עס איז גע־ווען גאָטס וואָרט צו מיר. איך האָב אין יענעם מאָמענט באַגריפן, פאַרוואָס ער האָט צו מיר געשיקט נחמיהן, וואָס האָט אָנגעטאָן דעם טורבאַן, דערנאָך דעם האַקים באַשי, דעם געוועזענעם ייד...

שרה. איך ווייס... איך האָב עס געהערט... נאָר גלויב איך נישט אין דעם... דיר איז געגעבן געוואָרן אויסצוקלייבן, און דו האָסט אויסגעקליבן, וואָס דיר איז אָנגענעמער געווען...

שבתי. ניין, שרה!

שרה. מיט וואָס פאַר אַ פרייד וואָלט איך דעם ליידנסוועג מיט דיר געגאַנגען!... געדענקסטו די קייטן אין דער תפיסה? גע־דענקסטו דיינע ווערטער? דו וואָלסט געגאַנגען מיט אויפגעהוי־בענעם קאָפּ. און איך וואָלט נאָך דיר נאָכגעגאַנגען מיט אויפ־געהויבענעם קאָפּ... ווי וואָלט איך געזונגען אונטער די שמיץ פון די פּאַקלען! ווי וואָלט איך געיובלט!... עיני תמיד אל יהוה!... מיינע אויגן שטענדיק צו גאָט!... און יעמאָלט וואָלט דאָס גרוי־סע וואונדער געשען! יעמאָלט וואָלסטו אויסלייזער געוואָרן! יע־מאָלט וואָלסטו געווען די פאַרקערפּערונג פון גאָט, און איך דיין דערגאַנצונג!...

שבתי. עס איז אַזוי, שרה!

שרה. געווען... אויפגעהערט... פאַרשוואונדן... אפשר פריער נאָך... אין יענער נאַכט, ווען דו ביזט געקומען צו מיר... האָסט געטלעכקייט גערעדט, אָבער אין דיינע אויגן איז געווען הונגער נאָך מיר, נאָך מיין לייב. דו האָסט צרופים געמאַכט, קבלה־שפּרוכן געזאָגט, ליליתן פון אונזער בעט פאַרטריבן, אָבער אין דיין יע־דער באַוועגונג איז געווען תאוה און דער תענוג, וואָס דערפילטע תאווה גיט. נישט מלכא קדישא ושכינתיה, נאָר שבתי צבי דער שטאַרקער מאַן האָט זיך באַהעפט מיט דעם שיינעם גוף פון זיין שיינער ווייב...

שבתי. ווי קאָנסטו אַזוי רעדן, שרה!

שרה. פּאַמאַ קאַדין, מאַכמער עפענדי...

שבתי. דו ווילסט מיך אויסלאַכן?

שרה (וויינט אויף).

שבתי. שרה!

שרה. איך לאָז דיך נישט אויס... עס איז מיר זייער, זייער טרויעריק... איך וויל שוין שטאַרבן...

שבתי. דו וועסט נישט שטאַרבן. קאָנסט נישט שטאַרבן. איך בין איך, איך בין מלכא קדישא און דו ביזט מיין שכינה. וואָס איך טו, איז רייניקונג. עס רייניקן זיך איצטער דורך מיר מאַכמעדאַנישע נשמות...

שרה (וויינט און לאַכט).

שבתי. שרה! שרה!

שרה. זאָל זיין שרה... איך וויל שרה שטאַרבן...

שבתי. ניין דאָך! רעד דאָך נישט פון טויט און שטאַרבן!

שרה. אָ, שבתי צבי! — זאָל זיין שבתי צבי... שבתי צבי!... הייליקער קעניג!... עס איז געווען אַזוי הערלעך... עס האָט געקאָנט הערלעכער ווערן...

שבתי. עס וועט!

שרה. ניין, נישט מער... אַ העלדישע פרוי אין יהודה האָט דאָס משיח־קינד געבאָרן... איז געקומען אַ שטורם און האָט עס אַוועקגעטראָגן... און די העלדישע פרוי איז פאַר האַרצווייטיק — געשטאָרבן... (בלייבט שטיל, מיט אַ שטאַרן בליק אויף שבתין.)

שבתי. אָבער דו וועסט לעבן, לעבן... דו מוזט לעבן... דיין טויט וואָלט געווען מיין גרעסטע פאַרלייקענונג... יעמאָלט וועל איך אויפהערן צו גלויבן אין זיך... דאָס טאָר נישט געשען, שרה! דו מוזט און וועסט לעבן, הייליקע קעניגין!... דאָס וואונדער וועט געשען, מיין דערגאַנצונג, מיין שכינה! אָ, שרה!... שרה!... (מיט פאַרצווייפלטן שרעק.) שררררה!... זי איז געשטאָרבן!!!

(מיד און פאַרניכט.) איצטער איז אויס!...

# אינהאלט

| | |
|---|---|
| | זייטן |
| דער אייביקער ייד, טראַגעדיע אין איין אַקט | 3 |
| רבי עקיבא און בר כוכבא, טראַגעדיע אין פינף אַקטן | 37 |
| שלמה מלכו און דוד הראובני, טראַגעדיע אין פינף אַקטן און עפּילאָג | 133 |
| שבתי צבי און שרה, טראַגעדיע אין פינף אַקטן | 241 |

# באַמערקטע דרוק־פעלערן

| זייט | שורה | אנשטאָט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 65 | 4 פון אויבן | אַון | און |
| 66 | 6 „ | דערשראַקן | דערשראָקן |
| 124 | 4 פון אויבן | פעלקער | פלעקער |
| 127 | 9 „ | מר | מיר |
| 151 | 16 פון אונטן | ביין, | „ביין, |
| 213 | 9 „ | איינע | איין |
| 229 | 4 „ | געשען, | געשען! |
| 289 | 3 פון אויבן | צוושן | צווישן |
| 294 | 1 „ | דאָך | נאָך |
| 306 | די שורות 10 - 11 פון אויבן פאַרטוישט (פאַרווענדט) | | |
| 321 | 10 פון אויבן | פעלט דאָס וואָרט | (טוט |
| 336 | 3 פון אונטן | איז | אין |